STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11975

TATE UN ZUN

Hanan J. Ayalti

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ח. אַיאַלטי

טאַטע און זון

ראָמאַן

(פּרעמירט פון לואיס לאַמעד פאָנד 1943)

צווייטע אויפלאַגע

אַרויסגעגעבן פון אַיאַלטי-קאָמיטעט

בוענאָס איירעס

1945

פון זעלבן מחבר:

במחילות (העברעיש) — שטיבעל פארלאג, תל־אביב, 1934.

„בום" און קיטן — קלעצקין פארלאג, ווילנע, 1936.

דער האטעל וואס עקזיסטירט ניט (צוויי בענ־
דער) — פארלאג־דרוקעריי ב. רעזניקאוו, מאנטעווידעא, 1944.

COPYRIGHT, 1945

By J. AIALTI.

Printed in Argentina

Talleres Gráficos Julio Kaufman, Junín 344, Buenos Aires.

ערשטער טייל

ערשטער קאַפּיטל

רחל האָט זיך אויפגעהויבן פון שטול און גענומען דעם ליידיקן קאַ־שיק, וואָס איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן אַ פּיסל פון פּירקאַנטיקן, מאַ־סיוון טיש:

— גו, כ׳וועל שוין גיין — האָט זי געזאָגט — גענוג זיך געוואַרעמט!

און זי האָט אַראָפּגעטרייסלט די טראָפּנס וואַסער, וואָס האָבן גע־גלאַנצט אַף איר דורכגענעצטן, ערטערווייז אויסגעקראַכענעם פּעלץ.

— וואַרט נאָך אַ ווײַלע! — האָט סאָקאָלאָווסקי געפּרואווט זי צו־ריקהאַלטן — וואָס איז דען די אײַלעניש?

— אויב כ׳וועל גלייך ניט אַראָפּגיין, וועט מען גאָרניט קריגן. די קאַרטן וועלן ניט נוצן.

— פאַרפאַלן! וואָס זאָל מען טאָן? ביסט דאָך שוין איינמאָל גע־ווען אין גאַס.

— אַנדערע קומען נאָך פריער — האָט רחל אַ שפּאַן געטאָן הין און צוריק איבערן עס־צימער, כדי צו דערוואַרעמען די פיס — פאַרטאָג, ווען ס׳איז נאָך פינצטער שטעלט זיך שוין דער עולם אין די אָטשערעס. ווײַ־בער שטייען מיט פיצלעך קינדער אַף די הענט. כ׳האָב זיך נאָר אַרויפגע־כאַפּט אַף אַ מינוט, די פיס זײַנען מיר געוואָרן קאַלט ווי אײַז.

זי איז אַרויסגעגאַנגען אין קאָרידאָר, האָט געמאַכט עטלעכע שריט און פלוצלינג האָט זי זיך אומגעקערט, און איז שטיין געבליבן לעבן אַ טיר, וואָס האָט געפירט אין אַ זייטיקן צימער.

— ווען זשאַק וואָלט כאָטש געווען אינדערהיים — האָט זי געקוקט מיט טרויער אין בליק אַף דער געשלאָסענער טיר.

— זשאַק איז ניט קיין קינד — ער וועט ניט פאַרפאַלן ווערן! —

האָט שטיל באַמערקט סאָקאָלאָווסקי, וועלכער האָט זי אַרויסבאַגלייט ביז צום שוועל פון עס־צימער.

רחל האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אַף דער קלאַמקע און פּאַמעלעך געעפנט די טיר:

— וואָס הייסט אַ קינד?! דריי חדשים ווי ער איז נעלם געוואָרן און איז ווי אין וואַסער אַריין! אַז איך גיי אין גאַס, דאַכט זיך מיר כסדר, אַז איך זע זיין פּנים פון דערווייטנס, אַז אָט קומט ער...

— אפשר איז ער גאָרנישט אין פּאַריז? — האָט סאָקאָלאָווסקי זי באַרואיקט — אפשר האָט ער זיך אַרויסגעריסן פון דאָזיקן גיהנום און איז ערגעץ וואו אַוועקגעפאָרן?!

— דו ווילסט מיך טרייסטן, איך ווייס — זי האָט לאַנגזאַם געעפנט די טיר פון צימער — אָבער איך קען זשאַקן, איך קען גוט מיין זון! איז ער דען ניט געלאָפן אַזש ביז שפּאַניע, גלייך ווי עס האָט זיך דאָרט אָנגעהויבן?... און איצט — ווען אין פּאַריז גופא קערן זיך וועלטן!...

זי איז אַריבערגעטראָטן דעם שוועל און שטייענדיק אין זונס צימער האָט זי גערעדט, ווי צו זיך אַליין:

— און איצט איז ער ווידער אַוועק. ס׳איז געווען ווי היינט, אַ דאָנערשטיק אינדערפרי. כ׳בין אַריין אין זיין צימער און דאָס צימער איז געווען פּוסט. ווען ער וואָלט זיך געקליבן אַוועקפאָרן וואָלט ער דאָך איבערגעלאָזט אַ צעטעלע, אַ פּאָר ווערטער!...

זי איז צוריק אַריין אין קאָרידאָר, האָט געשלאָסן דאָס צימער הינטער זיך און קוקנדיק אַף דער טיר, האָט זי געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— דריי חדשים!...

און זי איז אַראָפּגעגאַנגען אין גאַס.

מעסיע סאָקאָלאָווסקי האָט זיך איצט געקליבן אַרויסצוגיין אַף זיין קורצן מאָרגן־שפּאַציר. ווי זיין שטייגער אין די לעצטע טעג, האָט ער זיך נאָך אַ ווײַלע אַרומגעדרייט איבער די ליידיקע צימערן און באַטראַכט צי אַלץ איז אין אָרדענונג.

אַמאָליקע צייטן האָט ער זיך כלל ניט געמישט אין דער בעל־הביתישקייט — אַלע שטוב עניינים האָט ער איבערגעלאָזן אין די הענט פון זיין ווייב — און ער גופא איז געווען פאַרטאָן מיט לייב און לעבן אין דער פּרנסה. כל ימיו אַ סוחר און אַ בעל־הבית פון אַן אייגענעם געשעפט, האָט דאָס אכטונג געבן זיך אים איינגעגעסן אין בלוט און דאָס אָרדענונג האַלטן איז בּאַ אים געוואָרן אַ צווייטע נאַטור. אפילו נאָכדעם

ווי ער האָט זיך איבערגעצויגן פון דער ענגער קאָנפעקציע־קראָם אַפן פּאַריזער, יידישן „פּלעצל", צו דעם נייעם, גערוימען לאָקאַל אַף די „גרויסע בולוואַרן", וואו ער האָט שוין געהאַט עטלעכע אָנגעשטעלטע און אַ ספּעציעלן בוכהאַלטער, האָט ער נאָך געהאַלטן דאָס גאַנצע געשעפט אַפן אויג, איז אַליין געשטאַנען באַם אַרויסגעבן שטאָפן און באַם אָפּ־געמען פאַרטיקע סחורה, און האָט נאָכגעקאָנטראָלירט אַף אַ היימישן אופן די חשבונות.

אָבער זינט מען האָט „אַריעזירט" זיין פאַרמעגן, האָט ער ניט מער וואו אַהינצוטאָן זיין ענערגיע. אין געשעפט האָט ער מער קיין דריסת הרגל ניט — דער „קאָמיסאַר", וואָס מען האָט דאָרט אַריינגעזעצט, מאַכט שוין אַלץ צורעכט... פּופצן יאָר אָפּגעפּראַצעוועט און מיטאַמאָל — אויס לאַפּעלוש־מאַכער! פון צייט צו צייט הערט ער נאָר דורך זיין פריערדיקן קאַסירער, האַנרי לעבלאַן, אַ גרוס וועגן דעם ווי עס גייט דאָרט צו. אַלס שיק־יינגל האָט ער אים צוגענומען, דעם לעבלאַן, ווען ער איז נאָך גע־ווען אַ קרעמער אַפן „פּלעצל" און לעבלאַן איז געוואַקסן צוזאַמען מיט אים. סאַקאָלאָווסקי האָט אים אונטערגעשטופּט, געשיקט לערנען אַ ביסל בוכהאַלטעריע, ניט געלאָזט צופיל טרינקען און אים געמאַכט פאַר אַ שטיקל מענטש. ביז היינטיקן טאָג איז אים לעבלאַן דאַנקבאַר און ווען ער טרעפט דעם אַלטן בעל־הבית אין גאַס, לאָזט ער אים שוין ניט אָפּ. ער שלעפּט אים אין אַ „ביסטראָ" און באַשטעלט, הויך, אַפן קול:

— קעלנער, אַ קאָניאַק־מאַרטעל פאַר מיר און אַ ווישי־וואַסער פאַרן „אַלטן"!

און צו סאַקאָלאָווסקין זאָגט ער בשעת מעשה אַלעמאָל דאָס זעלבע:

— מיר ליגן אַלע אין זעלבן מיסט, מיין ליבער פריינט, אין זעלבן דר... און פאַר צרות מוז מען מאַכן אַ שנאַפּס!

ער דערציילט, אַז דאָס געשעפט גייט אונטער: די סחורה ווערט אויספאַרקויפט און קיין נייע קומט ניט צו. וואו זאָל מען דען נעמען שטאָף אַף נייע? און די דייטשן כאַפּן אַלץ פון אונטער די הענט! וואָס, עס פעלט זיי דען געלט? זיי צאָלן מיט אונדזער געלט! און ספּעציעל זיי־נען זיי זשעדנע אַף די פּאַריזער מאָדעס און פּאַריזער פּוטערלעך:

— דווקא דעם פּאַריזער „שיק" ווילן זיי שענקען אַ מתנה זייערע נקבות אין „באָשן־לאַנד"!

דאַביי קוקט ער זיך אַרום אַף די קליענטן פון קאַפע, צי מען זעט ניט צווישן זיי קיין פאַרדעכטיקע פּנימער און צי קיינער איז ניט אויס־

מערקזאם אף זיינע רייד. דאן דערציילט ער אינדערשטיל, אז אויסערדעם וואס מען פארקויפט, גנבענען אויך אלע. מען שלעפט ווי די שטשורעס, איעדער אין זיין לאך. דער „קאמיסאר" האט דער ערשטער נעגעבן א ביישפיל...

מעסיע סאקאלאווסקי רירט זיך קוים צו צום ווישי־וואסער. לעבלאן ווייזט מיט א פינגער אפן גלאז:

— איך טרינק ניט מער פון דאזיקן מינעראל־וואסער. זינט אונדזער „פיינע רעגירונג" האט זיך דארט באזעצט, שלאגט א שלעכטער ריח פון די קוואלן פון ווישי!...

סאקאלאווסקי שמייכלט: א קלוג פאלק די פראנצויזן, לאזן זיך ניט פירן פארן נאז! ער זאגט אבער גארנישט. דער קאסירער דערלאנגט א היפשן זופ פון קאניאק און רעדט ווי א וואסער־פאל:

...ער וויל רייך ווערן מיטאמאל, דער קאמיסאר, און זיך נוקם זיין פאר אלע זיינע ביז־איצטיקע דורכפאלן. דריי מאל האט ער קאנדידירט צו די שטאטראט וואלן פון אמאליקן פאריז און איז פייערלעך דורכגעפאלן. פריער נאך איז ער דורכגעפאלן בא זיינע עקזאמענעס אלס אדוואקאט. דאן איז ער געווארן א מעקלער אין קאנפעקציע און פוטערוואר, זיך געדרייט ארום יידישע סוחרים, און הינטן־ארום געווען א גוטער־ברודער מיט די חברה פון דע לא ראק... אזא איינער קען נושא חן זיין בא די היינטיקע מושלים!

— איך גנב'ע אויך — זאגט לעבלאן וועגן זיך — איך קען דאך ניט בלייבן דער איינציקער שוטה! בפרט, אז מען צעשלעפט סיי ווי סיי... איר ווייסט דאך, מיין ליבער מעסיע סאקאלאווסקי, כ'בין א גאנץ לעבן געווען אן ארנטלעכער מענטש, קיינמאל ט'ניט געפעלט קיין סענטים אין דער קאסע, און די רעכענונגען — געשטימט אף א האר! אבער היינט האט ער אזוי פארדרייט די ביכער, אז דער טייוול אליין וועט זיך דארט ניט אויסקענען. און ס'איז שוין אלץ איינס: א הונדערטער ארויף — א הונדערטער אראפ!

איינמאל האט ער אפילו פארגעליינט זיין אלטן בעל־הבית א הונדערטער פראנק:

— נעמט, ס'איז אייערס! — האט ער געזאגט.

און ווען סאקאלאווסקי האט אים געדאנקט, מיט טרערן אין די אויגן, און אפגעזאגט, האט ער נעשאקלט מיטן קאפ:

— נו, זאָל זיין אַף אַ צווייטן מאָל. מאַכט ניט, מיין ליבער פריינט, די וועלט איז אַ קיילעכדיק ראָד, וואָס דרייט זיך... און אַז איר דאַרפט עפּעס אַמאָל האָבן — איז קומט צו מיר! בא מיר זיינט איר שטענדיק אַן אָנגעלייגטער גאַסט. בא מיין משפּחה אויך. מיין פרוי פרעגט זיך שטענדיק אַף אייך. איר געדענקט נאָך ווי זי פלעגט יעדעס מאָל פאַר ניי־יאָר קומען אין געשעפט און איר פלעגט איר הייסן אויסקלייבן אַ מתּנה אַף יום־טוב — אַ בלוזקעלע אָדער אַ שטיקל שטאָף אַף אַ קליידל?... אַ שיין ווייבל, וואָס? אַה, איר קענט זיך ניט אַף די זאַכן! געווען אַמאָל אַ בעל־הבית, וואָס האָט ניט געוואָרפן קיין אויג אַף די פאַרקויפערנס און ניט אַף די ווייבלעך פון די אָנגעשטעלטע! נשקשה, דער „קאָמיסאַר" האָט שוין פון אַלע פאַרזוכט צו ביסלעך, פון די שענערע פאַרשטייט זיך... איז פרעגט זי שטענדיק אַף אייך, מיין פלוניתטע. אַליין איז זי אויך אַף געהאַקטע צרות: אַ גאַנצן טאָג אין גייעג נאָך אַ ביסל עסן. אָבער, אַז זי דערמאָנט אייך, זאָגט זי שטענדיק:

— די אָרעמע יידן! עס גייט זיי נאָך ערגער פון אונדז!

אָט דאָס זיינען די גרוסן, וואָס ער האָט געהאַט פון געשעפט. און לעצטנס טרעפט ער אויך ניט לעבלאַנען: ס׳איז אַ מורא זיך צו דרייען אין גאַס: מען כאַפּט און מען שיקט אין לאַגער. נאָר אַ קורצן שפּאַציר מאַכט ער יעדן טאָג פאַר דער שטוב און איידער ער גייט אַראָפּ, גיט ער, פון געוואוינהייט, אַ קוק צי אַלץ איז דאָ אין אָרדענונג, מישט זיך אין שטוב־זאַכן, וואָס אייגנטלעך גייען זיי אָן נאָר ווייבער.

פאַרמיטאָג איז ער געווײנלעך אַליין אין שטוב. רחל, זיין ווייב, לויפט שוין גאַנץ פרי אַראָפּ אין גאַס, שטייט דאָרט שעהן־לאַנג אין די אָטשערעדס און קומט ערשט שפּעט צוריק, אָן אויסגעמוטשעטע און דורכגעפּראָרענע, מייסטנס מיט ליידיקע הענט. פון זשאַקן האָט מען פאַר די לעצטע דריי חדשים קיין שום ידיעה ניט געהאַט. נאָר העלען, די אויסגעגעבענע טאָכטער, כאַפּט זיך אַרויף אַף אַ ווײַלע. קיינער זעט דערפאַר ניט ווי ער גייט אין קיך און קוקט, ווי אַ יידענע, אין די טעפּ אַריין, צום ליידיקן בופעט און צום גאַז־אויוועלע.

ער באַטראַכט די גאַז־קראַנען און קאָנטראָלירט צי זיי זיינען געשלאָסן ווי עס באַדאַרף צו זיין. ער ווייסט אַפילו, אַז אינדערפרי איז כּלל נישטאָ קיין שטראָם אין די רערן — נאָר אין די מיטאָג־שעהן זשיפּעט אַ קליין פייערל, וואָס האַלט כּסדר באַם אויסבלאָזן די נשמה. אָבער אין מעסיע סאָקאָלאָווסקי וועקן זיך לעצטנס געהיימע פּחדים, וואָס ער האָט

געירשנט פון זיין אלטער היים און פון זיין טאטנס הויז. דער טאטע זיי־נער האט געהאט א טבע אויפצושטיין נאך א האלבער נאכט און נאכ־צוקוקן, צי די קינדער האבן אויסגעלאשן אלע לאמפן און צי ס'זיינען ניט פארבליבן קיין גליענדיקע קוילן אין אויוון. אזוי גרויס איז געווען זיין שרעק פאר שריפות און אומגליקן...

אין משך פון די פאריזער „גוטע יארן" איז די אלטע היים מיט איר געמיט אויסגעוועפט געווארן פון זיין זכרון און איז פארשלונגען גע־ווארן אין הו־הא פון ארומיקן נייעם לעבן. אבער אצינד, ווען די ארומיקע גרויסע שטאט איז פאר אים מיטאמאל איינגעזונקען געווארן, אראפגע־פאלן אין א שאול תחתיות, שטייט דער עבר אויף תחית המתים און פארגעסענע מנהגים, קינדערשע איינדרוקן שווימען ארויף אפן אויבער־פלאך.

ער איז אריבערגעגאנגען אין קארידאר, און קוקנדיק אף די קעגנ־איבערדיקע טירן, וואס האבן געפירט צו די צימערן, אין וועלכע ס'האבן ביז ניט לאנג געוואוינט די קינדער, האט ער א מאך געטאן מיט דער האנט, ווי לאחר יאוש:

— פוסט!... נישטא קיינער!...

א ווײַלע איז ער געשטאנען, האט צוגעהערט צו די טרעפ, צי קיי־נער גייט ניט און דערנאך האט ער געעפנט די טיר צו דער טאכטערס צימער.

אלע אירע מעבל זיינען דארט געשטאנען אף זייער ארט: א ברייטע סאפע מיט געבלימלטע קישעלעך, א שרייב־טיש, א פריזיר־טישל, מיט א גרויסן שפיגל... נאר דעם קלאוויר און אירע ביכער האט זי מיטגענומען. א שטיק העלער טאפעט, וואס איז דארט ניט אפגעבלאקעוועט געווארן, איז פארבליבן ווי א זכר און אנגעצייכנט דעם פלאץ, וואו זיי זיינען גע־שטאנען.

ער האט זיך דערמאנט ווי די מאמע, רחל, האט שוין דעמאלט, ווען העלען האט חתונה געהאט און אוועק מיט איר מאן, פארגאסן טרערן. שעפן נחת האט מען דאן באדארפט און ניט וויינען!... „פאריזער קינ־דער!" — האט אבער רחל געטענהט — אניט געדענקען זיי א מאמען?!... און בפרט העלען, וואס גאנץ פאריז ליגט איר אפן קאפ! שטענדיק מיט די ליטעראַרישע ראנדקעס אפן מאנפארנאס, מיטן „לואוור", מיט די קאנצערטן...

אצינד קומט העלען אַפּט, כמעט יעדן טאָג און וואָס אַ טאָג זיינען די בשורות טרויעריקער, ווי באַ איובס שליחים:

— אין „דראַנסי״ שלאָגט מען!

— מען לאָזט שוין ניט צו קיין פּעקלעך אין דראַנסי.

— ס'איז איינער אַרויסגעקומען פון דראַנסי; ער איז שוין מער אַ מת ווי אַ לעבעדיקער, האָבן זיי אים אַרויסגעלאָזן... דערציילט ער, אַז דער עולם ליגט דאָרט אַפן מיסט־הויפן און זוכט אַרויס שאָלעכץ פון מערן.

און לעצטנס איז צוגעקומען די גזירה פון די משכנות. מען קלייבט זיי אויס אין די לאַגערן און אין תפיסה. איעדער קען געשטעלט ווערן אַף דער ליסטע. פּאַרטאָג, ווען ס'איז נאָך פינצטערלעך, וועקט מען אויף און מען פירט אין פּאַרט־ד'איוורי. איידער עס ווערט ליכטיק, שיסן זיי אויס...

זי האָט דאָרט איר מאַן, העלען, אין לאַגער פון „דראַנסי״, וואָס געפינט זיך אין אַ פּאַריזער פּאָרשטאָט. דריי מאָל אַ טאָג לייענט זי די צייטונגען, כדי צו זען, אויב מען דערמאָנט ניט זיין נאָמען. אַז עס קומט פּאָר אַן אַטענטאַט ווייסט מען שוין, אַז עס וועלן דערשאָסן ווערן משכנות. אין אַזעלכע טעג קען מען פון זינען אַראָפּגיין.

ער איז אַריין אין צווייטן צימער. דאָ איז אַלץ געשטאַנען ווי אין יענעם טאָג, ווען זשאַק האָט פּאַרלאָזן די שטוב. אַפן גרויסן טיש איז גע־לעגן אַ צעעפנט בוך. די מאַמע קערט יעדן טאָג אויס דאָס צימער, ווישט אַרום דעם שטויב פון די מעבל. צענדליקער מאָל האָט זי שוין אודאי אַראָפּגענומען דאָס בוך — עס ליגט אָבער ווידער אַפן זעלבן אָרט, אויפ־געמישט אַפן זעלבן בלאַט.

לענגאויס דער וואַנט שטייט אַ הויכער ברעטער־געשטעל — זשאַקס ביבליאָטעק. לויט דער ריי נאָך זיינען דאָרט סאָרטירט ראָמאַנען און וויסנשאַפטלעכע ווערק אין פראַנצויזיש און ענגליש; אָט איז די שייכע אויסגאַבע פון וויקטאָר הוגאָ, וואָס מען האָט געקויפט זשאַקן צו זיין בר־מצוה; די קלאַסישע ראָמאַנען פון באַלזאַק, סטענדהאַל, אַזש ביז זאָלאַ, וואָס זשאַק האָט זיך לאַנגזאַם איינגעשאַפט; מאָדערנע שרייבער, פילאָ־זאָפן, לערן־ביכער.

דער טאַטע האָט זיי קיינמאָל ניט געלייענט, די דאָזיקע ווערק, ער ווייסט אָבער אַז דאָ שטעקט די תורה און די חכמה פון דער אַרומיקער, פרעמדער וועלט. ער האָט תמיד נעהאַט גרויס דרך ארץ און אַפּשיי פאַר זיי. ער, בשעתו, האָט זיך מתעסק געווען מיט אַנדערע פּראָבלעמען און

אנדערע ספרים זיינען אים נעווען היימיש — ער איז דערגאַנגען פון ש״ס ביז דער השכלה און יל״גס משלים זיינען אין זיינע אויגן געווען די העכסטע מדרגה פון מאָדערנער פּאָעזיע. דערנאָך איז איבערגעריסן געוואָרן דעם פאָדים און זיין זון האָט אַ שפּרונג געטאָן גלייך אין דער פרעמדער וועלט אַריין. פאַרשטייט זיך: דור דור ודורשיו...

תחלת האָט ער אים געוואָלט מקרב זיין צו יענער גייסטיקער וועלט. אַף דער אונטערשטער פּאָליצע ליגן נאָך עטלעכע ספרים מיט העברע־אישע אותיות — אַ זכר פון יענע צייטן. אָבער דאָס נייע האָט גובר געווען. ער ציט אַרויס אַ דין ביכל פון דער אונטערשטער פּאָליצע: די „הגדה של פסח", וואָס מען האָט איינגעקויפט דאָ, אין פּאַריז, אַפן „פּלעצל", בא מאַדאַם שפּייזער; אַ דין ביכעלע מיט אַ טעקסט אין העב־רעאיש און מיט אַ פראַנצויזישער איבערזעצונג אַף דער אַנדערער זייט און מיט מיטלאַלטערלעכע גראַוואורן, וואָס שטעלן פאָר די מכות, משה מיט אהרונען בא פרעהן אין פּאַלאַץ און דעם שטעקן, וואָס איז געוואָרן אַ שלאַנג.

מיטאַמאָל האָט ער צוגעקלאַפּט דאָס ביכעלע און אויפגעהאָרכט: אין שכנותדיקן צימער האָבן אַ שוועב געטאָן לייכטע טריט. עמעצער איז אַריין דורך דער קיך! ער איז צוגעגאַנגען צום קאָרידאָר און דורך דער צעעפנטער טיר האָט ער דערזען העלענען, וואָס האָט אַרומגעזוכט איבער די צימערן.

— גוט מאָרגן, טאַטע! — האָט זי געזאָגט און איז שטיין געבליבן אַפן שוועל — די מאַמע איז נישטאָ אין שטוב?

— אַראָפּגעגאַנגען איינקויפן. וואָס מאַכסטו, טאָכטער?

העלען האָט געשוויגן. סאָקאָלאָווסקי האָט זי אַ ווײַלע באַטראַכט. ער האָט תמיד באַוואונדערט זיין טאָכטער, וואָס איז דאָ אויסגעוואַקסן גרויסשטעטיש־פּאַריזעריש און זיך צעבליט שלאַנק און צאַפּלדיק פאַר זיי־נע אויגן. לעצטנס האָט אַ שטילער אומעט אַרויסגעשטראַמט פון אירע אויגן און אירע באַקן זיינען בלאַס געוואָרן. זי דערמאָנט אים אַצינד גיכער אַ יידישע טאָכטער באַם ליכט בענטשן. אַף איר פּנים האָט דער טאַטע גלייך דערקענט, אַז ס'האָט עפּעס פּאַסירט.

— פאַראַן עפּעס נייעס? — האָט ער געפרעגט.

— יאָ, פאַראַן. וואָס אַ טאָג אַלץ ערגערע נייעס.

— וואָס איז שוין ווידער געשען, טאָכטער?

— האָסט דאָך געהערט פון לעצטן אַטענטאַט אויפן בולוואַר מאַ־זשענטאַ?

סאַקאַלאָווסקי דערפילט ווי אַ פאַרגעפּלטע שרעק ווערט וואַך אין אים. — זשאַק? — האָט ער אַ קלער געטאָן. ניט אַראָפּלאָזנדיק דעם בליק פון דער טאָכטער, באַמיט ער זיך צו ריידן געלאַסן:

— יאָ, כ'האָב געזען די „גרויסע אותיות" אין אַ צייטונג. אויף אַ גאַראַזש, דאַכט זיך.

— יאָ, אויף אַ מיליטערישן גאַראַזש, דאָ ניט ווייט, אויפן בולוואַר מאַזשענטאַ. היינטיקן מאָנטיק איז פאָרגעקומען דער אַטענטאַט. אינ־מיטן העלן טאָג האָט מען געוואָרפן אַ באָמבע אין גאַראַזש און דערהרגעט די צוויי דייטשע טעכניקער, וואָס האָבן פאַריכט מאַשינען פאַר דער אַר־מיי. אויפן פראַנצויזישן פּאָליציאַנט, וואָס האָט געהאַלטן וואַך פאַר דער טיר, האָבן זיי אויך געשאָסן. מען האָט אים שווער פאַרוואונדעט. ער האָט אָבער נאָך צוריקגעשאָסן...

זי האָט איבערגעריסן איר דערציילונג און טיף אויפגעאָטעמט. ס'איז קענטיק געווען, אַז ס'איז איר שווער אַרויסצורעדן אַלץ אויף אַמאָל. דער מטושטשדיקער אימה־געפיל, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט סאַקאַלאָוו־סקין, איז קלאָרער און שטאַרקער געוואָרן.

— ער האָט עמעצן געטראָפן? — האָט ער אַ פרעג געטאָן — מען האָט געכאַפּט די טעראָריסטן?

— ניין. זיי איז געלונגען צו אַנטלויפן.

סאַקאַלאָווסקי האָט דערפילט אַ דערלייכטערונג. „זיי האָבן זיך גע־ראַטעוועט!" — איז דורכגעפלויגן דורך זיין קאָפּ און ער האָט אָנגע־שפּאַרט זיינע הענט אויפן טיש. העלען האָט ווי געלייענט זיין געדאַנק און אים פאַרגעזעצט:

— יאָ, זיי זיינען פאַרשוואונדן. אָבער נעכטן האָט די ראַדיאָ גע־מעלדעט, אַז אויב מען וועט ביז מאָרגן באַנאַכט ניט געפינען די טעראָ־ריסטן, וועלן זיי שבת אינדערפרי דערשיסן פופציק משכנות!

— פופציק משכנות?! — האָט סאַקאַלאָווסקי פאַרגעסן אַ ווײַלע זיין זון — רבונו של עולם, ווידער פופציק משכנות!

— יאָ, פינף און צוואַנציק פראַנצויזן און פינף און צוואַנציק יידן. די יידן וועט מען נעמען אין לאַגער פון „דראַנסי"!...

אַ ווײַלע האָבן זיי ביידע געשוויגן און דאַן האָט העלען אָנגעהויבן שטיל, ווי צו זיך אַליין:

— ווער ווייסט אַף ווען דער גורל וועט דאָסמאָל פאַלן? כ'וועל צופאַרן צו באַקאַנטע. אפשר האָט מען שוין עפּעס געהערט? כאָטש ביז דער לעצטער מינוט זאָגן זיי ניט, ווען זיי שטעלן אַרויף אַף דער ליסטע.

— און פונדעסטוועגן זאָגן זיי אַן צוויי טעג פריער אין ראַדיאָ!

— זיי ווילן, אַז די שטאָט זאָל זיי העלפן זוכן. די געשטאַפּאָ וויל, אַז די שטאָט זאָל אַרויסגעבן די טעראָריסטן.

— מיינסט, אַז עמעצער וועט זיי אַרויסגעבן? — האָט סאָקאָלאָווסקי געקוקט אַף זיין טאָכטער, ווי ער וואָלט דערוואַרט אַ באַרואיקונג פון איר מויל.

— ניין, קיינער ניט! — האָט געענטפערט העלען מיט אַ פעסטער שטימע. זי האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט און צוגעגעבן שטיל:

— יאָ, די טעראָריסטן זיינען געווען צוויי און דאָ וויל מען דערשיסן פופציק מענטשן! פופציק אומשולדיקע...

— אודאי, אודאי! — האָט סאָקאָלאָווסקי אָנגעהויבן שפּרייזן איבערן צימער און געמורמלט פאַר זיך — סע שטייט אפילו געשריבן, אַז די אומשולדיקע זאָלן ניט ליידן פאַר די שולדיקע... נו, און די צוויי יונגעלייט?...

ער איז שטיין געבליבן און זיך אויסגעדרייט צו העלענען:

— און פונוואַנען ווייסט מען, אַז עס זיינען געווען צוויי?

— דער פראַנצויזישער פּאָליציאַנט זאָל עס האָבן דערציילט. מען זאָגט, אַז די פּאָליציי ווייסט שוין אפילו דעם נאָמען פון איינעם. אַציינד זוכן זיי אים. ער הייסט שאַרל פּויאַלאַן.

— ש אַ ר ל   פּ ו י אַ ל אַ ן ? — האָט סאָקאָלאָווסקי איבערגעחזרט דעם נאָמען, אויסציענדיק די זילבן — פּויאַלאַן זאָגסטו ?

ער האָט אַ הויב געטאָן מיט די פּלייצעס:

— און דו? האָסט פריער קיינמאָל ניט געהערט דעם דאָזיקן נאָמען.

— איך? ניין! פונוואַנען זאָל איך אים קענען?

— כ'ווייס ניט. איך האָב נאָר געמיינט... אפשר האָט אים זשאַק ווען ניט איז געהאַט דערמאָנט. ער האָט דאָך געהאַט אַ סך חברים. און פון זשאַקן האָסטו מער גאָרנישט געהערט?

— ניין.

— און יענץ מיידל? האָסט זי מער ניט געטראָפן?

— דו מיינסט זשערמענען? ניין! — האָט העלען זיך געקליבן אוועקגיין — זינט זי האָט מיר דעמאָלט אָפּגעגעבן דעם גרוס פון זשאַקן, האָב איך זי מער ניט געטראָפן.

זי איז צוגעגאַנגען צום ראַדיאָ, האָט אים אויפגעדרייט און אַ ווײַלע צוגעהערט. פון אַפּאַראַט האָבן אַ שטראָם געטאָן קלאַנגען פון אַ טאַנץ־מוזיק. העלען האָט אים געשלאָסן און זיך געלאָזן צו דער טיר.

— קום אַריין אָפּטער — האָט זי דער טאַטע געבעטן — די מאַמע באַקלאָגט זיך, הלמאי מען זעט דיך ניט.

— כ׳וויים ניט, צי כ׳וועל היינט האָבן צייט. מאָרגן אינדערפרי וועל איך זיך אַרויפכאַפּן.

— פּויליאָן? — האָט איבערגעחזרט סאָקאָלאָווסקי, ווען ער איז צוריקגעגאַנגען איבערן קאָרידאָר. ער האָט זיי ניט געקאָנט, זשאַקס חבֿרים. גאָר אַמאָל פּלעגן זיי אַרויפקומען. ווען זשאַק איז נאָך געגאַנגען אין שולע, אויף דער אוניווערסיטעט. אָבער זינט ער האָט זיך אָנגעהויבן מישן אין דער פּאָליטיק, קומען צווישן אַרבעטער, פּלעגן זיינע באַקאַנטע אים ניט באַזוכן.

ער האָט אַליין ניט באַמערקט ווי ער איז שטיין געבליבן פאַרן זונס צימער. באַ וועמען וואָלט מען געקענט זיך נאָכפרעגן אויף זשאַקן? — האָט ער געטראַכט, עפענענדיק די טיר. פאַר דריי וואָכן האָט מען צום לעצטן מאָל געהערט פון אים. העלען האָט געבראַכט דעם דאָזיקן גרוס. עפּעס אַ פראַנצויזיש מיידל — אַן אַרבעטערקע, דאַכט זיך — האָט דערציילט, אַז זי האָט אים געזען און אַז ער לעבט אין פּאַריז. זשאַקס אַן אַלטע באַקאַנטע, זאָגט העלען. וואָס הייסט אַ באַקאַנטע? — אַ געליבטע אודאי!... נו, יאָ, היינטיקע קינדער! ווען מען ווייסט כאָטש, וואו דאָס מיידל וואוינט. ווי עס זאָל ניט זיין, וואָלט מען אפשר עפּעס געקענט דערגיין!...

ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און האָט באַטראַכט זשאַקס בילד, וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט, לעבן דער ביבליאָטעק: אַ קיילעכדיק, אָפן פּנים, טיפע אויגן, עטוואָס צו לאַנגע, אָפּשטייענדיקע אויערן. ער זעט דאָרט אוים אַזויפיל יינגער ווי אַצינד! אַ יינגל כמעט! און געמאַכט האָט מען דאָס בילד גאָר ניט לאַנג, דאַכט זיך ווען ער האָט געענדיקט זיין ערשטן „סערטיפיקאַט" אויף דער אוניווערסיטעט. די מאַמע האָט עס דאַן געלאָזן פאַרגרעסערן... און אפשר האָט זי עס שפּעטער פאַרגרעסערט, ווען זשאַק איז אוועק קיין שפּאַניע?...

מעסיע סאָקאָלאָווסקי געדענקט עס ניט גענוי. ער איז געווען אַזוי פאַרטאָן אין געשעפט, וואָס האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן און שטייגן, אַז ער האָט כּלל ניט געלייגט קיין אַכט אַף די זאַכן. די מאַמע איז תּמיד געווען פאַרקאָכט און זיך כּסדר געהיצט און געטומלט מיטן זון: דערציילט איעדן שוין וועגן זיינע קאָמפּאָזיציעס אין גימנאַזיע, אַרומגעגאַנגען אַ צע־דולטע בעת זיינע עקזאַמענעס און זיך מישב געווען מיט גאָר דער וועלט, אין וועלכע פאַקולטעטן זי זאָל שיקן דעם זון. און דערנאָך האָט זי איינ־געלייגט וועלטן, ווען זשאַק האָט זיך אָנגעהויבן מישן אין פּאָליטיק. און ווען ער איז אַוועק קיין שפּאַניע, האָט זיך געטאָן חושך.

ער, דער טאַטע, האָט זיך קיינמאָל ניט גע׳עסקט צופיל אַרום דעם זונס טועכצן. ער האָט געוואוסט, אַז „נייע פויגל — נייע לידער״, אַז ער גופא איז געווען אַנדערש פון זיינע אָבות, הגם ער האָט געלעבט אין זעלבן שטעטל און כאָטש ער האָט זיך געקאָרמעט מיט דער זעלבער תּורה. על אחת כּמה וכמה ווען אַ קינד וואַקסט אויף אין אַ פרעמדער וועלט! גייט ער שוין ממילא אַוועק אַף אַנדערע דרכים.

ער האָט אפילו תּופס געווען אַף זיין אייגענעם שטייגער דעם זונס דרכים. אַ שטאַרקער מאמין אָדער אַ קנאַפּער מאמין, ווי ער איז שפּעטער געוועזן, האָט ער תּמיד איינגעטיילט אַלץ אַף דער וועלט אין צוויי וויכ־טיקע קאַטעגאָריעס: אין עולם הבא און עולם הזה. אַליין פאַרטאָן מכּמה שנים אין גשמיות, פאַרהאַוועט אין מסחר און געלט, האָט ער באַהאַלטן זיין חוש פאַר רוחניותדיקע ענינים און עולם הבאדיקייט־באַגריפן, וואָס האָבן באַ אים כּולל געווען כּלערליי אידעאַליזמען, אַלערליי שטרעבונגען, וואָס שטייגן איבער די טאָג־טעגלעכע הצטרכותן פון מענטשן.

אודאי איז ער געוואָרן שטאַרק צעדולט, ווען מען האָט אים אָנגע־זאָגט די בשורה, אַז זיין קינד וועט זיך דאָרט געפינען אין אַזאַ סכּנה. פונדעסטוועגן האָט ער שוין דאַן געוואָלט משיג זיין דעם ענין על פּי שכל. אודאי וואָלט אים מער געווען צום האַרצן, ווען דער זון וואָלט — אויב ער וואַרפט שוין יאָ אַוועק די ביכער און די קאַריערע — לכל הפּחות אַוועק קיין ארץ ישׂראל און דאָרט געוואָרן אַ יידישער פּויער, וואָס איז אַ כּבוד פאַרן גאַנצן פאָלק ישׂראל. אָבער ווער האָט דען דאַן געקלערט וועגן אויפהויבן זיך און פאָרן קיין ארץ ישׂראל? זשאַק אודאי ניט! דאַכט זיך, אַז אפילו פון די קבוצות, ווי מען רופט זיי, וואָס דאָס זיינען דאָך שוין

גאָר־גאָר פון זײַנע מענטשן, האָט ער ניט איבעריקס געהאַלטן. וואָרים ער איז אינגאַנצן געווען אַרײַנגעטאָן אין דער פרעמדער וועלט.

אַצינד באַגרײַפט ער אַ סך בעסער די דרכים פון דער פרעמדער וועלט און ער ווייסט, אַז ס'איז ניט נאָר אַ פראַגע פון אַן אַנדער תורה און אַן אַנדער חכמה. און ער ווייסט, אַז זשאַק איז מסוגל צו אַלץ. און דערפאַר ציטערט ער אויף און דערמאָנט זיך אָן זײַן קינד יעדעס מאָל, ווען מען דערציילט וועגן אַן אויפגעריסענער בריק אָדער אַ דערהרגטן דײַטשן אָפיציר. און כּדי זיך אַרויסצושלאָגן די טרויעריקע רעיונות פון קאָפּ, מאַכט ער צו די אויגן און זאָגט צו זיך אַליין:

— מיר האָבן אַ גרויסן גאָט אין הימל!

שוין לאַנג ווי ער האָט ניט אַרײַנגעטראַכט אין גאָט־זאַכן. ניט ווײַל ער איז, חס ושלום, געוואָרן אַן אפּיקורס — ניין, נאָר דאָ אין פּאַריז האָט מען ניט געהאַט קיין צײַט דערצו. מען האָט ניט געוואוסט פון קיין שבת און קיין יום־טוב. פריער, אין „פּלעצל", פלעגט מען זיך נאָך אַרײַנכאַפּן אָפטער אין שול, יעדן שבת כּמעט, אָבער זינט מען האָט זיך אַרויסגעצויגן אַף די גרויסע בולוואַרן, וואו מען פלעגט נאָר אָפּדינגען עפּעס אַ טעאַטער אַף יום־טוב, — איז מען שוין געגאַנגען דאַווענען נאָר פּסח און ימים־נוראים. נאָר שיריים זײַנען דאָ פאַרבליבן פון דער יידישקייט: מצות אַף פּסח, אַ כּשרע קאַטשקע אַף ראש־השנה און דאָס ביסל צדקה, וואָס גבאים פון פאַרשידענע חברות זײַנען געקומען אין געשעפט אַרײַן אויפמאָנען. און אויך דאָס האָט מען געטאָן כּלאחר יד, אָן גרויסער כּוונה; מען האָט, אַזוי צו זאָגן, אַרײַנגעפּרעסט דעם רבונו של עולם צווישן איין קונד און דעם צווייטן.

אַצינד, נאָכדעם ווי זײַן געשעפט איז „אַריעזירט" געוואָרן און דער „קאָמיסאַר" האָט איבערגענומען אַלע אַנדערע קונדן, קומט אים דער רבונו של עולם אָפטער אַפן רעיון. ער איז אויך די איינציקע זיכערע האָפענונג, וואָס איז פאַרבליבן: וואָרים אַז ניט, איז דאָך כּלו כּל הקצין — הפקר אַ וועלט! אויב ניט איז דאָך, חס ושלום, לית דין ולית דין!... אמת, על פּי דרך הטבע קען אויך בעסער ווערן, די גערעכטע קענען זיך שטאַרקן און באַזיגן דאָס בייזע. אָבער קיין אַבסאָלוטע זיכערקייט איז על פּי דרך הטבע ניט פאַראַנען! עס קען אויך ערגער און ערגער ווערן, די רשעות קען אָפּהאַלטן אַ נצחון און באַהערשן די וועלט עד סוף כּל הדורות...

ער איז אַ געניטער סוחר, מעסיע סאָקאָלאָווסקי, געוואוינט צו מאַכן קאָלידע געשעפטן. אַ וועקסל, ווייסט ער, מוז האָבן אַ גוטע דעקונג, לכל הפּחות גאַראַנטן, וואָס קענען צאָלן און וועלן צאָלן. סתם אַן אומזיכערע התימה איז אים קיינמאָל ניט געווען צום הארצן — דאָס זיינען ווינט־געשעפטן, פּוסטע זאַכן, אין וועלכע עס לוינט זיך ניט ריזיקירן דעם קאַ־פּיטאַל!

באַ די דאָזיקע מחשבות קוקט ער ווידער אַמאָל אַף זשאַקס בילד. פון זיין זונס טיפע, פאַרטראַכטע אויגן שטראַלט אַרויס אַ פעסטער גלויבן, געמישט מיט אַ לייכטן טרויער. זיין בליק בלאַנדזשעט אין דער ווייט און איז פול מיט יוגנטלעכער תמימות און מיט אַ הונגער נאָך וויסן. וואו שעפּט ער, דער זון זיינער, די זיכערקייט? מיט וואָס פאַרא כוח איז ער גרייט זיך מקריב צו זיין?

אין שפּיגל, וואָס הענגט אין אַ ווינקל, באַם אַריינגאַנג, זעט סאָ־קאָלאָווסקי זיך אַליין. זיין שוואַרץ, קורץ פאַרשאָרן בערדל איז לעצטנס גאָר שטאַרק פאַרזייט מיט גרויע האָר. זיין שטערן, וואָס קוקט ברייטלעך אַרויס פון אונטערן קאַפּעלוש, איז צעאַקערט מיט קנייטשן. פריער האָט ער אויסגעזען ווי איינער פון די פראָנצויזישע קליינבירגער פון די „גרוי־סע בולווארן", אַ פרעמדער וואָלט כלל ניט חושד געווען, אַז ער טראָגט אַ באַזונדערן פעקל אַף די פּלייצעס: דער זעלבער אַנצוג פון דיקן, טונקל־גרויען שטאָף, דער זעלבער ברייטלעכער שניט, דער זעלבער טונקעלער קאַפּעלוש מיט אַ קנייטש אָפן קאָפּ. ער אַליין האָט שטענדיק געפונען אַף זיך סימנים פון אַמאָליקן קליינשטעטלדיקן בעל־הבית, וועמען מ'האָט פאַרקירצט די מלבושים און די באָרד. צווישן די שורות האָט ער זיי אַרויסגעלייענט, די דאָזיקע סימנים, סיי אַף זיך און סיי אַף זיינע באַ־קאַנטע — יידישע סוחרים, וואָס האָבן זיך אַריבערגעצויגן אַהערצו אין די לעצטע פּאָר צענדליק יאָר. אַצינד, ווען די מלבושים זיינען געוואָרן אָפּגעטראָגן און אָפּגעבלאַקעוועט — קיין נייע האָט מען ניט געקענט מאַכן — פאַרשווינדט דער היגער, איינגעזעסענער קליינבירגער און עס ווערט בולטער דער פאַרעלטערטער ייד: די אויגן פול מיט דאגות, דער רוקן לייכט איינגעבויגן און דער בליק צעשראָקן.

ער כאַפּט זיך פּלוצלינג אויף פון זיינע רעיונות און שנעל, אַף די שפּיץ פינגער גנבעט ער זיך אַרויס פון צימער. רחל קען נאָך אָנקומען און ער וויל ניט, זי זאָל אים דאָ טרעפן באַם זון אין צימער. ער מאַכט תמיד

אַ פּנים ווי עס וואָלט גאָרניט געהאַלטן אַזוי שלעכט, ער באַמיט זיך זי צו טרייסטן, צוגעבן בטחון.

פון אַ פּאָטעל אין קאָרידאָר האָט ער גענומען זיין ווינטערדיקן מאַנטל און אים אָנגעטאָן. „וויפל „פּונקטן", אַ שטייגער, וואָלט מען היינט באַדאַרפט האָבן, כדי איינצוקויפן אַזאַ מין מלבוש?" — האָט ער אַ חשבון געטאָן. אָבער פון דרויסן, פון די טרעפּ, דערגייט אַ גערויש און פאַרטושט זיינע געדאַנקען. ער ציטערט אויף: די ווינדע גייט! ווער קומט?

ס'איז אַן איינגעוואָרצלטע, אינסטינקטיווע שרעק, וואָס לעבט ווי־דער אויף אין אים — אַ שרעק פאַר אומבאַקאַנטע שריט, פאַר אַ סכנה, וואָס לויערט כסדר. ס'איז אַן אינסטינקטיווער ציטער פון אַ שוואַכער חיה, אין וואַלד, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט שטאַרקע שונאים. ער האָט זיך דאָ, אין משך פון די לעצטע יאָרן, אָנגעהויבן באַפרייען פון דער דאָזיקער שרעק. אַצינד באַהערשט זי אים ווידער.

ער שפּיצט אָן די אויערן. די ווינדע גייט. אויף וועלכן שטאָק וועט זי שטיין בלייבן? אין וועלכער טיר וועט מען קלאַפּן? אַ בלאַסער שטראַל פון האָפענונג שניידט דורך זיין שרעק: אפשר זשאַק?

צווייטער קאַפּיטל

זשערמען האָט אויסגעטרונקען איר וואַסערדיקן טעפּל קאַווע, האָט צוגערוימט אין גרוים איילעניש דאָס צימער און אַראָפּגענידערט מיט איין אָטעם איבערן געשלענגלטן טרעפּן־גאַנג פֿון איר בוידעם־שטיבל אַפֿן זעקכטן שטאָק צו דער גאָס. זי איז ניט געגאַנגען ווי געוויינלעך אַף רעכטס, צו דער מעטראָ־סטאַציע, וואָס האָט זי טאָג־טעגלעך געפֿירט צו דער אַרבעט אַף די „גרויסע בולוואַרן”, נאָר זיך פֿאַרנומען לינקס, אין אַ שמאָלגעסל, וואָס האָט געפֿירט מיט אַ הויקערדיקן טראָטואַר צום קאַנאַל, וועלכער האָט דאָ ניט ווייט דורכגעשניטן דעם אויבערפֿלאַך פֿון דער שטאָט.

אַ יונגערמאַן, וואָס איז איר אַנגעקומען אַנטקעגן, האָט אַ גליטש געטאָן זיין בליק פֿון אירע קני ביז צו די צוגעפּאַרבטע ליפּן און איר אַ שמייכל געטאָן אין די אויגן. זי האָט זיך אַפֿילו ניט אומגעקוקט אַף אים. באַלד איז זי אָנגעקומען צום מוטנעם קאַנאַל־וואַסער. עטלעכע מינוט איז זי געגאַנגען מיטן ברעג און דאַן זיך פֿאַרקערעוועט אין אַ זייטיקן געסל, וואו זי האָט געשפּרייזט, וואַרפֿנדיק כסדר זייטיקע בליקן אַף די אָפּגערייבענע נומערן פֿון די פֿאַרעלטערטע הייזער, וואָס האָבן זיך דאָ געהויבן גרוי און פֿאַרסאַדזשעט.

באַ איינעם פֿון די הייזער איז זי שטיין געבליבן, האָט זיך אַרומגעקוקט און איז דאַן אַרויפֿגעשטיגן ביזן העכסטן שטאָק, וואו זי האָט אָנגעקלאַפּט אין דער צווייטער טיר, וואָס אין עק קאָרידאָר, רעכטס.

אַ ווײַלע האָט קיינער ניט געענטפֿערט. זי האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם און צוגעהערט. פֿון אינעווייניק איז ניט דערגאַנגען קיין שאָרך. זשערמען האָט זיך פֿאַרזיכערט, אַז אַף די אונטערשטע טרעפּ האָט קיינער

ניט געעפנט קיין טיר און ניט ארויסגעשטעקט קיין קאָפּ, און זי האָט ווידעראַמאָל אַנגעקלאַפּט.

באַלד האָט אַן עלטערער נידעריקער מאַן געעפנט די טיר און זי איז אַריינגעגאַנגען. דער מאַן האָט געטראָגן אַ בלויען אַרבעטער אַנצוג און אַ קאַשקעט אויפן קאָפּ. באַגריסנדיק דאָס מיידל, האָט ער באַוועגט זיין גרויליכע וואָנצע, וואָס איז אים אַראָפּגעפאַלן אויףביידע זייטן מויל. צווישן די קנייטשן פון זיין פנים האָבן אַרויסגעקוקט גוטמוטיקע, שמייכלענדיקע אויגן. זיי זיינען דורכגעגאַנגען דעם קאָרידאָר און אַריין אין אַ טונקעלן צימער.

אַ מוטנער שיין האָט דאָרט אַריינגעדרונגען דורך די שפּאַרונגעס און אָפּגעבראָכענע לייסטן פון די צוגעמאַכטע לאָדנס און זיך צעזייט אויף די פאַרשטויבטע, אָרומשטייענדיקע מעבל און געדיכטע שפּינוועבס־נעצן, וואָס זיינען אַראָפּגעהאַנגען פון סופיט, האָבן זיך געוועבט איבער די ווינקלען און צוגעמישט גרויקייט צום פאַרבלאָזן ליכט פון צימער.

— וואָס מאַכסטו, קליינע? — האָט געפרעגט דער אַלטער.

— עס גייט! באַ אונדז אין מאַגאַזין האָבן מיר פאַרטיילט אַלע „בלעטלעך".

זי האָט אַ פיר געטאָן מיט די אויגן אַרום, האָט אַ פאַרשקע געטאָן מיט די נאָזלעכער און געזאָגט:

— עס שמעקט נאָך ווילגאַטש ווי אין אַ צווייטראַנגיקן האָטעל!... כמעט אויפן האָבן מיר זיי פאַרטיילט. נאָר פאַר דער „בלאָנדער זשאַן" האָט מען זיך געמוזט היטן. זי שלאָפט מיט די דייטשן, די בלאָנדע זשאַן, אַמליבסטן מיט די אָפיצירן!

— רייד שטילער! — האָט באַמערקט דער אַלטער.

—דאָ איז דאָך קיינער נישטאָ — האָט זשערמען אַ זוך געטאָן מיט די אויגן אין דער טונקלקייט פון צימער — קיינער וואוינט דאָך דאָ ניט!

— ווענט האָבן אויערן! — האָט דער אַלטער געזאָגט שטיל און האָט אַ שפּרייז געטאָן צו אַ קעגנאיבערדיקער טיר, האָט זי געעפנט און אַריינגעקוקט אין שכנותדיקן צימער.

— וואָס קוקסטו דאָרטן?

— גאָרנישט... ס'איז געזונטער צו זיין פאָרזיכטיק היינטיקע צייטן.

— פאַראַן עפּעס אַ נייע שטיקל אַרבעט? — האָט געפרעגט זשע־מען, ווען דער אַלטער איז היינט פאַרגעקומען מערקווירדיק.

— נ יי ן !... — האָט יענער קווענקלענדיק געענטפערט.

— טאָ צו וואָס האָסטו מיך באַשטעלט? אַזוי פרי! כ'בין ספּעציעל אויפגעשטאַנען אַ האַלבע שעה פריער — האָט זשערמען זיך אויסגערייט צום אַריינגאַנג.

— וואַרט אַ ווײַלע! — דער אַלטער איז צוגעגאַנגען נענטער צו אים און ווייזנדיק אויף דער קעגנאיבערדיקער וואַנט, האָט ער צוגעגעבן — דאָרט באַהאַלט זיך אוים אַ מענטש!

— אַ מענטש? באַהאַלט זיך? ווער דען?

— ווען איך וואָלט עס געוואוסט?!

— וואָס הייסט? ווער איז ער? — האָט זשערמען זיך נאָך מער געהיצט.

— אָדער אַן אייגענער, וואָס וויל ראַטעווען זיין הויט פון דער געשטאַפּאָ אָדער אַן אונטערגעשיקטער אַגענט, וואָס וויל אַריינשטעקן זיין נאָז אין פרעמדע עסקים.

— ער איז אַ פראַנצויז? אַ יונגער? — איז זשערמען אַלץ מער געוואָרן אויסער זיך.

— יאָ, אַ פראַנצויז.

— רוף אים אַריין, איך וויל אים אָנקוקן!

— וואַרט אַ ווײַלע! — האָט דער אַלטער ווידעראַמאָל אַריינגעקוקט אין שכנותדיקן צימער — ער איז איצט אין וואַש־צימער און וועט זיך דאָרט אודאי זאַמען אַ ווײַלע.

— אָבער וואָס הייסט? דו קענסט אים טאַקע לחלוטין ניט? איז ווי קומט ער אַהער?

— ס'איז אַ לאַנגע געשיכטע — האָט דער אַלטער אַ גלעט געטאָן ביידע שפּיצן פון זיין וואָנצע און דערנאָך אַריינגעפירט זשערמענען צוריק אין קאָרידאָר און געדעדט זייער שטיל — איך שטיי זיך אַזוי היינטיקן מאָנטיק באַ מיין אַרבעט. גראָדע איז אָנגעשוואומען אַ שיפל מיט שטויב־קוילן און איך האָב זיך אַ נעם געטאָן צו עפענען מיין בריק. און מיטאַמאָל האָט עס אַ קראַך געטאָן — אַן אמתע ערדציטערניש! כ'האָב

געמיינט, אַז מיין גאַנצער קאַנאַל פליט אין דער לופטן. און אַ ווײַלע שפּעטער איז אָנגעלאָפן דער יונגערמאַן.

— היינטיקן מאָנטיק זאָגסטו? — האָט זשערמען אַ קלער געטאָן אַפן קול — וואָס האָט דען פּאַסירט מאָנטיק? וואַרט! אַף מאַזשענטאַ... ער' איז געקומען פון דאָרטן?

— אָט דאָס ווייס איך טאַקע ניט. ער איז געקומען טאַקע פון יענער זייט און איז שטיין געבליבן ניט ווייט פון מיר. זעענדיק, אַז די בריק איז אָפן, איז ער בלייך געוואָרן ווי די וואַנט. ער האָט געקוקט אין שטראָם און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אָט־אָט שפּרינגט ער אין וואַסער אַריין.

— מען האָט געמאַכט אַן אַבלאַווע?

— נאָך וואָס פאַרא אַבלאַווע! הינטער אונדז, אַפן בולוואַר, האָט זיך אָנגעהויבן יענע חתונה: אַ פּייפעריי, אַ געשריי, אַ טראַסקעריי פון מאָטאָרן. און דאָ האָבן זיך פון אַלע זייטן דערנענטערט פּאָליציאַנטן מיט אויסגעשטרעקטע רעוואָלווערן אין די הענט. מיין חברה־מאַן איז אַלץ געשטאַנען לעבן מיר און זיך ניט גערירט פון אָרט. כ'ווייס ניט פאַרוואָס, אָבער זיין פּנים איז מיר מיטאַמאָל פאַרגעקומען באַקאַנט. זיינע ליפּן האָבן געציטערט.

— מיין גאָט! און וואָס האָסטו געטאָן?

— ראשית כל, האָב איך מיר אַ טראַכט געטאָן, דאַרף מען פירן די פּאָליציי אין באָד אַריין! אמת? זיי האָבן געאַרבעט מעשים און זייער אַרויסגעקראָכן פון דער הויט. אפשר צוויי צענדליק מענטשן האָבן זיי דאָ פאַרהאַלטן. און טאַקע באַלד איז דערשינען דער „סאַלאַט־קאָשיק". מען האָט דאָרט אַריינגעפּאַקט דעם עולם און — היידאַ אַף דער געשטאַפּאָ! אַן אַלטע, אָנגעפּאַרבטע מכשפה האָט פּונקט דעמאָלט געפירט איר הונט שעפּן פרישע לופט באַם וואַסער. האָט מען זי אויך אַרעסטירט. דעם הונט אויך נאַטירלעך!

— און דער יונגערמאַן? — איז זשערמען געוואָרן אומגעדולדיק.

— וואַרט אַ ווײַלע מיט דיין יונגנמאַן! די אַלטע האָט געמאַכט קולות אין הימל אַריין און געשריען, אַז איר הונט איז זייער אונטערדערנערט, ווייל הינט באַקומען דאָך ניט קיין שפּייז־קאַרטן, און ער איז ניט רייזע־פּעאיק אין אַזאַ געפּאַקטן אויטאָמאָביל. מען האָט איר געהערט ווי דעם קאַטער. דער הונט, פון זיין זייט, האָט זיך אויפגעפירט זייער לייטיש: ער איז אַרויפגעשפּרונגען אַף אַ סערזשאַנט און אים אַ ביס געטאָן אין נאָז.

— אָבער איך וויל וויסן!... — איז זשערמען ארוים פון די כּלים און האָט אָנגעוויזן מיט אַ פינגער אַף דער טיר פון שכנותדיקן צימער.

— וואָס ווילסטו וויסן? — האָט דער אַלטער אַ לייכט געטאָן מיט זיינע גוטמוטיקע אויגן — צי ווילסט וויסן ווי דעם הונט איז באַקומען די נסיעה? אָדער וואָס ער האָט דאָרט דערקלערט דעם געשטאַפּאָ־כּלב צום פּראָטאָקאָל? דאָס קען איך דיר ליידער ניט זאָגן. איך בין ניט געווען דאַביי!... בקצור, עס האָט זיך געטאָן חושך און איך האָב דערווייל אוועקגעשטעלט מיין יונגנמאַן לעבן מיר און אים געבעטן צולייגן אַ האַנט צו דער אַרבעט. די מחבלים האָבן זיך אַפילו ניט אומגעקוקט אַף אונדז.

— נו, און דאַן?

— דאַן איז די אַבלאַווע שוואַכער געוואָרן און מיר האָבן צוריקגעפירט די בריק אַף איר פּלאַץ. אָבער דער יונגערמאַן האָט אַלץ ניט אַרויסגעוויזן קיין איבעריקן חשק אַריבערצוגיין אַף דער אַנדער זייט. האָב איך גענומען און אים אַרויפגעפירט אַהערצו.

— האָסט אים די גאַנצע צייט גאָרנישט געפרעגט? — האָט זשערמען זיך געוואונדערט.

— ער מאַכט זיך תמ'עוואַטע און איך האָב אויך ניט קיין חשק אַרויסצוגיין דער ערשטער מיט לשון. כ'האָב געמיינט, אַז דער ענין וועט שוין פון זיך אַליין קלאָר ווערן: צומאָרגנס האָבן זיי דאָך דאָ אַרעסטירט דעם בעל־הבית פון האָטעל „די גוטע האָפענונג", ווייל אַ יונגערמאַן איז פון דאָרט נעלם געוואָרן אין טאָג פון אַטענטאַט. בין איך שוין געווען זיכער, אַז דאָס איז ער טאַקע — מיין תכשיט. וואָרים ער האָט דאָך טאַקע געוואָלט אַריבערגיין אַף יענער זייט, וואו עס שטייט דער האָטעל. האָט זיך אָבער נעכטן אַרויסגעשטעלט, אַז יענער פאַרשוואונדענער יונגערמאַן זיצט גאָר זינט אָנהויב מלחמה איינגעשפּאַרט אין אַ געפאַנגען־לאַגער, אין דייטשלאַנד, ס'הייסט ער זיצט שוין דאָרט אַ קימאַ לן פון העכער אַ יאָר. איז ווי קומט ער וואַרפן באָמבעס אין פּאַריז און וואוינען דאָ אַפן בוידעם? און ווי זאָל דאָ איינער געפינען די הענט מיט די פיס?

זשערמען האָט די גאַנצע צייט נאָכגעטראַכט און פּלוצלינג האָט זי עקשנותדיק אַ זאָג געטאָן:

— איך וויל אים אָנקוקן!

— דערפאַר האָב איך דיך טאַקע גערופן. כ'האָב געקלערט, אַז ס'איז דאָך קיין תכלית ניט אים צו פּאַשען ביז אין אלף הששי אריין. אפשר

האסטו אים ערגעץ וואו געזען, אין די אמאליקע גוטע צייטן? פלעגסט דאך עפעס גיין אף דעמאנסטראציעס. און טאנצן ביסטו דאך אויך גע־גאנגען...

— טא רוף איך אריין — האט זשערמען זיך דערפרייט — איך בין נייגעריק!

— זעסטו ער איז שוין גאר ניט נייגעריק — האט דער אלטער א שאקל געטאן מיטן קאפ — ווען דו האסט אנגעקלאפט אין דער טיר, האט ער מיר געזאגט, אז ער וויל קיינעם ניט זען. אפילו ניט אזא יונג מיידל ווי דו. און ער מוז זיך גיין וואשן, האט ער געזאגט.

— אויב אזוי איז ער זיכער אן אייגענער! — האט זשערמען גע־ווארפן א בליק אף איר זייגערל — איך וועל צוווארטן נאך א פאר מינוט.

— ניין! — האט דער אלטער געעצהט — זעענדיק ווי ער איז פארזיכטיק, איז מיר איינגעפאלן, אז מיר מעגן זיך ארופנעמען א מוסר השכל פון אים. צו וואס זאל ער אויך דיך זען? אפשר קריכן מיר גאר מיט א געזונטן קאפ אין א קראנקן בעט? מירן זיך נאך מישב זיין אן איי־לעניש און מיט קלארע רעיונות. ווארים ווי איך זע, האסטו גאר שטארק חשק אים אנצוקוקן!

— אבער סתם אזוי וואלט ער דאך דא ניט געזעסן איינגעשפארט!

— האט זשערמען ניט געוואלט נאכגעבן.

— מאלע וואס א מענטש באהאלט זיך! אט ווען איך האב געאר־בעט אפן לאנד, אין „צפון", האט זיך דארט א מענטש איינמאל אוים־באהאלטן פינף יאר נאכאנאנד...

זשערמען האט געזען, אז דער אלטער הויבט אן א שפאגל נייע מעשה, האט זי ווידער א קוק געטאן אפן זייגער און געזאגט:

— שוין שפעט. איך מוז אצינד לויפן צו דער ארבעט!

— ווארט, מירן אראפגיין צוזאמען. כ'וועל אים נאר זאגן, אז איך גיי אוועק.

ער איז צוריקגעקומען אין א ווייל'ע ארום און ווען זיי האבן אראפ־געגידערט עטלעכע טרעפלעך, האט ער ווייטער דערציילט:

— האט ער זיך אויסבאהאלטן פינף יאר נאכאנאנד און האט קיי־נעם צו זיך נישט צוגעלאזט.

— פינף יאָר? וואָס רעדסטו?... ווער דען? — איז זשערמען גע־וואָרן דערשטוינט.

— יענער, אין „צפון". ס'האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז ער איז אַ הייליקער און פרומע נשים האָבן אָנגעהויבן אים טראָגן עסן. דער־נאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט גאָר דערהרגעט זיין שוויגער.

זשערמען האָט אים ניט אויסגעהערט ביזן סוף. זי האָט אָנגעהויבן אויספרעגן ווי דער באַהאַלטענער זעט אויס, אָבער אינמיטן איז אָנגע־פאָרן אַן אויטאָבוס און זי איז אַרויפגעשפּרונגען, און האָט פון דער פּלאַטפאָרמע געמאַכט דעם אַלטן אַ צייכן, אַז זי וועט נאָך פאַרבייקומען.

דריטער קאַפּיטל

דאָס זומען פון מאָטאָר האָט זיך אָפּגעשטעלט. די גראַטן־טיר פון דער ווינדע האָט זיך צעעפנט מיט א כריפּ. סאָקאָלאָווסקי האָט דערקענט זיין ווייבס טריט: רחל? זי האָט שוין איינגעקויפט? — האָט ער זיך פארוואונדערט.

רחל איז אריין און איז שטיין געבליבן א פארסאַפּעטע אין קאָרי־דאָר. זי איז לעצטנס שטארק פארעלטערט געוואָרן. דער פאריזער גלאַנץ, וואָס זי האָט אַף זיך ארויפגעצויגן אין די ערשטע גבירישע יאָרן, איז ביסלעכוויז צעפאַלן געוואָרן און ס'איז פון אים קיין זכר ניט געבליבן. אַפילו דער עלעגאַנטער פעלץ, וואָס זי האָט געקויפט צו העלענס חתונה, האָט פארלאָרן זיין גלאַנץ, ווי ער וואָלט אויך דורכגעמאכט שווערע צייטן און האָט אויסגעזען צעקנייטשט און אָפּגעבלאַקעוועט. אַפן קאָפּ האָט זי געטראָגן אַן אַלטמאָדישן שאַל, פון וועלכן ס'האָבן ארויסגעקוקט גרוי־ע האָר בא די שלייפן. אין די קנייטשן פון איר פנים איז געלעגן א פארגלי־ווערטער אומעט. זי האָט שווער געאָטעמט און סאָקאָלאָווסקי האָט גלייך פארשטאַנען, אַז אין גאַס האָט עפּעס פּאַסירט. איידער זי האָט אָפּגע־כאַפּט דעם אָטעם, האָט ער גוטמוטיק א פרעג געטאָן:

— שוין איינגעקויפט?... די „קאָמאַנדאַטור” האָט אודאי אריינגע־שיקט עטלעכע וואַגאָן קארטאָפל, וואָס?

— שוין איינמאָל איינגעקויפט! אָפּגעשטאַנען צוויי שעה אומזיסט!

ס'האָט זיך געמאַכט אָפּט, אַז מען איז אָפּגעשטאַנען עטלעכע שעה אין אָטשערע און קומענדיק צו דער טיר, האָט ניט געקלעקט קיין סחורה. רחל האָט אָבער דערציילט עפּעס אַנדערש:

— כ'האָב זיך אַזוי גערוקט פאַמעלעך פאָראויס. דער עולם ארום

האָט געמורמלט ווי געוויינלעך, געווינטשט די דייטשן אַ מיתה משונה. און פּלוצלינג האָבן זיך צוויי חברה אַריינגעריסן אין קראָם, האָבן אָנגע־הויבן כאַפּן פון די פּאָליצעס און געשליידערט אין דרויסן אַלץ, וואָס ט׳זיך זיי געמאַכט אונטער די הענט: קאַרטאָפל, שטיקלעך קעז, אַפילו אייער האָבן זיי געוואָרפן...

—און דער עולם?

— דער עולם? ס׳איז געוואָרן אַ כאַפּעריי, אַ שטופּעריי, אַ תוהו ובוהו. די ווייבער האָבן געכאַפּט און געשריען, אַז ס׳איז גוט אַזוי!

— און איצט וועט מען שוין גאָרנישט באַקומען?

— אוודאי גאָרנישט! אפשר אין אַן אַנדער קראָם, שפּעטער. אין איין מינוט איז די קראָם געוועזן ליידיק.

— דער עולם גייט אַרויס פון די כלים.

— אוודאי, אַז אַ האַלב לעבן גייט אַוועק אויף מאַכן אַטשערעס. די גערודלד פּלאַצט, שטייסט אויף צוויי שעה אין אַ ביטערער קעלט און אַז די קומסט צו צו דער טיר, שרייט דער קרעמער: איר קענט גיין אַהיים, ניטאָ גאָרנישט! כאַטש נעם און לייג די „קאַרטן" אין טאָפּ אַריין.

— מען האָט אַרעסטירט?

— די וואָס האָבן געשליידערט די סחורה זיינען נעלם געוואָרן נאָך איידער די פּאָליציי איז געקומען. דאַן האָבן די פּאָליציאַנטן געוואָלט אויפ־נעמען באַ עטלעכע פרויען די געכאַפּטע זאַכן, האָבן זיך די פרויען ניט געלאָזן. ס׳איז געוואָרן אַן אַמפּעריי און אַ רייסעריי, ס׳זיינען געקומען נאָך פּאָליציאַנטן און מ׳האָט אָפּגעפירט עטלעכע פרויען.

— פאַרן ביסן ברויט! — האָט סאָקאָלאָווסקי אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— ס׳איז שוין דעם עולם אַלצאיינס, מען שיסט סיי ווי סיי, פאַר גאָרנישט אויך. אַ גאַנצן פרימאָרגן ט׳מען היינט גערעדט פון די פּופּציק משכנות...

— וועגן גאַראַזש?

— יאָ, וועגן גאַראַזש. וואָס מען הערט זיך אַלץ אָן אין דער אַטשע־רע! די ווייבער וויסן פון אַלץ... ס׳וועט נאָך דאָ זיין אַן איבערקערעניש ווי אין סדום! באַ ליל איז אַ גאַנצער עשעלאָן מיט דייטשע סאָלדאַטן גע־פלויגן אין דער לופטן. מ׳האָט קיינעם ניט געכאַפּט!...

ניט אויסטוענדיק דעם גאַסן־מאַנטל, שפּרייזט זי דורכן קאָרידאָר און בלייבט שטיין באַ זשאַקס צימער. סאָקאָלאָווסקי פאַרשטייט, פאַרוואָס

זי האָט זיך פּלוצלינג דערמאָנט אָן זון, הגם זיי האָבן זייערע השערות קיינמאָל פאַרן מויל ניט אַרויסגעבראַכט. אָט וועט זי באַלד עפענען די טיר און אַריינקוקן, צי זשאַק איז ניט געקומען. צען מאָל אַ טאָג גייט זי דאָרט אַריין — זי זאָגט דאַן אַ תירוץ: פאַרגעסן די שטויב־טוך אָדער דעם בעזים, אָבער ער ווייסט, אַז זי האָפט יעדעס מאָל אים צו טרעפן זיצנדיק ווי געוויינלעך בא זיין טיש. און ווען עס הערן זיך שריט אַף די טרעפּ, הויבט זי אויף דעם קאָפּ, הערט צו און אַ שיין פון האָפענונג גלאַנצט אויף אין אירע אויגן. גלאַנצט אויף און לעשט זיך אויס. איר בליק ווערט דאַן פול מיט אזא יאוש, אַז ער האָט מורא, זי זאָל, חס וחלילה, ניט פאַר־לירן דעם זינען. ער וויל פאַרמיידן דאָס פיינלעכע געשפּרעך און פרעגט:

— איז פאַרשפּאַרט מען שוין, הייסט עס, היינט גיין איינקויפן?!

— ניין — כאַפּט זי זיך אויף ווי פון שלאָף — כ׳וועל נאָך זען עפּעס קריגן. כ׳בין נאָר אַרויפגעקומען דיר זאָגן, זאָלסט ניט אַראָפּגיין אין גאַס. ספּעציעל געקומען דיר זאָגן און זיך פאַרעדט. דער קאָפּ איז איינעם אַזוי פאַרדרייט, אַז מען ווייסט ניט, וואו מען איז אין דער וועלט!

— וואָס?

— מען כאַפּט אין די גאַסן!

— נו, ס׳איז דאָך קיין נייעס ניט, מען כאַפּט כסדר, אַמאָל מער און אַמאָל ווייניקער.

— אָבער לעצטנס איז דאָך געווען רואיקער. און היינט פאַרטאָג האָבן זיי אַרומגערינגלט דעם עלפטן אַראָנדיסמאַן, געגאַנגען פון שטוב צו שטוב און אַרויסגעשלעפּט אַלע יידן פון די בעטן. אַלע מענער, אַלטע לייט אויך. און אַ גאַנצן אינדערפרי האָבן זיי פאַרהאַלטן אין די גאַסן און וואו נאָר זיי טרעפן אַ יידן, פירן זיי אים אָפּ. מען זאָגט, אַז ס׳איז, כדי צו שיקן קיין פוילן, אין די געטאָס.

זיי גייען אַריין אין גרויסן עס־צימער. מעסיע סאָקאָלאָווסקי טוט נאָך אַלץ ניט אויס דעם מאַנטל, ער איז זיך מישב, צי ער זאָל דאָך ניט אַראָפּגיין אַף אַ ווײַלע אין גאַס. ער ווערט דערשטיקט גאַנצע טעג צווישן די פיר ווענט.

— ווער האָט עס דיר דערציילט? — פרעגט ער — האָסט עמעצן געטראָפן?

— כ׳האָב געטראָפן חנהלען. געדענקסט, זי פלעגט אַמאָל אָפט אַריינקומען צו אונדז; גלייך ווען זי איז געקומען קיין פאַריז. זי זאַמלט געלט פאַר דער „קיך״. האָט זי מיר דערציילט, אַז זיי האָבן אָנגעמאַכט

אַ חורבן אין „עלפּטן". די ווייבער מיט די קינדער וועלן אויסגיין פון הונגער.

— האָסט איר עפּעס געגעבן, חנהלען?

— צוואַנציק פראַנק האָב איך איר געגעבן און זי האָט געטענהט, אַז ס'איז צו ווייניק. מען רייסט אָפּ די פּאַלעס!...

— זינדיק ניט רחל — שאָקלט סאָקאָלאָווסקי מיטן קאָפּ — פאַראַן הייזער, וואו ס'איז ניטאָ אפילו די פּאָר גראָשן איינצוקויפן דאָס שטיקל ברויט, וואָס מען קריגט אָפּ די קאַרטן!

— איך באַקלאָג זיך גאָרנישט וועגן דעם — ס'איז נאָר אַזוי ביטער אָפּ דער נשמה!... כ'האָב דען ניט שטענדיק געגעבן?

האָט זי דען געזינדיקט? זי האָט דאָך שטענדיק געגעבן! פריער, אין דער היים, פלעגט זי באַם ליכט בענטשן אַריינוואַרפן אין מאיר בעל הנס'ם פּושקע אָדער אָפּ די ישיבות און דאָ אין פּאַריז האָט זי געגעבן פאַר יידישע שולן, פאַרן בית-המדרש אַפן „פּלעצל", פאַרן קרן-קימת... פאַר שפּאַניע האָט זי אויך זיינער צייט געגעבן. און וואוהין איז מען דערגאַנגען?

— איך באַקלאָג זיך ניט — חזרט זי איבער — ווען יענקעלע וואָלט נאָר געוועזן אינדערהיים!

— יענקעלע? — קלערט סאָקאָלאָווסקי — יענקעלע-זשאַק! שוין לאַנג האָט די מאַמע ניט גערופן איר זון באַם דאָזיקן יידישן נאָמען. אין די ערשטע יאָרן אין פּאַריז, ווען זיי האָבן נאָך געוואוינט אַפן „פּלעצל", פלעגט זי אַרויסגיין פאַרנאַכט פאַרן שוועל און רופן אַפן קול דאָס קינד, וואָס איז אַרומגעלאָפן מיט כאַפּטעס חברים איבער די אַרומיקע הויפן:

— יענקעלע קום עסן! קום עסן יענקעלע!

ס'איז געוועזן אַ שמאָל געסל מיט פאַרסאַזשעטע, צוזאַמענגעפּרעסטע הייזער און טונקעלע, מרה-שחורהדיקע הויפן. אין איינעם פון די עלטסטע קוואַרטאַלן פון פּאַריז איז עס געלעגן — אַ סברא אַז די פראַנצויזישע מלכים מיט זייערע מיניסטאָרן און מעטרעסן האָבן דאָרט אַמאָל געוואוינט. ווי אַ שארית הפּליטה פון די אַלטע צייטן האָבן דאָרט די גאַסן געטראָגן אַזעלכע משונהדיקע נעמען ווי למשל „די גאַס פון די דריי מעסערשטעכער", אָדער „די גאַס פון צניעותדיקן בחור". אַנדערע ווידער האָבן געהייסן „די גאַס פון די אַרכיוון" אָדער זיך גערופן לויטן פּרינץ מאָנמאָראַנסי אָדער מיניסטער קאָלבער. יידן האָבן זיך געפּטשלט, אַז דאָס האָבן די פראַנצויזישע מלכים גופא אָפּגעטיילט אַ שטיקל אָרט פאַר

עמיגראַנטן און דערפֿאַר הייסט דער קוואַרטאַל „דאָס פּלעצל". על כּל פּנים האָט מען זינט יאָרהונדערטער ניט איבערגעבויט די געגנט, דער רויך האָט זיך אין משך פֿון דורות געלייגט אַף די שטיינערנע געביידעס און זיי האָבן אויסגעזען פֿאַרחושכט אין פֿאַרגלייך צו די שפּעטער געעפֿנטע בולוואַרן.

אין דער געגנט האָבן זיך געפֿונען אַ סך יידישע געשעפֿטן. אין דער שכנותדיקער „רי ריוואָלי", וואָס יידן האָבן אַ נאָמען געגעבן „ריבעלע־גאַס" זיינען עס געווען געשעפֿטן פֿון פּאַרטיקע שיך, טאַנדעטנע מלבושים און מעבל. אין האַרץ פֿון „פּלעצל" האָבן געהאַט אַ שם עטלעכע כּשרע רעסטאָראַנען און באַזונדערס די ביליקע ראַטשילד־קיך פֿאַר אָרעמעלייט, וואו די גאָפּלען און לעפֿלען זיינען געווען צוגעשמידט מיט אייזערנע קייט־לעך צו די טישן. ס'האָבן דאָרט ס'רוב געגעסן „קאָלשאַרן", וואָס האָבן גע־נעבעכטיקט אונטער די בריקן אָדער אין די מעטראָ־טונעלן.

אין געסל גופֿא זיינען געווען צוויי קרעמלעך, וואו מען האָט פֿאַר־קויפֿט יידישע ספֿרים. איינס פֿון זיי האָט געהאַט אַ גרויסע גלעזערנע וויטריע, אין וועלכער ס'זיינען געלעגן בשכינות פּעקלעך ציצית, מזוזות, פּליטקעס שאָקאָלאַד און פּוטער קיכלעך. וואָרים אויסער תורה האָט מען דאָרט פֿאַרקויפֿט אויך היימישן סעלצן־וואַסער — וואָס פֿראַנצויזן האָבן ניט גענומען אין מויל אַריין, ווייל זיי האָבן געטרונקען ווײַן — און אַרום פּורים האָט מען דאָרט באַקומען פֿרישינקע המן־טאַשן. דאָס צווייטע קרעמל האָט שטענדיק געהאַלטן פֿאַרמאַכט די גרויסע, הילצערנע לאָדנס פֿון אַ מרה־שחורהדיקער, גרויער פֿאַרב. פֿאַרבייגייענדיק האָט מען דאָרט געזען דרימלען באַם פֿאַרבאַנק אַן אַלטן, הויכוויקסיקן יידן. פֿאַרשלאָפֿע־נערהייט פֿלעגט ער אַרויסזוכן פֿון די פֿאַרשטויבטע פּאָליצעס אַ חומש, אַ מעשה־ביכל אָדער אפֿילו אַן אַלטע אויסגאַבע פֿון מענדעלע מוכר ספֿרים פֿאַר אַ זעלטענעם קונה.

שפּעטער האָט מען דאָרט געעפֿנט אַ דריטן, אַ מאָדערנעם ביכער־געשעפֿט, אין וועלכן מען האָט פֿאַרקויפֿט צווישן אַנדערע די צוויי אָרטי־קע יידישע צייטונגען — איינע אַ בעל־הביתיש־ציוניסטישע און די צווייטע — אַ פּראָלעטאַריש־לינקע, אַלטע נומערן פֿון היגן „חודש־זשורנאַל פֿאַר ליטעראַטור", וואָס פֿלעגט דערשיינען אַלע זעקס מאָנאַטן ווי אויך סעלצן־וואַסער, לוחות און לשנה־טובות, אַף וועלכע ס'זיינען געווען אָנגע־מאָלט בלויע טייבעלעך, וואָס האָבן ווידער פֿונדאַסניי געהאַלטן לשנה־טובות אין די שנאָבלעך. יידישע זשורנאַליסטן פֿלעגן זיך דאָרט טרעפֿן

און שפּעטער זייערע „כראָניקעס" בײַ דער בעל־הביתטע, מאַדאַם שפּייזער, וואָס איז געווען אַ שפּרודלדיקער קוואַל פון אַלע נײַעסן פון „פּלעצל".

אין די ארומיקע געסלעך זיינען אַף ס'רוב יאַטקעס געהאַנגען שילד־לעך מיט העברעאישע אותיות „כ ש ר" אָדער „שטרענג כשר" און מײַלמאָל איז אַף די שויבן געווען אויפגעקלעפּט אַ לאַנגע מגילה מיט גאַ־ראַנטיעס פון אַ מרא דאתרא, ועד הרבנים אָדער שומרי שבת. ניט נאָר „אונדזערע יידן", נאָר אַפילו פראַנצויזישע יידן, אַסימילירטע מכמה דו־רות, זיינען אַהערצו געקומען פון ווייטע געגנטן, אַזש פון עלעגאַנטן „פּאַסי" אָדער „בולאָנער וואַלד", אײַנצוקויפן אַף פּסח אין די קרעמ־לעך, וואו מ'האָט אַרויפגעקלעפּט אַף די סחורות עטיקעטן „כשר לפּסח" אָדער „כרמל ווײַן — כשר לפּסח".

צווישן די שטיינערנע מויערן פון די אַלטמאָדישע, מאַסיווע הייזער זיינען געשטאַנען אַרײַנגעפּרעסט צוויי בתי־מדרשים: איינער האָט אַרויס־געקוקט צו דער גאַס און דער צווייטער — אין אַן ענגן הויף אַרײַן. אינ־מיטן וואָך פלעגט מען דאָרט קוים צונויפקלײַבן אַ מנין און וואַרטנדיק אַפן „צענטן", פלעגן די אַלטע לייט שמועסן פּאָליטיק אַפן אַלטן שטייגער. דערמאָנענדיק דערבײַ די אַלטע, גוטע צײַטן. אַף „ימים נוראים" פלעגן „סאָסיעטעס" צודינגען געראַמיקע לאָקאַלן, וואָס האָבן אַ גאַנץ־יאָר געדינט פאַר חתונה־זאַלן, פאַרזאַמלונגען, פלעגן אַראָפּברענגען אַ חזן און פאַר־קויפן בילעטן מיט דער אויפשריפט „אל הרנה ואל התפלה".

דאָס „פּלעצל" איז געווען „אָפּגעגרענעצט" פון דער שטאָט דורך ברייטע בולוואַרן, מאָנומענטן און געראַמיקע פּלעצער. אין דרום האָט אים דורכגעשניטן די ברייט „ריוואָלי גאַס", וואָס האָט אַזוי געהייסן צום אָנדענקונג פון באַנאַפּאַרטעס זיג איבער די עסטרײַכער אין איטאַליענישן דאָרף ריוואָלי. יידן האָבן זי אַף אַ היימישן אויפן גערופן „ריבעלע גאַס" און אַ סך האָבן דעם דאָזיקן נאָמען פאַרבונדן מיט דער אַלטער ריבעלע, וואָס איז דאָרט מכמה שנים געזעסן אַפן טראָטואַר פאַר אַ יידישן קאַפע־הויז און פאַרקויפט פּיסטאַשקעס און יאַנדרעס. נאָך ווייטער אין דרום איז ווי אַן ענדגילטיקע גרענעץ געפלאָסן די סען, וואָס האָט זיך דאָ גע־טיילט אין צוויי אָרעמס מיט אינדזלען אינמיטן טײַך. אַף איינעם פון די דאָזיקע אינדזלען האָט זיך געהויבן די מיטלאַלטערלעכע קאַטעדראַלע „נאָטר־דאַם דע פּאַרי" און געקוקט אַפן „פּלעצל" מיט אירע גאָטישע טו־רעמס, סימבאָלישע שטיין־פיגורן און אויסגעהאַמערטע סקולפּטורן פון הונדערטער הייליקע אַף אירע פאַסאַדן, גזימסן און דאַך ראַנדן. אַרום,

אין גרינעם סקווער, האָבן ארומגעוואָרקעט טויבן און ניאַנקעס האָבן דאָרט געפירט שפּאַצירן פאַרפּוצטע קינדער פון „לינקן ברעג”. אַלס קינד פלעגט זשאָק פאַרקריכן ביז דאָרטן.

אויך א בארימט „עפנטלעך הויז” איז געשטאַנען אַף דער דרום־גרענעץ פון „פלעצל”, צווישן דער סען און ריוואָלי־גאַס. באַטאָג האָט מען עס דערקענט לויט די קריסטאַל־דיקע, אומדורכזיכטיקע שויבן, וואָס האָבן פאַרנומען די גאַנצע פּאַרטער־פּאַסאַדע און באַנאַכט — לויטן גרויסן נומער, וואָס האָט געוואונקען מיט א רויטן שיין. אין שבת־צונאַכטן און זונטיקדיקע אָוונטן זיינען דאָרט פּוילישע ארבעטער, יונגע פראַנצויזן און אַלזשיריאַנער געגאַנגען באַנדעסווייז און ארומגעשטאַנען קאָפּ אַף קאָפּ ביז אין קאָרידאָר אריין. צום דרויסן זיינען פון אינעווייניק דערגאַנגען נאָר ראַדיאָ־מעלאָדיעס און די שטימע פון דער בעל־הביתטע, וואָס האָט אונטערגעטריבן די געסט. טיילמאָל פלעגט די נאַקעטקייט פון א פרוי דורכשימערירן צווישן די יום־טובדיקע טאַנדעט־אַנציגער און לאַנג־דאַ־שעדיקע קאַשקעטן, וואָס האָבן זיך געשטופּט באַם אריינגאַנג, און ארויס־געשיינט ביז אין דער טונקלקייט פון דער גאַס. מעסיע סאָקאָלאָווסקי פלעגט אָפּדרייען דעם קאָפּ פון יענעם ווינקל, ווען ס'איז אים אויסגעקו־מען דורכצוגיין די גאַס. ער האָט מורא געהאַט דאָרט צו זען זשאָקן.

אַף מזרח האָט זיך דאָס „פלעצל” געצויגן כמעט ביז דער „באַס־טיל”, וואו די פאַריזער בירגער האָבן, מיט עטלעכע דורות צוריק, צע־שטערט די קעניגלעכע תפיסה. ווען זשאָק איז אונטערגעוואַקסן, איז ער אַהינגעגאַנגען יעדן פערצנטן יולי באַנאַכט צוזוקוקן ווי מען טרינקט אין די אָנגעפּיקעוועטע „קאַפעס”, ווי מען איז זיך משמח און מען טאַנצט אין אַלע ארומיקע גאַסן ביזן העלן טאָג אריין. אַף מערב האָבן זיך צע־לייגט די „צענטראַלע האַלעס”, וואו ס'האָט גערוישט און געקאָכט א גאַנ־צע נאַכט און א שטיקל ווייטער — די פּאַלאַצן פון „לואוור־מוזיי”. העלע־נען האָט געצויגן הינצו און אפילו דער מאַמען האָט זי אַמאָל מיטגעשלעפּט צו באַוואונדערן אירע באַליבטע „רעמבראַנדטס” און „ראַפאַעלס”.

קיין צפון האָבן שמאָלע געסלעך געפירט צו דעם „רעפּובליק־פּלאַץ”, אַף וועלכן ס'זיינען פאַרגעקומען ארבעטער־מאַניפעסטאַציעס ארום דער „רעפּובליק־סטאַטוע” מיט דער אויפגעהויבענער האַנט. ארויפגעארבעטע יידן פון „פלעצל” האָבן אריבערגעוואַנדערט אין יענער געגנט, פון וועלכער עס האָבן זיך געצויגן אין אַלע זייטן, ווי שפּיצן פון א שטערן, ברייטע האַנדלס־גאַסן.

דאָס רוב פון די ערשטע יידישע עמיגראַנטן האָבן זיך אַנידערגעלאָזן אפן „פּלעצל". זיי זיינען דאָרט שטעקן געבליבן אפן וועג קיין ניו־יאָרק, בוענאָס איירעס אָדער ריאָ דע זשאַנעיראָ, אָדער זיי זיינען געקומען דירעקט אַהינצו און פאַרפאָרן צו באַקאַנטע, באַ וועלכע מ'האָט געקענט איבערנעכטיקן די ערשטע נאַכט און נאָכפרעגן מכּוח אַרבעט. אויך פּאָלאַקן האָבן זיך באַזעצט אין דער געגנט: ווייל זיי האָבן זיך דאָרט לייכטער געקענט צונויפריידן אין די קרעמלעך, ווייל מ'האָט דאָרט באַקומען שוואַרצן ברויט און הערינג, ווייל מ'האָט געקענט עסן בחצי חנם אין דער ראָטשילד־קיך און ווייל מ'האָט זיך דאָ סתם געפילט היימישער, ווי צווישן אייגענע, סיי אין די אָנגערויכערטע קאַפע־הייזער און סיי אין די ענגע הויפן.

פון דאַנען האָבן די יידישע אימיגראַנטן זיך געלאָזן אין אַלע עקן פאַריז. אַרבעטער האָבן איבערגעוואַנדערט קיין מזרח, צום „בעלוויל", וואו זיי האָבן פאַרלייגט זייערע „קלובן" און „קולטור הייזער"; אַרויפּגעאַרבעטע האָבן זיך געגליטשט איבער די אינדוסטריע־געסלעך ביז די „גרויסע בולוואַרן", וואו זיי האָבן געעפנט שיינע געשעפטן און געדונגען באַקוועמע דירות אין די זייטיקע גאַסן. דאָס איז געווען דער ערשטער עטאַפּ. אַ טייל האָט שפּעטער געוואַנדערט נאָך ווייטער צום מערב: צום עלעגאַנטן קוואַרטאַל פון „פּאַסי", צו „אָטעי", צו די נייע הייזער, וואָס מ'האָט דאָרט געבויט בשכנות פון בולאָנער וואַלד. דאָרט זיינען ניט געווען ניט קיין יאַטקעס פון „בשר כשר", ניט קיין ספרים־קרעמלעך און ניט קיין שולן — אויסער די עטלעכע שיינע סינאַגאָגעס פון די אַלטגעזעסענע, פראַנצויזישע יידן. די קינדער האָט מען געשיקט שטודירן און מיט דער צייט האָבן זיי געדאַרפט זיך אַריינגיסן און זיך צוזאַמענשמעלצן מיט די אַסימילירטע איזראַעליטן.

ס'איז געווען אַ מין רייזע איבער פאַריז, וואָס האָט געהאַט איר אָנגעצייכנטן מאַרשרוט, וואָס איעדער פון די „פּאַסאַזשירן" האָט אַליין אַנטדעקט, ווייל ער איז ניט געשטאַנען אין קיין שום „בעדעקער", אָדער אַנדערן „וועג־ווייזער". גאָר ניט ווילנדיק האָבן זיי זיך ווידער געטראָפן, די „פּאַסאַזשירן". און ס'איז געווען אַ נסיעה, וואָס קרובים און גוטע פריינט האָבן אויך געמאַכט, ערגעץ אַנדערש, איבער ווייטע, גרויסע כרכן, איבער לאָנדאָן, ניו־יאָרק אָדער בוענאָס איירעס.

אויך משפּחה סאָקאָלאָווסקי האָט געהאַט געמאַכט דעם ערשטן עטאַפּ צו די „גרויסע בולוואַרן". אין דער לעצטער צייט, פאַרן אויסברוך

פון שטורעם, האט די מאמע אפילו שוין אריינגעוואָרפן אַ וואָרט וועגן איבערציען זיך ווייטער, אין דעם מערבדיקן זעכצנטן אַראָנדיסמאַן, וואו זי וואָלט געוואוינט בשכנות פון איר טאָכטער, וואָס האָט חתונה געהאט מיט אַן אינזשעניער, כמעט אַ געבאָרענעם אין פּאַריז. אָבער דער שטורעם האָט צעשטערט אַלע פּלענער.

ניט נאָר וואָס ער קען ניט קלערן וועגן אַ נייער דירה אין אַ ווייטן קוואַרטאַל, נאָר ער האָט אפילו מורא דורכצוגיין עטלעכע גאַסן פון דער געגנט. ווען מעסיע סאָקאָלאָווסקי כאַפּט זיך אַראָפּ אינדערפרי אויף זיין קליינעם שפּאַציר, גייט ער נאָר אַהין און צוריק, לעבן שטוב, וואָגט ניט דערגיין ביז צום נאָענטן ראָג, ווי אַ ווילדע, פאַרטייעטע חיה וואָלט דאָרט אויף אים געלויערט.

די גאַנצע שטאָט איז מיטאַמאָל איינגעזונקען געוואָרן פאַר אים און פאַרבליבן זיינען נאָר די בענער מיט די האַקנקרייצן, וואָס פלאַטערן איבער די הויכע געביידעס. ער האָט מורא זיך אַרומצוקוקן, כדי ניט צו דערזען די רויטע פּלאַקאַטן, וואָס שרייען אַראָפּ פון אַלע ווענט. מיט אַן אימהדיקער שטימע שרייען זיי אויס די נעמען פון די משכנות, וואָס מען האָט אויסגעשאָסן. עס ציט אים, סאָקאָלאָווסקין, איבערצולייענען די נעמען, און ער האָט מורא זיך צו דערנענטערן, טאָמער דערזעט ער דאָרט זשאַקס נאָמען.

ער איז שוין לאַנג ניט געווען אין יענע קוואַרטאַלן, וואו ער האָט אָנגעהויבן די סדרה פּאַריז. נאָר וויל זיין וויב רופט דעם זון באַ זיין קינדישן, יידישן נאָמען פון יענע צייטן און וויל ער האָט ניט קיין אָנהאַלט אין איצט, וואַקסט אויס די פאַרגאַנגענהייט פאַר זיינע אויגן.

זשאַק האָט דאָרט געלערנט אין דער פראַנצויזישער שולע און זונטיק און דאָנערשטיק — אין דער יידישער, אין אַ מין חדר. אין די פאַרנאַכטן האָט ער געשפּילט מיט די קינדער פון געסל אויפן בית־המדרש־הויף, צווישן די ספרים־קרעמלעך און דער ראַטשילד־קיך. און די מאַמע האָט אים דאַן גערופן אויפן קול, איבערן גאַנצן געסל:

— יענקעלע קום עסן! יענקעלע!...

זי האָט זיך נאָך דאַן געפירט ווי אינדערהיים: געבענטשט ליכט פרייטיק צונאַכטס, אויפגעהיט שטרענג אַ כשרע קיך און גערעדט מיט די שכנטעם רכילות איבער די אונטערגעוואַקסענע מיידלעך פון מאַדאַם שפּייזער, וואָס איינע פון זיי האָט זיך געשמירט די ליפּן מיט רויט, איז

געוואָרן אַ סעקרעטאַרן באַ אַ לינקן דעפּוטאַט און איז געקומען מי יודע ווי שפּעט אַהיים.

שפּעטער האָט מען זיך אַרויסגעקליבן פון „פּלעצל" צו די „גרויסע בולוואַרן" צו, מען האָט געדונגען אַ שיינע דירה און אין אַ צייט אַרום — נאָך אַ שענערע, טאַקע די, אין וועלכער מען וואוינט אצינד: מיט גאַז און עלעקטריע, מיט באַזונדערע צימערן פאַר די קינדער און אַ מאָדערנעם שלאָף־צימער פאַר זיך. ער האָט דאַן געמוזט מפסיק זיין זיין אַרבעט אין געשעפט און זיך אַרומשלעפּן אַ גאַנצן טאָג מיט זיין ווייב אָנצוקוקן מעבל. אַזש ביז „פאַבור פון הייליקן אַנטואַן", וואָס איז געווען באַרימט מיט זיינע מעבל־געשעפטן, זיינען זיי פאַרקראָכן און מכל המינים עס־צימערן און שלאָף־צימערן האָבן זיי אָנגעקוקט. זינט רחל איז געגאַנגען מיט דער מאַמען, מיט העלענען, אין „לוואַור" און דאָרט געזען אַ באַלדאַכין „לוי־וויק דער פערצנטער", אַזאַ מין חופּה־בעט, האָט זי אָנגעהויבןריידן וועגן סטיל אין מעבל. זי האָט געוואָלט, זיי זאָלן זיין אי שיין, אי מאָדערן, אי מאַסיוו. ניט אַזוי צוליב זיך האָט זי עס געוואָלט ווי צוליב די קינדער, וואָס זיינען אונטערגעוואַקסן און געמוזט האָבן אַ פּנים צו לייטן גלייך.

די קינדער האָבן זיך שוין אַפריער „אַרויסגערוקט" פון „פּלעצל", נאָך דאַן ווען די משפּחה האָט דאָרט געוואוינט. העלען האָט גאָר פרי אָנגעהויבן אויסצופּן אירע ברעמען און שמירן אירע ליפּן מיט רויט. פאַרבליבן איז פון אירע ברעמען אַ דין שנירעלע, אין אַ האַלבן קרייז, וואָס זי האָט פאַרלענגערט מיט אַ קוילן־שטריך צו די שלייפן צו. אַ שלאַנקע, אַ שוואַרץ־חנ'עוודיקע האָט זי צוגעפּאַרבטערהייט אויסגעזען ווי אַן עכטע פּאַריזערין. זעלבסטשטענדיק האָט זי געוואָלט ווערן און זי האָט זיך דער־ייבער געלערנט סטענאָגראַפיע, דאַקטילאָגראַפיע און ענלעכע מלאכות. ס'האָט איר געצויגן צום מערב: צו „לוואַור", צום ראָדען־מוזיי, צו דער־קאָמעדי־פראַנסעז. זי איז געלאָפן אויף קאָנצערטן און זיך געטראָפן מיט יונגע מאָלער און שרייבער אויפן מאָנפּאַרנאַס. דערנאָך האָט זי חתונה גע־האַט פאַר אַן אינזשעניער און איר מאַן זיצט אצינד אין לאַגער „דראַנסי".

זשאַק איז אַוועק אויף יענער זייט סען, צום „לינקן ברעג": צו דער אוניווערזיטעט, ביבליאָטעקן און קאַפע־הייזער פון לאַטיינישן קוואַרטאַל. די מאַמע האָט אויף אים געלייגט גרויסע האָפענונגען: דאָס „קריינדל" פון דער משפּחה וועט ער ווערן! אַ באַרימטער אַדוואָקאַט, אַ דאָקטער מיט אַן אַריסטאָקראַטישער קליענטעלע... זשאַק האָט פלוצלינג אויסגעדרייט דעם דישעל צום מזרח, וואו עס זיינען פאַרגעקומען די אַרבעטער־מאַניפעסטאַ־

ציעס פון „באסטיל" צו דער „קאָמונאַרן וואַנט". פון דאַן איז ער פרעמד געוואָרן דער עלטערן־שטוב. דאַן האָט זיך עס שוין אָנגעהויבן — קלערט אַצינד מעסיע סאָקאָלאָווסקי.

אויך די מאַמע האָט אַ צייט לאַנג מיטגעמאַכט דעם גייסטיקן מאַר־שרוט: געלאָזט זיך פירן פון דער טאָכטער אין „שטאָט אַריין", באַשטעלט עטלעכע קליידער אין מאָדע־סאַלאָנען און פאַרבלאָנדזשעט אין אַ מוזיי אַריין. דעמאָלט טאַקע האָט זי זיך געענדערט דעם נאָמען פון רחל אָף ראַ־שעל. ניט אַזוי צוליב זיך ווי צוליב די קינדער האָט זי עס געטאָן. די קינדער זיינען דאָך שוין געווען אמתע פראַנצויזן, פאַריזער כמעט.

נאָר ער, דער טאַטע, האָט ניט געקלערט וועגן אָנהויבן פונדאָסניי. ער איז געווען פאַרטאָן אין געשעפט, אין איינקויפן שטאָפן, אַרויסגעבן אַרבעט, וועקסלען און דיסקאָנטאָס. דער גייסט פון דער שטאָט האָט אים ניט דורכגעדרונגען. די שטאָט מיט אירע קאַטעדראַלעס און היסטאָרישע מאָנומענטן, פּאָליטישע קאַמפן און קונסט־קאָלעקציעס האָט זיך פאַרביי־געגליטשט פאַר זיינע אויגן און ניט איבערגעלאָזט קיין טיפע שפּורן. דער שטורעם, וואָס האָט זיך פאַמעלעך אָפּגעריסן אינדרויסן, האָט געקלאַפּט אין דער טיר און אינעווייניק האָט מען נאָר געהערט די פייפעריי צווישן די דעכער.

אַמאָל, אין זיין שטעטל, האָט ער געהאַט זיין אייגענע, גייסטיקע וועלט. אַ וואַוילערנער און אַ חקרן אין אמונה זאַכן איז ער דאַן געווען, דער שפּעטערדיקער מעסיע מאַרים סאָקאָלאָווסקי. בחורווייז האָט מען פון אים שטאַרק געהאַלטן און אַפילו נאָך דער חתונה, ווען די דאגות פרנסה האָבן געדריקט ווי אַן עול אויפן קאָפּ, האָט ער נאָך געפונען צייט אַריינצו־קוקן אין אַ ספר. גאָר פרומע לייט האָבן אים אַפילו געהאַלטן פאַר אַ שטיקל אַפּיקורס, ווייל ער האָט מער געהאַלטן פון אַריינקוקן אין אַ רמב"ם איי־דער פון שלינגען קאַפּיטלען תהילים אָדער „זאָגן" סתם אין דער וועלט אַריין. שפּעטער האָט ער אויך אָנגעהויבן לייענען צייטונגען און האָט זיך געקווינקט מיט די פּאָליטישע מאמרים, איבער די אומות העולם און זייערע טועכצן, אַרטיקלען, וואָס זיינען גלייכצייטיק געווען דורכגעפלאָכטן מיט מאמרי חז"ל און מאָדערנע חדושי־תורה.

אָבער די פופצן יאָר פאַריז האָבן אָפּגעטעמפּט אין אים יענע וועלט. יענע רוחניותדיקע יידישקייט איז אים דאָ אויסגערונען צווישן די פינ־גער, זי איז ווי פאַרטונקלט געוואָרן דורכן ים ליכט, וואָס האָט געכוואַליעט אין די נעכט פון מאָנמאַרטר־באַרג ביז אין די פאַרשטעט אַרום און אַרום.

דאָרט, אין שטעטל, האָט מען דערקוויקט די נשמה בין מנחה למעריב מיט א הריפותדיקן תוספות, וואָס „האָט געריסן בערג און זיי צוזאמענגעמאָלט״. אזא ייד ווי ער, א יודע ספר, האָט יום־טובים צייט זיך פאַסמאַקעוועט מיט א קונציקן א״ת ב״ש, מיט א שכלדיקן בגמטריא פון א בעל־הטורים, מיט פזמונים פון מחזור, וואָס — ווי מען זאָגט — שטייגן זיי איבער אַלע פּאָעזיעס פון די אומות העולם. די לומדות איז געווען דער עקר שבעקרים, וואָרים אַלע הכמות זיינען דאָך שוין נתגלה געוואָרן צו משה רבנו אפן בארג סיני און זי האָט כולל געווען די גאנצע וועלט מיט די פיש אין וואסער און די פויגל אונטערן הימל.

אויך שפּעטער, ווען מ׳האָט זיך באַקענט מיט דער „קולטור״, האָט מען נאָך געקענט שטאָלצירן מיט אזא רמב״ם, וואָס איז געווען אי א גאון בא יידן און דערצו א דאָקטער און פילאָזאָף בא דעמאָלטיקע מלכים און הארן און איעדער האָט געוואוסט, אז מיר זיינען שוין געווען א פאָלק מיט קולטור, ווען „זיי״ זיינען נאָך געווען הזירים־פּאסטוכער אָדער סתם געזעסן אף די בוימער...

אָבער דאָ, צווישן דער „באסטיל״ און דעם לואוור״ האָט די יידישקייט פארלאָרן פון איר זיכערקייט און חשיבות. אפילו אפן „פּלעצל״ גופא, צווישן די כשר־יאטקעס און ספרים־קרעמלעך איז עם געווען א מאָגערע יידישקייט, הויט מיט ביינער. פארדרענגט איז זי געוואָרן אין שאָטן פון דער גאָטישער קאטעדראלע, פארשריען אין ליארעם פון די ליכט־רעקלאַמעס, רוישיקע נאכט־לאָקאלן און פּאָליטישע שטורמען, וואָס האָבן אויפגערודערט די וועלט.

אמת, קיין „פּראנצויז״ איז מעסיע סאָקאָלאָווסקי אויך דאָ ניט געוואָרן. ער האָט זיך אויסגעלערנט די שפּראך אף וויפל ס׳איז אים געווען נויטיק צום געשעפט. עטלעכע מאָל איז ער אריין אין א קינאָ. אָנשטאָט „פּאַניע״, ווי אין דערהיים, האָבן אים קונדן באטיטלט מיט „מעסיע״. אָבער זיינע וויכטיקסטע ידיעות איבער דעם מהות פון די פראנצויזן האָבן נאָך עד היום געשטאמט פון יענע מאמרים איבערן דרייפוספּראָצעס, וואָס ער האָט אינדערהיים נאָך פארשלונגען מיט אזויפיל דורשט. און אויך זיינע הויפּט־ידיעות איבער דער פראנצויזישער ליטעראטור האָבן געשטאמט פון זעלבן מקור, וואו עמיל זאָלא איז געלויבט געוואָרן אלס אן אוהב ישראל.

ער האָט זיך אויך ניט אריינגעפּאַסט אין דער עולם הזהדיקייט פון די שכנים, וואָס האָבן דערהויבן צו א גייסטיקן קולט אזעלכע גשמיותדיקע

ענינים ווי אכילה, טרינקען און שיינקייט פון פרויען. טײלמאָל איז אים אויסגעקומען אריינגיין וועגן געשעפט אין אַ קאַפע־הויז און ער איז נשתומם געוואָרן ווי זיין באַגלייטער, אַ היגער, האָט זיך אַזוי שטאַרק מישב געווען, וואָס ער זאָל טרינקען. אַ קלייניקייט עפּעס, אַן אמתע חומרא: זאָל ער נעמען אַן אַפּעראַטיוו „פּערנא" אָדער אַ קאָניאַק „מאַרטעל"?...

אַפילו די פּאָליטיק האָט אים דאָ אינטערעסירט ווייניקער ווי אַמאָל, הגם ער האָט געלעבט אין צענטער פון וועלט־געשעענישן. אינדערהיים האָט זי געהאַט אַן אַנדער טעם, די פּאָליטיק: ס'איז געווען אַן ענין פאַר חקירה, פאַר אַ שאַרפזיניקן ממה נפשך; זי האָט גערינגט אַלס אַן אײדעלער שמועס פאַר פיינע בעלי־בתים און געווען איז זי אין תוך אַ הלכתא למשיחא, וואָס אַ פּשוטער בשר ודם קען אין איר גאָרנישט ענדערן. דאָ איז עס געווען אַ וואָכעדיקער ענין מיט רייסערייען, שטרייקן און געוואַלדן עד לב השמים. ביז שיסערייען איז עס דערגאַנגען.

דער שטורעם, וואָס איז געהאַנגען אין דרויסן, האָט דעריבער געהאַט אַ שוואַכן אָפּקלאַנג אין זיין נשמה. נאָר די קינדער האָבן מיטגעבראַכט דעם ריח פון דער אַרומיקער, פּולסירנדיקער שטאָט; זיין גינסטיקע וועלט האָט זיך געטונקט אין אַ בין השמשותדיקן גרוי, וואו מען קען אין דער אַרומיקער טונקלקייט קוים אונטערשיידן צווישן בלוי און ווייס, צווישן וואָלף און הונט. פאַראייִנצלטע שטראַלן האָבן זיך אַריינגעוועבט אין דער־מערנדיקן חלל און דערציילט פון אַ פאַרגייענדיקער זון, ערגעץ הינטער ווייטע, רויטלעכע האָריזאָנטן. און אַזוי שטאַרק איז נאָך געווען דער כוח פון די גרויסע שטראַלן, אַז זיי האָבן ניט דערלאָזן דעם קאַלטן, העלן שיין פון די אויפגייענדיקע שטערנס צו פאַרנעמען זייער אָרט.

און דערפאַר האָט ער זיך מיט לב ונפש אַריינגעטאָן אין געשעפט, אַריינגעלייגט די רעיונות און די צייט אין קונדן און סחורה, וועקסלען און דיסקאָנטאָס.

אַצינד בושעוועט דער שטורעם און פּלוצלימדיקע בליצן שניידן דורך די האָריזאָנטן און אַנטפּלעקן שטיקער פון פאַרגעסענער פאַרגאַנגענהייט. אַצינד', ווען זיין געשעפט איז „אַריעריזירט", האָט ער צייט אַריינצו־טראַכטן און, ווי אַ סופלאָזער יום־כפּור וואָלט זיך צעלייגט אַף דער וועלט, מאַכט ער אַ חשבון־הנפש אין משך פון טעג און חדשים.

אַצינד זיינען די קינדער אַוועק. די גרויסע וואוינונג מיט אירע שיי־נע מעבל זעט אים אויס פּוסט און פאַרלאָזן. און ער מיט רחלען שטייען דאָ בײַ דער טיר פון קאָרידאָר, טוען ניט אויס די מאַנטלען, ווי זיי וואָלטן

דאָ געווען געסט אַף אַ ווייל, ווי מען וואָלט זיי אַ ליאַדע מינוט געקענט ארויסבעטן פון דאַנען. און ווייל ס'איז אַלץ נאָר אַף אַ ווייל, ווייל דער „איצט" וואַקלט זיך און הענגט אַף אַ האָר, זיינען זיי אַזוי אָנגעלאָדן און דורכגעדרונגען מיט זכרונות פון עבר, וואָס ווערן דורכגעוועבט מיט אַ טונקלען שווערן פאָרגעפיל פון אַ מיסטעריעזן, אין אַ שוואַרצן שלייער איינגעהילטן, מאָרגן.

אויך די מאַמע איז אַ לאַנגע ווײַלע געשטאַנען פאַרזונקען אין אירע געדאַנקען. אפשר האָט די גאַנצע צייט נאָר איין און איינציקער געדאַנק זיך געוויקלט אין איר קאָפּ:

„אַניט זינדיק איך?... ווען יענקעלע וואָלט נאָר דאָ געווען!"

פערטער קאַפּיטל

ווען דער אַלטער איז אַראָפּגעגאַנגען, האָט זיך זשאַק צוריק אַריינגעלייגט אין בעט און זיך איינגעדרייט אין די פאַרסמאָדערטע קאָלדרעס און מלבושים, וואָס ער האָט געהאַט צוזאַמענגעשלעפּט פון די שאַפעס און קאָמאָדן. האַלב איינגעדרימלט האָט ער געטראַכט וועגן מיידל, וואָס איז היינט אינדערפרי גאַנץ אומדערוואַרט געקומען באַזוכן דעם אַלטן. באַלד האָט זיך אים אָנגעהויבן פּלאָנטערן אין קאָפּ דאָס אַנדערע מיידל, וואָס האָט געוואוינט אין קליינעם האָטעל, איין שטאָק נידעריקער פאַר אים. פאַרבייגייענדיק האָט ער זי אָפט געזען דורך דער אָפענער טיר. זי האָט געטראָגן אַ ברייטן, געבלימלטן שלאָף־ראָק און אין די פאַרנאַכטן האָט זי געזונגען פאַרבענקטע ליבע־לידער. דער אַלטער האָט געזאָגט, אַז בײַ דער אויספאָרשונג האָט זי געפּלאָנטערט מיט דער צונג.

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער פאַרזיכטיק געעפנט אַ שטיקל לאָדן און אַרויסגעקוקט אין גאַס. שוין מיטאָג! — האָט ער אַ קלער געטאָן — דער עולם גייט פון דער אַרבעט!

ער האָט דערהערט טריט אין קאָרידאָר און איינגעהאַלטן דעם אָטעם. אין אַ ווײַלע אַרום איז דער אַלטער אַריין אין צימער.

— ווידער געשלאָפן? — האָט ער געפרעגט — איצט האָב איך געבראַכט עפּעס צום קייען.

— שוין צוועלף? — האָט געפרעגט זשאַק.

— האַלב איינס. שוין נאָכן מיטאָג־עסן. היינטיקע צייטן עסט מען אַף גיך, בפרט דאָנערשטיק, ווען מען טאָר ניט עסן קיין פלייש!

פון אַ צייטונגס־פּאַפּיר, וואָס ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט, האָט ער אַרויסגעוויקלט אַ שטיקל ברויט און עס אָוועקגעלייגט אַפן טיש. דאַן האָט ער אַרויסגעצויגן פון בוזים־קעשענע אַ פלעשל מיט אַ ביסל ווײַן און אָוועקגעשטעלט דאַנעבן.

— פרומע לייט — האָט ער בשעת מעשה געדרשנט — האָבן קיינ־מאָל ניט געגעסן קיין פלייש אום פרייטיק. אָבער היינט איז די וועלט שוין צו פרום — אויך דינסטיק, מיטוואָך און דאָנערשטיק זיינען פלייש־לאָזע טעג!

זשאַק איז אַרויסגעקראָכן פון בעט און זיך צוגערוקט צום טיש.

— גוטע יאָרן דערלעבט — האָט דער אַלטער אַריינגעגאָסן דעם וויין אין אַ גלאָז — פראַנצויזן אָן וויין!

— אָט האָבן מיר נאָך אַ ביסל!

דער אַלטער האָט אויפגעהויבן דאָס גלאָז און עס באַטראַכט אַנט־קעגן שיין:

— יאָ, דאָס וואַסער, וואָס מען האָט דאָ צוגעמישט, איז עכט, — ניט קיין ערזאַץ!

דאַן האָט ער באַטראַכט זשאַקס בעט:

— געווען קאַלט באַנאַכט? כ׳האָב זיי דאַן אָפּגעשיקט אַלע דעקעס. ניט געוואוסט, אַז ס׳וועט דאָ עמעצער קומען וואוינען.

— מען גיט זיך אַן עצה! — האָט זשאַק זיך גענומען צום עסן.

— שווער צו לעבן היינט אין פּאַריז! — האָט אַ זיפץ געטאָן דער אַלטער — זעט איר, דער פּאַליציאַנט, דעם האָבן זיי שוין צורעכט גע־מאַכט און ער איז פונדעסטוועגן אויפגעשטאַנען תחית המתים.

— וועלכער פּאַליציאַנט? — האָט זשאַק אָפּגעביסן אַ שטיקל ברויט.

— יענער, פון גאַראַזש אַף מאַזשענטאַ. איך האָב דאָך אייך דער־ציילט. אַ סברה, אַז מען האָט ווידער מטריח געווען אַלע לאָקאַטאָרן פון דער „גוטער האָפענונג״. ער האָט זיי אָנגעקוקט און האָט קיינעם ניט דערקענט.

— מען האָט זיי באַפרייט?

— יאָ, כמעט אַלע. אויסער דעם מיידל. זיי האָבן געמוזט געבן באַווייזן, וואו זיי האָבן זיך געפונען אין יענער מינוט. היינטיקע צייטן מוז אַ מענטש קענען באַווייזן מיט עדות, וואו און וואָס ער האָט געטאָן אַ גאַנצן מעת־לעת. אפילו פאַר די באַנאַכטיקע שעהן, אין בעט, מוז ער האָבן אַן אַליבי... זעט איר, כ׳האָב דאָסמאָל קיין מורא ניט: וואָרים פונקט דאַן, ווען מען האָט געוואָרפן די באָמבעס אַף מאַזשענטאַ, האָב איך גע־עפנט די בריק איבערן קאַנאַל.

זשאַק האָט אויפֿגעהערט קייַען און געוואָרפֿן אַ פֿאַרשנדיקן בליק אַפֿן אַלטן.

— און איר? — האָט יענער געזאָגט — איר זייַנט אודאי געקומען פֿון אַ לויה?

זשאַק האָט אַ שמייכל געטאָן און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אַף יאָ.

— אַ לויה איז גאָרנישט שלעכט! — האָט פֿאַרזיכערט דער אַלטער

— אַ מת קען געוויינלעך ניט ריידן און קיין שום פּאָליציי וועט פֿון אים גאָרנישט אַרויסקריגן. אָבער וואָס טוסטו צום ביישפּיל?... — ער האָט זיך אַ קראַץ געטאָן אין קאָפּ און פֿאַריכט זייַן היטל — לאָמיר זאָגן, אַז דו שלאָפֿסט גראַדע מיטן ווייַב פֿון אונדזער פּאָליציי־פּרעפֿעקט און דאָרט פֿאַלט עמעצן איין אויסגערעכנט אין יענעם מאָמענט צו וואַרפֿן אַ באָמבע אַף דער פּרעפֿעקטור? וואָס זאָגסטו דאַן — וואו ביסטו געווען?

— מיר דאַכט זיך, אַז אונדזער פּרעפֿעקט איז גאָר אַן אַלמן! — האָט געזאָגט זשאַק, אַן אויפֿגעהייטערטער פֿון וויין, פֿון ברויט און דעם אַלטנס לאַנגע דרשות.

— דאַן זייַנט איר אַ בר־מזל! זעט איר, באַ די לאָקאַטאָרן פֿון דער „גוטער האָפֿענונג" האָבן זיי געוואָלט אַרויסקריגן ווי ער האָט געהייסן, יענער פֿאַרשוואונדענער פֿויגל פֿון האָטעל, דער שאַרל פּויאַלאָ, ווי ער הייסט...

זשאַק האָט אַ ציטער געטאָן און זיך אינסטינקטיוו אַ כאַפּ געטאָן פֿאַר דער בוזים־קעשענע, וואו ער האָט געהאַלטן זייַנע פּאַפּירן. יעדן טאָג האָט אים דער אַלטער געבראַכט נייעס, פֿונדעסטוועגן איז ער נאָך ניט גרייט געווען אַף אַלע סורפּריזן. דער אַלטער האָט אים שאַרף באַטראַכט.

— אויב זיי ווייסן שוין אַפֿילו זייַן נאָמען, וועלן זיי אים זיכער באַלד כאַפּן! — האָט זשאַק באַמערקט אין אַ ווײַלע אַרום.

— ווער ווייסט? אָט ווייזט זיך אַרויס, אַז ער זיצט גאָר זינט אַ לענגערער צייט אין אַ געפֿאַנגען־לאַגער. מען האָט אַנטדעקט זייַנע קרובים לעבן פּאַריז און זיי געשיקט רופֿן — ס'הייסט מען האָט זיי אַרעסטירט — און זיי טענהן, אַז זייער טייערער קרוב זיצט זינט אָנהויב קריג פֿאַרשפּאַרט אין דייטשלאַנד. איז ווי האָט ער געקענט גלייכצייטיק וואַרפֿן באָמבעס אין פּאַריז און אַף בולוואַר מאַזשענטאַ דערצו?

— אפשר האָט ער געמאַכט ויברח פֿון לאַגער? עס האָבן שוין פּאַסירט אַזעלכע פֿאַלן. — האָט זשאַק געפּרוּווט אויפֿקלערן דעם ענין על פּי שכל.

— אָפּן דאָזיקן שכל איז אויך די געשטאָפּאָ געפאַלן. אַ סברא, אַז זיי האָבן דאָרטן אָנגעפּרעגט טעלעגראַפיש און ס'איז געקומען אַן ענטפער, אַז ער זיצט דאָרט ווי אַ טאַטע. אַ פאַרפּלאָנטערטע געשיכטע, וואָס? אין דאָס מיידל פון האָטעל האָבן זיי נאָך אַלץ ניט באַפרייט.

זשאַק איז געוואָרן אויפמערקזאַם, אָבער דער אַלטער האָט שוין גע־רעדט וועגן עפּעס אַנדערש:

— כ'האָב היינט געזען, אַז איר האָט כּלל ניט קיין אינטערעס פּאַר פּרויען. נו, יאָ, אַז מען קאָרמעט זיך נאָר מיט וואַסערדיקן ווייַן און טרו־קענעם ברויט, האָט מען שוין אין זינען נאָר אַ צוגעפּראַוועטן ביפשטעק מיט געבראָטענע קאַרטאָפּעלעך. זעט איר, ווען מיר זיינען געלעגן אין די טראַנשייען, בעת דער לעצטער וועלט־מלחמה...

— איר זיינט געווען אין דער לעצטער וועלט־מלחמה? — איז זשאַק ווידער געוואָרן מיסטרויאיש — מיר דאַכט זיך, אַז איר זיינט שוין צו אַלט!

— כ'האָב פאַרגעסן, אַז איר זיינט נאָך אַזוי יונג. איך מיין, פאַר־שטייט זיך, יענע פון 1914-1918. עד היום רופן מיר זי נאָך די לעצטע מלחמה. ס'איז דערפאַר וואָס מען האָט אין אונדז אַריינגעטענהט פיר יאָר נאָכאַנאַנד, אַז עס וועלן שוין מער קיין מלחמות ניט זיין. אָבער ווי עס ווייזט אויס איז עס דאַן געווען די „ערשטע־לעצטע" און איצט זיינען מיר מיט מזל באַ דער „צווייטער־לעצטער", ביז אם ירצה השם...

ער האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער און דערלאַנגט זשאַקן די האַנט:

— כ'וועל שוין גיין צו דער אַרבעט. אפשר וועל איך זיך אַרויפכאַפּן אין אָוונט. אָדער איך וועל גאָר צושיקן מיין באַקאַנטע מיט עפּעס עסן.

פינפטער קאַפּיטל

פון ראַדיאָ האָט אַרויסגעזונגען אַ פאַרבענקטע פרויען־שטימע. „העלען האָט פאַרגעסן צוצומאַכן דעם קאַסטן!" — האָט אַ ברום געטאָן סאָקאָלאָווסקי, אַריינגייענדיק אין עס־צימער. ער אַליין פלעגט אים לעצטנס כּלל נישט אויפדרייען. אַט הערסטו מוזיק אָדער סתּם ידיעות און פּלוצלינג, פון דער העלער הויט, מישט זיך אַריין דער שטן און צעשרייט זיך אויף קולי קולות: די יידן האָבן געמאַכט די מלחמה!... די יידן האָבן פאַרקויפט פראַנקרייך, דייטשלאַנד, די גאַנצע וועלט!...

ער איז צוגעגאַנגען צום אַפּאַראַט און אים געשלאָסן. די שטימע איז פאַרשטומט געוואָרן. ס'איז געוואָרן שטיל.

איצט האָט העלענס קול אויפגעטויכט אין זיינע אויערן. זי איז דאָ היינט ווידער געווען. זיך אַרויפגעכאַפּט אויף אַ ווײַלע און זיך גלייך געקליבן אַוועקצוגיין. און ווען ער האָט פּרובירט זי פאַרהאַלטן, האָט זי געזאָגט:

— גיין, טאַטע, כ'מוז גלייך גיין! כ'וועל היינט אַרויספאָרן קיין ראַנסי און די אויטאָבוסן אַהינצו זיינען תּמיד געפּאַקט. מען מוז קומען באַצייטנס, כּדי צו קריגן כאָטש אַ שטייענדיקן פּלאַץ!

קיין נייעס האָט זי ניט דערציילט — אַרומגעלאָפן נעכטן אַ גאַנצן טאָג און זיך גאָרנישט דערוואוסט. אָבער אַלע רייד אירע האָבן זיך געדרייט אַרום זעלבן געדאַנק:

היינט איז שוין פּרייטיק. אויב מען וועט ביז האַלבער נאַכט ניט אויסגעפינען די טעראָריסטן!...

זי האָט עס אַרויסגערעדט אָפן קול און ער האָט עס אַרויסגעהערט פון איר שווייגן. בעתן עפענען די טיר אַוועקצוגיין האָט זי נאָך געזאָגט:

— אפשר וועל איך זיך דאָך עפּעס דערוויסן!

בשעת מעשה האָבן אירע אויגן געקוקט טרויעריק:

— כאַטש וואָס העלפט דאָ דאָס וויסן!

אירע ווערטער האָבן דאָ נאָך געפּלאָטערט אין דער שטילקייט. דאַן האָבן דעם טאַטנס רעיונות אים פאַרטראָגן צום זון. ער האָט אפילו ניט געהערט ווי די ווינדעל האָט זיך געלאָזן אין גאַנג, הגם אומבאַוואוסט האָט ער כסדר געלויערט אויף איר גערויש. ערשט ווען דער שליסל האָט אַ סקריפּ געטאָן אין דער טיר, האָט ער אויפמערקזאַם אויפגעהויבן דעם קאָפּ און דערקענט זיין ווייבס טריט. רחל? ער האָט זיך כלל ניט אַרומגעזען ווי די שעהן זיינען געפלויגן.

רחל איז אַריבערגעטראָטן דעם שוועל און אוועקגעשטעלט דעם קאָשיק לעבן טיש:

— געוועזן היינט העלען? — האָט זי אָפּגעאָטעמט.

— יאָ, זי האָט זיך אַרויסגעכאַפּט אויף אַ ווײַלע.

— קומט שטענדיק, ווען די מאַמע איז נישטאָ! אודאי, וואָס פאַרא בשורות טובות קען זי שוין אָנזאָגן?... כ'האָב שוין געהערט אין גאַס.

— וואָס האָסטו געהערט?

רחל קווענקלט זיך אַ ווײַלע, דאַן זאָגט זי שטיל:

— אַז אַ גרויסע צאָל משכנות וועט מען נעמען פון „דראַנסי".

— גאָט וועט רחמנות האָבן! — טרייסט זי סאָקאָלאָווסקי, כאָטש אים אַליין שטיקט עס אין האַלדז — און ס'וועט נעמען אַ סוף. דאָס יידישע פאָלק האָט שוין אַריבערגעלעבט ערגערע המנס!

— דאָס יידישע פאָלק? ס'רעדט זיך אַזוי לייכט, אָבער אַז מען האָט איין קינד אין „דראַנסי" און דאָס אַנדערע וואַלגערט זיך אַרום, אַז מען ווייסט אפילו ניט, וואו זיין געביין וועט אַהינקומען...

— העלען האָט געזאָגט — פירט סאָקאָלאָווסקי זי אַרויף אויף אַן אַנדער טעמע — אַז זי וועט היינט עסן בא אונדז. ס'איז דאָך היינט פרייטיק. די קרעמערקע ווייסט, אַז איר מאַן איז אין לאַגער, האָט זי איר צוגעזאָגט אָפּלייגן עטלעכע קאַרטאָפל אָן אַ זייט און אפשר וועט זי איר געבן אויך אַ האַלבע פאַרציע בוימל.

— מילא, היינטיקע שיינע פרייטיק־צונאַכטן! — מאַכט רחל אַוועק מיט דער האַנט.

ס'איז געווען אַ מנהג אין דער משפחה, אַז פרייטיק־צונאַכט זיינען אַלע קינדער געווען באַם טיש. נאָך העלענס חתונה פלעגט זי אין דעם אָוונט קומען מיט איר מאַן צום עסן. אָבער לעצטנס האָבן שוין צוויי גע־

פעלט: דער איידעם און זשאק, און פּריוויט־צונאכט האָט מען נאָך מער ווי שטענדיק געפילט דעם אומגליק.

— אודאי איז בעסער, זי זאָל היינט עסן מיט אונדז — זאָגט רחל אין א ווײַלע אַרום — די רוצחים האָבן דאָך געמעלדעט, אז אויב מען וועט ביז היינט פאַרנאַכט ניט געפינען די טעראָריסטן, וועלן מאָרגן פאַר־טאָג דערשאָסן ווערן די פופציק משכנות. פון איין נאַכט אַזאַ קען א מענטש גרוי ווערן!

זי גייט אין קיך און קומענדיק צוריק זאָגט זי:

— כ׳האָב נאָך עטלעכע מערעלעך און א שטיקל רינדער פעטס. קיין פוטער וועט מען שוין היינטיקן חודש ניט באַקומען. „וואָס ווייזט איר אונדז די קאַרטן?" — זאָגן די קרעמערס — „אז מיר האָבן ניט קיין סחורה!" פינף הונדערט פראַנק פאַרלאַנגט מען פאַר א ליטער בוימל און געמישט איז עס מיט עפּעס א מין טראַן אָפּ שמירן די רעדער. וואַל־פיש־טראַן, זאָגט מען.

זי פאַרגעסט זיך א ווײַלע און שמועסט וועגן די קיך זאַכן. די „פּאַר־ציעס" אָפּ די קאַרטן זײַנען אַזוי קליין און דערצו טיילט מען אַפילו דאָס ביסל ניט אויס. עס בלײַבן איבער די קאַרטן פון חודש צו חודש. און אָפּן „שווארצן מאַרק" הויבן זיך די פּרײַזן ווי אָפּ הייוון. אָבער ווי ניט איז וועט זי אָפּ היינט אײַנאָרדנען צוזאַמענשטיקעווען א מאָלצײַט.

— אה, ווען זשאק וואָלט כאָטש היינט געקומען צום עסן — דער־מאָנט זי זיך ווידער פון זון — ווער ווייסט, וואו ער וואַלגערט זיך אַרום, א הונגעריקער, א פאַרשמוצטער...

— זשאק וועט זיך אַן עצה געבן — טרייסט זי סאָקאָלאָווסקי — ער האָט זיך שטענדיק אַן עצה געגעבן!

— אַן עצה געבן? שוין פיר יאָר אָן א מנוחה שעה! אָנגעהויבן זיך מיט שפּאַניע, דאַן די מלחמה, די בהלה. אַזאַ צײַט האָט מען ניט גע־וואוסט, צי ער לעבט, צי ער איז ניט געפאַנגען בײַ די רשעים.

זי גייט אַרום מיט פאַרבראָכענע הענט:

— מען שיסט יעדן טאָג. וואָס מען הערט זיך אַלץ אָן אין די אַטשע־רעס!

— וואָלט מען דאָך אָבער געהערט — פּרואווט סאָקאָלאָווסקי זי באַרואיקן — זיי שרײַבן דאָך די נעמען אין די בלעטער!

— וואָס די בלעטער שרײַבן שוין! זיי פאַרשלעפּן קיין דויטשלאַנד,

אין די לאַגערן, אין די תפיסות! אַ רוצחישע וועלט געוואָרן... דריי מאָ־נאַטן האָט מען פון אים ניט געהערט!

— אָבער הערן האָט דאָך פאַר עטלעכע וואָכן געהאַט אַ גרוס, אַז ער איז אין פּאַריז!

— ווייס איך וואָס, אַ גרוס! עמעצער האָט געזאָגט, אַז איינער האָט דערציילט!...

מעסיע סאָקאָלאָווסקי האָט קיינמאָל ניט דערציילט זיין ווייב געגוי פון יענעם גרוס. ס'איז געווען דערפאַר וואָס דאָס מיידל, וואָס האָט דעם גרוס אָפּגעגעבן, איז ניט געווען קיין יידישע און ער, דער טאַטע, האָט אַרויסגעלערנט פון דער טאָכטערס רייד, אַז ס'איז עפּעס ניט סתם אַזוי אַ מיידל. וואָרים וויבאַלד קיינער האָט אַזוי לאַנג זשאַקן פאַר די אויגן ניט אָנגעזען, איז ווי קומט דוקא יענץ מיידל פון אים ווּיסן? זי זאָגט, העלען, אַז זי האָט דאָס מיידל שוין איינמאָל געטראָפן מיט זשאַקן, פאַר אַ דריי יאָר צוריק, אין אַ „קאַפע" אויף די „גרויסע בולוואַרן". הייסט עס, אַז ס'איז שוין אַ מעשה פון אַ היפּש ביסל צייט!

האָט ער דערפאַר דערציילט רחלען נאָר האַלבע ווערטער — ניט אַהין, ניט אַהער! אמת, קיין גרויס אומגליק איז עס פאַר היינטיקע צייטן ניט געווען, פאַראַן היינט גרעסערע אומגליקן, אָבער קנאַפּ האַרצוואַיטיק האָט זי, רחל — האָט ער געטראַכט — צו וואָס פאַרשאַפן אַ נייעם עגמת נפש? פרום איז זי לעצטנס אויך געוואָרן, וועט זיך אָנהויבן אַ חקירה ודרישה און אַ יאַדעניש אויף אַ נייעם קאָן!

אָבער אַצינד האָט ער איינגעזען, אַז ס'איז בעסער ריידן קלאָרע דבורים און זי באַרואיקן. ווער איז עס היינט, ווען דער נפש איז אין סכנה, מדקדק אין אַזעלכע ענינים?!

— ניין, רחל — האָט ער אָנגעהויבן דערקלערן — ס'איז דאָך טאַקע געווען אַ ראַיעלער גרוס! זשאַקס אַ באַקאַנטע האָט דאָן בפירוש דערציילט העלענען, אַז זי האָט אים גראָדע געהאַט געזען אין פּאַריז און מיט אים גערעדט!

— זשאַקס אַ באַקאַנטע? איך קען זי ניט?

— מסתמא ניט! אַ מיידל...

— אַ מיידל? וואָס פאַרא מיידל?

— אַ פראַנצויזיש מיידל!

— אַ יידישע?

— ניין, סתם אַ פראַנצויזישע מיידל.

רחלס אומגערולד וואקסט. איר בליק איז צוגעשמידט צום מאַנס פּנים. זי וואַרפט עטלעכע פראַגעס מיטאַמאָל:

— פון וואַנען שטאַמט זי? ווי הייסט זי? וואו וואוינט זי?

— אַן אַרבעטער מיידל דאַכט זיך.

— ווי הייסט זי?

סאָקאָלאָווסקיס אָפּגעהאַקטע ענטפערס צעהיצן נאָך מער דער מאַמעס נייגעריקייט. זי הויבט אָן טענהן, הלמאי ער האָט איר דאָס אַלץ פריער ניט דערציילט און פּאַרוואָס זי מוז אים אַצינד ציען פאַר דער צונג.

אָבער סאָקאָלאָווסקי פאַרזיכערט איר, אַז ער ווייסט אַליין גאָרניט וועגן דאָזיקן מיידל. העלען האָט גאָר אַמאָל, פאַר אַ דריי אָדער פיר יאָרן, זי געזען מיט זשאַקן אין אַ „קאַפע״ און דאַ אַנומלט, פאַר אַ דריי וואָכן האָט דאָס מיידל דערקענט העלענען אין גאַס, האָט זיך שטאַרק געפרייט מיט איר און דערציילט, אַז זי האָט מיט אַ שעה צוריק געזען איר ברודער. און דערנאָך איז דאָס מיידל פאַרשוואונדן. העלען ווייסט אויך ניט, וואו זי וואוינט, אָדער וואו זי אַרבעט.

— ווי הייסט זי? — פרעגט פונדעסטוועגן רחל ווידער.

— מאַדלען... אָדער זשערמען... כ׳געדענק ניט גענוי. אַן עכטער פראַנצויזישער נאָמען אַזאַ!

מאַדלען? זשערמען?... רחל שטרענגט אָן איר זכרון, קען זיך אָבער קיינעם ניט פאָרשטעלן אונטער די דאָזיקע נעמען. „מאַדלען״, ווייסט זי, איז אַ גרויסע נייע קירכע, זי האָט זי אָפּטמאָל פאַרביטן מיט דער אָפּערא, וואָס געפינט זיך אין יענער געגנט. העלען האָט זי געפירט ווייזן די דאָזיקע בנינים, העלען האָט זיך דאַן באַשעפטיקט מיט די סטילן פון קירכעס... און וואָס שייך זשערמען, קומט איר אָפּן געדאַנק דער בולוואַר „סאַן זשערמען״, וואָס ציט זיך אויף יענער זייט טייך, פון דער „קאָנקאָרד״ ביז דער „באַסטיל״ כמעט. אָבער ווער איז דאָס דאָזיקע מיידל?

— פאַר דריי יאָרן האָט זיי העלען געטראָפן צוזאַמען? — פרעגט זי איבער, ווי זי וואָלט גערעדט צו זיך אַליין — ביז היינט האָט זי גאָרניט ניט דערציילט!...

— דו קענסט דאָך זשאַקן — זאָגט סאָקאָלאָווסקי — ער האָט בכלל ווייניק גערעדט מיט אונדז וועגן זיינע ענינים. אפשר זיינען מיר אַליין געווען אַ ביסל שולדיק!

— מיר זיינען דען געווען שלעכטע טאַטע־מאַמע? — רעדט רחל

ווייטער האַלב צו איר מאַן און האַלב צו זיך אַליין — אַלץ אין דער וועלט געטאָן פאַר די קינדער, געוואָלט זיי מאַכן פאַר מענטשן, געגעבן לערנען, שטודירן... יידישקייט האָט מען אויך געוואָלט איינפלאַנצן אין זיי, אַף וויפל ס'האָט זיך געלאָזן אין דער דאָזיקער שטאָט...

— פאַרשטייסט, רחל, — זאָגט סאָקאָלאָווסקי שטיל און קוקט דורכן פענצטער ערגעץ אין דער ווייט — מירן זיי געוואָלט מאַכן גליקלעך אַף אונדזער שטייגער, אַזוי ווי מיר האָבן עס פאַרשטאַנען. געוואָלט שעפּן נחת פון די קינדער. אָבער זשאַק האָט דאָך אודאי געקוקט מיט גאָר אַנ־דערע אויגן אַף דער וועלט.

— זי האָט ניט געזאָגט העלענען זשאַקס אַדרעס? — פאַלט אים רחל אַריין אין די רייד.

— ניין, זי ווייסט מסתמא אַליין ניט זיין אַדרעס. זי האָט אים וואַרשיינלעך נאָר צופעליק געטראָפן, וואָרים זי האָט נאָכגעפרעגט בא העלענען, צי ער וואוינט אינדערהיים.

— זי האָט זיך נאָכגעפרעגט, וואו ער וואוינט? — קלערט רחל אַפן קול — אפשר איז זי?...

— וואָס איז זי? — סאָקאָלאָווסקי מיינט, אַז זיין ווייב איז אפשר חושד יענץ מיידל אין לייכטע זיטן, אין אויסגעלאַסנקייט.

אָבער ניט עפּעס אַזוינס קומט רחלען אַפן זינען:

— אפשר איז זי אַ שפּיאָנקע? — רעדט זי אַרויס שטיל.

— וואָס זאָל זי אים נאָכשפּיאָנירן? ניין, העלען מיינט, אַז זי איז אַן אָרנטלעך מיידל און זשאַקס אַ גוטער פריינט.

רחל זעט, אַז מער וועט זי זיך שוין ניט דערוויסן און זי גייט אין קיך אַריין אָנצואוואַרעמען דאָס ביסל זופּ. אַ ווײַלע בלייבט זי פאַרטראַכט, איז זיך מישב, אַרבעט אויס אַ פּלאַן. אויך זי האָט אירע סודות, וועגן וועלכע זי דערציילט ניט איר מאַן. אַ שאָד נאָר, וואָס מען ווייסט ניט דעם אַדרעס פון יענער זשערמען, צי מאַדלען! אַזאַ פּאַדים וואָלט איר אָן אַ שיעור געהאָלפן אין לאַבירינט פון אירע זוכענישן.

און גלייך נאָכן עסן האָט זי אַ זאָג געטאָן צו איר מאַן:

— ווייסט, איך וועל זיך אַראָפּכאַפּן נאָך אַמאָל אין גאַס! אפשר וועט זיך מיר דאָך איינגעבן קריגן עטלעכע גראַם פּוטער אַף די קאַרטן. דער חודש איז באַלד פאַרביי און דאַן זיינען זיי גאַרניט ווערט. און היינט קומט העלען — זי זעט אויס אַזוי שלעכט!

סאָקאָלאָווסקי האָט געוואָלט זי פאַרהאַלטן, אָבער אין אירע אויגן

האָט ער באַמערקט, אַז זי איז שטאַרק צעמישט פֿון דער ידיעה וועגן יענעם ייִנגל. וואָס וויל זי דען טאָן? — האָט ער אַ קלער געטאָן.

בײַ דער טיר האָט זיך רחל עפּעס דערמאָנט:

— און דו בלײַב אין שטוב. מיר דאַכט זיך אַפֿילו, אַז אַ פּאָר פּאַר־דעכטיקע פּאַרשוינען דרייען זיך אַרום אין גאַס און קוקן אַרויף צו די פֿענצטער.

— ס'דאַכט זיך דיר אודאי! מען איז אָנגעשראָקן, און די שרעק האָט גרויסע אויגן.

— קען זײַן. פּאַראַן פּנימער, וואָס וואַרפֿן אָן אַן אימה. אויף יעדן פֿאַל איז בעסער, זאָלסט בלײַבן אין שטוב.

זי גייט אַרויס און סאָקאָלאָווסקי בלײַבט אַליין. עס ווערט אים גלײַך אומהיימלעך. אַפֿילו אַראָפּגיין אין גאַס טאָר מען ניט! אײַנגעשלאָסן ווי אין אַ תּפֿיסה! און וואָס איז די זיכערקייט אין שטוב? וואו איז מען דען זיכער? די מלאכי חבלה קומען אומעטום!

ער שפּאַצירט אַרויף און אַראָפּ דורך אַלע צימערן. ווען די לענטע מיט אַן אַ שיעור רעיונות הויבט זיך אָן דרייען אין זײַן קאָפּ, קען ער ניט אײַנזיצן אויף אַן אָרט. ער מוז אַרומשפּאַנען הין און הער. וואָס מער ער קלערט אַריין, אַלץ גיכער און האַסטיקער יאָגן זיך די געדאַנקען. ער האָט אָבער אַ סך צײַט צום קלערן, זינט מען האָט אַריערייזירט זײַן געשעפֿט. „אַריערייזירט"? אַ מאָדנער אויסדרוק: אַריערייזירט! אַמאָל, אין דערהיים, פֿלעגט מען זאָגן פּראָסט און פּשוט: פֿאַרגראַמירט אָדער נאָך פּשוטער: געראַבעוועט, געגזלט... איצט איז אָבער די וועלט געוואָרן ציוויליזירט. פֿינף און פֿופֿציק יאָר האָט ער געמוזט אַלט ווערן, זוכה זײַן לעבן אין דער שטאָט פֿון קולטור און ציוויליזאַציע, כּדי ער זאָל הערן דאָס איידעלע וואָרט: אַריערייזירט!

שפּאַצירנדיק אין דער לענג און אין דער ברייט, גייט ער אַרײַן אין שלאָף־צימער. רחל האָט דאָרט געלאָזן אָפֿן אַ פֿענצטער צום לופֿטערן. סאָקאָלאָווסקין איז דאָ ענג צווישן די ווענט, ער בויגט זיך אַרויס דורכן פֿענצטער, וואָס קוקט אין אַ שמאָלן הויף. אַנטקעגן, בײַ אַ שכן, ריטשעט די ראַדיאָ. סאָקאָלאָווסקי הערט צו, פֿאַרשטייט אָפּריער ניט די ווערטער. ערשט אַ ווײַלע שפּעטער ווערט אים קלאָר דאָס, וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן:

„דער ייִד יענקל סאָקאָלאָווסקי, גערופֿן זשאַק, האָט זיך באַטייליקט אין דורכפֿירן דעם אַטענטאַט פֿון בולוואַר מאַזשענטאַ... אַ גאַנצע ריי

פאַרברעכנס אַף זיין געווייסן... די באַפעלקערונג ווערט אויפגעפאָדערט... מעלדונגען קען מען אָפּגעבן אין דער פּרעפעקטור, צימער... דיסקרעציע ווערט פאַרזיכערט... סימנים: שוואַרצע האָר, מיטעלער וואוקס..."

ער שפּרינגט אָפּ פון פענצטער, לויפט אַרויס פון שלאָף־צימער. די ריטשענדיקע שטימע פון ראַדיאָ יאָגט אים נאָך. וואוהין אַנטלויפן? אין די פּראָנטאָווע צימערן, וואָס צו דער גאַס, שיינט אַריין אַ פאַרנעפּלטע ווינטערדיקע זון. אונטן שטייען די פאַרדעכטיקע פאַרשוינען. ער ווייסט אַצינד, אַז רחל האָט ניט געמאַכט קיין טעות!

עס ציט אים צוריק אין שלאָף־צימער. ער וויל הערן נאָכאַמאָל, נאָך־נוי. אָבער די ראַדיאָ שפּילט אַצינד עפּעס אַ שדימדיקע טאַנץ־מוזיק. פון אַלע אַנטקעגנדיקע פענצטער קוקן פאַרטייעטע אויגן. זיי קוקן אויך דורך די ווענט, זיי לויערן פון אַלע ראָגן גאַס; זיי זיינען איבערגעגאָסן מיט בלוט און פול מיט רציחה.

זעקסטער קאַפּיטל

לאַנגזאַם, מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, איז רחל געגאַנגען איבערן בולוואַר סעבאַסטאָפּאָל. דאַן האָט זי זיך פאַרנומען אַף רעכטס און איז אַריינגעפאַלן אין אַ לאַבירינט פון געסלעך, וואָס זיינען געלאָפן אָן אָרדענונג צווישן בולוואַר און די „צענטראַלע האַלן", וואָס מ'האָט פריער גערופן „דער בויך פון פאַריז".

אַמאָל איז דאָ געווען אַ שטענדיקער הו־האַ און גערודער: אַ גאַנצע נאַכט פלעגן אָנקומען אָנגעלאָדענע קאַמיאָנען פון אַלע עקן פראַנקרייך און פון אויסלאַנד, הויכע טורעמס פון קעפּלעך קרויט, מערן און סאַלאַדן פלעגן אויסוואַקסן איבער נאַכט און פאַרשווינדן אין די פרימאָרגנס; אַף אַלע ראָגן זיינען אַרומגעשטאַנען קאַסטנס מיט קערב פרוכטן און ברייט־פּלייציקע אַרבעטער האָבן געשלעפּט אָפּגעשינדענע בהמות פון די וואָגענער און זיי אויפגעהאַנגען אין לאַנגע רייען אין די געקראַטעוועטע, ריזיקע שפּייכלערס.

די רעסטאָראַנען זיינען דאָ געווען אָפן אַ גאַנצע נאַכט און אַף די ראָגן, אין גאַס, האָט מען אַ גאַנצן מעת־לעת געבראָטן לאַנגע פּאַסיקעס קאַרטאָפל און דיקע וואורשטלעך אין גרויסע אייל־קעסלען, וואָס מען האָט געריניקט איין מאָל אין יאָר. צייטונגס־מענטשן פון דער נאָנטער „רי מאַנמאָרטר", וואו עס זיינען געווען אַ סך רעדאַקציעס, פלעגן זיך דאָ אַראָפּכאַפּן נאָך אַ האַלבער נאַכט אונטערצולענען דאָס האַרץ מיט אַ וואַרעמען ביסן. ביז נאָכמיטאָג זיינען שיריים פון גרינסן און פּירות אַרומגעלעגן אַף די טראָטוארן און אין די רינשטאָקן. מען האָט דאָ דאַן געקענט איינקויפן בחצי חנם איבערגעבליבן פלייש אָדער געפּלאַצטע טאָמאַטן.

אַצינד זיינען די געסלעך געווען פּוסט און טרויעריק. די ריזיקע שפּייכלערס זיינען געשטאַנען ליידיק. עטלעכע טרעגערס האָבן האַלב גע־

דרימלט אפֿן טראָטואַר, ווי ס׳איז געווען זייער געוואוינהייט זינט יאָרן. צוליבן ווינט האָבן זיי זיך צוגעדעקט מיט הויפּנס צייטונג־פּאַפּיר אין ליידיקע טאָרבעס. אין די קראָמען ארום זיינען די טירן געווען צוגעמאַכט און מען האָט זעלטן ווען געזען אריינגיין א קונה. נאָר אין איין זייטיק געסל האָט זיך א המון מענטשן, מייסטנס פרויען געפּרעסט אין א לאַנגער ריי איבערן טראָטואַר. רחלם פיס האָבן זי אויטאָמאַטיש געפירט אהינצו, צו דער אָטשערע.

אפֿן וועג האָט זי אָנגעטראָפן א מעטראָ־סטאַציע און זיך אָפּגע־שטעלט. זי האָט באַטראַכט דעם גרויסן, פאַרביקן שטאָט־פּלאַן, וואָס איז דאָרט געהאָנגען איבערן אריינגאַנג און כּלל ניט געקלערט וועגן איינקויפן. איר מוח האָט געאַרבעט שנעל און די אויגן זיינען געלאָפן איבער די פּאַ־סיקלען, פינטעלעך און אויפשריפטן פון איין עק שטאָט צו דעם אַנדערן. ניט קענענדיק זיך אַנטשליסן, האָט זי זיך ארומגעקוקט איבער דער ווירק־לעכער גאַס ארום, ווי זוכנדיק בא איר אַן עצה. פּלוצלינג האָט זי א ציטער געטאָן. א פּאָר דורכדרינגענדיקע אויגן האָבן דערכגעשפּיזט איר בליק. גלייך האָט זי באַמערקט א מאַן, וואָס איז געשטאַנען בא א טויער און זי באַאָבאַכטעט.

וואו האָט זי שוין געזען דעם דאָזיקן פּנים? היינט? ניט לאַנג?

א קאַלטע האַנט האָט איר א גלעט געטאָן איבערן האַרצן. באַם אָראָפּגיין פון שטוב האָט א פאַרשוין דורכגעקרייצט איר וועג און האָט זי שאַרף און פאַרשנדיק אָנגעקוקט. ס׳איז דער זעלבער! ער גייט איר נאָך!

זי האָט זיך אויסגעדרייט צו דער קאַרטע און וואָרפנדיק זייטיקע בליקן האָט זי אים ניט אָפּגעלאָזט פון אויג. איצט האָט ער פאַרויכערט א פּאַפּיראָס און נאָכלעסיק אַרויסגעלאָזט א וואָלקנדל רויך. אפשר האָט זי געהאַט א טעות? דער מאַן האָט זיך פאַרקירעוועט צו דער אָטשערע, האָט זיך געשטעלט אין עק פון דער ריי און געדולדיק געוואַרט אָנצוקומען אין געשעפט. די שרעק האָט גרויסע אויגן! — האָט רחל באַשלאָסן — בפרט ווען מען פילט זיך פאַרפאָלגט. נאָך א קורצן ישוב הדעת איז זי אַראָפּ א צענדליק טרעפּ צום אונטערגרונד־באַן, וואָס האָט זיך אין דער־אָ געגנט געשניטן טיף אונטער דער ערד.

ניט שטענדיק האָט זיך זיך געזוימט בא די אָטשערעס, ווי זי האָט דערציילט איר מאַן. זיי האָבן איר געדינט אַלס פּאַרטיקער תירוץ, ווען זי איז אַרויסגעגאַנגען פרי פון שטוב און זיך צוריקגעקערט ערשט פאַר־נאַכט. געגאַנגען איז זי אָפטמאָל גאָר ערגעץ אַנדערש: זי האָט ארומגע־

בלאָנדזשעט איבער פאַרשידענע קוואַרטאַלן פון דער שטאָט, וואו זי האָט געזוכט איר זון.

זי דערציילט ניט איר מאַן פון אירע וואַנדערונגען און וואַגלענישן איבער דער גרויסער שטאָט — ער וועט זי ניט פאַרשטיין, פון תמיד אָן האָט ער אַלץ באַטראַכט על פי טרוקענעם שכל און אירע זוכענישן וועט ער האַלטן פאַר אַ משוגעת: ראשית — וועט ער זאָגן — קען מען דען געפינען איין מענטשן צווישן מיליאָנען, וואָס זיינען צעזייט איבער טויזנטער גאַסן און געסלעך און הויפן? און צווייטנס: אויב דו וועסט אים אפילו על פי נס יאָ געפינען — וועט ער דען דיר פאָלגן און זיך אומקערן אהיים?

זי קלערט כלל ניט, צי ער וועט איר פאָלגן אָדער ניט. זי וויל אים טרעפן. דערווייל טאַפּט זי אין דער פינצטער און וואַרט אַפן נס. אין דער אונטערגרונד־סטאַציע איז טונקל, די הויך־הענגענדיקע לעמפּלעך זיינען טיילווייז אויסגעלאָשן צוליב עקאָנאָמיע אין שטראָם און די נאָך ברענענדיקע וואַרפן אַ מאַטן שיין. די איינצלנע מענטשן, לענגאויס דער ראַמפּע, זיינען איינגעהילט אין שאָטן. פון ביידע זייטן ציען זיך פינצטערע טונעלן, וואָס פאַרלירן זיך אין שוואַרצן ווייט. נאָר זעלטענע, רויטע פייערלעך שיינען אַרויס פון די ווענט און דינען אַלס וועגווייזער. ווען זי וואָלט געהאַט אַזעלכע לייכטנדיקע פונקטן בעת איר בלאָנדזשעניש?

דער צוג לויפט אָן פּלוצלינג, רייסט זיך אַרויס פון דער פינצטערניש מיט רעדער־קלאַפּערײַ און שווערן סאַפּען. די טירן צעעפענען זיך מיט אַ קלינגענדיקן טראַסק און שליסן זיך גלייך ווידער. רחל שטייגט איין, דער צוג וואַרפט זיך מיט אימפּעט אין שוואַרצן טונעל אַריין.

וואו זאָל זי אים זוכן? די שטאָט איז אַזוי גרויס! זי קען נאָר עטלעכע קוואַרטאַלן אין צענטער. אויף דער קאַרטע אָבער, זיינען אָנגעוואָרפן אָן אַ שיעור בולוואַרן און געסלעך. דערנאָך קומען ערשט די פאָרשטעט, וואָס צעלייגן זיך איבער צענדליקער קילאָמעטער אַרום.

דער צוג לויפט אַריין אין דער סטאַציע „שאַטלע”. אַ סך פּאַסאַזשירן שטייען שוין גרייט בײַ די טירן. רחל גייט אַרויס מיטן שטראָם. אויף דער ראַמפּע איז דאָ אַ גרויסע באַוועגונג: מענטשן שטייגן איין, שטייגן אויס און ריכטן זיך צו די טירן, וואָס פירן דורך טונעלן צו אַנדערע ליניעס. רחל בלייבט אַ ווײַלע שטיין אַ פאַרקלערטע, ווייסט ניט וואוהין זי זאָל זיך לאָזן גיין.

די סטאַציע „שאַטלע” איז אַ צענטראַלער פאַרבינדונגס־קנופּ פון

אונטערערדישן באַן: אין זיבן ריכטונגען, אין פאָרם פון אַ שפּינוועב־נעץ, לויפן פון דאָנען אונטערערדישע טונעלן און שניידן זיך דורך די אינגעווייד פון דער שטאָט. זיי זיינען איינגעגראָבן אונטער דעם „קאָנקאָרד־פּלאַץ", אונטער דעם „טריאומף־טויער", אונטער דער „באַסטיל" און אַפילו אונטער די וואַסערן פון דער סען. זיי פירן ביז דער לוקסוס־פאָרשטאָט נעאי, וואָס טונקט זיך אין גרינס, ביז די גרויע אַרבעטער־געסלעך פון „לאַ ווילעט" און צו די נייע בלאָקן פון סאַן־קלו.

זי קען דאָ אומשטיינן. לאַנגע, געוועלבטע קאָרידאָרן, טרעפּ־אַרויף־טרעפּ־אַראָפּ, ווינדעס און מעכאַניש באַוועגלעכע לייטערס, פירן אונטער דער ערד פון איין ליניע צו דער צווייטער. זי לאָזט זיך לאַנגזאַם גיין. וואו קען מען טרעפן יענץ מיידל? אַף דער וואַנט שאַרט זיך אַ שאָטן. אפשר גייט גראַדע יענע מאַדלען אויך דורכן דאָזיקן טונעל? ס'איז אַ שאָטן פון אַ מאַן! זי דערמאָנט זיך יענעם פאָרשנדיקן בליק אין טויער און ציטערט אויף. דער מאַן האָט געהאַט אַ פינצטערן געזיכט! פאַרזיכטיק דרייט זי אום דעם קאָפּ און קוקט זיך אַרום.

קיינער־שענקט איר ניט קיין אויפמערקזאַמקייט. אַ מענטשן מאַסע באַוועגט זיך אין אַלע זייטן: אַלע זיינען איילִיק, זיי ווייסן וואוהין זיי ווילן, באַמיען זיך אָנצוקומען וואָס שנעלער צום ציל. שילדלעך און פיילן אַף די ווענט ווייזן די ריכטונגען, זי ווייסט אָבער ניט וועלכע זי זאָל נעמען.

וואו זאָל זי אָנהויבן אים זוכן, אַז די שטאָט איז אַזוי גרויס?! און אונטער דער אויבערשטער שטאָט געפינט זיך נאָך איינע — אַ געהיימע, איינגעגראָבענע, אויסבאַהאַלטן פון דער ליכטיקער שיין. מען רעדט וועגן איר אומעטום: צווישן אייגענע, אין געוועלב, אַפילו אין די אָטשערעס דערמאָנט מען זי שטיל, וואַרפנדיק דערביי אַ זייטיקן בליק אַף די אַרומיקע. זשאַק לעבט אודאי דאָרט. זי שטעלט זיך אָצינד פאָר יענע מיסטעריעזע שטאָט שטאַרק ענלעך צום אונטערערדישן באַן־נעץ: זי איז טיף איינגעגראָבן אומעטום: אונטער דער „באַסטיל", אונטער דער „קאָנקאָרד" און אונטער די ווייטע פאָרשטעט. געהיימע וועגן און שטעגן, ווי די פינצטערע טונעלן, פירן אויך דאָרט פון ווינקל צו ווינקל, וואו פאַרבאָרגענע מענטשן באַוועגן זיך, איינגעהילט אין שאָטן. נאָר זעלטן דערשיינען די דאָרטיקע איינוואוינער אַף דער ליכטיקער שיין פון דער וועלט. און דערפאַר מסתמא האָט זי אים, טראָץ אַלע זוכענישן, ביז איצט ניט געטראָפן.

אירע זוכענישן האָט זי ניט אויפגעגעבן. אין עטלעכע קוואַרטאַלן איז זי שוין פריער געווען. תחילת האָט זי זיך געלאָזט אַף אַלטע, באַקאַנטע

שפורן: אראָפּגעכאַפּט זיך אין „לאַטייניש פּערטל", וואו זשאַק האָט פאַר־בראַכט זיינע סטודענטן־יאָרן צווישן דער „סאָרבאָן", דער זשענעוויעוו־ביבליאָטעק און די קאַפע־הייזער פון סאַן־מישעל. אין יענע יאָרן איז זי עטלעכע מאָל געקומען אין דאָזיקן קוואַרטאַל, כדי צו שעפּן נחת פון איר זון, וואָס האָט פאַרקערט צווישן אַזויפיל אינטעליגענטע יונגעלייט.

ווען איז עס געווען? — ניט לאַנג, אינגאַנצן מיט עטלעכע יאָר צו־ריק. אָבער רחלען דאַכט זיך, אַז אַן אייביקייט ליגט צווישן די היינטיקע און יענע טעג. אין איר זכרון זיינען צוזאַמענגעגאָסן און אויסגעמישט די בילדער פון יענע יאָרן און פון אירע לעצטע באַזוכן, דאָ ניט לאַנג. די יאָרן האָבן זיך דאָרטן אָנגעהויפּט איבעראַנאַנדער ווי גלעזערנע, דורכזיכטיקע שיכטן, וואו מען זעט אַלץ, פון טיפן אונטן ביזן סאַמען אויבן מיטאַמאָל און גלייכצייטיק, וואו ס'איז ניטאָ קיין פריער און קיין שפּעטער.

דער בולוואַר האָט איר שוין דאַן אויסגעזען משונהדיק פרעמד: אויף די טראָטואַרן, בא די גרויסע ביכער־אויסלאַגן זיינען געשטאַנען דערוואַק־סענע און יונגוואַרג און געבלעטערט אין די אַלטע אויסגאַבן, געלייענט שטייענדיק אויף איין פוס אינדרויסן. רווישיקע כאַפּטעם יונגוואַרג האָבן געשטראָמט אין די אָנגעפּיקעוועטע קאַפע־הייזער. דערוואַקסענע מיידלעך מיט דיקע ביכער אונטער די אָרעמס האָבן געגרויבערט בא די טישלעך און געלאַכט מיט פינקלדיקע אויגן צו ד ישכנים. ס'האָט אויסגעזען ווי אַ וועלט פון זאָרגלאָזע ליידיקגייער און בטלנים.

אויך מיט העלענען איז זי דאָ געווען עטלעכע מאָל. ס'איז געווען דעמאָלט, ווען זי האָט געוואָלט ווערן „מאָדערנע", ווען די קינדער האָבן זי אָנגעהויבן רופן ראַשעל. העלען האָט זי מיטגענומען אויף דער „סאָרבאָן" און זיי זיינען פונקט אַריינגעפאַלן אויף אַ פאָרטראַג פון אַן אַלטן, ווייסן פּראָפעסאָר איבער „די אַלטע און מאָדערנע כינעזישע מאָלעריי". נייגער־דיק צוריק האָט זי געמוזט שטיין בלייבן און באַוואונדערן די הונדערט דריי און אַכציק מעטער הויכע געביידע פון פּאַנטעאָן, וואו עס ליגן די „גרויסע בירגער", און אויסהערן העלענס קאָמפּליצירטע דערקלערונגען איבער די אונטערשידן צווישן גאָטישן סטיל פון דער נאָטר־דאַם און דעם געמישטן ראָמאַנישן סטיל פון פּאַנטעאָן. זי האָט קוים געפּועלט בא איר טאָכטער ניט צו מוזן אַרויפקלעטערן די עטלעכע הונדערט טרעפּלעך, וואָס האָבן געפירט צו אַ באַלקאָן, בא דער קופּאָל, פון וואַנען מ'האָט געזען די גאַנצע שטאָט מיט דער אומגעגנט.

פון אָנהויב האָט זי געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז די קירבעם מיט זייער

אַרכיטעקטור אינטערעסירן זי טאַקע. זי האָט עס אָבער שנעל אויפֿגעגעבן. זיי זיינען איר געבליבן קאַלט און שטום. זי האָט זיך נאָך אַלץ געפֿילט אַ סך היימישער אין קליינעם שולכל, אַפֿן „פּלעצל", וואָס האָט קיין שום באַשטימטן סטיל ניט געהאַט און איז געשטאַנען אַריינגעקוועטשט צווישן צוויי פּאַרויכערטע, מאַסיווע געביידעס. ערב יום־כּפּור, אינאָוונט, האָט זי זיך דאָרט דערפֿילט טיפֿער גערירט ווי בעת אַלע קונסט־עקסקורסיעס מיט העלענען און באַם „ונתנה תוקף" האָט זי אַ היפּש ביסל טרערן פֿאַרגאָסן.

אָבער וואָס שייך די קינדער האָט איר הנאה געטאָן, וואָס זיי ווערן דאָ איינגעוואָרצלט, וואָס זיי פֿילן זיך ווי אינדערהיים אין די געוועלבטע אַמפּיטעאַטערן פֿון דער „סאָרבאָן", צווישן די ביכער־אויסלאַגן און די לעבנספֿולע קאַפֿע־הייזער. זי האָט געשעפּט נחת, זעענדיק אין פֿאַרבייגיין זשאַקן באַ אַ טישל צווישן אַזויפֿיל שיינע, אָנשטענדיקע מיידלעך און בכּבֿודיקע יונגעלייט.

לעצטנס האָט דער קוואַרטאַל געענדערט זיין פּרצוף. ער איז געלעגן טרויעריק און האַלב־אָפּגעשטאָרבן. און פֿאַר אַ פּאָר וואָכן האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז זי האָט דאָרט ווידעראַמאָל געזען זשאַקן, בעת אַ בהלה, וואָס איז פּלוצלינג אויסגעבראָכן. תּחילת איז נאָר די באַוועגונג לעבעדיקער געוואָרן און אַפֿן ראָג פֿון דער „גאַס פֿון די שולן" האָבן זיך פֿאַרזאַמלט רעדלעך און קרייזלעך ווי אין די אַמאָליקע גוטע צייטן. און מיטאַמאָל האָבן גרופּעס יונגוואַרג אָנגעהויבן שטראָמען פֿון אַלע אַרומיקע געסלעך. ס'איז געוואָרן אַ געלאָף. אַ הויכער חברה־מאַן איז אַרויפֿגעקלעטערט אויף אַ טישל, וואָס מ'האָט אַרויסגעשלעפּט פֿון אַ קאַפֿע־וועראַנדע און גערעדט הויך, פֿאָכענדיק מיט די הענט. פֿונדערווייטנס האָט רחל ניט פֿאַרשטאַנען זיינע רייד. ס'האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז צווישן עולם זעט זי זשאַקן און זי האָט געאיילט אַהינצו. איבער די קעפּ האָט זיך צעפֿלאַטערט אַ פֿאָן און גרויסע בוכשטאַבן פֿון אויפֿשריפֿטן. דער עולם האָט זיך געלאָזן אין גאַנג, אַרויפֿצו, צום לוקסעמבורג־גאָרטן, ליאַרמענדיק אין כאָר: „נידער מיט די דייטשן! זאָל לעבן אַ פֿרייע פֿראַנקרייך!"

אַנטקעגן זיי, פֿון דעם פּלאַץ לעבן לוקסעמבורג־פּאַרק, איז אָנגעלאָפֿן פּאָליציי. פֿונווייטנס האָט מען געזען די בלויע, צעפּאָכעטע טוניקעס און די ווייסע שטעקנס. רחל איז שטיין געבליבן, אָנגעשפּאַרט אויף אַ בוים און אַ ווײַלע האָט זי צוגעקוקט צום געראַנגל. פֿון די קאַפֿע־הייזער זיינען געפֿלויגן גלעזער און סיפֿאָנען. אַ מאַרמאָר פּלאַטע פֿון אַ טישל איז געפֿאַלן

מיט אַ קראַך און איז צעשפּרונגען אין שטיקער. פון אויבן איז אָנגעפּאָרן מיט אַ טרומייטעריי אַן אויטאָ מיט פרישע פּאָליציי. יונגע חברה האָבן געריסן די אייזערנע גראַטעס ארום די ביימער. די ווייסע פּאָליציי שטעק־לעך האָבן אויפגעשיינט אין דער לופטן און זיינען פארשוואונדן צווישן קעפּ און פּלייצעס.

קרעכצן פון פארוואונדעטע האָבן אָפּגעהילכט אין דער לופט, דורכ־געמישט מיט היסטערישן קווייטשען פון מיידלעך. זיי זיינען דורכגעשניטן געוואָרן דורך עטלעכע שאַרפע קנאַלן פון רעוואָלווערן. אַ יאָמערנדיקער, אָפּגעהאַקטער געשריי האָט זיך אַ טראָג געטאָן איבערן בולוואַר. רחל איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָפּן בוים, דער קאָפּ באַהאַלטן צווישן די אָרעמס און האָט מורא געהאַט ווייטער קוקן אַהינצו. אירע פיס האָבן געציטערט און זי האָט אָנגעשטרענגט די לעצטע כוחות, כדי ניט אומצופאַלן אַף דער ערד.

ווען זי איז געקומען צו זיך, איז דער בולוואַר געווען פּוסט. אַ גרופּע פּאָליציאַנטן האָט געפירט עטלעכע צעבלוטיקטע סטודענטן. זיי האָבן ארומגערינגלט אין אַ גרויסער צאָל די יונגע בחורים, זיי געהאַלטן פעסט בא די אָרעמס און מאַרשירט מיט אויסגעשטרעקטע רעוואָלווערן אין די פויסטן. אַן עלטערער זשאַנדאַרם, מיט ווייסע שטרייפן אָפּן בלויען היטל האָט געשאָלטן, געשריען און ארויסגעגעבן באַפעלן. אַ שטיל קרעכצן האָט זיך אריינגעפּלאָכטן אין זיין טומלענדיקן געשריי.

רחל האָט געזוכט מיט די אויגן און איר בליק איז געפאַלן אַף אַ פלעק, וואָס האָט זיך געצאַפּלט אָפּן אַספאַלט, באַם ראַנד פון טראָטואַר. דאָס קרעכצן איז געקומען פון דאָרטן. אַן אויטאָ מיט רויטע צלמס אַף די ווענט איז אָנגעפּאָרן מיט אַ שאַלענדיקן געקליפּער און איז שטיין געבליבן לעבן פארוואונדעטן. אַ מאַן אין שווארצע קליידער איז אויסגעשטיגן און אַ לאַנגער, ווייסער באַנדאַזש האָט אַ בלאַסק געטאָן אין דער לופטן. — ס'איז זשאַק! — און באַלד איז זי געווען זיכער, אַז עס איז איר זון. די שרעק איז פארשוואונדן און זי האָט זיך געלאָזט אַהינצו מיט ציטערנדיקע קני. אַן עלטערער פּאָליציאַנט האָט איר פארשטעלט דעם וועג:

— וואוהין אַלטע מאַמע? גיי בעסער אַהיים און לייג זיך אין בעט!

און איידער זי האָט אים באַוויזן צו ענטפערן, האָט מען דעם פאַר־וואונדעטן אריינגעלייגט אין וואָגן, וואָס איז אָפּגעפּאָרן מיט אַ שאַלענדי־קער טרומייטעריי.

דאָס בילד האָט זיך איר איינגעקריצט אין זכרון און איז איר גע־

שטאַנען פֿאַר די אויגן, בעת זי האָט אין די שפּעטערדיקע טעג געוואַנדלט איבער די שכנותדיקע קוואַרטאַלן: דורכן לוקסעמבורג־גאָרטן, איבערן מאָנפּאַרנאַס, אַזש ביז דער תמיד שלוהדיקער געגנט פֿון פּאַרק מאַנסורי. אין דערווירקלעכקייט זיינען די גאַסן געווען רואיקער ווי אַמאָל: ניט געווען מער דער הו־האַ פֿון קויפֿער און הענדלער, די זינגענדיקע אויסגעשרייען פֿון יונגע פֿאַרקויפֿערנס, וואָס לאַדן איין קונים און ניט דער שלל פֿון סחורות אין וויסטאַוועס און אויף די טראָטואַרן. די מענטשן זיינען אַרומגעגאַנגען פֿאַרטראַכט, געלאַסן, ווייניקער רירעוודיק ווי פֿריער, און אַ גלאַנץ אין די אויגן. אויף די אויסגעמאָגערטע פּנימער איז געלעגן אַ מידקייט און די פֿריינטלעכע שמייכלען זיינען ווי פֿאַרגליווערט געוואָרן אויף די ליפּן.

דער נאַקעטער מאָנסורי־פּאַרק איז געלעגן איינגעהילט אין אַ דינעם שלייער פֿון האַרבסטיקן אומעט: די הוילע בוימער האָבן שטיל געטרוימט פֿון אַ קומענדיקן פֿרילינג, אַ קאַלט ווינטל האָט שפּאַצירט דורך די פּוסטע אַלייען און אַ געשפּרינקלטע, דינע פֿראָסט־שיכט האָט זיך פֿאַרצויגן איבער די געמיטלעכע אָזיערעס.

און פֿונדעסטוועגן האָט זיך רחלען אומעטום געדאַכט, אַז אָט־אָט ברעכט אויס אַ בהלה, מענטשן הויבן אָן לויפֿן פֿון אַלע געסלעך, פֿון די פּוסטע אַלייען, רעוואָלווער־שאָסן שניידן דורך דעם שלייער פֿון שטילקייט.

זי איז שטיין געבליבן אויף אַ שייד־וועג, וואו צוויי טרעפֿן האָבן געפֿירט צו אַ נאָנטער ראַמפּע. „לאַ ווילעט" — האָט זי איבערגעלייענט אויף איינעם פֿון די קעגנאיבער הענגענדיקע שילדלעך. און „לאַ ווילעט" וואוינען אַרבעטער! „זשערמען אָדער מאַדלען, אַן אַרבעטערקע דאַכט זיך..." זי וועט פֿאָרן אַהינצו.

זי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, כדי זיך צו פֿאַרזיכערן, אַז זי נעמט די ריכטיקע ליניע. באַם שילד איז געשטאַנען אַ מאַן, פֿאַרטיפֿט אין צעטל פֿון די גאַסן, וואָס זיינען דאָרט געווען אויסגערעכנט מיט בלויע אותיות אויף אַ ווייסן פֿאָן. ער איז געשטאַנען אין פּראָפֿיל און אין דער טונקלקייט האָט זי אים ניט געזען קלאָר. פֿונדעסטוועגן האָט איר אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרצן: איז עס ניט דערזועלבער?

אַ געוויש פֿון אָנקומענדיקן צוג האָט איר ניט געלאָזט לאַנג קלערן. זי איז איילִיק אַראָפּגעלאָפֿן עטלעכע טרעפּלעך און נאָך באַוויזן דורכצוגליטשען זיך דורך דער אויטאָמאַטישער טיר, וואָס האָט שוין געהאַלטן אין שליסן דעם אַרויסגאַנג. הינטער זיך האָט זי דערהערט שנעלע טריט.

עמעצער האָט געשטויסן אין דער טיר און בייז געשאָלטן. ער האָט פאַר־שפּעטיקט! — האָט זי אַ טראַכט געטאָן.

ערשט ווען זי איז אַריין אין אַ וואַגאָן, האָט זי אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער. הינטער דער געשלאָסענער טיר האָבן זיך דערווייל אָנגעזאַמלט עטלעכע מענטשן און געוואַרט אָפן נאָענסטן צוג. נאָר איינער איז מיט אַ שפּרונג צוריק אַרויפגעלאָפן די טרעפּ און זיך דאָן אַ לאָז געטאָן מיטן פאַרבאַטעטענעם פּאַראַלעלן גאַנג, דורך וועלכן נאָר די אָנגעקומענע פּאַסאַ־זשירן האָבן געמעגט אַריינגיין אין דער סטאַציע. ער האָט זיך טאַקע אָנגעשטויסן אָן עולם, וואָס איז גראָדע אויסגעשטיגן. ס'איז געוואָרן אַ שטיקל שטופּעריי. רחלס האַרץ האָט האַסטיק געקלאַפּט: וועט ער נאָך באַווייזן דורכצוגיין און נעמען דעם צוג? זי איז אַליין ניט געווען זיכער, צי ס'איז דער זעלבער אָדער נאָר אַן איינבילדונג פון איר שרעק. פאַרוואָס זאָל ער איר נאָכגיין? און פאַרוואָס ניט? ס'איז כלל קיין קשיא ניט, פאַר־וואָס מען ווערט פאַרפאָלגט! דער צוג האָט אַ פייף געטאָן און זיך גע־וואָרפן אין טונעל. פאַר די אויגן האָבן אַ שווינדל געטאָן די ריזיקע רעקלאַמע־אותיות פון באַקאַנטן אַפּעריטיוו:

דובּ... דובאָ... דובאָנע... דובּ...

איר פּלוצימדיקע איילעניש און אויפרעגונג האָבן אין איר גופא אויפגעוועקט אַ געפיל, אַז זי יאָגט זיך טאַקע צו אַ באַשטימטן ציל. ווער יענער מאַן זאָל ניט געווען זיין, האָט ער שוין דעם צוג ניט געקראָגן. אַצינד מוז זי נאָר טרעפן יענץ מיידל. אַ מידע האָט זי געשלאָסן די אויגן און פּרובירט זיך פאַרצושטעלן די שטריכן פון דער אומבאַקאַנטער.

אַ ווײַלע שפּעטער האָט זי זיך אַרומגעקוקט אויף די פּאַסאַזשירן פון דער אָפּטיילונג. ניט ווייט פון איר איז געזעסן אַ יונג, בלאַס מיידל, מיט לייכט געפּאַרבטע ליפּן און געדיכטע, שוואַרצע האָר, פאַרקאַמטע אויף פאָרנט. דאָס מיידל איז געווען פאַרטאָן אין לייענען אַ דין העפטל. — אפשר זי? — האָט רחל אַ קלער געטאָן און אָנגעהויבן זי שטאַרקער צו באַטראַכטן. יענע האָט דערפילט דעם פרעמדן, דורכדרינגלעכן בליק און לייכט דערשראָקן האָט זי אָפּגעדרייט דעם קאָפּ אָן אַ זייט.

דער צוג האָט זיך געיאָגט. מענטשן האָבן זיך כסדר געביטן, אויסגע־שטיגן און איינגעשטיגן. דאָס מיידל איז געבליבן. רחל האָט כלל ניט געקוקט אויף די נעמען פון די סטאַציעס, זי איז אַצינד נאָכגעפאָרן דער אומבאַקאַנטער. ניט האָבנדיק קיין שום זיכערן ציל, האָט זי זיך אָנגע־כאַפּט אָן ערשטן בעסטן. לאַנגזאַם איז אין איר אויסגעוואַקסן די זיכער־

קייט, אַז דאָס מיידל, דאָרט אַפן באַנק, קען זשאַקן און וויסט, וואו ער געפינט זיך.

זיי זיינען אַזוי אָפּגעפאָרן אַ קנאַפּע האַלבע שעה. אַף איינער פון די סטאַציעס איז דאָס מיידל אַראָפּגעשפּרונגען און איז אַרויסגעלאָפן דורך די געעפנטע טירן. רחל, וואָס האָט פון איר ניט אַראָפּגעלאָזן די אויגן, האָט נאָך באַוויזן אַרויסצוגיין, איידער די טירן האָבן זיך פאַרהאַקט. ווי זיינען אַרויפגעשטיגן די טרעפ צום אַרויסגאַנג, דורך וועלכן ס'האָט זיך אַריינגעריסן דאָס טאָג־ליכט פון גאַס. דאָס מיידל האָט באַמערקט, אַז די פרעמדע פרוי גייט איר נאָך און געוואָרפן צעשראָקענע בליקן הינ־טער זיך.

אויבן, פאַר דער גאַס, איז געשטאַנען אַ יונגער מאַן און געזוכט צווישן אויסשטייגנדיקן עולם. דערזעענדיק דאָס מיידל, האָט ער אַ שמייכל געטאָן און איר צוגעוואונקען. זיי האָבן זיך צעקושט. אַ ווײַלע זיינען זיי געשטאַנען אַרומגענומען, די אומבאַקאַנטע האָט עפּעס געשושקעט און זיך נעמענדיק אונטער די אָרעמס, זיינען זיי אַף גיך פאַרשוואונדן אין אַ זייטיקער גאַס.

רחל האָט זיך שוין געהאַט אַזוי איינגעלעבט מיט דער אילוזיע, אַז זי פאָרט צוזאַמען מיט זשערמענען, אַז אַצינד האָט זי זיך דערפילט לייכט באַליידיקט. זי איז געשטאַנען איינע אַליין אין אַ פרעמדער, אומבאַקאַנ־טער געגנט, און אַ שטאַרקער געפיל פון איינזאַמקייט האָט זי אַרומגע־כאַפּט.

זי האָט זיך געלאָזט גיין מיט דער גאַס, באַטראַכטנדיק די הייזער און די מענטשן. עס האָט דאָ געווימלט פון אַן אַ שיעור קליינע האָטעלעכ־לעך, וואָס האָבן אַנאָנסירט אַף זייערע אַלטע שילדן, אַז זיי האָבן קאַלט און וואַרעם וואַסער און אַז זיי פאַרדינגען זיך אַף אַ חודש, אַ וואָך און אַ שעה. ערטערווייז האָבן אויפגעהערט די געביידעס און ס'האָבן זיך גע־צויגן לאַנגע, הויכע פאַרקאַנעס פון פאַבריקן. פון די בילִיקע „ביסטראָס" אַף די ראָגן האָבן אַרויסגעשאַלט הילכיקע ראַדיאָ־שטימען. די גאַס איז געלאָפן וואָכעדיק און גרוי און זיך אַריינגעגאָסן אין דער ווייט אין אַ העג־נעלדיקן נעפּל, פון וועלכן ס'האָבן אַרויסגעשטעקט הויכע קוימענס.

די פאַרבייגייער זיינען געווען שלעכט געקליידעט, ס'רוב אין בלויע אַרבעטער מלבושים, אומראַזירט, אָן מאַנטלען און אָן קראַוואַטן איבער די געשטרייפטע העמדער, מיט שווערע, הילצערנע כאָדאַקעס אַף די פיס.

עלטערע פרויען מיט פארזארגטע פנימער האבן געפירט קינדער בא איין האנט און אין דער צווייטער האבן זיי געטראגן לײדיקע קאשיקעס אדער נעצן.

רחל האט זיך געפילט פארלארן צווישן די פרעמדע פנימער. מען האט באוואונדערט איר אפגעקראכענעם פעלץ, וואס האט נאך דא אויסגעזען גאנץ „שיק". איר האפענונג איז אויסגערונען, זי איז געגאנגען ווייטער, נאר ווייל זי האט מורא געהאט זיך אומקערן אהיים מיט ליידיקע הענט.

אנטקעגן איז אנגעקומען א ברייטפלייציקער, מיטליעריקער מאן. רחל האט אים באטראכט. צווישן גרויען עולם האט ער אויסגעזען שטארק עלעגאנט אין זיין לאנגן שווארצן מאנטל און גלאנצנדיקע שיך. זי האט גיט באמערקט ווי אפן ברוק איז אנגעפארן א ראווער און זיך אויסגעגלייכט מיטן שפאצירנדיקן הער. עס האבן אפגעהילכט דריי שאסן און דער מאן איז אומגעפאלן. ערשט איצט האט זי דערזען ווי דער ראווער האט זיך שנעל פארקירעוועט און איז נעלם געווארן אין א זייטיקער גאס.
ס'האבן זיך צעעפנט טירן און פענצטער. נייגעריקע קעפ האבן ארויסגעקוקט, געפרעגט, זיך איבערגעווארפן מיט קורצע זאצן. צוויי יונגע חברה זיינען צוגעלאפן צום ליגנדיקן און אים אויפגעהויבן. זיי האבן אים גלייך געלאזן פאלן און עפעס געזאגט צו די ארומשטייענדיקע מענטשן, וואס זיינען אנגעקומען פון אלע זייטן מיט צעשראקענע פנימער. א קינד האט זיך צעשריען:

— געשאסן! יענער אפן ראווער האט געשאסן!

די מאמע האט אים א צי געטאן פארן הענטל:

— שוויג, בהמה!... ס'איז ניט דיין זאך!

רחל האט געהערט א נאמען, וואס איז געלאפן פון מויל צו מויל. די טירן און פענצטער האבן זיך גלייך געשלאסן. דער פארזאמלטער עולם איז זיך שנעל צעגאנגען. די גאס איז געווארן פוסט. רחלען האט זיך געדאכט, אז אלע, אויסער איר, ווייסן דא פון א בשותפותדיקן סוד. די גרויע, וואכעדיקע הייזער האבן אצינד געקוקט מיט א געהיימנישפולן שווייגן פון א ספינקס. א פארבייגייער האט צו איר א מורמל געטאן:

— טראגט זיך בעסער אפ, מאדאם, עס וועט זיין אן אבלאווע!

זי האט דורכגעשניטן דעם בולוואר און איז אריין אין א זייטיקן געסל.

די געגנט, דורך וועלכער זי איז געגאנגען, איז באַשטאַנען פון אַ לאַ־בירינט פון הויקערדיקע, זיך שניידנדיקע גאַסן און גרויע, נידעריקע הייזער. ס'איז דאָ געווען רואיק. אָבער רחלען האָט זיך געדאַכט, אַז די ידיעה וועגן מאָרד לויפט איר פאָראויס. קיינער איז ניט געגאַנגען אין דער ריכטונג פון בולוואַר. באַ די טויערן האָבן זיך מענטשן געסודעט און זיינען גלייך פאַרשוואונדן אין די טונקעלע קאָרידאָרן. מאַמעס האָבן אַריינגערופן זייערע קינדער אין די הייזער.

פון הינטן, פון בולוואַר, איז דערגאַנגען אַ פייפעריי און אַ טראַסקעריי פון מאַטאָציקלען. פּאָליציי! — האָט אַ קלער געטאָן רחל — אויב מען וועט זי דאָ פאַרהאַלטן, וועט זי אַפילו ניט קענען אָנגעבן, וואָס אַזוינס זי האָט געזוכט אין דער דאָזיקער געגנט. וואוהין כאַפּט מען זיך אַריין?

פון אַ קעגנאיבערדיקן ראָג איז דערגאַנגען אַ זשומען פון אַ ראַדיאָ. אויפן שילד איז געשטאַנען אָנגעשריבן: „קוילן, קאַפע, וויין". רחל האָט דורכגעשניטן די גאַס, האָט געעפנט די טיר און איז אַריינגעגאַנגען.

באַם צינקענעם פאַרבאַנק איז געשטאַנען אַ נידעריקער מאַן און זיך לייכט געוואַקלט איבער אַ גלאָז וויין, וואָס ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט. ער האָט קענטיק געהאַלטן אינמיטן אַ דרשה — רחל האָט שוין פון גאַס געהערט זיין צעצויגענע, שכורלעכע שטימע — און זי איבערגעריסן צוליבן אַריינקומען פון אומבאַקאַנטן גאַסט. דער זאַל איז געווען פוסט, נאָר הינטן, אין האַלב־טונקל, זיינען געזעסן צוויי יונגע חברה און געשפּילט אין קאָרטן. זיי האָבן געוואָרפן אויף רחלען אַ פאַרשנדיקן בליק. אויך דער בעל־הבית, וואָס איז געשטאַנען הינטערן פאַרבאַנק, האָט זי אָנגעקוקט מיט פאַרדאַכט.

זי האָט זיך געזעצט אין אַ ווינקל און שווער אָפּגעזיפצט פון מידקייט און שפּאַנונג. דער בעל־הבית איז צוגעגאַנגען און אַ ווײַלע באַטראַכט איר טרויעריקן, צעקנייטשטן פּנים.

— וואָס טרינקען, מאַדאַם?

— אַ וואַרעמע קאַווע!

ווען ער האָט אַ ביסל שפּעטער געבראַכט די קאַווע, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— קאַלט, מאַדאַם?

— יאָ, אַ קאַלטער ווינטער!

— שוין לאַנג ניט געווען אזא ווינטער אין פּאַריז!... איר זענט א היגע?

— יאָ, אַ סך יאָרן אין פּאַריז.

די צוויי יונגעלייט און אפילו דער שכור באַם טיש האָבן זיך אויפ־מערקזאַם צוגעהערט צום שמועס. דער בעל־הבית האָט אויסגעפרעגט דרך־אגבדיק, ווי די ענטפערן וואָלטן אים ניט שטאַרק אָנגעגאַנגען.

— פון דער געגנט?

— ניין!... מיר וואוינען באַ די גרויסע בולוואַרן.

— אודאי געקומען עמעצן באַזוכן! היינטיקע צייטן קומט מען צו איינעם צו גאַסט און מען טרעפט אים ניט...

— יאָ! — האָט רחל צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ צום פּאַרטיקן תירוץ, וואָס יענער האָט איר אַריינגעלייגט אין מויל — היינט אינדערפרי האָט מען זיי צוגענומען.

— איר זיינט אַ יידישע?

רחל האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אַף יאָ. דער מאַן באַם פּאַרבאַנק האָט אַ זאָג געטאָן פונדערווייטנס:

— זיי ווילן אונדז אָפּקויפן מיטן כאַפּן יידן! באַ אונדז אין הויז זיינען זיי אויך געווען!... און ווען די יידן האָבן געהערשט אין פּאַריז, איז פונדעסטוועגן געווען וואָס צו עסן!

רחל האָט זיך דערוואָרעמט באַם טרינקען די שוואַרצע פּליסיקייט, וואָס האָט געשמעקט נאָך צוגעברענטע אַרבעס. זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן ווייכן אָנלען פון דער באַנק און צוגעמאַכט די אויגן. קעגנאיבער, באַם טישל פון די יונגעלייט, האָבן געקנאַקט די קאָרטן, וואָס אַ פלינקע האַנט האָט געטאַשט.

— דו פּאַסט? — האָט אַ שטימע געפרעגט.

— יאָ!

— און איך אַנונסיר זעכציק!

— גיב קאָרטן!... ער איז טויט ווי אַלע טויטע!

— איך אַנונסיר צוואַנציק. געדענקסט, ס'אַרא שמחה ס'איז געווען, ווען מ'האָט אים אויסגעוויילט פאַר אַ דעפּוטאַט!

— די הינט! ווען זיי אַרבעטן זיך נאָר אַרויף, פאַרגעסן זיי דאָס פאָלק! איצט וועט ער זיין אַ דעפּוטאַט אין גיהנום!...

זיי שמועסן אויך וועגן יענעם! — איז דורכגעגאַנגען אַ געדאַנק דורך רחלס קאָפּ. אירע אויגן־לעפּלעך זיינען געווען ווי צוגעקלעפּט און

זי האָט זיי ניט געקענט עפענען, כדי אָנצוקוקן די ריידנדיקע. דער שכור באַם פאַרבאַנק האָט זיך מער ניט געקענט איינהאַלטן און האָט ווייטער פאַנאַנדערגעוויקלט זיין סטראַטעגישן פּלאַן:

— דו פאַרשטייסט? די רוסן וועלן דערלאַנגען א זעץ!... די ענגלישע אוויאַנען...

די שטימען זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן אין א נעפּל. פון זעלבן נעפּל איז אַרויסגעריטן די פראַנצויזישע קאַוואַלעריע. פון זייערע קאַסקעס זיינען אַראָפּגעהאַנגען פעררדישע עקן און זיי האָבן אויסגעזען ווי בעת דער מיליטערישער דעפילאַדע אַף די „עליזייער פעלדער", וואָס זי האָט געהאַט אָנגעקוקט מיט העלענען. א ציטונגס־פאַרקויפער איז געלאָפן מיט א פּאַק אונטערן אָרעם. דער עולם האָט געכאַפּט די בלעטער פון די הענט און אַף אַלע בלעטער איז געשטאַנען דאָס בילד פון זשאַקן. ער האָט דאָרט אויסגעזען יונג, ווי אַפן בילד, וואָס הענגט אין זיין צימער, לעבן דער ביבליאָטעק...

פלוצלינג האָט אָפּגעהילכט א ווייטע שטימע פון א הויך־ריידער. דער מיקראָפאָן איז געשטאַנען אַפן אייפעל־טורעם, זי האָט אים אָבער ניט געזען, ווייל ער איז פאַרשטעלט געוואָרן דורך א צעפּלאַטערטער פאָן, אַף וועלכער עס האָט זיך געצייכנט א שוואַרצער האָקן־קרייץ. די שטימע האָט אויסגערופן:

„די פּאָליציי זוכט אַרום דעם ייד יענקל סאָקאָלאָווסקי... אַטענטאַט... בולוואַר מאַזשענטאַ..."

זי האָט אויפגעציטערט און געעפנט די אויגן. די ראַדיאָ האָט געשפּילט א מיליטערישע מוזיק. אין זאַל איז קיינער ניט געווען. דער בעל־הבית איז געשטאַנען לעבן איר:

— איר ציטערט פון קעלט, מאַדאַם! נאָך א וואַרעמע קאַווע?

— ניין! איך וועל גיין!

— גיטסט אַכטונג! אין דרויסן קומען פאַר אַבלאַוועס! גייט בעסער דורך די געסלעך...

און ער האָט איר דערקלערט ווי צו גיין ביזן פּלאַץ רעפּובליק.

— ווייטער וועט איר שוין טרעפן! — האָט ער געזאָגט.

אין דרויסן איז שוין געלעגן דער אָונט. זי האָט זיך געשלעפּט פאַמעלעך דורך די פּוסטע אויסגעלאָשענע גאַסן. ס'איז שוין געווען זייער פינצטער, ווען זי איז צוגעקומען צו א קאַנאַל און האָט געזוכט א בריק

אף איבערצוגיין אף דער אנדער זייט. מיטאמאָל האָט זי דערזען א שאָטן, וואָס האָט זיך געשלייכט לענגאויס די הייזער. זי איז שטיין געבליבן, האָט אָנגעשטרענגט געקוקט אין דער פינצטערניש און פלוצלינג האָט זי אויסגערופן:

— זשאַק!

דער שאָטן האָט זיך א שאַר געטאָן שנעלער און זיך פארקירעוועט אין א געסל. זי איז אים נאָכגעלאָפן מיט די לעצטע כוחות און גערופן:

— זשאַק!... יענקעלע!...

זיבעטער קאַפּיטל

זשערמען האָט געמאַכט דאָס בעט מיט גיכע באַוועגונגען, כדי זיך אַ ביסל צו דערוואַרעמען באַ דער אַרבעט. זי האָט אויפגעטרייסלט דעם מאַטראַץ און אַרויפגעלייגט איבער די אייבערשטע דעקעס אַ ווינטערדיקן מענער־מאַנטל, וואָס זי האָט אַראָפּגענומען פון אַ הענגער באַ דער טיר. די צוויי באַשטריקטע קישעלעך האָט זי אָנגעשפּאַרט אַף דער וואַנט און אַזוי אַרום פאַרוואַנדלט דאָס בעט אין אַ סאָפאַ.

אין צימער איז געווען קאַלט. ס'איז געווען אַ קליין צימערל אַף אַן אייבערשטן שטאָק פון אַן אַרבעטער־הויז, אין אַן אָפּגעלעגענער געגנט פון פּאַריז, צווישן פּלאַץ „קאָמבאַ" און קאַנאַל, וואָס שניידט דאָרט דורך די שטאָט. פון דרויסן האָט דאָס הויז אויסגעזען שטאַרק פאַרנאַכלעסיקט. די פאַסאַדע איז געווען באַשטרייפט מיט גרויסע פלעקן פון אַראָפּגעריסענע טינק, באַקלעפּט מיט רעשטלעך פון אַראָפּגעריסענע פּלאַקאַטן און באַשמירט מיט אָפּגעמעקטע לאָזונגען און פּאַרטיי־צייכנס. — אַ שארית הפליטה פון אַמאָליקע צייטן. אינעווייניק האָבן די מעבל און פאָרהאַנגען געשאַפן אַ ביסל געמיטלעכקייט. אויסער דעם קליינעם טישל און דער פּאָליצקע מיט אָנגעוואָרפענע ביכער, איז לעבן בריטן בעט געשטאַנען אַ ראַדיאָ־אַפּאַראַט אַף אַ הויכן טאַבורעט. אַף די ווענט זיינען געהאַנגען עטלעכע לאַנד־קאַרטעס און אַ פאַרביק בילד פון אַ פילם־סטאַר, וואָס זיינען אויסגעשניטן געוואָרן פון צייטונגען.

דער דאַך האָט זיך אַראָפּגעלאָזן נידעריק־געוועלבט איבער דער פאָדערשטער וואַנט און די צוויי קליינע, שפּיציקע פענצטערלעך צו דער גאַס, וואָס האָבן זיך איינגעשניטן אין אים, זיינען געווען פאַרצויגן מיט דיקע באַפעסטיקטע פאָרהאַנגען. אין אַ ווינקל האָט אַ לאַנגער, גרינער פאָרהאַנג געדינט אַלס מחיצה צו אַ קליינעם, זייטיקן חדרל, וואָס איז

געווען איינגעבויט ווי אַ גרויסע שאַפע אין דער וואַנט און געדינט אַלס קיך, טואַלעט און מקום מקלט פאַר אַלטע, גענוצטע חפצים.

די קאָלירטע פילם־אַרטיסטקע און די קאַרטעס פון טשעכאָסלאָוואַקיע און פוילן זיינען געווען געל פון אַלטקייט. דאָס האָט זיי פיער אויפגעהאַנגען פאַר דער מלחמה, ווען די דאָזיקע לענדער זיינען אַרויפגעשוואומען אַף דער טאָג־טעגלעכער אַקטואַליטעט. זשערמען האָט זיי פאַרנאַכלעסיקט, ניט אַריינגעשטעקט די אַרויסגעפאַלענע קנאָפּקעס און דערפאַר האָבן זייערע שפּיצן אַרומגעפלאַטערט אין דער לופטן.

אַפן טיש איז לעבן אַ צייטונג געלעגן אַ קאַרטל, וואָס זי האָט נעכטן באַקומען פון פיערן. די ידיעות פון אים זיינען זעלטענע און ער שרייבט נאָר קורץ און לויט דער סכעמע. אָבער אַצינד קלערט זי כלל ניט וועגן אים. באַטראַכטנדיק פון אַ זייט דאָס בעט, צי ס'ליגט דאָרט אַלץ אין אָרדענונג, טראַכט זי מיט דערוואַרטונג וועגן זשאַקן: וועט ער דאָסמאָל קומען אָדער ניט?

אַ נאַריש פאַרעקשנט יינגל! ס'וועט אים דאָך בעסער זיין דאָ, אייד דער אין יענער פוסטער, פאַרשימלטער דירה. ער וועט זיך דאָך מסתמא אַ צייט לאַנג מוזן אויסבאַהאַלטן און ניט קענען דערשיינען אַף גאַסס־וועלט! פאַרוואָס זאָל ער ניט וואוינען דאָ?

אַזאַ צייט האָט ער זי פאַרעקשנט אויסגעמיטן! איז זי דען שולדיק אין גאַנצן פּלאָנטער מיט פיערן?... וואָס האָט זי געקענט טאָן? זשאַק איז געווען ווייט און עס זיינען פאַרגאַנגען חדשים און יאָרן. אָט־אָט און עס נעמט אַ סוף, און עס האָט כלל קיין סוף ניט גענומען! ווען ניט פיער, וואָלט עס געווען אַן אַנדערער...

ניין, ס'איז כלל קיין פּלאָנטער ניט! פיער איז ניטאָ, ער איז ווייט און ווער ווייסט, צי ער וועט צוריקקומען. און נעכטן איז זי פאַרבליבן מיט זשאַקן אַ לאַנגע־לאַנגע ווייל.

אַ וואַרעמקייט שלאָגט דורך איר קערפּער ווי אַ לייכטעס צוגווינטל. ס'איז געקומען אַזוי פּלוצלינג, אומדערוואַרטעט. ערגעץ־וואו האָט זי געגלויבט אים ווידער טרעפן, און דאָך איז זי געווען איבעראַשט, ווען זי האָט דערקענט זיין שטימע אין דער פינצטער. זיי האָבן ניט גערעדט, נאָר ווערטער האָבן זייערע הענט זיך אויפגעזוכט, זיך איינגעקלאַמערט. דורך די צעבראָכענע שויבן האָט מען געזען דעכער און שטאָקן איינגעהילט אין פינצטערניש. די שטאָט איז געלעגן ווי אויסגעשטאָרבן. אונטן האָבן שטיל געמורמלט די וואַסערן פון קאַנאַל. זי האָט געהערט דאָס

קלאפּן פון איר האַרצן און ס'איז איר אויסגעקומען ווי נאָר זי אַליין וואָלט מיט אים פֿאַרבליבן אַף דער וועלט.

אַ ווײַלע בלײַבט זי שטיין מיט פֿאַרלייגטע הענט אַף די ברוסטן און לעבט ווידער איבער די נעכטיקע קורצע טרעפֿונג. זי וואָלט נאָך לענ־גער' געבליבן. אַ גאַנצע נאַכט וואָלט זי געבליבן, ווען ניט די הינטישע פּאָליציי און די געשטאַפּאָ, וואָס שטעקן אומעטום אַרײַן די נאָז. זי וואָלט טראַצדעם געבליבן! ליבע איז ליבע — ניט אמת? אָבער זשאַק האָט בשום אופן ניט געוואָלט. ער האָט אויך ניט צוגעזאָגט, אַז ער וועט קומען, זי האָט עס אָבער אַרויסגעפֿילט פֿון זײַנע הייסע ליפּן און פֿעסטע קלאַ־מערנדיקע אָרעמס בעתן געזעגענען זיך. ווען ער באַלד קומען?

זי האָט ניט געקענט אײַנשטיין אַף איין אָרט. מיט שנעלע טריט איז זי צוגעגאַנגען צום פֿאָרהאַנג, אים פֿאַרשאַרט אָן אַ צייט און אַ קוק געטאָן, צי עס וועט עפּעס זײַן צום נעמען אין מויל אַרײַן, אויב זשאַק וועט קומען. זי וואָלט געקענט אויסלייען ברויט־קאַרטן בײַ אַ חברטע, אָבער מען וואָלט באַמערקט, אַז זי קלייבט זיך אויפֿנעמען אַ גאַסט. אָה, מען וועט מוזן זײַן זייער פֿאָרזיכטיק — האָט זי זיך געזאָגט — ניט אַרויס־כאַפּן זיך מיט אַ וואָרט אין געשעפֿט! ספּעציעל וועט מען זיך מוזן היטן פֿאַר דער „בלאָנדער זשאַן"!... זי שלאָפֿט מיט די דײַטשן, די בלאָנדע זשאַן, דערפֿאַר זעט זי אויס אַזוי דיק! נשקשה, זיי האָבן צו פֿרעסן, פֿון אַלדאָס גוטס האָבן זיי! זי האָט זיך אַפֿילו דערמיט באַרימט, די הור, און די ערשטע צײַט האָט זי דערציילט ווי זי האָט זיך געטראָפֿן מיט אַן אָפֿיציר און וואָס מען האָט אַלץ געפֿרעסן און געזויפֿט...

אָבער זי, זשערמען, האָט זיך קיינמאָל ניט געלאָזט אָנרירן פֿון אַ „באָש", כאָטש זי לעבט שוין אַזוי לאַנג אַליין און איין גאָט אין הימל ווייסט ווי שווער עס קומט איר אָן אַזוי צום לעבן! נאָר אין אַ „קאַפֿע" איז זי עטלעכע מאָל געגאַנגען מיט איינעם און אויך נאָר, ווײַל מ'האָט איז' געהייסן וואַרפֿן אַף אים אַן אויג! ער האָט איר צוגעזאָגט הרים וגבעות, אַבי זי זאָל מיט אים גיין אין אַ האָטעל. אָבער אַ פּייג איז זי געגאַנגען!

אַף די טרעפּ הילכן אָפּ שווערע טריט ווי עמעצער וואָלט געטאַפּט מיט די פֿיס אין דער פֿינצטער. אפֿשר זשאַק? ער קען ניט דעם אַרויפֿ־גאַנג און ס'איז דאָרט ניטאָ קיין ליכט!

זי האָט געעפֿנט די טיר און אַ לאַנגער פּאַס שײַן איז געפֿאַלן אַף די ברייטע טרעפּ. די טריט זײַנען תחילת לײַכטער און שנעלער געוואָרן

און דאָן איז שטיל געוואָרן ווי עמעצער וואָלט דאָרט געלויערט אין דער פינצטער.

— זשאַק? — האָט זי אַ סיקע געטאָן צווישן די ציינער.

ס'איז טאַקע געווען זשאַק, וואָס איז שנעל אַרויפגעשטיגן. באַם אַרויסשטראַלנדיקן ליכט האָט זי געזען זיין בלייכן, באַוואַקסענעם פּנים און שוואַרצע איינגעפאַלענע אויגן. זיי זיינען אַריין און צוגעמאַכט די טיר הינטער זיך.

— נו, ביסט ראַך געקומען! — האָט זי פריילעך אויסגערופן, ווען זיי האָבן איבערגעטראָטן דעם שוועל.

— ש־ש־ש, רייד שטילער!

— מאַכט גיט אויס — קיינער הערט אונדז ניט!

— און די שכנים? — האָט זשאַק אַ פיר געטאָן מיט דער האַנט אַרום.

— ניטאָ קיין לעבעדיקער נפש אפן גאַנצן שטאָק, אויסער דעם טויבן מאַרסעל. מיין שכנטע פון יענער זייט — האָט זי אָנגעוויזן אַף דער וואַנט, וואָס באַם ברייטן בעט — קומט שוין לאַנג ניט אַהיים. געכאַפּט אודאי באַ איר שעה, דעם אַלטן אַלמן. ניטאָ קיין קוילן, באַנוצט ער זי אודאי אָנשטאָט צענטראַל־הייצונג!

זי האָט זיך צעלאַכט און אָנגעשטעקט זשאַקן מיט איר פריילעכ־קייט. אַף זיין באַוואַקסענעם פּנים האָט זיך צעלייגט אַ שמייכל. זיינע ניט אויסגעשלאָפענע אויגן זיינען געלעגן טיף אונטער זיין ברייטן שטערן. לעבן די איינגעפאַלענע באַקן זיינען זיינע אויערן אָפּגעשטאַנען מער ווי געוויינלעך און אויסגעזען לענגער ווי זיי זיינען געווען אינדערעמתן. דער קראַגן פון זיין העמד איז געווען שמוציק און צעקנייטשט. ער איז געשטאַנען איינגעדרייט אין מאַנטל און מ'האָט געזען, אַז ער איז מיד און אַז ס'איז אים קאַלט.

— און דער טויבער מאַרסעל, ווי דו רופסט אים? — האָט ער גע־פרעגט.

— ער הערט דאָך ניט — איז טויב ווי די וואַנט! פינף וועקערס שטעלט ער אָן, כדי זיך אויפצוכאַפּן באַצייטנס צו דער אַרבעט. פאַרטאָג מאַכן זיינע זייגערס אַן אַלאַרעם, אַז סע דאַכט זיך די סירענעס — די ענגלענדער קומען באָמבאַרדירן!... וועסט שוין מאָרגן אינדערפרי אַליין הערן דעם ספּעקטאַקל!

זשאַק האָט זי אָנגעקוקט:

— ביסט אזוי זיכער, אז כ'וועל בלייבן איבער נאכט?

— א ברירה האסטו? — האט זי שעלמיש א שמייכל געטאן — איצט מוזטו שוין בלייבן. ס'איז געפערלעך זיך צו דרייען באנאכט אין גאס. טו אויס דעם מאנטל!

זי האט אים געהאלפן צעשפילען די קנעפ. זשאק האט נאכגעפאלגט פארטראכטערהייט די באוועגונג פון אירע פינגער. אייגנטלעך איז ער דאך, גיי־ענדיק אהער, שוין געווען זיכער, אז ער וועט בלייבן. ער האט נאר ניט געוואלט זיך עס מודה זיין און האט זיך באמת ניט צו קלערן וועגן דעם. זשערמען האט אוועקגעלייגט דעם מאנטל אף א שטול. זי האט אים א קוק געטאן אין די אויגן:

— גיסט מיר גארנישט קיין קוש! — האט זי געפרעגט.

זי האט אים אונטערגעשטעלט איין באק, דאן די צווייטע און דער־נאך זיך צוגעדריקט מיט צעעפנטע ליפן צו זיין מויל. א לאנגע ווײַלע האט זי זיך געטוליעט צו אים מיט איר גאנצן קערפער, ווי מורא האבנדיק, ער זאל זי ניט אפשטויסן. זי האט א גלעט געטאן מיט איר האנט איבער זיין פנים:

— דו שטעכסט ווי א יעזשיק, קום, גיב א קוק!

האלטנדיק איר האנט ארום זיין טאליע, האט זי אים צוגעפירט צו דער וואנט, אף וועלכער ס'איז לעבן פארהאנג געהאנגען א שפיגל:

— קוק!

זשאק האט אנשטאט אין שפיגל געקוקט אף איר. איר לענגלעכער פנים איז געווען פריש און יונג. איבער אירע שווארצע אויגן האבן זיך אראפגעלאזן לאנגע געדיכטע ווימפערן, וואס האבן פארשאטנט דעם זייער דינעם שניר פון דעם ברעמען־בויגן. זשאקס בליק האט זיך איינגעגעסן אין איר לייכט צעעפנטן מויל, פון וועלכן ס'האבן ארויסגעבלישטשעט קליי־נינקע ציינדעלעך. זיי האבן אים אויסגעזען שארף און גרייט צום בייסן. איר מויל האט געמאנט און אים געררייצט. ער איז געווען עטוואס צו גרויס, די ליפן — פול און רויטלעך, ווי פריצייטיקע קערשלעך, אין דער מיט, בלייך און כמעט געשלאסן אין די ווינקלען. לייכט אויסגעקרימט בעתן עפענען זיך, איז אף זיי געהאנגען אן אויסדרוק פון תאוהדיקייט און בענקשאפט. זשאק האט געפילט דעם דורשט פון די דאזיקע ליפן, וואס האבן אקארשט געהאט איינגעזויגן און געזוכט זיין ווארעמקייט. דער דורשט האט ארויסגערעדט פון אלע אירע גלידער, וואס האבן נאר וואס

זיך געהאַט עלאַסטיש געדריקט צו זיין קערפּער. איצט האַלט זי נאָר זיינע פינגער שפּיצן אין איר דלאָניע און זאָגט:

— וועסט זיך באַלד ראַזירן. אַנישט וועסטו מיר דעם גאַנצן פּנים צעקראַצן!

זי לאָזט אָפּ זיין האַנט און גייט הינטערן פאַרהאַנג.

— קאַלט! — דערלאַנגט זיך זשאַק אַ טרייסל, ווען ער בלייבט אַליין.

— דערווייל האָב איך צוגעשטעלט אַנוואַרעמען דעם קאַפע! — שטעקט זשערמען אַרויס דעם קאָפּ — ער וועט באַלד גאָר נעמען קאָכן!

זי קומט אַרויס פון הדרל און שטעלט אַוועק אָפן טיש די אַנגעצונדענע קאָך־מאַשינקע מיטן קאַפע־קרוג:

— אַזוי וועל איך קענען בלייבן לעבן דיר. — זי הויבט אויף דעם דעקל און קוקט אַריין — אָף קאַפע מוז מען גוט אַכטונג געבן! אויפגעקאָכטער קאַפע טויג אָף צען כפּרות.

זשאַק אָטעמט טיף אַריין דעם אָנגענעמען ריח, וואָס צעשפּרייט זיך איבערן צימער:

— אַ מחיה! שמעקט ווי אמתער קאַפע.

— אַ שיינע משקה גיבן זיי אונדז צו טרינקען, וואָס? — רעגט זיך אויף זשערמען — אַ שוואַרצן יויך, וואָס די די „באָש" האָבן אַ נאָמען געגעבן קאַפע. אַפילו קיין גערשטן מישט מען מער ניט צו. נאָר עפּעס ווילדע אַרבעסלעך פון אַפריקע, וואָס זיי האָבן אָפּגעמאָלט אָף שוואַרץ.

— דער עיקר עס זאָל זיין הייס!

— געדענקסט, זשאַק, די אַמאָליקע קאַפע מיט ראָגאַלקעס באַב „צינק"? — זי לעשט אויס די מאַשינקע — אַ לאַ לאַ, וואָס זיי האָבן עס געמאַכט פון פּאַריז!

זי לייגט אַ ווייסע סערוויעטקע אָף אַ ווינקל טיש און גיסט אָן פּאָר זשאַקן אַ טעפּעלע פון „שוואַרצן יויך". דאַנעבן לייגט זי אַוועק אַ שטיקל ברויט.

— דו עסט ניט?

— אַ דאַנק. איך האָב שוין!

— ניין — פּראָטעסטירט זשאַק — איך וועל דיר ניט צונעמען דעם לעצטן ביסן.

זשערמען נעמט זיך אויך אַ ביסל קאַפע. זי דערלאַנגט נאָר איין זופּ. אירע ליפּן און אויגן קוקן אָף זשאַקן און שמייכלען:

— עס „מיין פעטי" — גיט זי אים צו מוט — אנישט וועסט גיט האבן קיין כוח צו „מאכן ליבע"!

זי מיינט עס ערנסט און זאגט עס זייער פשוט. פון תמיד אן האט זי געהערט איינפאך ריידן וועגן אזעלכע זאכן: אין שטוב, אין „ביסטרא", וואו זי פלעגט זיך קליינערהייט ארייננכאפן רופן דעם טאטן, פון מענער וואס האבן זי פארטשעפעט מיט א זייטיקן, פרעכן בליק אף אירע רונד־קייטן, ווען זי האט ערשט אנגעהויבן רייף ווערן.

נאר זשאקן דערלאנגען אירע ווערטער א שארפן שלאג אין פנים. ער פלעגט תמיד פארבליפט ווערן פון דער אומפארשלייערטער זעלבסט־פארשטענדלעכקייט, מיט וועלכער זי האט גערעדט וועגן די „דאזיקע ענינים". אין זיין עלטערן־שטוב האט מען בכלל ניט גערעדט דערפון, אויסגעמיטן צו בארירן די דאזיקע פראגעס, ווי זיי וואלטן געווען דורכגע־ווייקט מיט זינד. אודאי איז אים שפעטער אויסגעקומען צו ריידן הפקרדיק און ציניש מיט יונגע חברים אדער מיט לייכטע פרויען אין „לאקאלן". אבער געווען איז עס מער אף זיך צו פלייסן. טיף אין זיין באוואוסטזיין זיינען עראטיק און סעקסאס געבליבן איינגעהילט אין א לבוש פון סודות־דיקייט און זיינען געלעגן אף דער גרענעץ צווישן זינד און מיסטעריע.

זשערמען איז אויך ניט געווען פאר אים איינע פון יענע מיידלעך, מיט וועלכע מען האט זיך דוקא געדארפט באנעמען וואוליונגעריש און ציניש. הגם ער האט געקענט איר קערפער, איז זיין באציאונג צו איר געווען אדורכגעדרונגען מיט א ראמאנטישער אידעאליזירונג. אין א געוויסן :ין איז זי אויך געווען א פארזעצונג פון דער היים און פון דער משפחה.

— ביסט געבליבן די זעלבע! — זאגט ער.

— האב איך דיך שאקירט? אזעלכע רייד שאקירן דיך?

פארקערט, דאס פרעמדארטיקע האט תמיד גערייצט זיין נייגערי־קייט. איר נאטירלעכקייט אין ריידן און באנעמען איז ריין פון ציניש[ן] גבול־פה און אויסגעטאן פון ראמאנטישן שלייער. זי דערהויבט די „ליבע" צ: א קולט, צו א מין עולם־הזהדיקער הייליקייט. און דערפאר קען זי ניט קיין גרענעצן.

— פארקערט — זאגט ער — עס אימפאנירט מיך! דיין אופן האט מיך תמיד אימפאנירט!

— וואס דען? עס איז דאך גאנץ איינפאך!

— פאר דיר — יא! אודאי! — ער טרינקט פון קאפע און ווייסט ניט ווי אזוי עס איר צו דערקלערן — דער פארגעניגן פון ליבע האט פאר

מיר אויפגעהאַלטן דעם רייץ פון פאַרבאָטענע פרוכט. און די ליבע גרעד נעצט מיט זינד. ס׳קומט אודאי פון דער רעליגיע... — דרייט ער אויס דאָס טעפּעלע איבערן מויל און טרינקט אויס דעם לעצטן טראָפּן.

— וואָס האָט עס צו טאָן מיט דער רעליגיע? — שטייט זי אויף און גיסט אים צו דעם רעשט פון קאַפע — גאָט איז אין הימל! — הויבט זי אויף דעם קרוג און ווייזט אַף אויבן — און די ליבע איז אַף דער ערד!

זי לאָזט אַראָפּ דעם קרוג און די אויגן, דערזעט זשאַקס מאַנטל אַפן שטול און ווי זיך דערמאָנענדיק עפּעס, טראָגט זי אים צום בעט און שפּרייט אים דאָרט אויס.

דאַן הויבט זי אָן אָפּצוראַמען פון טיש און טראָגט די כּלים אין זייטיקן חדרל. זשאַק דרייט אויס דעם קאָפּ און קוקט איר נאָך. זיין בליק איז ווי צוגעשמידט צו אירע רונדקייטן, וואָס ווערן בולטער און באַוועגן זיך עלאַסטיש אין גאַנג.

— דו ביסט תּמיד געווען אַנדערש — רעדט ער איר נאָך — און שטענדיק בין איך געבליבן נייגעריק לעבן דיר. דערפאַר בין איך שטענדיק געבליבן אומגעזעטיקט, ווי איך וואָלט דיך קיינמאָל ניט געהאַט.

זשערמען בלייבט אַ ווײַלע שטיין און הערט צו. דאַן שפּאַנט זי צוריק צום טיש, שטעלט אוועק די כּלים.

— דו האָסט שטענדיק גערעדט קלוגע רייד — זאָגט זי און גלעט זיינע באַקן מיט איר פּנים — דו ביסט קלוג און... ניט ראַזירט!

זי בויגט זיך לייכט איבער אים. אירע קני באַרירן אים, זיי ציטערן לייכט. אירע ברוסטן הויבן זיך אונטערן איינגעפּרעסטן סוועטער און זשאַק פילט די וויברירונג, וואָס צעגייט זיך איבער איר גאַנצן גוף.

דאַן רוימט זי ווייטער אָפּ פון טיש און איידער זי פאַרשווינדט הינטערן פאָרהאַנג, קאָנסטאַטירט זי האַלב פאַר זיך און האַלב פאַר אים:

— אַלע מענער זיינען אומראַזירט, ווען עס האַלט דערביי!

זשאַק שפּאַרט אָן די עלנבויגנס אַפן טיש. די הייסע פּליסיקייט, צו וועלכער ער איז מער ניט געוואוינט, צעגיסט אַ וואַרעמקייט איבער אַלע זיינע גלידער און פילט זיי אָן מיט אַ פאַרשיכּורנדיקער מידקייט. נאָר די נאָענטקייט פון פרויען קערפּער, וואָס פלאַטערט דאָ אַרום הין און הער, האַלט וואַך זיינע חושים.

— איצט שטאַרב איך שלאָפן! — שטרעקט ער אויס זיינע אָרעמס.

— ראשית וועסטו זיך ראַזירן! — דערשיינט ווידער זשערמען —

גיי אריין הינטערן פֿאַרהאַנג. אַף דער גלעזערנער פּאָליצקע, פֿאַרן שפּיגל, ליגט נאָך אודאי פּיערס ראַזיר־אַפּאַראַט. מעסערלעך אויך מסתמא.

— פּיערס? — זשאַק האָט זיך אויפֿגעשטעלט און איז מיטאַמאָל וואַך געוואָרן — יאָ, פּיערס אַפּאַראַט! — האָט ער איבערגעחזרט.

— נו, יאָ, ס'איז דאָך אַלץ איינס וועמענס. — האָט זשערמען געוואָלט פֿאַרווישן דעם איינדרוק פֿון אירע רייד. „שטענדיק מוז איך פּלאַפּלען נאַרישקייטן!" — האָט זי אַ קלער געטאָן.

ערשט איצט האָט זשאַק באַטראַכט דאָס צימער. אַלץ איז געשטאַנען ווי אַמאָל, ווען ער האָט זיי באַזוכט מיט עטלעכע יאָר צוריק: דאָס טישל, דער ראַדיאָ, מיט וועלכן פּיער האָט ליב געהאַט זיך צו צאַצקען, די ברייטע בעט, וואָס האָט אים דאַן אַזאַ שטאָך געטאָן אין האַרצן, אַז ער האָט באַשלאָסן מער ניט אַרויפֿצוקומען אַהערצו...

ער איז צוגעגאַנגען צו דער וואַנט:

— די קאַרטעס זיינען דאָן ניט געווען! טשעכאָסלאָוואַקיע? זע נאָר, די סודעטן!... געווען אַמאָל אַזאַ מדינה... מיר האָבן זיי דאַן אַלע אויפֿגעהאַנגען אַף די ווענט, די דאָזיקע קאַרטעס! — ער האָט אָנגעטאַפּט דאָס פּאַפּיר — פּיער האָט עס אודאי אויסגעשניטן פֿון אַ צייטונג. פֿון „פּעטי פּאַריזיען", דאַכט זיך...

ער איז צוגעגאַנגען צום ראַדיאָ, האָט אַ פֿיר געטאָן מיט אַ פֿינגער און קוקנדיק פֿאַרטראַכט אַפֿן שטויב, וואָס האָט זיך אָנגעקלעפּט אַף דער האַנט, האָט ער אַ מורמל געטאָן:

— מען האָט אים שוין לאַנג ניט באַנוצט!

— מיין גאָט! לאָז צורו! — האָט זשערמען איבער זיינע געדאַנקען — גיי בעסער און וואַש דיך אָרום!

ער האָט אָפּגעשאַרט דעם פֿאָרהאַנג און געזוכט אין טונקלען חדרל די זייף און דעם פּענדזל. די אַלטע מלבושים און אָפּגענוצטע כּלים, וואָס זיינען דאָרט אַרומגעלעגן אין די ווינקלען, האָבן אין דער פֿינצטערניש אָנגענומען משונהדיקע פֿאָרמען. זשאַק האָט זיך דערמאָנט ווי ער איז אין יענער נאַכט געלאָפֿן מיט פּיערן קיין פּאַריז. הינטער זיי האָבן געכאָרכלט די דייטשע טאַנקען. מען האָט געזאָגט, אַז פּאַריז וועט זיך פֿאַרטיידיקן. פּיער האָט ניט געוואָלט ווייטער לויפֿן. צו וואָס? — האָט ער געזאָגט און איז געבליבן ליגן צווישן די קוסטעס.

ער האָט געמאַכט ליכט און אויסגעשטרעקט די האַנט צו דער זייף. מיטאַמאָל האָט ער אויפֿגעציטערט. אַ שטילע קלאַפּעריי אין דער טיר

האַט אים אַרויסגעריסן פון זיינע געדאַנקען. ער האָט אויפגעהאָרכט און אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ אין צימער אַריין.

זשערמען האָט אויך צוגעהערט. זי איז צוגעגאַנגען אַף די שפּיץ־פינגער צום פאָרהאַנג און האָט אַ פליסטער געטאָן:

— לעש אוים דאָס ליכט!

אַ ווײַלע זיינען זיי ביידע געשטאַנען מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס. באַלד האָט זיך דאָס קלאַפּן איבערגעחזרט. אַ שטימע האָט גערופן:

— עפן זשערמען, דאָס בין איך!

— ס'איז דער אַלטער! — האָט זשערמען אַ שפּרונג געטאָן עפענען די טיר — קענסט מאַכן ליכט!

דער אַלטער האָט אָפּגעטרייסלט זיינע פאַרעגנטע קליידער, איז אי־בערגעטראָטן דעם שוועל און נאָכן אָפּווישן די טראָפּנס וואַסער פון זיין וואָנצע, האָט ער שטיל געפרעגט:

— ער איז דאָ פאַראַן?

זשערמען האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און אַ וואונק געטאָן אַפן ליכט, וואָס הינטערן פאָרהאַנג. :

— גוט, זייער גוט! — האָט דער אַלטער זי אָנגענומען פאַר אַ האַנט און צוגעפירט צום אַנדערן ווינקל פון צימער — זיי ווייסן זיין נאָמען און זוכן אים אַרום. זיי האָבן עם אָקאָרשט געמעלדעט!

— ווער? — האָט זיך זשערמען דערשראָקן. — וואָס הייסט?

— נאָך דעם גאַנצן טאַראַראַם מיט יענעם מיסטעריעזן שאַרל פּויאַ־לאָן, האָבן זיי היינט עטלעכע מאָל געמאָלדן אין ראַדיאָ, אַז אין אַטענ־טאַט אַף מאַזשענטאַ האָט זיך באַטייליקט אַ געוויסער זשאַק סאָק... סאָקאָ... מיט אַ 'סקי צום סוף. ווי בא די רוסן...

ער האָט זי אָנגעקוקט מיט אַ פרעגנדיקן בליק. זשערמען האָט ניט געענטפערט גלייך. זי האָט נאָר אַ וואונק געטאָן מיט די אויגן, אַז אַזוי הייסט ער טאַקע. ערשט אַ ווײַלע שפּעטער האָט זי צוריקבאַקומען לשון:

— און וואָס נאָך האָבן זיי געזאָגט?

— מער גאָרנישט... אַז אַפריער נאָך האָט ער אויפגעריסן אַ צוג מיט דייטשע סאָלדאַטן און ענלעכע מעשים טובים.

זשאַק האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ און צוגעהערט. זיין פּנים איז געווען איינגעשמירט אין זייף. דער אַלטער האָט זיך באַגריסט מיט אים און צוגעגעבן:

— זיי האָבן פאַרלאַנגט, אַז דאָס פאָלק זאָל אים אויסליפערן!

— האָסט אַליין געהערט? — האָט געפרעגט זשערמען.

— יאָ. נאָך דער ארבעט האָב איך זיך אַריינגעכאַפּט ווי געוויינלעך אין „ביסטראָ". קיין רעכטע כוסה קריגט מען שוין פון לאַנג ניט אויף אַ רפואה, האָט דער בעל־הבית אָנגעשטעלט די ראַדיאָ, כדי מיר זאָלן לכל הפּחות הערן נייעס... נו, האָבן מיר געהערט.

— דערציי͏ל געניי!

— ניטאָ וואָס צו דערציילן! — האָט דער אַלטער אַ הויב געטאָן די פּלייצעס — זיי האָבן באַשריבן ווי ער זעט אויס. נו, דאָס ווייסטו דאָך אַליין אודאי בעסער ווי די געשטאַפּאָ. זיי האָבן אויך צוגעזאָגט צו געבן ווייטערדיקע אינפאָרמאַציעס אין די שפּעטערדיקע אויידיציעס. אַ שיינעם דאַנק!

אַ ווײַלע איז געווען שטיל. הינטערן פאָרהאַנג האָט זשאַק אַרומ־געקראַצט די זייף פון פּנים. דער אַלטער האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ שטול. זשערמען האָט אַרומגעשפּאַנט איבערן צימער. מיטאַמאָל איז זי אויס־געבראָכן:

— שטענדיק די זעלבע חתונה! אָבער באמת שטענדיק — זינט יאָרן! שוין אין אונדזער ערשטן זומער האָט זיך עס אָנגעהויבן. צום ערשטן מאָל האָב איך באַקומען באַצאָלטע וואַקאַנסן און מירן געוואָלט אַרויס־פאָרן צום ים. האָבן זיי דאָרט, אויף יענער זייט פּירענייען, אָנגעהויבן דעם ספּעקטאַקל און ער איז אַוועק. און אין דער איצטיקער מלחמה האָט ער באַדאַרפט קומען אויף אורלויב — איך בין געווען אַליין אין פּאַריז — האָבן זיי גראָדע באָמבאַרדירט בריסל און אַמסטערדאַם און פון אורלויב האָט זיך אויסגעלאָזן אַ בוידעם!

— דאָס הייסט באמת שלימזל! — האָט דער אַלטער באַמערקט מיט מיטגעפיל — איך זע באַשיינפּערלעך, אַז דער רבונו של עולם האָט באַשאַפן רעוואָלוציעס און מלחמות, כדי איר זאָלט זיך כסדר שיידן און ווידער טרעפן.

— ס'איז ניט קיין געלעכטער! — איז זשערמען געווען פאַרבי־טערט.

— איך לאַך ניט! אויך די ליבע האָט זיך געמוזט צופּאַסן צו אונ־דזערע נייע צייטן. אַמאָל האָט מען געזאָגט: „ער און זי און די לבנה". היינט הייסט עס: „ער און זי און די „נייע אָרדענונג". אָבער איצט מוזט איר זיין פאָרזיכטיק!

— ער וועט דאָ בלייבן! עס לוינט זיך דאָך ניט אויפצוזוכן זיינע

חברים, אמת? סיי ווי וועט ער מוזן פֿאַרשווינדן אַף אַ שטיקל צייט! ער וועט בלייבן באַ מיר!

— גוט, גוט — האָט דער אַלטער מסכּים געווען און געשמייכלט ווי צו אַ קאַפּריזנעם קינד — און וואָס וועסטו טאָן מיטן עסן? וועסט דאָך ניט גיין איינקויפֿן אַף זיינע קאַרטן?!

— כ'וועל זיך אַן עצה געבן. מיינע חברטעס וועלן מיר אויסלייען.

— בעסער ניט — עצה'ט דער אַלטער — ס'קען פֿאַלן אַ חשד...

— אפֿשר ביסטו גערעכט. די בלאָנדע זשאַן צום ביישפּיל... זי שלאָפֿט מיט די דייטשן, אַמליבסטן מיט די אָפֿיצירן!

דער אַלטער האָט אַרויסגענומען אַ פּאָרטפּעל פֿון בוזים קעשענע, האָט אַרויסגעצויגן פֿון דאָרט אַ בלויע קאַרטע און אָפּגעריסן עטלעכע נומערלעך:

— אָט האָסטו דריי הונדערט גראַם ברויט. דערווייל...

— ביסט אַ מלאך! — האָט זיך אַנטציקט זשערמען.

— אָט האָסטו נאָך הונדערט פופציק גראַם פֿלייש — האָט דער אַלטער אָפּגעריסן צוויי נומערלעך פֿון אַ געלער קאַרטע — איצטער בין איך דער ליבער גאָט פּערזענלעך!

דאַן האָט ער זיך געזעגנט, געוואונטשן אַ גוטע נאַכט און צוגע־זאָגט אַרויפֿצוקומען.

זשאַק האָט געענדיקט זיך ראַזירן. ער האָט געהערט דעם אַלטנס דערציילונג און אַן אומהיימלעכער געפֿיל האָט אים אַרומגעכאַפּט. דורך ראַדיאָ? מען זוכט אים? אודאי זוכט מען אים!... שוין לאַנג פֿילט ער זיך פֿאַרפֿאָלגט אַף יעדן שריט און טריט. און דאָך איז עס אומהיימלעך צו הערן, אַז מען האָט דער גאַנצער שטאָט אָנגעזאָגט אים צו כאַפּן און הרגענען... ווי אַ קיין אָן גאָטס צייכן אַפֿן שטערן, ווי אַ ברודער־מערדער...

ער גייט אַרויס פֿון חדרל און וואַרפֿט אַ בליק איבערן צימער. די פֿיר ווענט זיינען אָפּגעשלאָסן. די טיר איז אויך צוגעמאַכט. די פֿאָרהאַנ־גען איבער די פֿענצטער זיינען פֿאַרצויגן און אומדורכזיכטיק. קיין שום גערויש פֿון דרויסן דערגייט ניט אַהערצו.

זיין בליק טרעפֿט אָן זשערמענס אויגן. זי באַטראַכט אים. ער האָט איצט אויסגעזען אַ סך יינגער און פֿרישער. נאָר אונטער זיינע אויגן האָבן זיך געצייכנט שוואַרצע פֿלעקן פֿון מידקייט. די שוואַרצאַפּלען האָבן אויס־געזען אויסגעברייטערט און געהאַט אַ שוואַרצן גלאַנץ. זי דערפֿילט, אַז ער זוכט הילף און שוץ און זי שפּרייזט נענטער צו אים:

— דאָ וועט קיינער ניט קומען! — פאַרזיכערט זי אים — וועסט בלייבן באַ מיר!

זי גייט צו נאָך נעענטער, אַזוי נאָענט, אַז די רונדקייטן פון איר ברוסט באַרירט אים כמעט און ער פילט איר וואַרעמען אָטעם אויף זיין פּנים. איין אויגנבליק פילט ער זיך אַליין מיט איר צווישן די פיר אָפּגע־שלאָסענע ווענט. ער פאַרגעסט דעם ראַדיאָ, די פאַרפאָלגונג, די גאַנצע שטאָט. זי איז ניט נאָר די פרוי, וואָס ער האָט אַזויפיל יאָרן פאַרפלאָנ־טערט געליבט, זי איז אויך די מוטערלעכע שוץ, וואָס איז גרענעצלאָז שטאַרק אין די אויגן פון קינד.

פאַרוואָס דערמאָנט ער זיך אָן יענער פרוי, וואָס האָט אים דאָ ניט לאַנג גערופן אין דער נאַכט? ער האָט זיך אַזוי דערשראָקן, ווען ער האָט דערהערט זיין נאָמען, אַז ער האָט זיך קוים אומגעדרייט און גלייך פאַר־שנעלערט זיינע טריט ווי אַ געשפּענסט וואָלט אים פאַרפאָלגט. ער איז געווען זיכער, אַז עס האָט זיך אים נאָר אויסגעדאַכט צו הערן זיין קינ־דערשן נאָמען, מיט וועלכן זיין מאַמע פלעגט אים אַמאָל רופן. אַצינד איז ער זיכער, אַז ס'איז געווען זיין מוטער. אָבער ווי קומט זי אַהער, אין דער דאָזיקער פאַרוואָרפענער געגנט פון קאַנאַל? פונוואַנען האָט זי גע־וואוסט, אַז ער געפינט זיך דאָ?

אפן זינען קומט אים דעם טאַטנס שטוב, וואָס ער האָט פאַרלאָזן אָן אַ „זיי געזונט". דאַן האָט עס אים נאָך ניט באַנג געטאָן. די עלטערן זיינען אים די לעצטע יאָרן געווען פרעמד, ס'האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער האָט ניט קיין שום בשותפותדיקעם מיט זיי: ניט ער האָט געקענט שמועסן מיט זיי וועגן זיינע פּערזענלעכע איבערלעבונגען און ניט וועגן די אַלגעמיינע געשעענישן פון דער וועלט.

אַצינד פילט ער אַ נאָענטקייט צו זיי. אפשר איז עס דער געמיינ־זאַמער גורל, וואָס רופט אַרויס די דאָזיקע נאָענטקייט און ליבע. — פרעמד? זייערע הערצער קלאַפּן דאָך מיט דער זעלבער האָפענונג און בלוטיקן אין דער זעלבער פאַרצווייפלונג.

אַ כוואַליע פון בענקשאַפט און ליבע פאַרפלייצט אים. ער וואָלט זיך געוואָלט אַריבערכאַפּן אויף אַ מינוט אַהיים און אָנקוקן דעם טאַטן, וואָס איז אַזוי פאַרעלטערט און גרוי געוואָרן אין די לעצטע פאָר יאָר, און טרייסטן דער מאַמען, וואָס האָט מיט טרויעריקע, געטרייע אויגן שטום און אומבאַוואוסט מיטגעלעבט זיין טראַגעדיע מיט זשערמענען, ניט וואַגנדיק אפילו צו פרעגן, וואָס עס טוט אים וויי.

וואָס איז היינט? — פּרייטיק צונאַכטס!... — היינט קומען אויך העלען מיט איר מאַן צום עסן. געווען אַ צייט, ווען ער האָט זיי ניט געקענט פאַרטראָגן די דאָזיקע משפּחהדיקע פרייטיק-צונאַכטן. יונג און היציק, אי־בערגעטריבן געטריי, ווי יעדער גר, דער נייער וועלט־אַנשויאונג, וואָס האָט אים מיט איין קלאַפּ אויפגעקלערט אַלע וועלטן און יענע־וועלטן, האָט ער ניט געקענט צוהערן די „בעל־הבתישע אינטעלעקטואַליזמען", ווי ער האָט אָנגערופן די רייד פון זיין שוואָגער, דעם אינזשעניער. איצט וואָלט ער גערן געשמועסט מיט אים. אָבער העלענס מאַן וועט גאָר היינט ניט קו־מען! ער זיצט דאָך אין לאַגער פון „דראַנסי"...

זשאַק ווייסט, וואָס עס הייסט „דראַנסי". לעבט ער נאָך, העלענס מאַן?... די שוועסטער מיט אירע מוזעאומס און רעפּעראַטן און קולטור קומט אים פאַר די אויגן. און פּלוצלינג דערפילט ער זיך שטאָלץ, וואָס אים וועט מען לכל הפּחות ניט פאַרהונגערן סתם אַזוי, ווי אַ קרעציקן הונט. זאָלן זיי אים זוכן! ער האָט זיי שוין גוט באַצאָלט! אַף פאָראויס האָט ער זיי באַצאָלט!...

ער גייט צו צום ראַדיאָ און דרייט אים אויף. אַ הילכיק זומען, וואָס גייט איבער אין אַ שאַרפן פייפן רייסט זיך אַרויס פון אַפּאַראַט. ער שליסט אים און באַמערקט אַף זיך זשערמענס פרעגנדיקן בליק.

— כ'האָב געוואָלט הערן די מעלדונג. כ'וויל וויסן, צי מיינע על־טערן וועלן דערקענען, אַז דאָס מיינען זיי מיך...

— ביסט שוין לאַנג ניט געווען אין שטוב?

— עטלעכע חדשים. ס'איז דאָרט געווען געפערלעך צו וואוינען — סיי פאַר מיר, סיי פאַר טאַטע־מאַמע.

— האָסט די גאַנצע צייט גאָרניט געהערט פון זיי?

— ניין. איך האָב זיי ניט געוואָלט שטעלן אין סכנה.

— אָבער איך וואָלט דאָך געקענט אהינגיין! — כאַפּט זי זיך אָן — אמת? דיין שוועסטער קען איך דאָך! זיי וועלן זיך פרייען מיט מיר, אמת?

— יאָ, אָבער דאָך ניט איצט, אינמיטן דער נאַכט!

— ניין, ניין! איצט וויל איך בלייבן מיט דיר!

זי גייט צו נענטער און גלעט אים איבערן קאָפּ:

— זיי ניט טרויעריק! איצט בין איך דיין משפּחה, אמת? און דו ביסט מיין משפּחה!

זי שליסט די אויגן און שפּאַרט זיך לייכט אָן אַף אים:

— איך בין מיד, מירן גיין שלאָפן!

— יאָ, ביסט נערעכט — זאָגט זשאַק — כאַטש אַף איין ווײַלע פאַרגעסן די וועלט און די מלחמה.

זי בלײַבט שטיין לעבן אים און בויגט דעם קאָפּ עטוואָס אַף צוריק. איר אָטעם ווערט האַסטיקער און טיפער, אונטער די געדיכטע, אָראַנזש־לאָזענע ווימפּערן פאַרציט זיך אַ נעפּל איבער אירע האַלב־געשלאָסענע אויגן. זי שטייט שווײַגנדיק, נאָר איר מויל איז צעעפנט און די אויסגע־שטרעקטע ליפּן מאָנען און ריידן אָן ווערטער, אַף אַ שטומער שפּראַך פון אויפשטורמענדיקן בלוט. זשאַק פילט ווי זײַן נאָנטקייט רעגט זי; איר גאַנצער וועזן קומט אין באַוועגונג ווי אַ וואַלד, וואָס צעוויגט זיך אונטער דער באַרירונג פון אַ שטורעם.

שוין לאַנג האָט ער זי ניט געזען אַזוי. זייערע לעצטע באַגעגענישן זײַנען געווען אַזוי מערקווירדיק, אַז ער האָט דאָן בכלל ניט געקענט אונ־טערשיידן די שטריכן פון איר פּנים. דעם אָוונט פריער האָבן זיי זיך אומדערוואַרטעט דערקענט אין דער פינצטער און זיי וואָלטן מורא גע־האַט מאַכן ליכט, כדי ניט צו דערוועקן חשד בײַ די שכנים. ער האָט נאָר אין משך פון אַ קורצע סעקונדע, בעתן פאַרויכערן אַ פּאַפּיראָס, געזען בײַם שײַן פון אָן אָנגעצונדענעם שוועבעלע, אירע פאַרויטלטע באַקן און באַ־מערקט די דאַנקבאַרקייט, וואָס האָט אַרויסגעשטראַלט פון אירע אויגן.

פאַר דעם האָבן זיי זיך צום לעצטן מאָל געטראָפן מיט אָן אַנדערט־האַלבן יאָר צוריק, בעתן אַנטלויפן פון פּאַריז, און מידע פון גיין טעג־לאַנג צופוס האָבן זיי איבערגענעכטיקט אין אַ הויכן סטויג פרישע תבואה. זיי נאָנטן שאָסיי איז דערגאַנגען דער גערויש פון פליטים־צוג, וואָס האָט זיך לאַנגזאַם און אָן איבעררײַס געצויגן טעג און נעכט. ס'איז געווען אַ פאַר־וואָלקנטע נאַכט, אַ שטורעם האָט זיך אָפּגעריסן און די וועלט איז פאַר־זונקען געוואָרן אין חשכות. זיי האָבן זיך אײַנגעגראָבן טיף אין שטרוי, וואָס איז אַרײַנגעדרונגען אונטער די מלבושים און געשטאָכן אין לײַב. ער האָט געמוזט אַרויפלייגן זײַן דלאָניע אַף איר מויל, כדי זי זאָל מיט איר פּליסטערן ניט אויפוועקן די משפּחות מיט קינדער, וואָס האָבן זיך אויך צעלייגט אָפּרוען אַרום זעלבן סטויג. געפילט האָט ער דאָן אין זײַנע אָרעמס איר צאַפּלדיקן קערפּער און הייסע ליפּן, אָבער געווען איז דאָן אַזוי פינצטער, אַז מען האָט די אייגענע הענט ניט געזען.

געטראָפן אין ליכטיקן האָט ער זי נאָר אַמאָל. אָבער געווען איז עס שוין זייער לאַנג, מיט אַ פיר יאָר צוריק.

איצט איז זי געווען רייפער, פראָוויאַשער אין אַלע אירע גלידער, און אין איר אַרויסרופעריש־קייט האָט געשטעקט אַ זיכערקייט מיט איר רייץ און קראַפט.

— כ'וועל זיך נאָר אַ ביסל וואַשן! — זאָגט זי און גייט הינטערן פאָרהאַנג.

פון חדרל דערגייט אַ גערויש פון פלייצנדיקן וואַסער, וואָס פאַר־טושט דעם שטראָם פון זשערמענס ווערטער. זי ציט אָפּ דעם פאָרהאַנג און קוקט אַרויס:

— אָבער פון וואַנען האָבן זיי געוואוסט דיין ריכטיקן נאָמען?

— זיי האָבן זייערע שפּיצלען. אומעטום. אַפילו אין די אַרבעטער קוואַרטאַלן.

— אַוודאי! — ערגערט זיך זשערמען איבערן זייף, וואָס וויל ניט מאַכן קיין שוים — אַט האָט מען היינט אַוועקגעלייגט אַף לאַ ווילעט זשיטאַלן!

זשאַק לייגט אַוועק די צייטונג, אין וועלכער ער האָט דערוויילע אַריינגעקוקט:

— זשיטאַלן? ווער דען? וואו?

ער פרעגט זי אויס. בײַ איר איז עס אַ קלייניקייט: אַלע האָבן גע־וואוסט, אַז זשיטאַל איז געוואָרן אַ פּראָוואָקאַטאָר. האָט מען אים אַוועק־געפּטרט! זשאַק געדענקט נאָך אָבער, ווען זשיטאַל איז געווען אַן אַרבע־טער־פירער, אויפגעטרעטן אַף מיטינגען און געפירט דעמאָנסטראַציעס. ער האָט אים אַפילו געקענט פערזענלעך.

אָבער זשערמען ווייסט אויך ווייניק. היינט פאַרנאַכט האָט עס פּאַסירט. זשיטאַל איז געגאַנגען פון דער „מערי", וואו ער האָט באַקומען אַ גוטן פּאָסטן, איז אָנגעפאָרן אַ ציקליסט, אים אַוועקגעלייגט מיט דריי שאָסן און איז נעלם געוואָרן. די נייעס איז זיך גלייך צעגאַנגען איבער דער שטאָט און אַ קונה האָט עס דערציילט בײַ זיי אין געשעפט. אַלע האָבן געזאָגט, אַז ס'איז אַ שיינע כפּרה, נאָר „זשאַן די בלאָנדע" האָט גע־שוויגן. די חברטעס, די פּאַרקויפערנס, האָבן אַף איר געטייטלט מיט די פינגער, אַז זי וועט נאָך אויך האָבן אַזאַ סוף...

דאָן דערציילט זי געני וועגן דער בלאָנדער זשאַן און אירע מעשים טובים:

— ניט אומזיסט זעט זי אויס אַזוי גוט! די דייטשן באַקומען דאָך דאָפּלטע פּאָרציעס, אויסער וואָס זיי גנבענען און שלעפּן פון אַלע זייטן.

און פאַר דער זשאַן מוז מען זיך היטן! ווי פאַר דער פּעסט! אַזאַ איינע, אַז זי ליגט אין די אָרעמס פון אַ מאַן, ווערט זי דיר אַרויספּלאַפּלען אַליץ, וואָס אױף דער לונג! ניט אמת?

זי עפנט דעם קראַן, כדי אָראָפּצושווענקען דעם זייפן־שוים. זשאַק הערט צו איר פּלאַפּלען, וואָס שטראָמט ווי פון אַ קוואַל. אירע ווערטער גיסן זיך צוזאַמען מיטן פליסן פון וואַסער, וואָס זומט אין די רערן און פּליוצט אַרוים מיט געררויש. ער פאַרשטייט זי קוים, אָבער איר לייכטער פּלאַטערן פון ערנסטע פּראָבלעמען צו קלייניקייטן פון פּערזענלעכן לעבן, גלעט און באַרואיקט ווי די פאַרביקייט פון אַ פּלאַטערנדיקן שמעטערלינג. אין דער איינזאַמקייט, וואָס ער האָט גראַדע אַדורכגעמאַכט, האָט אים אָמייסטן געפעלט אַ לעבעדיקע, מענטשלעכע שטימע. בעת די לאַנגע טראַכטענישן איז די וועלט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מין עולם הדמיון און אין זשערמענס מויל באַקומט זי אַצינד פלייש מיט ביינער, מיט אַ לעבעדיקן אָטעם.

ער קוקט גלייכצייטיק אין אַ צייטונג, וואָס ליגט פאַר אים. ער האָט שוין לאַנג ניט קיין ידיעות וועגן דעם, וואָס עס קומט פאַר אױף דער וועלט. זיינע אויגן ווענדן זיך פון אַליין צום אָפּגעצויגענעם פאַרהאַנג, הינטער וועלכן איר קערפּער באַוועגט זיך. ער שעמט זיך צו קוקן אַהינצו, מאָמענטנווייז שימערט אויף איר ווייסקייט אין דער עפענונג:

— באַ אונדז האָבן מיר קיין מורא ניט צו ריידן אָפן קול! אפילו פאַרן דיקן שעף שמועסט מען וועגן אַליץ. אָבער אַז מען האָט נעכטן פאַרטיילט „בלעטלעך”, האָט מען געמוזט אַכטונג געבן, אַז זשאַן זאָל ניט זען!

— וואָס פאַראַ אויפרופן?

— צו די פרויען פון די געפאַנגענע.

— וואָס האָבן זיי געזאָגט?

ער פרעגט זי געגנוי אויס. אַמאָל, באַם אָנהויב פון זייער באַקאַנטשאַפט, האָט ער אַליץ געוואוסט און פלעגט איר אָפטמאָל דערציילן וועגן דער „פּאָליטיק”. זי פלעגט דאַן ווייניק צוהערן און נאָך ווייניקער פלעגט זי אַריינטראַכטן אין זיינע רייד. מוז מען דען נאָך ליבע־שעהן פאַנאַנדערוויקלען פאַרפּלאָנטערטע פּראָבלעמען? אַצינד שעפּט ער זיינע ידיעות באַ איר.

— די היגע צייטונגען — הויבט זי אָן — שרייבן כסדר, אַז אָט־אָט וועט מען באַפרייען די געפאַנגענע און — אַ נעכטיקער טאָג!

— נו, און?

— אין אויפרוף איז געשטאַנען, אַז די היגע ציַיטונגען און די רע־גירונג פון ווישי דינען די „באָש״! אַז מיר דאַרפן... אַז מיר מוזן...

זי פאַרהאַקט זיך און שטרענגט אָן איר זכרון. ס'איז איר ניט לײַכט, זשערמענען, זיך צו מישן אַצינד אין פּאָליטיק. אַ שווערער ביסן איז עס היינט צו טאָג. און ניט נאָר דערפאַר, וואָס די סכנה איז גרויס, וואָס מען ווערט פאַר ליאַדע אַ קלייניקייט אָפּגעפירט אין תפיסה און פון דאָרט — אפשר אין „פּאָרט ד'איוורי״, וואו מען דערשיסט בײַ דער פּרימאָרגן־דעמערונג...

אַמאָל איז עס פאַר איר געווען לײַכט און שפּילעוודיק. דעמאָנסטראַ־ציעס, שטרײַקן, מיטינגען האָבן געהערט צו די מנהגים און זיטן פון דער משפּחה, וואָס זיינען מכמה דורות אַריבערגעגאַנגען בירושה פון טאַטעס צו קינדער. זיי האָבן געהערט צו די פאַמיליע יום־טובים ווי דאָס פייערן ניי־יאָר. דעם ערשטן מאַי האָט מען געטרונקען מער וויין און געגעסן חזיר־קאָטלעטן ווי ס'וואָלט געווען אַ זונטיק.

שוין אַלס קינד האָט זי דער טאַטע מיטגענומען אויף דעמאָנסטראַ־ציעס, געטראָגן זי רייטנדיק אויף די אַקסלען פון רעפּובליק־פּלאַץ ביז דער „קאָמונאַרן־וואַנט״. רעוואָלוציע און יום־טוב האָבן זיך אין איר זכרון צוזאַמענגעשמאָלצן: צום אָנדענקונג פון דער באַסטיל האָט מען געטאַנצט זיבן נעכט אין די גאַסן. אין לעצטן מעת־לעת זיינען פאַר אַלע קאַפע־הייזער אויפגעשטעלט געוואָרן עסטראַדעס, מוזיק האָט געשפּילט, די קעל־נערס האָבן קוים באַוויזן צו באַדינען דעם דורשטיקן עולם בײַ די טישלעך און אינדערמיט האָבן זיך פאַרלעך געדרייט און ווילד־פרעמדע יונגעלײַט האָבן זיך געקושט אינמיטן גאַס צווישן הילכיקן געלעכטער און צע־שטראַלטע פּנימער.

זי פּלעגט דאַן לויפן מיט אַ כאַפּטע יונגוואַרג איבער דער שטאָט, וואָס האָט זיך געטונקט אין אַ ים פון ליכט און מוזיק, געפּלאַטערט פון פּלאַץ צו פּלאַץ און דאָס בלוט האָט געשלאָגן אין קאָפּ. ווען איז עס דאַן איינגעפאַלן, אַז די גרויסע רעוואָלוציע, וואָס מען פייערט, איז געווען אַ קייט פון קאַמפן און בלוט־פאַרגיסונגען? אפשר האָט מען דערפון גע־רעדט אויף מיטינגען, זשאַקן, דעם „קליינעם פילאָזאָף״, איז עס אפשר אויך איינגעפאַלן. אָבער זשערמען וואָלט דאַן בשום אופן ניט אויסגעהערט דעם אונטערשיד צווישן פעאָדאַליזם און קאַפּיטאַליזם. ווען ער וואָלט לאַנג דערפון גערעדט, וואָלט זי אוועק טאַנצן מיט אַ צווייטן!

אפילו דער ערנסטער „קאָמונאַרן־טאָג" איז געווען אַ יום־טוב. זשער־מענס אַלע באַקאַנטע און קרובים האָבן אים געפּראַוועט. אויך די מאַמע, וואָס האָט זיך תמיד געפּאָרעט אין קיך און געשמועסט מיט די שכנות רכילות און וועגן יקרות, האָט זיך אין יענעם טאָג פאַרנומען מיט „העכערע זאַכן". פון דער גאַנצער פּעריפעריע, פון אַרומיקן „רויטן גאַרטל", פון טונקעלע קאָרידאָרן און ריזיקע פאַרשטעט־בלאָקס האָט געשטראָמט אַן עולם מיט פענער, מיט געזאַנג און אויפגעהויבענע פויסטן. גרויע מאַמעס און באַבעס זיינען מיטגעגאַנגען, ס'רוב הינטער דער פאָן מיטן אויפשריפט „קאַמף קעגן קריג און פאַשיזם". אָבער אין זוניקן טאָג האָט אויך די דאָזיקע פאָן געפלאַטערט לוסטיק און זאָרגלאָז אונטערן בלויען הימל...

אודאי איז עס געווען טרויעריק, וואָס טיער, דער „ווערסאַלער הונט", האָט דאַן אויסגעשאָסן די פאַריזער קאָמונאַרן. יעדעס יאָר האָט מען פאַרביימאַרשירט „די וואַנט" און יעדעס יאָר האָט איר דער טאַטע גייענדיק דערציילט די טרויעריקע געשיכטע. די וואַנט האָט זיך געטונקט אין בלומען־קראַנצן, דער עולם האָט געזונגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל" און די „קאַרמאַניאָל", מען האָט געוואָרפן לאָזונגען און זיך באַגריסט אַפן קול מיט אַלטע באַקאַנטע, וואָס מ'האָט דערקענט פון דערווייטנס. דערנאָך איז מען געגאַנגען אין „ביסטראָ" דורכצושווענקען די טרוקן־געוואָרענע העלדזער. די „ביסטראָס" פון דער געגנט זיינען געווען איבער־פולט, די וויינען האָבן געגלאַנצט אין די גלעזער און מען האָט געשמועסט רווישיק, איינגעהילט אין רויך פון פּאַפּיראָסן. און אין דרויסן האָט גע־הערשט אַ פרילינג. יונגע יאַטן האָבן פאַרטשעפּעט מיידלעך און אויס־געמאַכט ראַנדע־וואוען.

אודאי האָט זיך אַמאָל אַ שטרייק פאַרצויגן צו־לאַנג און וואָכן־גאַנצע, חדשים אַפילו, איז ניט אַריינגעקומען קיין גראָשן אין שטוב. די ביפשטעקס זיינען קלענער און דינער געוואָרן און מ'האָט געמישט דעם רויט־וויין מיט אַ סך וואַסער. אַפילו ברויט איז קנאַפּ געוואָרן און די מאַמע האָט יעדעס מאָל געשיקט אַן אַנדער קינד צום בעקער. די פּנימער זיינען דאַן ערנסט געוואָרן און די לופט האָט געשמעקט מיט פּולווער. די מאַמע איז אַרומגעגאַנגען אַ פאַרדאַגהטע, דער טאַטע — פאַרעקשנט און פאַרביסן, געלאָפן אין „בורס" און געדראָט מיטן פויסט, אַז מ'עט מאַכן אַ סוף צום פאַרשאָלטענעם קאַפּיטאַליזם און אַן עק זאָל עס נעמען!...

אָבער די שטרייקן האָבן זיך געענדיקט און די פּנימער האָבן זיך אויסגעלייטערט. און טאָמער האָט פּאַסירט אַ צוזאַמענשטויס און אַן אַר־

בעטער איז פארוואונדעט געווארן, האט זיך געמאכט א געוואלד עד לב השמים: צייטונגען האבן געשריבן, מיטינגען האבן געדונערט און פראָטעסטירט, די גאנצע שטאט האט געקאכט.

און היינט?

און דער עיקר — דאן האט זי ניט געמוזט אריינקלערן אזויפיל אין די ענינים. זי איז געגאנגען אף מיטינגען און האלב צוגעהערט די רעדעס. קיין איין זאץ וואלט זי נאכדעם ניט געקענט איבערדערציילן. אין די ארענעס און גאלעריעס פון „ווינטערדיקן וועלאדראם" האבן צענדליקער טויזנטער קעפ ארויסגעקוקט פון האלב־דונקל און צוזאמען מיט צענדליקער טויזנטער פויסטן האט זי אויפגעהויבן דעם איריקן און געשריען:

— קיאפ אף דער תליה! אף דער תליה!

און לוסטיקע חברה האבן איבערגעשריען דעם גאנצן עולם:

— קיאפ אין בית־הכסא!

זי האט נאר געוואוסט, אז קיאפ איז דער פאליציי־פערפעקט פון פאריז און „פליקס" זיינען אין איר סביבה ניט געווען באליבט. זי האט ניט חוקר ודורש געווען, וואס פארא מעשים טובים דער דאזיקער קיאפ האט לעצטנס אפגעטאן. מיטן גאנצן הארצן האט זי מסכים געווען, מען זאל אים שיקן אין בית־הכסא... אדער גאר אף דער תליה...

אצינד מוז זי די ענינים נעמען ערנסטער — זי מוז אריינקלערן און פארשטיין! דאס לעבן איז בכלל געווארן ערנסטער און שווערמיטיקער. און די אינסטרוקציעס, וואס זי באקומט וועגן דער ארבעט צווישן די „פרויען פון די געפאנגענע", געדעקט זי אויך. זי קען אפילו נאך א לייבטער אנשטרענגונג איבערזאגן זשאקן דעם אינהאלט פון לעצטן אויפרוף:

„די קריבערישע פאליטיק פון פעטענס פארעטערישער רעגירונג האט ניט געבראכט קיין שום נוצן! צוויי מיליאן יונגע פראנצויזן שמאכטן אין די געפאנגען־לאגערן פון דייטשלאנד. אייערע מענער, זין און חתנים זיינען פארמשפט דורך היטלערס תלינים צו א לאנגזאמען הונגער־טויט..."

איצט שטייט זי אין טיר און טריקנט זיך אפ. איר אנבליק פאר־מישט זשאקס געדאנקען און ער שטרענגט זיך אן, כדי צו באנעמען אירע רייד.

זי שפאנט דורך דאס צימער. זי האט זיך קיינמאל ניט געשעמט מיט איר נאקעטקייט, אבער שוין עטלעכע יאר האט ער זי ניט געזען

אזוי און ער איז פֿאַרכאַפּט פֿון איר זעלבסטפֿאַרשטענדלעכקייט. הגם ס'איז קאַלט אין צימער, געדויערט אַ ווײַלע ביז זי נעמט זיך אָנטאָן איר שלאָפֿראָק. דאַן לייגט זי צונויף אירע קליידער אַפֿן קליינעם טישל, לעבן ראַדיאָ. זשאַק פֿאָלגט נאָך אירע באַוועגונגען און דערמאָנט זיך ווי דורך אַ נעפּל די ראַדיאָ־מעלדונג, די באַגעגעניש מיט דער מאַמען, דראַנסי.

— איצט בין איך פֿאַרטיק! — זאָגט זי.

איר לייכטער איבערגאַנג פֿון אַבסטראַקטע באַטראַכטונגען צום רוח פֿון די אייגענע אינסטינקטן האָט מיט זיין פּרעמדאַרטיקייט תּמיד גע־רייצט זיין נייגעריקייט. אפֿשר איז עס בײַ איר פֿאַרגעקומען אַזוי לייכט, ווײַל אַלע פּראָבלעמען האָבן אין אירע אויגן געהאַט אַ דורכאויס עולם־הזהדיקן זין: פּראַקטיש פֿאַרבעסערן דאָס דאָ־זיין, פֿאַרגרעסערן די מעג־לעכקייטן צום געניסן און פֿאַרגעניגן. אין זיין באַוואוסטזיין זיינען, פֿון דער יוגנט אָן, די גרויסע אידעאַלן און קאַמפֿן פֿון דער מענטשהייט פֿאַר־בונדן און באַפֿאַרבט מיט אַסקעטיזם און קרבן. די מחיצה צווישן עולם הזה און עולם הבא, וואָס איז אַזוי שאַרף געווען אין די פֿאָרשטעלונגען פֿון זיין טאַטן, האָט זיך טראָץ אַלע מאַטעריאַליסטישע איבערצייגונגען אַריינגעשמוגלט אין זיין אויפֿפֿאַסונג פֿון דער וועלט.

און דערפֿאַר איז דער איבערגאַנג בײַ אים אַ לאַנגזאַמער. די שטאָט מיט אירע פּראָבלעמען, מיט אירע ליידן און קאַמפֿן וואַכט נאָך אין זיין באַוואוסטזיין. וואָס קומט פֿאָר אויף דער אַרומיקער וועלט, פֿון וועל־כער ער האָט זיך אַזוי לאַנג אויסבאַהאַלטן? וואָס טוט זיך דאָ אין די אַרומיקע לענדער?... דער הונגער צו דער וואַרטנדיקער פֿרוי פֿאַרדרענגט זיינע געדאַנקען, פֿאַרטושט זיי. ווען זיי האַלטן שוין בײַם אויסלעשן זיך, גיט ער זיי נאָך איין מאָל נאָך, שטרעקט אויס די האַנט און דערלאַנגט אַ מיש אין די צייטונגען, וואָס ליגן אָנגעוואָרפֿן אַפֿן טיש.

ער האָט ניט איבערגעלייענט קיין איין שורה. זיין אויפֿמערקזאַמ־קייט איז גלייך צוגעצויגן געוואָרן דורך אַ קליינעם פּאָסט־קאַרטל, וואָס איז אַרויסגעשוואומען פֿון צווישן די פּאַפּירן. אַ קאָלירט קאַרטל, מיט אַ געדרוקטן פֿאָרמולאַר און ווייניק געשריבענע אותיות מיט דער האַנט. אַזוי קומען זיי פֿון דאָרט, פֿון די געפֿאַנגענע.

— פֿון פּיערן? — כאַפּט זיך אים אַרויס פֿון מויל.

זשערמען האָט געענדיקט פֿאַרבינדן איר שלאָף־ראָק. זי האָט זיך ווי אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף, האָט געוואָרפֿן איין בליק אויף אים און צוריק אַראָפּגעלאָזט די אויגן:

— יאָ.
— ווען איז עס געקומען?
— פּאָר עטלעכע טעג... נעכטן...
— וואָס שרייבט ער?
— זעסט דאָך — אַ פּאָר ווערטער נאָר. מען האָט זיי איבערגעפירט אין אַ נייעם לאַגער.
— אויף אַרבעט?
— יאָ, אין אַ פאַבריק.
— נאַטירלעך, מעטאַל־אַרבעטער זוכן זיי ווי מיט ליכט!
זשערמענס ענטפערן זיינען אָפּגעהאַקטע און קורצע. זי האַלט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ. צו וואָס פרעגט ער אַזויפיל? — קלערט זי.
— און דאָס עסן?
— ער שרייבט ניט דאָסמאָל וועגן עסן. מען קאָרמעט זיי געוויינלעך מיט פאַרגליווערטן בלוט אין קאָנסערוון פושקעס.
— און?...
זשערמען קוקט ניט אויף אים. אַ קאַלט ווינטל בלאָזט צווישן זיי. דער צויבער פון זייער אָפּגעזונדערטקייט איז אויסגעוועפּט. זשערמען ווערט אָנגעכמורעט, בלאָזט זיך אָן און ציט זיך צוריק אין זיך, ווי אַ משערעפּאַכע באַ דער באַרירונג פון אַ פרעמדן קערפּער.
אויך זשאַקן פאַרדריסט הלמאי ער פרעגט אַזויפיל, אָבער זיך אויף צו להכעיס קען ער ניט אויפהערן. נעכטן האָט ער גאָרנישט געפרעגט — ס'איז אַלץ געשען אַזוי אומגעריכט און שנעל. איידער ער האָט צייט געהאַט צו קלערן, האָט זי זיך געטוליעט אין זיינע אָרעמס. אים פאַרדריסט אַצינד, הלמאי זיי האָבן זיך ווידער געטראָפן. נאָכדעם ווי זי איז אַוועק צו פיערן, האָט ער זי אין משך פון אַ שטיק צייט עקשנותדיק אויסגעמיטן. ער האָט זי אויסגעמיטן, הגם ער האָט געמיינט צו האָבן מער מאָראַלישע רעכט ווי דער אַנדערער. אָבער דער גורל האָט זי געשטויסן אויף זיין וועג: אַזוי בעתן אַנטלויפן פון פּאַריז, ווען ער האָט זי צופעליק געטראָפן אין צוג פון מיליאָנען פליטים און אַזוי איצט, אין יענער פוסטער דירה. ווי אַזוי איז עס געשען? אַלץ איז דאָך געווען צוגעגרייט און פאַראויסגעזען מיט אַלע פּרטים. ער האָט געוואוסט, אַז אַ „שטיקל אַרבעט" לויפט ניט שטענדיק אָפּ ווי מען האָט פאַראויסגעזען; מען מוז זיין גרייט אויף סיורפּריזן. אָבער אויף קיין פאַל האָט ער זיך געריכט צו טרעפן אַזוי אַרום זשערמענען.

אַכטער קאַפּיטל

ס'איז אַלץ געווען צוגעגרייט און פאַראויסגעזען מיט אַלע פּרטים. דער „פּונקט" איז אָנגעמערקט געוואָרן פון אויבן — אין דער גרופּע גופא האָט מען ניט געוואוסט גענוי, פון וואַנען די באַפעלן קומען. איעדער האָט זיך משער געווען, אָבער קיינער האָט ניט געהאַט קיין זיכערע ידיעות, ווער פון די פריערדיקע טוער געפינט זיך אין פּאַריז. די פאַנטאַסטישסטע השערות האָבן צירקולירט וועגן זיי. געוואוסט האָט מען נאָר אַף זיכער פון די, וואָס זיינען געכאַפּט געוואָרן און אָפּגעפירט געוואָרן אין די תפיסות און קאָנצענטראַציע־לאַגערן אָדער פון יענע, וואָס זיינען איבערגעגאַנגען צום שונא און זיך געלאָזט הערן אין די צייטונגען און דערלויבטע פאַרזאַמלונגען.

„גאַסטאָן" האָט אָנגעהאַלטן די פאַרבינדונגען און קיינער האָט אים ניט אויסגעפרעגט, פון וואַנען ער ברענגט די דירעקטיוון. פון די פינף, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער גרופּע, האָט זשאַק פון פריער געקענט נאָר איינעם, מאַרסעלן, א יונגן בוי־אַרבעטער. פאַרן קריג האָט ער אים עטלעכע מאָל געהאַט געטראָפן מיט פיערן און זיי האָבן זיך דאַן קענטלעך געצאָלט „רונדעס" און געכאַפּט א שמועס וועגן אַקטועלער פּאָליטיק. לויט גאַסטאָנען זיינען דאַסמאָל געווען גענוג צוויי אַף אויסצופירן די אַרבעט און ס'איז געווען די ריי פון זשאַקן און מאַרסעלן.

זיי האָבן זיך אָפּגערעדט צו טרעפן צומאָרגנס נאָכמיטאָג אין א הויז פון אַן אַלמנה — מאַרסעלס א באַקאַנטע — וואָס איז א גאַנצן טאָג ניט געווען אין שטוב.

— אַרבעטסט ניט? — האָט געפרעגט זשאַק, נאָכדעם ווי ער האָט געדריקט זיין חבר די האַנט.

— ניין, מען וועט שוין באַלד פאַרגעסן דעם טעם פון בויען.

ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון קעשענע אַ שטאָט־פּלאַן, וואָס האָט געווייגלעך געדינט אַלס וועגווייזער פאַר די מעטראָ־ליניעס און גאַסן, און האָט אָנגעוויזן מיט אַ פינגער אויף אַ פּונקט:

— רעפּובליק־פּלאַץ!

— יאָ, האָט זיך זשאַק צוגעקוקט — שוין לאַנג ניט געווען אין יענע מקומות.

— איך זע די געגנט ווי פאַר די אויגן — האָט מאַרסעל געקוקט אין אַ זייט — זומער פלעגט מען זיך דאָרט אַראָפּכאַפּן טרינקען אַ גלאָז. פון אַלע עקן פלעגט דער עולם שטראָמען אַהינצו. און זונטיק פלעגט מען זיך לאָזן פון דאָרט אויף אַ „טור" איבער די „גרויסע בולוואַרן".

ער האָט ווידער געוואָרפן אַ בליק אויפן פּלאַן, האָט געלייענט די קלייניקע אותיותלעך, וואָס האָבן אָנגערופן גאַסן און פּלעצער און טראַכטנדיק ווי אַזוי מען וועט אַמבעסטן פאַרשווינדן פון דער געגנט, זיי־נען זיינע רעיונות פאַרמישט געוואָרן מיט קינדערשע זכרונות פון דער פאַרגאַנגענהייט.

— אַלס קינד בין איך דאָ אָפט געקומען. צום רומל, וואָס פלעגט זיך שטעלן אויפן פּלאַץ, ביז אין די אַרומיקע בולוואַרן אַריין. געדענקסט, זשאַק? די אייזערנע, רויט־באַמאָלטע חזירים, וואָס פלעגן זיך הויבן ארויף און אַראָפּ? די קאַרוזעלעס האָבן זיך געדרייט מיט אַ שווינדלערישער שנעלקייט און די מיידלעך האָבן געקוויטשעט, ווייל זייערע קליידלעך האָבן זיך געהויבן אין ווינט.

זשאַק האָט אַ טראַכט געטאָן וועגן איינעם אַן אָוונט, וואָס ער האָט דאָרט פאַרבראַכט מיט זשערמענען. זיי זיינען געפאָרן אויף עלעקטרישע און באַ יעדן צוזאַמענשטויס מיט די שכנותדיקע וואָגנס. האָט זשערמען געלאַכט אויפן קול. דאַן זיינען זיי געפאָרן אויף דער קאַרוזעלע. מיטאַמאָל האָט זיך אויסגעלאָשן דאָס ליכט. גרינע לעמפּלעך האָבן אַ בלאַסק געטאָן און אַ פלאַכטע האָט אויף אַ קורצער ווײַלע צוגעדעקט אַלע פּאַסאַזשירן.

— אין צפון פירט „מאַזשענטאַ" צו די וואָקזאַלן „נאָר" און „עסט"

— האָט ער באַמערקט — און אין דרום איז גלייך די „רעפּובליק". דאָרט שטייען טאָג ווי נאַכט באַוואָפנטע פּאַטרולן. אַמבעסטן זיינען שוין די געסלעך אַט־דאָ! — האָט ער אָנגעוויזן אויף אַ לאַבירינט פון פּאַסיקלעך, וואָס האָבן זיך געצווייגן פון מאַזשענטאַ צו מזרח צו.

— איבערן קאַנאַל? די געסלעך זיינען דאָרט פּוסט, ניטאָ קיין באַוועגונג. אַן אַנטלויפנדיקער מענטש ווערט דאָרט לייכט אויפפאַלנדיק.

• • •

און זעענדיק די געסלעך אין זיין גערדאנק, זיינען ווידעראמאל אויפ־געשוואומען אלטע זכרונות:

— איך קען גוט יענע געגנט. לויפסט אדורך א שטיקל געסל און קומסט צום קאנאל. לענגאויס דעם קאנאל ציט זיך אן אליי. זי איז שטענ־דיק פוסט. אין אוונט האב איך דארט געהאט מיינע ערשטע „ראנדע־וואוס”. מען זיצט אף א באנק, דאס וואסער אין קאנאל גלאנצט מיט זיין שווארצקייט. ארום טוליען זיך קוסטעס און ביימלעך. מען נעמט ארום דאס מיידל בא דער טאליע. — וואו זאל זי דיר נעמען א הארץ צו זאג־ן „ניין”?...

— איז וואס מיינסטו? — האט געפרעגט זשאק.

— זעסט, אז דו נעמסט זיך אף לינקס, דארפסטו נאר אדורכ־לויפן א שטיקל לאנקרי־גאס. דו מיידסט אויס די „רעפובליק”. איין שפרונג און דו ביסט אף די „גרויסע בולווארן”. דארט איז שטענדיק א געדיכטער עולם. מען קען זיך אויך אריינכאפן אין א קאפע־הויז, אין א קינא.

— און אויב זיי מאכן גלייך אן אבלאווע? זיי רינגלען דאך אמאל ארום גאנצע געגנטן.

— נו, איז וואס? איך וועל זיי ווייזן מיינע פאפירן און זאלן זיי מיר קושן! זיי וועלן דאך ניט פארהאלטן קיין צענדליקער טויזנטער מענטשן.

— ביסט גערעכט! — האט געמיינט זשאק — פאר דיר איז עס א פלאן. אבער איך בין א ייד. בא מיר וועלן זיי כלל ניט פרעגן, פונוואנען איך קום און וואס איך האב אפריער געטאן. אן יעטווערן חשד, וועלן זיי מיך גלייך אפשיקן אין לאגער. מינדעסטנס אין לאגער.

— איך האב ניט געטראכט וועגן דעם — האט זיך מארסעל אויפ־געשטעלט. — יידן נעמען זיי טאקע אן א פארוואס. ס'איז אמת וואס מען דערציילט וועגן די געטאס אין פוילן?

— אז דו זעסט, וואס זיי טוען דא, אינמיטן פאריז, קענסטו זיך שוין פארשטעלן!

זשאק איז אוועק צו זיך אין קליינעם צימערל, פון וועלכן ער איז נאר זעלטן ארויסגעגאנגען. זינט עס האבן זיך אנגעהויבן די אבלאוועס אף יידן, האט ער מער ניט געקענט וואוינען בא זיינע עלטערן, ווייל פון דארט האט מען אים א ליאדע טאג געקענט פארשלעפן אין לאגער אריין.

גאסטאָן האָט אים גע'עצהט זיך אַריינצוציען אין יענעם, קליינעם האָטעל, צווישן „קאמבא" און דעם קאַנאַל. דערביי האָט ער אים געזאָגט:

— דער בעל־הבית איז אַ פיינער מענטש, אָבער צופיל זאָלסטו זיך ניט דרייען אין די אויגן!

— וואָסי?

— מען קען דען וויסן, ווער אַלע שכנים זיינען? אין אַ האָטעל איז איינער אריין און איינער אַרויס!

דערנאָך האָט ער אים געבראַכט „פּאַפּירן".

— וועסט זיך איינמעלדן אויף דעם־אַ נאָמען! — האָט ער אים גע־עצהט — וועט קיינער ניט קומען צו דיר, ווען עס וועלן זיין אַבלאַוועס אויף יידן.

זשאַק האָט אַריינגעקוקט אין דער אידענטיטעט־קאַרטע:

— די פּאַפּירן זיינען פאַלש?

— ניין! זיי זיינען עכט!... דאָס הייסט, אַלע שטעמפּלען זיינען עכט און דער דאָזיקער שאַרל האָט טאַקע ביז ניט לאַנג געוואוינט אין יענעם שטעטל. מען האָט געראַטעוועט די שטעמפּלען.

זשאַק האָט זיך אַריבערגעצויגן אין אָנגעוויזענעם האָטעל. געווען איז עס אַ שמאָל הויז, איינגעטיילט אין שטייגן־צימערן. די מייסטן פענצ־טער האָבן אַרויסגעקוקט צום הויף און ס'רוב צימערן זיינען געווען טונקל אַ גאַנצן מעת־לעת. דער עולם, דאָרטן, איז באַשטאַנען אין גרעסטן טייל פון אַרבעטלאָזע, וואָס האָבן צוליב דער פּלוצלימדיקער פּאַראַליזי־רונג פון דער אינדוסטריע און וואַקסנדיקן מאַנגל אין רוי־שטאָפן פאַר־לאָרן יעטוועדע האָפענונג צו געפינען אַ באַשעפטיקונג. זיי זיינען גע־שלאָפן ביז אַזייגער עלף, זיך דאַן אַ ווייַלע אַרומגעדרייט אין דעם „ביס־טראָ", וואָס אין אונטערשטן שטאָק, געהערט דאָרט ראַדיאָ, געשמועסט אַ ווייַלע פּאָליטיק מיטן בעל־הבית און זיך געלאָזן אין די „סוף פּאָפּולער" — ביליקע וואוילטעטיקייט־קיכן — וואו זיי האָבן באַקומען וואַסערדיקע זופּן און שטיקלעך ברויט, פאַר וועלכע זיי האָבן געמוזט אָפּגעבן נומער־לעך פון זייערע שפּייז־קאַרטן. צוריקגעקומען אַהיים זיינען זיי ערשט שפּעט, נאָך אַ לאַנגן שפּאַציר איבער דער שטאָט.

אַזוי אַרום האָט כמעט קיינער ניט באַמערקט די אָנוועזנהייט פון זשאַקן, וואָס איז מייסטנס געבליבן אין זיין צימער. נאָר די יינגערע פון די צוויי שוועסטער, וואָס האָבן געוואוינט אַ שטאָק נידעריקער אונטער

זיין צימער, האָט אים עטלעכע מאָל צוגעשמייכלט דורך דער צעעפנטער טיר, ווען ער איז אַראָפּגעגאַנגען פון די טרעפּ.

זיין צימערל איז געווען ענג און אויסער דעם ברייטן, מיט אַ רויט־לעכן טוך באַדעקטן בעט און קליינעם, הינקענדיקן טישל, איז דאָרט פאַר־בליבן נאָר אַ שמאָלער דורכגאַנג. ליגנדיק אַן איינזאַמער שעהן־לאַנג אויפן דאָזיקן בעט, פלעגט ער האָבן חשק פאַרטשעפּען מיט אַ וואָרט דאָס מיידל און זי אַרויפברענגען צו זיך אין צימער. ער האָט אָבער מורא געהאַט, זי זאָל אים ניט אויספרעגן ווי און פון וואַנען ער קומט און ער האָט געוואָלט אויסמיידן זיך אַריינצומישן אין די אינערלעכע ענינים פון דאָ־זיקן הויז, וואו מען האָט הויך אַפן קול געשמועסט פּאָליטיק און אויסגע־דריקט די האָפענונג אויף נייע צייטן.

אַזוי אַרום האָט ער זיי קיינמאָל ניט צוגעוואָרפן קיין וואָרט. ניט קענענדיק איינשלאָפן באַנאַכט, איז זי טיילמאָל געשטאַנען פאַר זיינע אויגן אַזוי ווי ער האָט זי אָפט געזען בעתן אַרויפגיין: אין געבלימלטן שלאָף־ראָק, כלומרשט פאַרטאָן אין אַ שטוב־אַרבעט און לויערנדיק דורך דער האַלב־אָפענער טיר צו די טרעפּ. איינדרימלענדיק פלעגט איר פּנים באַקומען זשערמענס שטריכן — דעם צו גרויסן מויל און פאַרשקענדיקע נאָזלעכער בעתן האַסטיקן אָטעמען.

גאַסטאָן האָט געבראַכט דעם פּלאַן פון גאַראַזש אינעווייניק. אָבער פאַראויס — האָט ער געזאָגט — קען מען ניט באַשטימען אַלץ גענוי. מען מוז זיך פאַרלאָזן אויף דער אייגענער אָריענטאַציע אין לעצטן מאָמענט. ס'איז דאָך ניט דאָס ערשטע מאָל באַ זיי... פאַרנט שפּאַצירט מייסטנס אַרום אַ פראַנצויזישער פּאָליציאַנט. מען וואָלט באַדאַרפט פאַרמיידן אומ־זיסטיקע בלוט־פאַרגיסונג, ס'וועט זיך אָבער אודאי ניט איינגעבן.

דעם לעצטן אָוונט האָט זשאַק פאַרבראַכט אין זיין צימערל. ער האָט אַ בליק געטאָן אויף זיין זייגערל: נאָך צוואַנציק שעה!... ער איז גע־ווען רואיקער ווי דאָס ערשטע מאָל: דאַן האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז שוין גייענדיק אַהינצו וועלן אים אַלע נאָכקוקן, אַראָפּלייענען פון זיין פּנים, וואָס ער גייט טאָן; אַז אין האָטעל וועלן די שכנים נאָכדעם באַ־מערקן פון וואַנען ער קומט. שפּעטער האָט ער געהערט די לאַנגע גע־שפּרעכן איבער די אַטענטאַטן, אָבער קיינער האָט זיך ניט געקימערט וועגן אים. די אַלגעמיינע צושטימונג האָט אים צוגעגעבן מוט. אין די אויגן פון פאַריזער פאָלק איז ער אויסגעוואַקסן צו איינעם פון די אומ־באַקאַנטע העלדן.

דערנאָך האָט מען אָנגעהויבן דערשיסן ערב'ניקעס. אַף מאַרסעלן האָט עס געמאַכט אַ קנאַפּן איינדרוק: קריג איז קריג! — האָט ער געזאָגט — מיר שטעלן אויך אונדזער לעבן אין קאָן! — עס ווערן דערשאָכן אומשולדיקע? נו, און די וואָס פאַלן אין קריג, זיינען דען ניט קיין אומשולדיקע? און מיר גופא זיינען דען ניט אומשולדיק? מיר פירן דאָך נאָר אויס די אַרבעט, וואָס אַלע ווינטשן, אַז זי זאָל געמאַכט ווערן!!!

צו זשאַקן, וועלכער האָט, זינט אַ לענגערער צייט, געלעבט אָפּגעזונדערט פון מענטשן, איז דאָס בילד פון דער אויסערלעכער וועלט דערגאַנגען פאַרבלאַסט און אָפּגעטעמפּט. ווי די שטראַלן פון דער זון, וואָס האָבן זיך אַריינגעגנבעט צווישן די הויכע דעכער אין ענגע געשלאָסענעם הויף פון זיין האָטעל, זיינען דערגאַנגען די ידיעות וועגן רעוואָלט און ווידערשטאַנד. און ווי אַן עכאָ פון אַ ווייטערדיקן געשריי אין דער ווייט זיינען דערגאַנגען די ידיעות וועגן הונגער און נויט, וועגן מענטשן, פאַרפייניקטע אין קאָנצענטראַציע לאַגערן און אַף דעפּאָרטאַציע, פון צענדליקער טויזנטער פאַרשפּאַרטע אין געטאָס, פון לאַנגזאַמען אָפּשטאַרבן אין „דראַנסי", און דערשיסונגען אין פאָרט ד'איוורי.

אָבער גראָדע אין זיין אָפּגעזונדערטקייט איז אים די אַכזריותדיקע ברוטאַליטעט דערשינען אין איר גאַנצן פאַרנעם און ריינער עסענץ. אין דרויסן האָט איבער דער צעווייעטער האָקנקרייץ־פאָן זיך געבלויט אַ לויטערער הימל און אויסער די שריט פון סאָלדאַטסקע שטיוול, וואָס האָבן געכאַפּט מענטשן אין די גאַסן, האָט מען אויך געקענט הערן דעם געלעכטער פון יונגע מיידלעך. מענטשן זיינען געוווען פאַרנומען ניט נאָר מיט רעוואָלט, נאָר אויך מיט שטיין אין אָטשערעד נאָך אַ ביסל שפּייז און אַפילו מיט ליבע־טראַגעדיעס.

אהערצו, אין דער טונקעלער איינזאַמקייט, איז דערגאַנגען נאָר דאָס עיקרדיקע פון דער דרויסנדיקער שטימונג, אומגעשטערט פון זייטיקע פּרטים. די דעראָבערטע שטאָט האָט זיך דאָ אָפּגעשפּיגלט ווי אין אַ פּערספּעקטיוו פון אַ בילד, אַף אַ וועלכן דער מאָלער האָט געוואָלט באַווייזן מענטשן און גאַסן, הימל און ערד געפּרעסט דורך אַ גיגאַנטישן סאָלדאַטןשטיוול.

אין יענעם נאָכמיטאָג האָט זיך זשאַק ניט אַריינגעקלערט מיט סדר אין די דאָזיקע ענינים. ס'איז געווען אַ טריבער נאָכמיטאָג; דורך די נאַסע שויבן האָט מען געזען די גרויע ווענט פון פּירעקיקן, געשלאָסענעם הויף און אַ שמאָלן פּאַס פאַרוואָלקנטן הימל. אין האָטעל איז, ווי תמיד

אין די דאָזיקע שעהן, ניט געווען קיין גרויסע באַוועגונג. פֿון „ביסטראַ״, וואָס אַפֿן אונטערשטן שטאָק, זיינען דערגאַנגען שוואַכע, מענטשלעכע שטימען און דאָס כּסדרדיקע גרילצן פֿון ראַדיאָ, וואָס האָט אָן אויפֿהער געפֿלאָסן ווי פֿון אַ ניט גאַנץ צוגעמאַכטן קראַן. אין אַ שכנותדיקן צימער האָט געזידט דאָס פֿעטס אויף אַן אָנגעוואַרעמטער פֿאַטעלניע. עמעצער האָט געפֿרעגלט אַ שטיקל בלוט־וואורשט, וואָס ער האָט דעראָבערט פֿרימאָרגנס מיט שווערער מי. דער ריח האָט זיך צעשפּרייט איבער אַלע קאָרידאָרן און צימערלעך אַרום. אונטן האָט די ייִנגערע שוועסטער געזונגען אַ באַקאַנט ליבע־לידל, אויסציִענדיק האַרציק־פֿאַרבענקט דעם רעפֿרען: „מאַרי־לו, מאַרי־לו... מאַרי...״ דער וואַרעמער הויך פֿון איר צעעפֿנטן מויל האָט פֿאַרנעפּלט די קאַלטע שויב און פֿאַרשטעלט דעם טונקעלן הויף פֿון די אויגן.

זשאַק איז איינגעשלאָפֿן. ערשט נאָך האַלבער נאַכט האָט ער זיך אויפֿגעכאַפּט, האָט אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך די מלבושים און איז אַרונטערגעקראָכן אונטער די קאָלדרעס. צומאָרגנס איז ער וואַך געוואָרן שפּעט, מיט אַ שווערן קאָפּ. לאַנגזאַם האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער דאַרף זיך הייַנט טרעפֿן מיט מאַרסעלן. דער געדאַנק האָט אים ווי אָפּגעגאָסן מיט קאַלטער וואַסער און צעבלאָזן דעם נעפּל פֿון זיין מוח. וואָס מער עס האָט זיך דערנענטערט די באַשטימטע שעה, אַלץ שאַרפֿער איז געוואָרן די וואַכזאַמקייט פֿון זיינע חושים. זכרונות, ווילן און דאָס געפֿיל פֿון דער פֿאַרשטייענדיקער סכּנה האָבן זיך מער ניט געמישט אין אַ טונקעלן פּלאָנטער, נאָר אויפֿגעטויכט ווי בליצן אויף אַ לויטערן הימל.

באַם גאַראַזש איז תּחילת אַלץ פֿאַרלאָפֿן ווי ס׳איז פֿון פֿאָראויס באַשטימט געוואָרן. דעם פּאָליציאַנט האָט מען געמוזט דערשיסן — ער האָט געוואַכט האַרט באַ דער טיר און נאָר געשפּרייזט עטלעכע שריט הין און צוריק, ווי אַ הונט וואָס איז אָנגעבונדן אויף אַ קייט. אינעווייניק איז אַלץ פֿאָרגעקומען בליץ־שנעל, זשאַק האָט געהאַנדלט אינסטינקטיוו, ניט קלערנדיק בשעת מעשה. ערשט שפּעטער האָט ער זיך געקענט אָפּגעבן אַ חשבון ווי עס האָט פּאַסירט. אַ דיקלעכער, אין אייל איינגעשמירטער אַרבעטער, האָט — דערהערנדיק, וואַרשיינלעך, דעם שאָס באַ דער טיר — אויפֿגעהויבן אַ שווערן האַמער און אַ וואָרף געטאָן עטלעכע, שנעלע קללות אויף דייטש. זשאַק האָט אים געצילט אין קאָפּ. מאַרסעל איז צוגעלאָפֿן צום צווייטן, וועלכער האָט זיך באַמיט אַרויסצוקריכן פֿון אונטער אַן אויטאָ, וואו ער האָט געמייסטרעוועט. דאַן האָבן זיי זיך איין אויגנבליק אַרומגע־

קוקט און צוריקטרעטנדיק צו דער טיר, האָבן זיי געוואָרפן די באָמבעס אַף יענעם ווינקל, וואו דער וואַרשטאַט מיט די רעדער, לעדערנע פּאַסן און פּאַליצעס געצייג האָט אַ שווינדל געטאָן פאַר זייערע אויגן.

אַפן גאַס איז געווען אַזוי שטיל, אַז זיי האָבן געקענט הערן דאָס קרעכצן פון פּאַליציאַנט, וואָס איז געלעגן אויסגעצויגן אין אַ קאַלוזשע בלוט. פאַרבייגייער האָבן פאַרשנעלערט די טריט און זיך אָפּגעטראָגן פון דאָזיקן אָרט אין אַלע ריכטונגען. קיינער האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין עמפּערונג און קיינער האָט ניט געשריען, מען זאָל כאַפּן די מערדער. זשאַק האָט זיך פאַרנומען מיט אַ געסל אין דער ריכטונג פון קאַנאַל.

קומענדיק צו דער בריק, איבער וועלכער ער האָט געוואָלט אַרי־בערגיין אַף דער אַנדער זייט, איז ער שטיין געבליבן אַ דערשראָקענער. די בריק האָט זיך באַוועגט. געטיילט אין דער מיט, געצויגן פון ריזיקע קייטן, האָבן ביידע הילצערנע העלפטן געשוואומען מיט אַ ווינקל צו די שטילע, בעטאָנירטע ברעגעס. די עפענונג איז אַלץ ברייטער און ברייטער געוואָרן. זשאַק האָט געקוקט אַפן וואַסער, וואָס האָט געפלאָסן מוטנע און לאַנגזאַם. אין די שאָטנדיקע טיפענישן האָבן זיך געשפּיגלט די הויכע, גרויע געביידעס פון ברעג. פונדערווייטנס האָט מען געזען אַ לאַנגן, שווער־אָנגעלאָדענעם, שיפל, וואָס האָט זיך געשלעפּט לאַנגזאַם און פאַרשלאָפן, טיף פאַרזונקען אין וואַסער.

אַן עלטערער אַרבעטער איז געשטאַנען איינגעבויגן איבערן וואַלעץ, אַף וועלכן ס׳האָט זיך געוויקלט מיט אַ הייזעריקן קרעכץ די דיקע קייט, וואָס האָט געצויגן די האַלבע בריק. דערזעענדיק, אַז זשאַק רירט זיך ניט פון אָרט, האָט ער, איבערשרייענדיק דאָס גרילצן פון דער קייט, אַ זאָג געטאָן:

— מען האָט דאָרט געשאָסן, וואָס?

— דאַכט זיך!.. — האָט זשאַק געענטפערט מיט אַ קווענקלענ־דיקער שטימע.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט. לויפן מיטן ברעג? מען האָט דאָרט גע־זען ווייניק מענטשן. ער וועט זיכער אַרויפפאַלן אַף אַ פּאַטרול. פון אַ געסל, אַף יענער זייט קאַנאַל, איז שוין דערשינען אַ האַלבע טוץ פּאַליציאַנטן און געלאָפן אין ריכטונג פון דער בריק. זיי האָבן זיך געיאָגט איינער הינטער דעם אַנדערן און אייניקע האָבן נאָך געהאַלטן אין שפּילען די פּאַסן אי־בער די מונדירן. ווען די ערשטע זיינען אָנגעקומען צום וואַסער, האָבן זיי

א זידל געטאָן און זיך פאַרקירעוועט אַף לינקס, וואו דער קאַנאַל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אונטער דער ערד.

— די „פּליקס" לויפן ווי פאַרסמטע מייז! — האָט אַ זאָג געטאָן דער אַרבעטער צו זשאַקן — ס'איז עפּעס ניט גלאַט!

און ווען די פּאָליציאַנטן זיינען פאַרשוואונדן, האָט ער איבערגע־שריען צום אַרבעטער, וואָס באַם וואַלעץ אַף דער אַנדער זייט:

— העי, דיקער! וואָס איז דאָרט געשען?

— דער גאַראַזש... אַף מאַזשענטאַ — האָט יענער שוין געהאַט אַן אינפאָרמאַציע פון אַ פאַרבייגייער.

— זיי האָבן געמאַכט אַ תל פון אַ דייטשן גאַראַזש — האָט דער אַלטער אַרבעטער דערקלערט זשאַקן און געקוקט אַף אים מיט אַ פאָרשנ־דיקן בליק פון דער זייט, ווי וועלנדיק זען, ווי פאַרא איינדרוק זיינע רייד וועלן מאַכן אַפן יונגן מאַן, וואָס איז דאָ געשטאַנען פאַרעקשנט באַם געעפנטן בריק, אָנשטאָט צו מאַכן אַ שטיקל אומוועג.

— דאַכט זיך, אַז דיין פּנים איז מיר באַקאַנט! — האָט ער אין אַ ווייַלע אַרום זיך צוגערוקט נענטער — מסתמא דיך געזען ערגעץ־וואו?!

די האַרטע שטריכן פון זיין צעאַקערטן פּנים זיינען מילדער גע־וואָרן און האָבן אויסגעדריקט פריינטלעכקייט. אין זיין שטימע האָט גע־קלונגען אַן אָנדייטונג אַף אַ געמיינזאַמען סוד „וועגן וועלכן מען רעדט ניט".

אויך זשאַקן האָט זיך אַצינד געדאַכט, אַז ער האָט שוין דעם אַלטן געהאַט ערגעץ־וואו געזען. וואו דען? אפשר אַף אַ מיטינג? אַ דעמאָנ־סטראַציע? די לעצטע יאָרן זיינען פאַר זיינע אויגן פאַרבייגעשוואוימען אַזויפיל ענלעכע פּנימער, פולע מיט קנייטשן דורך יאָרן פון שווערער פּראַצע, מיט אָפענע גוטמוטיקע בליקן. ער האָט גאָרניט געענטפערט, אָבער געפילט האָט ער זיך אַ ביסל זיכערער: אַ געהיימער בונד, וואָס איז ניט אויסגעדריקט געוואָרן מיט ווערטער, איז געשלאָסן געוואָרן צווישן אים און דעם אַלטן. יענער האָט ניט פאַרלאַנגט קיין תשובה. ער האָט אויסגע־דרייט דעם קאָפּ צום מאַן, וואָס האָט שטייענדיק האַלב־געדרימלט אַפן טראַנספּאָרט־שיפל, און אויסגעשריען:

— האַללאָ, זשאַן! די געזונט איז אין אָרדענונג?

— עס גייט, אויסער מיטן מאָגן! פאַרשטייסטו מיר, אין די היינ־טיקע צייטן!

זשאַק האָט געקוקט מיט אומגעדולד אַפן שיפל, צוליב וועלכן מען

האָט דאָ געעפנט די בריק. עס איז שוין געשוואומען גאָר נאָנט, אָבער מיט אזא אפּאטישער לאַנגזאַמקייט, אז זשאַקן האָט זיך געדאכט, אז עס וועלן נאָך פארבייגיין שעהן, ביז מען וועט צוריקפירן די בריק. געווען איז עס אַ לאַנגע, הילצערנע לאָדקע, מיט סימנים פון אָפּגעקראָכענער, רויטער פארב אַף די ווענט, אָנגעלאָדן ביז אויבן מיט שטיין־קוילן. דער קאַנאַל האָט פארבונדן פארשידענע טיילן פון דער שטאָט און האָט געדינט אַלס ביליקער טראַנספּאָרט־וועג פאַר שווערע משאות, וואָס מען האָט דאָ גע־פירט אין אַלטמאָדישע, פארחושכטע טראַנספּאָרט־שיפלעך. אַ ביסל ווייַ־טער צו דרום, באַם „פּאָבור דע טאַמפּל", איז ער אַראָפּגעפאַלן מיט דער הילף פון באַוועגלעכע שלוזן און ווייטער איז ער שוין געפלאָסן אונטער דער ערד. דאָ, אין די צפון קווארטאַלן, האָט ער זיך געצויגן אָפן אויבער־פלאַך, דורכגעשניטן גאַסן און די נידעריקע הילצערנע בריקלעך, וואָס האָבן געפירט איבערן וואסער, האָבן זיך אָפט געעפנט. דאָרט, וואו זשאַק איז געשטאַנען, איז די גאַנצע ארומיקע געגנט געווען גרוי און פארשלאָפן, ווי אָנגעשטעקט פון דעם מוטנעם, קריכנדיקן קאַנאַל.

— עס קריכט ווי אַ פארשלעפטע קרענק! — האָט דער אַלטער אָנ־געוויזן אָפן שיפל, באַמערקנדיק זשאַקס אומגעדולד.

די דרימלענדיקע שטילקייט פון דער געגנט איז מיטאַמאָל איבער־געריסן געוואָרן דורך אַ פייפעריי און טראַסקעריי פון מאָטאָציקלען, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון ניט ווייטן בולוואר מאַזשענטאַ. זשאַק האָט פאַר־שטאַנען, אז דער גערעג איז אין פולן גאַנג. באַלד איז אויך דער פּוסטער קאַנאַל־ברעג באַלעבט געוואָרן. מען האָט געזען פראַנצויזישע פּאָליציאַנטן אין בלויע מונדירן און דייטשע פּאַטרולן אין פעלד־גרוי. זיי האָבן אויפ־געטויכט ניט ווייט, אַף דער הויך פון מזרח־וואָקזאַל, און זיך דאָרט גע־טיילט אין קליינע גרופּעס, וואָס האָבן זיך געלאָזן אין אַלע ריכטונגען, ווי אויסשפּרייטנדיק אַ שפּינוועבס־נעץ איבער דער געגנט. עטלעכע זיי־נען געגאַנגען אין דער ריכטונג פון דער צעעפנטער בריק, באַ וועלכער זשאַק איז געשטאַנען.

זשאַק האָט געמאַכט אַ באַוועגונג ווי אריינצושפּרינגען אין וואסער. אויב דער מאַן פון שיפל וועט אים לאָזן, וועט ער מיטפאָרן מיט אים און נעלם ווערן אין דער טונקעלער קאַנאַליזאַציע, וואָס אונטער דער שטאָט. אויב ניט — וועט ער נאָכדעם זען!... דער אַלטער האָט אים אָנגערירט באַם אָרעם:

— האָסט שוין אַמאָל געאַרבעט באַ אַזאַ מין בריק?

— ניין!

— נו, וועסטו עס פֿאַרזוכן! שטעל זיך אַוועק באַם ראָד!... וואַרט, פֿאַרקאַשער אַפֿריער די אַרבל. אַט־אַזוי!... איך וועל זיך אַריינכאַפּן אין „ביסטראַ" אַפֿן ראָג מאַכן אַ כּוסה און זיך דערוואַרעמען... גיי צו נענ־טער און האָב ניט קיין מורא זיך איינצושמירן אין אַ ביסל סמאָלע! אונ־דזער איינער איז שטענדיק אַ ביסל פֿאַרשמירט... און איידער איך וועל צוריקקומען וועסטו זיך ווי עס איז אַן עצה געבן.

זשאַק האָט געפֿאָלגט און געקוקט מיט דאַנקבאַרע אויגן אַפֿן אַלטן, וואָס האָט כּלל ניט חוקר ודורש געווען. ער האָט אַרויפֿגעלייגט די האַנט אַף דער שמוציקער קייט און זי דערנאָך אַ פּיר געטאָן איבער זיין שטערן, אַף וועלכן ס'האָט אַרויסגעשלאָגן אַ קאַלטער שווייס. אַ באַוואָפֿנטע פּאַט־רול פֿון דריי דייטשע סאָלדאַטן איז צוגעגאַנגען גאָר נאָנט און שטיין גע־בליבן באַ דער בריק.

— זע נאָר אַ ביסל דעם סיסטעם פֿון דאָזיקן קאַנאַל — האָט איי־נער געזאָגט — אַלט און פֿאַרזשאַווערט ווי זייער גאַנצע אָרדענונג!

— די פֿראַנצויזן זיינען דעגענערירט! — האָט אים אַ צווייטער געענטפֿערט — זיי זיינען מער צו גאָרנישט פּעאיק! מיר וועלן זיי ווייזן ווי מען דאַרף איבערבויען דאָס דאָזיקע לאַנד.

די פּאַטרול האָט זיך דערווייטערט און זשאַק האָט געזען ווי זיי פֿאַרהאַלטן אַ מאַן אין אַ זייטיקן געסל, פֿרעגן פּאַפּירן, טענהן איין מיט אים און נעמען אים מיט. גלייך איז דער אַלטער צוריקגעקומען פֿון „ביס־טראָ" און אַ שמייכלענדיקער האָט ער געקוקט אַף זשאַקס פֿאַרשמירטן פּנים:

— זעסט אויס ווי איינער, וואָס האָט דאָ געאַרבעט זינט יאָרן — האָט ער געזאָגט — אַנו וועלן מיר אַראָנזשירן די בריק!

דאָס שפּיל איז אינצווייען דורכגעפֿאָרן און איז שוין אָפּגעשוואומען אַ שטיקל ווייטער. די קייטן האָבן זיך צעוויקלט מיט אַ קרעכץ. ווען די בריק איז ווידער געלעגן אַף איר פּלאַץ, האָט דער אַלטער געזאָגט צו זשאַקן:

— ביסט אודאי מיד פֿון דער אַרבעט, וואָס? אויב דו ווילסט זיך אָפּרוען, קענסטו אַרויפֿגיין דאָרט — ער האָט אָנגעוויזן מיט אַ פֿינגער אַף אַ הויכן הויז פֿון קעגנאיבערדיקן ברעג — אַפֿן העכסטן שטאָק איז פֿאַראַן אַ ליידיקע דירה. אַלטע חפֿצים ליגן דאָרט. קענסט אַרויפֿגיין און זיך צושפּאָרן אַ ווײַלע.

זשאַק האָט זיך ניט געוואונדערט, הערנדיק דעם אַלטנס משונהדיקן פאָרשלאַג. יענער האָט אים דערלאַנגט דעם שליסל:

— קענסט לאָזן די טיר אָפגעשלאָסן, וועט מען ניט דאַרפן גרילצן מיטן שלאָס. גלייך נאָך דער אַרבעט וועל איך זיך אַרויפכאַפּן דיר אָפּ־שטאַטן אַ וויזיט. און ס'איז געזונטער, אַז די שכנים זאָלן הערן וואָס ווייניקער! פאַרגעס ניט — די צווייטע טיר, רעכטס.

ניינטער קאַפּיטל

אין דער דירה פון העכסטן שטאָק, אין וועלכער זשאַק איז אַריין, זיינען אַרומגעשטאַנען און אַרומגעלעגן כל מיני חפצים פון אַ בעל־ביתישקייט: טעפּלעך, טעלער, אַ שראַנק, צוויי בענקלעך? בעזימער און אַ בעט מיט ניט איבערגעצויגענעם בעטגעוואַנט. פון סופיט און אין די ווינקלען זיינען אַראָפּגעהאַנגען שפּינוועבס־נעצן און אַ דיקע שיכט שטויב האָט באַדעקט די ווענט, די מעבל און די פענצטער־שויבן פון איין־און־איינציקן פענצטער, פון וועלכע צוויי זיינען געווען געשפּאָלטן און אין דער דריטער האָט געפעלט אַ שטיק. אין נעבן צימער און אין קיך האָט געהערשט די זעלבע אומאָרדענונג.

זשאַק האָט אַרויסגעקוקט אין דרויסן. אַרום האָבן זיך אומבאַוועגלעך געטורעמט דעכער, קוימענס און גזימסן, איבער זיי איז געהאַנגען אַ פאַרכמאַרעטער, שווייגנדיקער הימל. אונטן איז לאַנגזאַם און פאַרדרימלט געפלאָסן דער קאַנאַל. אין דער ווייט האָט מען געזען אַ שיפל, וואָס האָט זיך דערנענטערט און אַ בריק, וואָס האָט זיך געעפנט. מענטשן און באַוועגונגען האָבן פון דאַנען אויסגעזען קליין און פאַרמינערט. די פלוצלימדיקע רואיקייט, וואָס האָט געפלייצט פון אַלע זייטן, איז אין זשאַקן איבערגעגאַנגען אין אַ מעלאַנכאָלישן אומעט פון צילאָזיקייט, ווי נאָך אַ טומלדיקער, אָנשטרענגנדיקער שמחה אָדער אַוואַנטורע. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס בעט, פון וועלכן ס'האָט זיך אַ הויב געטאָן אַ וואָלקן שטויב, זיך אויסגעצויגן אויף אים און צומאַכנדיק די אויגן געוואַרט אויפן שלאָף.

אויפגעוועקט האָט אים אַ שטילער גרילץ פון דער טיר, וואָס האָט זיך פאַרזיכטיק געעפנט. דורך די פאַרשטויבטע שויבן האָט פון דרויסן אַריינגעקוקט די צוגעפאַלענע נאַכט. זשאַק האָט זיך אויפגעזעצט אויפן בעט

און א רוף געטאָן דעם אַלטן, וואָס האָט אים געזוכט אין דער פינצטער־ניש פון קאַמערל:

— אָט דאָ בין איך, מיין אַלטער!

— אַ, גוט! ווי געפעלט עס דיר עפּעס דאָ? — האָט יענער זיך צוגעזעצט לעבן זשאַקן — ניטאָ קיין באַקוועמלעכקייטן, קיין עלעקטריש ליכט אפילו... נו, מען וואָלט סיי ווי ניט געטאָרט מאַכן ליכטיק!

ער האָט דערציילט זשאַקן לאַנג און אויספירלעך, אַז דאָס דאָזיקע בוידעם־שטיבל איז שוין זינט יאָרן אומבאַוואוינט און דער בעל־הבית האָט עס פאַרנאַכלעסיקט און ניט רעמאָנטירט. די בעל־הביתישקייט, וואָס וואַלגערט זיך דאָ אַרום, איז פון אַ פאַמיליע, וואָס האָט פריער געוואוינט אין אַ דירה אויף אַן אונטערשטן שטאָק און איז אַנטלאָפן אין פּראָווינץ בעתן אָנקומען פון די דייטשן. געווען זיינען עס גוטע־פריינט זיינע און זיי האָבן אים געשריבן, ער זאָל ערגעץ וואו אויפהיטן זייערע בעבעכעס. האָט ער זיי מיטן רשות פון בעל־הבית, וואָס האָט געוואָלט פאַרדינגען די אונטערשטע דירה, אַרויפגעבראַכט אַהערצו. קיינער קומט דאָ, אַזוי אַרום, ניט אַרויף.

— איר קענט דאָ בלייבן וואוינען אַ שטיקל צייט — האָט ער פאַרענדיקט — קיין דירה־געלט וועל איך בא אייך ניט מאָנען!

ער האָט מיטגעבראַכט זשאַקן אַ קליין שטיקל ברויט און אַ גלאָז ראָזלעכן, וואַסערדיקן וויין. גערעדט האָט ער אויך וועגן יקרות, וועגן די אַמאָליקע גוטע צייטן און דרך אגב האָט ער באַמערקט, אַז דער פראַנצויזישער פּאָליציאַנט, אויף וועלכן מען האָט היינט באַטאָג געשאָסן באַם גאַראַזש פון בולוואַר מאַזשענטאַ, איז ניט געשטאָרבן פון די וואונדן. ער געפינט זיך אין שפּיטאָל, אין אַ שווערן צושטאַנד. ווי די צייטונגען שרייבן זאָל ער האָבן אָנגעגעבן סימנים פון די טעראָריסטן...

— צוויי יונגעלייט זיינען עס געווען, שרייבן די אָוונט־צייטונגען, איינער, אַ הויכער און ברייטפּלייציקער, האָט אויסגעזען ווי אַן אַרבעטער און דער צווייטער — גאָר אַ יונגער, אַ שוואַרץ־האָריקער.

— דאָס אינגאַנצן? — האָט אויסגערופן זשאַק.

און ער האָט תיכף חרטה געהאַט, הלמאי ער האָט זיך אַרויסגעכאַפּט מיט דער דאָזיקער פראַגע. ער איז געווען אַ ביסל פאַרשלאָפן. דאָס ענגע צימערל האָט געווירקט אומהיימלעך מיט די אָנגעוואָרפענע חפצים, וואָס האָבן אַרויסגעשטאַרצט פון דער פינצטערניש. און ס'איז געווען אומהיימלעך צוצוהערן ווי אַ פרעמדע, אומבאַקאַנטע שטימע רעדט אַרויס

פון דער פינצטערניש און דערציילט רואיק און געלאַסן וועגן אַן אַטענ־טאַט, וואָס ער גופא איז דאָ ניט לאַנג באַגאַנגען, וועגן אַ גוססדיקן פּאַ־ליציאַנט, וואָס האָט אָנגעגעבן סימנים אַף זיין טויטן־בעט. אַ ווײַלע איז זשאַקן פאָרגעקומען ווי ער וואָלט געזונקען אין אַ בייזן חלום און פּלוצ־לינג האָט אים דורכגעבליצט דער געדאַנק: איז דער דאָזיקער מענטש אַמאָל ניט קיין אַגענט פון דער געשטאַפּאָ?

אין דער פינצטער האָט ער ניט געזען קלאָר דעם פּנים פון ריידנדיקן, וואָס האָט באַטאָג געוועקט זיין צוטרוי. אמת, די שטימע האָט גערעדט אַן עכטן, פאַריזער פראַנצויזיש — אָבער די געשטאַפּאָ איז פעאיק אַף די קאָמפּליצירטסטע שטיקלעך! וואָס האָט מען אַלץ ניט דערציילט וועגן זיי? זייערע מענטשן זיינען, קומענדיק קיין פּאַריז, געווען מער באַהאַוונט אין די מנהגים פון דער שטאָט ווי מאַנכע אַלטגעזעסענע תושבים. מען האָט זיך דען קנאַפּ אָנגעהערט וועגן זייערע שפּיצלעך? — אַ קאָנדוקטאָר פון אַ טראַמוויי, אַן אומשולדיקער בעטלער באַ אַ קירכע האָט זיך מיט־אַמאָל אַרויסגעוויזן פאַר אַן איבערגעטאָנענעם אַגענט! אויסערדעם האָבן זיי אומעטום געהאַט זייערע געדונגענע מענטשן... אָבער פאַרוואָס צאַצ־קעט ער זיך מיט אים? פאַרוואָס אַרעסטירט ער אים ניט?

— ניין — האָט דער אַלטער געענטפערט מיט אַ קאַלטבלוטיקער שטימע אַף זשאַקס פראַגע — די צייטונגען גיבן ניט אָן קיין אַנדערע סימנים. זיי שרייבן, אַז דער פאַרוואונדעטער פּאַליציאַנט האָט אָפּגעגעבן נאָך אַנדערע וויכטיקע דערקלערונגען, אָבער צוליב דער אויספאָרשונג, וואָס איז אין גאַנג, טאָר מען זיי ניט פאַרעפנטלעכן. די פּאָליציי — שרייבן זיי — איז אַף די שפּורן פון אַ גאַנצער באַנדע געפערלעכע טע־ראָריסטן!...

זשאַקן האָבן די רייד פון אַלטן געדינט ווי אַן ענטפער אַף זיינע פאַרבאָרגענע צווייפלען. — אפשר אַרעסטירט אים יענער ניט, בכדי אַזוי אַרום צו קומען אַף די שפּורן פון די חברים? ער שפּילט מיט אים אַ ראַ־פינירטן שפּיל פון קאַץ און מויז!

ער האָט באַשלאָסן צו שווייגן און אָפּצוּוואַרטן. קומענדיק אַהערצו, מיט עטלעכע שעה צוריק, האָט ער אַ טראַכט געטאָן, אַז ס'איז קיין תכלית ניט דאָ לאַנג צו פאַרבלייבן און ס'איז אים איינגעפאַלן צו שיקן דעם אַלטן אַף אַן אַדרעס, וואו מען האָט צו באַשטימטע שעהן געקענט טרעפן גאַס־טאָנען, כדי צו הערן ווי עס זעט אויס אין גאַס. אַצינד האָט אים דער פּלאַן אויסגעזען אַף יעדן פאַל אומפאָרזיכטיק. בעסער אָפּוואַרטן! —

האָט ער באַשלאָסן — און אפשר גאָר מאַכן פּליטה נאָכדעם ווי דער אַל־טער וועט אַוועקגיין...

זעענדיק, אַז זשאַק איז צוריקגעהאַלטן און שווייגעוודיק, האָט דער אַלטער זיך גענומען זעגענען:

— נו, איז בלייבט איר דאָ יונגערמאַן — האָט ער אויסגעשטרעקט אַ פּעסטע, קנאָכנדיקע האַנט — איך וועל שוין גיין. די „קאָמאַנדאַטור" האָט אַלס ערשטע שטראָף פאַרן אַטענטאַט פּראָקלאַמירט באַלאַגערונגס־צושטאַנד. נאָך ניין אַזייגער טאָר קיינער ניט אַרויסגיין איבערן שוועל פון זיין הויז. און נאָכמיטאָג קומען דאָ אין דער געגנט פאַר אַבלאַוועס... שלאָפט גוט, כ'וועל מאָרגן נאָך דער אַרבעט אַרויפקומען.

ווען דער אַלטער איז אַוועק, האָט זיך זשאַק, נאָך אַ קורצן ישוב הדעת, האַלב אויסגעטאָן און זיך אַריינגעלייגט אין בעט. גלייך מאַכן פּליטה פון דאַנען האָט אים אויסגעזען אומזיניק: אויב דער אַלטער האָט געזאָגט דעם אמת, קומען דאָ אַרום און אַרום פאַר אַבלאַוועס און מען וועט אים זיכער פאַרהאַלטן אַפן וועג צום האָטעל; און אויב דער אַלטער איז „זייערער" אַן אַגענט, וועט ווידער דאָס אַנטלויפן ניט נוצן — דאָס הויז איז אין אַזאַ פאַל זיכער באַוואַכט. דאָס איינציקע, וואָס אים איז פאַרבליבן, איז געווען אָפּצוואַרטן.

צומאָרגנס פרי זיינען זיינע ספיקות לגבי דעם אַלטן צעשוואָומען געוואָרן. שמערצן און פּיינלעכע געדאַנקען באַקומען, געוויינלעך, איבער־טריבענע פאָרמען אין דער איינזאַמקייט פון דער נאַכט. דאָס ליכט פון טאָג צעטרייבט די געשפּענסטער.

אָבער אויך צומאָרגנס האָט ער זיך ניט געקענט אַנטשליסן אָנצור־טרויען זיך דעם פרעמדן. ווען יענער וואָלט כאָטש אַרויפקומען באַטאָג! דער אַלטער איז אָבער דערשינען נאָר אין אָוונט און איז געזעסן אין דער פינצטער, זאָגנדיק, אַז מען מוז זיך היטן פאַר די שכנים, וואָס וויסן, אַז אויבן וואוינט קיינער ניט. דערצו האָט ער בעת די דאָזיקע, באַנאַכטיקע באַזוכן זיך כסדר אומגעקערט צו „יענעם ענין" און יעדעס מאָל, פאַרביי־גייענדיק, אַריינגעוואָרפן נייע פּרטים: וועגן דער אויספאָרשונג, וואָס ווערט געפירט אין קוואַרטאַל, וועגן באַזוכן פון געהיים־אַגענטן בא די הויז־וועכטער און קאָנטראָל אין די האָטעלן.

איינמאָל האָט ער פאָרזיכטיק אַ שפּאַן געטאָן צווישן די אָנגע־שטעלטע מעבל און רייבנדיק אַ האַנט אָן אַ האַנט, האָט ער געזאָגט:

— אַ קעלט, אַ ביסל, הייַנטיקס ווינטער, אַ? און מען הויבט גאָר

ניט אָן צו הייצן! כאַטש נעם און לייג די קוילן־קאַרטן אין אויוון אַריין. אַפילו אין די האָטעלן הייצט מען ניט!.. אַ פּראָפּאַ האָטעלן — זיי האָבן גענומען און אַרעסטירט דעם בעל־הבית פון „די גוטע האָפענונג"!

— וועמען? — האָט געפרעגט זשאַק.

— דעם בעל־הבית פון האָטעל, וואָס הייסט אַזוי. אַ קליין האָ־טעלכל, דאָ ניט ווייט. איר קענט אים?

— ניין, אין דער דאָזיקער געגנט האָב איך קיינמאָל ניט געוואוינט.

— כ'האָב נאָר געמיינט... זיי האָבן אַריינגעקוקט אין רעגיסטער און דערזען, אַז דאָרט האָט געהאַט געוואוינט אַ יונגערמאַן, וואָס איז נעלם געוואָרן פּונקט אין טאָג פון אַטענטאַט.

— און פאַרוואָס האָבן זיי אַרעסטירט דעם בעל־הבית? — האָט זשאַק געפרעגט פון העפלעכקייט וועגן.

— און אייך וואָלטן זיי אויך אַרעסטירט!

— מיך? — האָט זשאַק דערלאַנגט אַ שריט אַף צוריק און אינ־סטינקטיוו אַ זוך געטאָן מיט די אויגן אַ האַרטע זאַך.

— ווייל איר רעדט פּונקט ווי יענער בעל־הבית! וואָס איז ער שולדיק, האָט ער געטענהט, זיינע לאָקאַטאָרן זיינען דאָך ניט קיין עופּה־לעך און ער איז ניט מחויב אכטונג צו געבן אַף זיי. פונזיינעטוועגן, האָט ער געזאָגט, קענען זיי שפּילן פוטבאָל אָדער וואַרפן באָמבעס, אָדער גאָר כאַפּן פיש אין דער סען. ער, פון זיין זייט, פאַרדינגט נאָר צימערן. און יענער יונגערמאַן, האָט ער געזאָגט, איז אים נאָך שולדיק פאַר צען טעג דירה־געלט. איז אויב די פּאָליציי וועט אים כאַפּן, האָט ער געבעטן, זאָל זי אַזוי גוט זיין אויפמאָנען בא אים די פּאָר פראַנק און אים אַריינשיקן. וואָרים צו וואָס איז פאַראַן אַ פּאָליציי אַף דער וועלט, אויב ניט צום האַלטן אָרדענונג? און פאַר אַזאַ מין דרשה האָבן זיי אים אַרעסטירט און צוגעזאָגט לערנען מיט אים בלק.

צומאָרגנס האָט ער דערציילט, אַז מען האָט אויך די שכנים פון יענעם האָטעל געהאַט גענומען אַף אַ פאַרהער:

— מען האָט געוואָלט אַרויסקריגן פון זיי, ווי ער האָט אויסגעזען. יענער יונגערמאַן. הייסט האָט מען זיי אַלע באַפרייט און ווי זיי דערציילן, האָבן די געשטאַפּאָ־אַגענטן געברענט פון צאָרן. „איר זיינט אַלע מיטאַנאַנ־דער אַ באַנדע ליגנערס!" — האָבן זיי געשריען — „ווי קען עס געמאָלט זיין, אַז אַ מענטש האָט אָפּגעוואוינט דריי מאָנאַטן אין דאָזיקן האָטעלכל און קיינער קען ניט גענוי באַשרייבן ווי ער זעט אויס?!"

זשאַק האָט געשוויגן. דער בעל־הבית איז אודאי אַן אייגענער מענטש. די אַנדערע לאָקאַטאָרן האָבן אים באמת כמעט פאַר די אויגן ניט אָנ־געזען. אויסער יענעם מיידל. ער האָט געוואַרט, אַז דער אַלטער זאָל ווייטער דערציילן. יענער איז טאַקע באַלד אַרויס מיט לשון:

— איין מיידל פון האָטעל האָבן זיי פאַרהאַלטן אין חד־גדיא. אַ יונג מיידל. זי האָט זיך געפּלאָנטערט אין די רייד, ווען מען האָט זי אַ נעם געטאָן אַף אַ פאַרהער. אַן אַרבעטלאָז מיידל געוועזן. נו, ווער איז עס היינט ניט אַרבעטלאָז אין פאַך פון פּרויען־וועש קאָנפעקציע? — האָט ער פאַרפירט דעם שמועס אַף אַן אַנדער טעמע.

זשאַק האָט גאָרנישט געזאָגט. ער איז גוט אינפאָרמירט — האָט ער אַ טראַכט געטאָן — צוגלייך מיט דער פּאָליציי און אפשר אַפריער נאָך. דער אַלטער האָט ווי דערפילט זיין מיסטרויען און זיך אויפגעהויבן אַוועקצוגיין. ער האָט נאָך צוגעגעבן:

— מיך אינטערעסירט דעם גאַנצער ענין ניט. אָבער נאָך אַזאַ אויספאָרשונג הערט מען זיך אָן אָן אַ שיעור מעשיות. אָט נעמט צום ביישפּיל אונדזער „ביסטראָ”: אַמאָליקע יאָרן פלעגט מען דאָרטן טרינ־קען אַפּעריטיוון, שפּילן בעלאָט און בשעת מעשה דיסקוטירן אַלע וויכ־טיקסטע געשעענישן פון דער וועלט פּאָליטיק: וועלכער מיניסטער עס וועט בקרוב דעמיסיאָנירן און וואָס פאַרא בתולה פון קוואַרטאַל וועט זיכער פאַרשוואַנגערן פאַר דער חתונה. און אַצינד רעדט דער עולם וועגן אַטענ־טאַטן. בפרט, אַז ס'האָט פּאַסירט טאַקע דאָ אונטער דער נאָז.

זשאַק איז געווען צופרידן, וואָס ער האָט זיך ניט אַריינגעלאָזט אין קיין מגע ומשא מיט יענעם מיידל, וואָס איז אַזוי אָפט געשטאַנען אין געבלימלטן שלאָף־ראָק און אַרויסגעקוקט צו דער טיר. ווער ווייסט צו וואָס די באַקאַנטשאַפט מיט איר וואָלט געפירט?!

אָבער ליגנדיק שפּעטער אונטער דעם ניט באַצויגענעם בעטגעוואַנט, האָט עס אים לייד געטאָן. עס האָט אים לייד געטאָן פאַר יענעם מיידל און פאַר זייערע ניט־צושטאַנד געקומענע ליבע־שעהן. ווער ווייסט, צי זיי וועלן זיך נאָך אַמאָל טרעפן? ווער ווייסט, צי זי וועט נאָך אַמאָל פילן אַף איר לייב די אָרעמס פון אַ געליבטן? זי ליגט אין די לאַפּעס פון דער געשטאַפּאָ און ער — אַף אַ געשפּענסטיקן בוידעם־שטיבל, אונטער אַ פאַרשטויבטער דעקע, וואָס קראַצט דאָס לייב.

דערנאָך האָט ער אַ קלער געטאָן וועגן זיין לאַגע און זי האָט אים

אויסגעזען פאַרצווייפלט: ער קען זיך פון דאַנען ניט רירן, ער קען ניט אַנקניפּן קיין פאַרבינדונג און וואָס וועט זיין דער סוף?

צומאָרגנס, דאָנערשטיק, האָט זיך דער טאָג אָנגעהויבן מיט גרויסע געשעענישן. איינדערפרי איז אומגעריכט געקומען אַ באַזוך צום אַלטן. אַ באַקאַנטע — האָט יענער געזאָגט — אָבער ווער איז זי? און פאַרוואָס איז זי געקומען אין דער דאָזיקער פוסטער דירה? נאָכמיטאָג האָט אים דער אַלטער דערציילט, אַז יענער יונגערמאַן האָט געהייסן שאַרל פּויאַלאָן און אַז מען האָט אויסגעפונען, אַז ער זיצט גאָר אין אַ לאַגער אין דייטש־לאַנד. גלייכצייטיק האָט ער געזאָגט, אַז אפשר וועט אים יענע באַקאַנטע ארויפברענגען אינאָוונט עסן.

ווי נאָר דער אַלטער איז אוועק, האָט ער ארויסגעצויגן פון קעשענע די אידענטיטעט־קאַרטע מיטן נאָמען פּויאַלאָן, אַף וועלכער עס האָט גע־קלעפּט זיין אייגענע פאָטאָגראַפיע, האָט זי צעריסן אַף קליינע פּיצלעך און צעשאָטן די שטיקלעך פּאַפּיר איבער די אַרומשטייענדיקע מעבל און כלים.

ווען ס'איז צוגעפאַלן דער פאַרנאַכט, איז אים פּלוצלינג איינגעפאַלן מיט אַ שאַרפער זיכערקייט, אַז דערשיינען וועט דאָ היינט אין אָוונט דאָס אומבאַקאַנטע מיידל פון האָטעל: מען וועט זיי קאָנפראָנטירן. זיי האַלטן זי אַרעסטירט זינט פינף טעג און האָבן זי אודאי גענוג געפּייניקט, אַז זי זאָל איבערטרעטנדיק דעם שוועל אים גלייך דערקענען און זאָגן, ווער עס האָט געוואוינט אין האָטעל אַ שטאָק העכער איבער איר צימער.

די משונהדיקסטע עווענטואַליטעטן האָבן אָנגעהויבן אים קומען אַפן זינען. אין זיין איינזאַמקייט האָט די וועלט זיך אַ וואַקל געטאָן פאַר זיינע אויגן ווי אַן אָוונט־שאָטן בא אַ באַוועגלעכן ליכט. זינט מערערע טעג האָט ער געזען די שטאָט נאָר דורך אַ פענצטער־ווינקל פון אַ הויכן שטאָק. הייזער, גאַסן אוןביימער האָבן אויסגעזען קליין. ער האָט געזען מענטש־לעכע באַוועגונגען, האָט אָבער ניט געהערט זייערע שטימען. אַלץ אַרום איז געווען אומבאַשטימט און אומזיכער: דער אַלטער איז אָן שום ספק געווען אַ גוטער פריינט און דאָך האָט מען זיך פאַר אים געמוזט היטן מיט אַ וואָרט; דאָס צימער מיט זיין מיש־מאַש פון מעבל און קיך־געשיר איז געווען ספק אַ וואוינונג אַף דערווייל, ספק אַ תפיסה. מאָמענטנווייז האָבן דעם אַלטנס רייד זיך אים אָנגעהויבן פּלאָנטערן אין קאָפּ: וואָכן־לאַנג האָט ער געהאַט איינגעחזרט, אַז אויב מען וועט אים פרעגן ווי ער

הייסט, זאָל ער ענטפערן: שאַרל פּויאַלאָן. און ווער איז ער באמת יענער פּויאַלאָן?

ער איז געלעגן מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם אַפן בעט און האָט צוגעהערט מיט אָנגעשפּיצטע אויערן צו די טריט אַף די טרעפּ. אין די בין־השמשות שעהן איז דאָרט די באַוועגונג געווען אַ שטאַרקערע ווי געוויינלעך: מענטשן זיינען צוריקגעקומען פון דער אַרבעט, אַראָפּגעגאַנגען איינקויפן, זיך אַריינגעכאַפּט צו שכנים הערן נייעס. אָבער אַלע שריט זיינען אָפּגעהאַקט געוואָרן אונטן, ניט דערגאַנגען אַהערצו, צום אומבאַוואוינטן, זעקסטן שטאָק.

מיטן צופאַלן פון דער נאַכט איז זשאַקס אומגעדולד געוואַקסן און אינטענסיווער געוואָרן, ווי די פינצטערניש, וואָס האָט אַריינגעקוקט פון דרויסן. ס'איז שוין געווען שפּעט, ווען לייכטע טריט האָבן איבערגעשריטן דעם געוויינלעכן גרענעץ און אַ פלאַטער געטאָן גאָר נאָנט. די טיר האָט זיך געעפנט און זשאַק, וואָס האָט זיך צוגעוואוינט צו זען אין דער פינצטער, האָט באַמערקט אַ באַקאַנטע פיגור, וואָס האָט קווענקלענדיק איבערגעטרעטן דעם שוועל און איז שטיין געבליבן. אַ ווײַלע האָט ער ניט געגלויבט די אייגענע אויגן און דאַן האָט ער שטיל אַ זאָג געטאָן:

— זשערמען?!

די געשטאַלט האָט זיך דערנענטערט מיט שטילע, אײַליקע טריט. אַפן וועג האָט זי זיך אָנגעשטויסן אָן ארומשטייענדיקע כלים; זי האָט וואַרשיינלעך גאָרנישט געזען אַרום זיך און האַלב פרעגנדיק האָט זי גערעדט:

— זשאַק?... טאַקע דו, זשאַק?

ער איז געווען אַזוי איבעראַשט, אַז ער איז אַפילו ניט געגאַנגען איר אַנטקעגן. ער האָט נאָר אויסגעשטרעקט זיינע הענט און זייער ווייסקייט האָט געוויזן זשערמענען דעם וועג צום בעט. זי האָט זיך איבערגעבויגן איבער אים. זייערע הענט האָבן זיך געטראָפן, זיך צוזאַמענגעקלאַמערט און אין אַ פעסטן דרוק דערציילט זייערע געפילן. זשערמענס פינגער האָבן געגלעט. זי האָט איבערגעחזרט:

— זשאַק!... כ'האָב אַזוי אָפט געוואָרט אַף דיר!

זי איז געלעגן לעבן אים. זשאַק האָט געגלעט אירע האָר, אירע ברוסטן, וואָס ער האָט אַנטבלויזט, די נאַקעטקייט פון איר לייב, וואָס זיינע פינגער האָבן געזוכט. זי איז ווירקלעך געלעגן לעבן אים — ער האָט געפילט די וואַרעמקייט פון איר גוף, וואָס האָט לאַנגזאַם אָנגעהויבן צאַפּ־

לען אין בענקשאַפט נאָך זיין מענלעכער קראַפט, וואָס זאָל זי באַהערשן און בארואיקן. און מיטאמאָל איז פאַרשוואונדן די געשפּענסטיקייט, וואָס האָט די לעצטע טעג איינגעהילט די וועלט ארום אים. אפילו זשערמען און זיין שטיק לעבן, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט איר, האָבן אויסגעזען שאָטנדיק אין די דאָזיקע טעג. אצינד איז דער נעפּל צעשוואומען געוואָרן.

זשערמען האָט האַסטיק אָראָפּגעוואָרפן פון זיך די קליידער. זשאַק האָט זיך שטיל פאַרענטפערט:

— ס׳איז דאָ אזוי שטויביק!.. די אומבאַצוויגענע דעקן קראַצן.

— אָבער דו ביסט דאָ פאַראַן! — האָט זי געפּליסטערט — כ׳האָב אזוי לאַנג געווארט אף דיר!

זי האָט אפילו ניט געפילט די קעלט פון צימער און זיך ניט געוואָלט צודעקן. אויסשטרעקנדיק איר קערפּער צו זשאַקן, האָט זי געפּליסטערט מיט א טיפער, בעטנדיקער שטימע:

— קוש מיך! אָט־דאָ, אָט־דאָ!

זי האָט תמיד, אויך איצט, בעת דער אומדערוואַרטעטער טרעפונג, אין די פאַרפּלאָנטערטע אומשטענדן, געדענקט אָן די ראַפינירטקייטן פון דער ליבע, וואָס זי האָט ווי דערהויבן צו א הייליקער עבודה, און געוואָלט זיי פאַרשטאַרקן אינסטינקטיוו און מיט דער הילף פון פאַרשטאַנד, כדי צו דערגרייכן די העכסטע מדרגה פון רייץ און גענוס.

ערשט שפּעטער האָט זי א זוך געטאָן אין די קעשענעס פון איר מאַנטל און ארויסגעשלעפּט פון דאָרט א קליין פּעקעלע עסן. זי איז גע־זעסן לעבן אים, דערלאַנגט דעם ביסן צום מויל און געקאָרמעט ווי א מו־טער קאָרמעט א קליין קינד. דערנאָך האָט זי אים אריינגעשטעקט א פּאַ־פּיראָס אין מויל און זיך גענומען א צווייטן.

— דו זעסט, וואָס כ׳האָב אַלץ צוגעגרייט?! — האָט זי טריאומ־פירנדיק געזאָגט.

זיי האָבן זיך געפילט גליקלעך ווי א יונג, פאַרליבט פּאָרל, וואָס האָט זיך ארויסגעריסן פון דער סביבה פון קרובים און באַקאַנטע און געפּראַוועט אָן אימפּראָוויזירטן מאָלצייט ערגעץ אין אָן איינזאַמער געגנט. זשערמען האָט אָנגעצונדן א שוועבעלע און באַם רויטן, אויפלאַקערנדיקן שיין האָט זי זשאַק א ווײַלע געזען. אירע באַקן האָבן געגליט און פון אירע אויגן האָט ארויסגעשטראַלט א טיפע דאַנקבאַרקייט פאַר דעם גליק, וואָס ער האָט איר געשענקט.

ס'איז ווידער פינצטער געוואָרן. זשערמען האָט אָנגעהויבן דערפילן די קעלט פון צימער. זי האָט זיך צוגעדעקט און זיך געטוליעט.

— ווי קומסטו אַהער? — האָט ער אַ פרעג געטאָן.

זיי זיינען ביז איצט געווען אַזוי פאַרטאָן מיט זיך, זייער טרעפונג איז זיי פאָרגעקומען אַזוי נאַטירלעך, אַז ס'איז זיי כּלל ניט איינגעפאַלן נאָכצופרעגן און צו דערציילן ווי אַזוי זי איז צושטאַנד געקומען.

— דער אַלטער, פאַרשטייסט, ער איז אַ טייערער טיפּ! מיין האַרץ האָט מיר גלייך געזאָגט, אַז אפשר ביסטו עס... אָבער די קאָנספּיראַציע, מען מוז דאָך היינטיקע צייטן זיין קאָנספּיראַטיוו...

זי האָט דערציילט אָן אַ סדר, מיט אָפּגעהאַקטע זאַצן, איבערייסנ־דיק איר געשיכטע מיט לאַנגע קושן, צערטלעכקייטן און אויסרופן: „מיין קליינער, מיין טייערער!"

איר דערציילונג האָט אים צוריקגעפירט אין דער ווירקלעכקייט. האַלטנדיק אירע הענט אין זיינע, ווי מורא האָבנדיק, זי זאָל ניט אַוועקגיין, האָט ער שטיל געזאָגט:

— איצט מוזטו שוין גיין, זשערמען!

— שוין!

— אודאי שוין! ס'איז דאָך באַלאַגערונגס־צושטאַנד!

— וועל איך בלייבן ביז מאָרגן פרי.

— ניין, מען טאָר ניט! — האָט ער אָפּגעלאָזן אירע הענט. — אינדערפרי קענען די שכנים דיך באַמערקן באַם אַראָפּגיין. דו מוזט גלייך גיין!

זי איז אויפגעשטאַנען. ער האָט געהערט דאָס רוישן פון אירע קליי־דער, וואָס זי האָט ארומגעזוכט און אָנגעטאָן. מיטאַמאָל איז זי ווידער געשטאַנען איבערגעבויגן איבער אים:

— ביסט מיר מער ניט בייז, זשאַק?

— ניין, איך בין דיר קיינמאָל ניט געווען בייז!

— ביסט צופרידן, וואָס איך בין געקומען?

— יאָ! — ער האָט געדריקט אירע הענט — און איצט וועל איך כאָטש כּל סוף קענען ארויסקריכן פון דאַנען.

— פאַרשטייט זיך! איך וואוין דאָך ניט ווייט. מאָרגן פאַרנאַכט וועסטו זיך אַריבערקלייבן צו מיר.

— ניין! — האָט ער געזאָגט קורץ.

— דו מיידסט מיך אוים! דאָס לעצטע מאָל, ווען מיר האָבן זיך געטראָפן אין גאַס, ביסטו גלייך פאַרשוואונדן. ביסט מיר נאָך אַלץ בייז?

— ניין! איך האָב דיך שטענדיק ליב געהאַט.

— טאָ קום! קום גלייך! איך האָב מורא, זאָלסט ניט ווידער פאַרשווינדן. וואו וועל איך דיך דאַן זוכן?

זי האָט זיך צוגעבויגן נענטער צו אים. איר שטימע האָט געקלונגען טיף און פאַרבענקט:

— איך האָב שטענדיק געוואַרט אַף דיר. באַנאַכט, אַליין, האָב איך דיך געזוכט לעבן מיר.

זשאַק דערמאָנט זיך איר צימער, וואו ער איז נאָר איינמאָל געווען. ס'איז געווען אַ זונטיק און זי איז געלעגן אין בעט. פּיער, וואָס האָט אים אַרויפגעפירט, האָט זי אַרומגענומען און געקושט פאַר זיינע אויגן. פון אונטער דער דעקע, וואָס האָט זיך אַראָפּגעשאַרט, האָבן אַרויסגעקוקט אַנטבלויזטע טיילן פון איר קערפּער, וואָס האָבן געשטעקט אין אַ דינעם, כמעט דורכזיכטיקן העמד. פּיער האָט געקענט קושן דעם דאָזיקן קערפּער, וויפל זיין האַרץ האָט געגלוסט. זי האָט זיך ניט געווערט, זי האָט נאָר געקוקט אָן אַ זייט, אַ ביסל פאַרשעמט. ער איז דאַן אַראָפּגעגאַנגען פון די טרעפּ מיטן באַשלוס זיך קיינמאָל ניט אומקערן אַהינצו.

און שפּעטער האָט ער זי געטראָפן באַם אַנטלויפן פון פּאַריז — אַזוי פּלוצלינג און אומגעריכט ווי איצט. און ווידער האָט זיך פּיער געשטעלט צווישן זיי — אַ טאָג שפּעטער, אַף דער סטאַנציע פון שאַטאָרו, ווען מען האָט פּלוצלינג דערציילט, אַז ס'איז געשלאָסן געוואָרן אַ וואָפנשטילשטאַנד מיט די דייטשן, האָט זי אויסגערופן:

— איצט וועט פּיער קומען צוריק!

— איצט קען מען דאָך סיי ווי ניט גיין. מאָרגן וועל איך זיך זעגענען מיטן אַלטן.

— גוט. און אויב דער אַלטער וועט ביז פאַרנאַכט ניט אַרויפקומען, וועל איך אים שוין אויפזוכן. מיר טרעפן זיך פון צייט צו צייט — ווען דער אַרבעט צווישן די פרויען פון די געפאַנגענע.

— אַה?... — זאָגט זשאַק — גוט, איך וועל דיר געבן אַן אַדרעס און וועסט דאָרט גיין און ריידן מיט מיינעם אַ חבר. זיי וועלן מיר שוין געפינען אַ שטיקל דירה זיך אויסצובאַהאַלטן.

זשערמען פאַרשטייט ניט גלייך, וואָס ס'איז געשען.

— מאָרגן קען איך ניט גיין! — דערקלערט זי אַ ווײַלע שפּעטער

— זונטיק וועל איך האָבן צייט, איך אַרבעט ניט, וועל איך אַלץ דער־לוידיקן.

— גוט, ביז זונטיק וועל איך דאָ בלייבן.

— אָבער היינט איז דאָך ערשט דאָנערשטיק! באַ מיר וועסטו זי־כערער זיין די פיר טעג.

— איך וויל דיך ניט שטעלן אין סכנה — גלעט זשאַק איר האַנט — אויב זיי וועלן מיך געפינען באַ דיר...

— אַלצאיינס! — זאָגט זי — קיינער וועט צו מיר ניט קומען. און אויב יאָ — איז אויך פאַרפאַלן! לאָמיר האָפן, אַז מיר וועלן לכל הפחות אַפריער זיין צוויי טעג צוזאַמען. אַף לענגערע צייטן קען היינט קיינער ניט אויסרעכענען!

— איך וויל דיך ניט ברענגען אין געפאַר!

זי זעצט זיך נאָענט לעבן אים און פירט זיינע פינגער איבער אירע האָר:

— נאַרישקייטן! היינטיקע צייטן איז בכלל געפערלעך צו לעבן אַף דער וועלט! זונטיק גיי איך ניט צו דער אַרבעט, וועלן מיר קענען בלייבן ביז מיטאָג אין בעט. אינדערפרי וועל איך אויפקאָכן אַ הייסן קאַפע. איך האָב נאָך אַ ביסל פון אַן ערשטקלאַסיקן געברשטן־קאַפע. און עטלע־כע הונדערט גראַם ברויט וועל איך אויסלייען פון אַ חברטע. מירן פריש־טיקן אין בעט ווי די קיסרים.

זי האָט זיך אויפגעשטעלט. זשאַק האָט געקושט די שפּיצן פון אירע פינגער.

— וועסט קומען, אמת?

זשאַק שווייגט. זי פרעגט ניט מער. זי נעמט אַרום זיין קאָפּ אין אירע דלאָניעס און קושט אים אָפן שטערן. דאַן קושט זי זיינע הענט. זשאַק נעמט זי אין זיינע אָרעמס — זי פילט, אַז כאָטש ער הייסט איר גיין, וויל ער זי ניט אָפּלאָזן. און זי ווייסט, אַז דאַסמאָל וועט ער קומען.

* * *

זשאַק שליסט די אויגן און באַמיט זיך איינצושלאָפן, אָבער דער שלאָף קומט ניט. ער וואַרפט זיך פון איין זייט צו דער אַנדערער. מיט־אַמאָל שטייט ער אויף, וויקלט זיך איין אין אַ דעקע, גייט צום פענצטער און קוקט אַרויס אין דרויסן.

אַרום ליגט די שטאָט פאַרזונקען אין פינצטערניש, שטום און ווי אויסגעשטאָרבן. אַלע פענצטער קוקן בלינד — טאָמער שיינט ערגעץ אַ

ליכט, איז עס פאַרדעקט מיט דיקע פאַרהאַנגען און דעקעס. אָבער זשאַק פילט די שטאָט, איר קלאַפּנדיקן פּולס, די שאָטנס פון דער פאַרגאַנגענהייט, וואָס שפּאַצירן אַרום איבער אירע גאַסן און בולוואַרן. ער איז דאָ אויסגעוואַקסן און איינגעאָטעמט איר געשיכטע. ווי צוזאַמענגעשרומפּט ליגט זי אָפּגעבילדעט אין זיין מוח און ווען ער בויגט זיך אַרויס, זעט ער זי געאָגראַפיש־איינגאַרטיק: דאָרט, אַף מערב, אַפן בּרעג פון דער סען, ציט זיך דער פּלאַץ, וואו ס'איז בעת דער רעוואָלוציע געשטאַנען די גילאָטינע; אַף מזרח הויבט זיך דער טורעם, וואָס האָט דערמאָנט דורות גאַנצע די צעשטערונג פון דער „באַסטיל". צווישן זיי ביידן פירט אַ ברייטער וועג: דאָרט האָבן די „קאָמונאַרן" געקעמפט טריט באַ טריט קעגן די אָנגרייפנדיקע „ווערסאַליער", ביז די לעצטע פון זיי זיינען אומגעקומען באַ דער „וואַנט", אין לעצטן, פאַרביטערטן געראַנגל צווישן די קברים פון „פער לאַשעז"...

אַף איין זייט פון דאָזיקן וועג ליגט דער „לאַטיינישער פערטל", וואו ער האָט זיך באַקענט מיט יאָרהונדערטער־אַלטע דענקער, וואָס האָבן דאָרט געלערנט, און קעגנאיבער, אין אַ טונקעלן הויף פון „פּלעצל" האָט אָפּגעהילכט אַ מאָנאָטאָנע שטימע — ער זעט איצט דאָס ענגע צימערל, און עס דאַכט זיך אים, אַז די מאָנאָטאָנע שטימע לעבט נאָך דאָרט צווישן די ווענט — וואָס האָט דערציילט גאָר אַנדערע געשיכטעס פון פאַרצייטיקע דורות: פון אַ מדבר און אַ תורה, פון אַן איין־און־איינציקן גאָט און פון די בני ישראל, וואָס האָבן כסדר געזינדיקט מיט פרעמדע געטער און פאַרשייטע, רייצנדיקע פרויען.

פון פאַרכמאַרעטן הימל פאַלט אַראָפּ דער קאַלטער גלאַנץ פון דער פאַרדעקטער לבנה. זי שפּאַצירט אַרום אין רוים מאַיעסטעטיש און זעלבסטבאַוואוסט. מאָמענטנווייז שווימט זי אַרויס פון הינטער די וואָלקנס און באַווייזט זיך אין איר גאַנצער פּראַכט. קליינינקע וואָלקנדלעך לאָזן זיך נאָך איר אין אַן איילעכן געיעג, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט זי איבערצולאָזן מוטער־נאַקעט אונטערן פרייען הימל. זיי פאַרדעקן זי און מען זעט ווי איר בלייכע נאַקעטקייט באַוועגט זיך הינטער זיי ווי הינטער אַ דינעם, דורכזיכטיקן שלייער.

זי דערמאָנט זשאַקן אָן דער זינדיקער לבנה פון יענעם רבין, צו וועלכן די בני ישראל האָבן זיך געבוקט און געדינט; זי דערמאָנט אָן דער תאוהדיקער פאַרשלייערטער עשתורת, זי דערמאָנט אים אָן זשערמענען,

וואָס האָט די לעצטע יאָרן אַרומגעשפּאַצירט איבער זיין לעבן, פאַרשוואונדן הינטער טונקעלע וואָלקנס און ווידער אויפגעטויכט.

זי שטייט אַצינד פאַר זיינע אויגן ווי דעמאָלט, ווען ער האָט זי דערזען צום ערשטן מאָל באַם ברעג טייך, פון וועלכן זי איז געהאַט נאָר וואָס אַרויסגעשטיגן: ריטשקעלעך וואַסער האָבן אַראָפּגעשטראָמט פון אירע צעשויבערטע האָר, זיך געקייקלט איבער די זיידענע הערעלעך, וואָס האָבן פאַרשאָטנט אירע פאַכוועס און אַרויסגעוואונקען ווי יונגע גרעזעלעך פון אונטער אירע פאַריסענע אָרעמס; טראָפּנס וואַסער האָבן זיך אַריינגעגליטשט אונטער איר דינעם באָד־אנצוג און געגלעט אירע פריש רייף־געוואָרענע ברוסטן און רונדקייטן, וואָס האָבן זיך בולט אָפּגעצייכנט אַף דעם נאַסן, איינגעפּרעסטן טריקאָ־מלבוש, וואָס האָט געקלעפּט אַף איר לייב. אירע שלאַנקע, אַנטבלויזטע פיס זיינען געווען אָפּגעברוינט. זי האָט זיך געוואַרעמט אַף דער זון און אַ פאַרע האָט געשלאָגן פון איר גאַנצן קערפּער.

זי איז דאַן פאָרגעקומען אין זיינע אויגן ווי איינע פון יענע שטרענג פאַרשאָטענע געטינס, וואָס האָבן, אַלס ערשטער יוגנט־באַגריף פון עראָטיק, זיך אַריינגעקריצט זייער פרי אין זיין זכרון ווי אַ געמיש פון ליבע, הייליקייט און זינד.

צווייטער טייל

צווייטער טייל

ערשטער קאַפּיטל

ווען ער האָט זי דאַן, מיט יאָרן צוריק, געזען צום ערשטן מאָל, האָט ער זיך געזאָגט:

— אָט דער־אָ וויל איך האָבן פאַר אַ מעטרעס!

אַ מעטרעס, אַ געליבטע איז פאַר אים געווען ניט נאָר אַן עראָטי־שער אָדער סעקסועלער ענין. ס'איז געווען אויך אַ נויטווענדיקייט פון דער זעלבסטווירדע; זיין איינגליבע האָט פאַרלאַנגט, ער זאָל אַזוינס באַזיצן.

אַ מעטרעס אָדער אַ געליבטע איז געלעגן אין דער טראַדיציע פון דער אַרומיקער וועלט, וואָס ער האָט אויסגעוועבט אין זיין פאַנטאַזיע. דער גלאַנץ פון דער דאָזיקער צויבער־וועלט האָט אים געלאָקט שוין זייער פרי, ווען ער האָט אַלס יונגער ייִנגל געוואוינט אין טאַטנס שטוב אַפן „פּלעצל". נאָך איידער ער האָט זיך געהאַט באַקענט מיט פּאַריז פון דער ווירקלעכקייט, איז אויסגעוואַקסן אין זיין פאַנטאַזיע די שטאָט, מיט וועלכער ער האָט זיך באַקענט אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור.

אַזוי ווי די שטאָט האָט געהאַט אַ טראַדיציע פון רעוואָלוציע און רעוואָלט, וואָס איז איינגעקריצט געוואָרן אַף פּלעצער, גאַסן און מאָנו־מענטן, האָט זי אויך געהאַט אַ טראַדיציע פון ליבע, וואָס איז פאַראייביקט געוואָרן אין גרויסע ווערק, זיך געצויגן פון באַלזאַקן אַזש ביז אַנאַטאָל פראַנסן, און האָט איבערגעלעבט רעזשימען און פּאָליטישע קאַטאַסטראָ־פעס. די הייזער פון דער שטאָט זיינען, אין זשאַקס אויגן, פול געווען מיט די שאָטנס פון יענע העלדן, מיט די פּערפומען פון יענע רייצנדיקע פרויען און קלאַנגען פון ליבע־אַוואַנטורעס, וואָס האָבן זיך דאָרט אָפּגעשפּילט.

די שטאָט גופא איז אין די געמעלן און באַשרייבונגען אויסגעוואַקסן צו אַ מיטאָס, צו אַ זעלבסטשטענדיקן וועזן, וואָס פירט אַן אייגנאַרטיקן לעבן — אַ מין „פאַריז של מעלה”, איינגעהילט אין גלאַנץ, וואָס האָט באַקומען אַ שם איבער דער גאַנצער וועלט.

דאָרטן האָבן אַלע יונגעלייט געהאַט געליבטע. און כמעט שטענדיק זיינען דאָרט פאָרגעקומען אַ שטאַרקער צד, וואָס האָט פאַרפירט און דער־ראָבערט, און אַ שוואַכערער — וואָס האָט ניט געקענט ביישטיין דעם נסיון און האָט פריער אָדער שפּעטער נאָכגעגעבן. צווישן פריער און שפּע־טער איז געלעגן די דראַמע.

זשאַקס היים האָט אים צייטנווייז אויסגעזען ליגן אויסער דער דאָ־זיקער שטאָט. זי האָט געפירט אַן אייגנאַרטיקן לעבן. האָבן אַ מעטרעס, ווי יענע יונגע לייט, האָט אויסגעזען ווי אַ מיטל איבערצושרייטן די גרענעץ, זיין גלייך מיט אַלעמען, געפינען אַ וועג אין דער דרויסנדיקער וועלט.

געווען זיינען עס פרייע יוגנט־טרוימען, וואָס זיינען אָבער ניט אינ־גאַנצן אויסגעוועפּט געוואָרן אויך שפּעטער, ווען ער האָט זיך באַקענט מיט דערווירקלעכקייט, געלערנט ערנסטע זאַכן, זיך געמישט אין פּאָלי־טיק און פאַרזוכט דעם טעם פון פרויען, טיילמאָל פאַר געלט און אַן אַנ־דערש מאָל — בעת אַ לייכטן, פאַרבייגייענדיקן פלירט.

ער האָט זיך באַקענט מיט זשערמען בעת אַן עקסקורסיע מיט אַ שיף איבער דער סען צו אַ נאָענט־ליגנדיקער, וואַלדיקער געגנט. מער ווי פון גלוסטעניש צום מיידל איז ער געווען באַהערשט פון געדאַנק, אַז ער וועט האָבן אַ שיינע מעטרעס. אַ גאַנצן טאָג איז דער יונגער עולם געלעגן אין וואַלד, געזונגען, זיך געבאָדן און זיך געוואַרעמט אין דער זון. ער האָט זיך געדרייט אַרום איר און זי האָט זיך כסדר אַרויסגעגליטשט פון אונטער זיינע הענט. עס איז אים נאָך פאַרבליבן אַ לייכטע האָפענונג זי צו טרעפן אַליין באַם אַראָפּגיין פון שיף, אומקערנדיק זיך פאַרנאַכט אַהיים.

צוריקוועגס איז די שיף געווען פאַרפּוצט מיט אָן אַ שיעור גרינס. די מיידלעך האָבן אַריינגעשטעקט בלומען אין זייערע האָר און קליידער. מען האָט געזונגען אין כאָר „צום לעבן, צו דער זון און צו ליבע!” און ווייניק האָבן געוואוסט, אַז דאָס ליד איז איבערזעצט פון רוסיש.

דער אויספלוג איז איינגעאָרדנט געוואָרן דורך דער יונגער באַוועג־גונג „מיידלעך פון פראַנקרייך”. אינדעראמתן זיינען די אָרגאַניזאַטאָרן געווען טוער פון אַן עקסטרעם־לינקער יוגנט־באַוועגונג. דער נאָמען האָט געקלונגען אַזוי נאַאיוו־אַלגעמיין, ווייל געשען איז עס אין מיטן די דריי־

סיקער יאָרן פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, ווען די לינקע פּאַרטייען האָבן געמאַכט אַ ווענדונג מיט אַ ווינקל פון הונדערט אַכציק גראַד: זיי האָבן זיך באַמיט אַריינצוציען וואָס ברייטערע קרייזן פון פאָלק, האָבן דעריבער אויסגעמעקט פון זייער ווערטער־בוך אַזעלכע שאַרפע אויסדרוקן ווי „קלאַס קעגן קלאַס", וואָס האָבן אָפּגעשראָקן בעל־הביתישע קליינבירגער און ניט גערופן די ניי־געגרינדעטע פאַראיינען מיט אַזעלכע שווערע נעמען ווי „מאַרקסיסטיש־פּראָלעטאַריש", וואָס האָבן אָפּגעשטויסן אַפילו אַ טייל פון דער אַרבעטער־יוגנט, וועלכע האָט זיך געוואָלט אַמוזירן און פאַרברענגען אין „באַל־מיזעטס" און ענלעכע לאָקאַלן.

שוין אָפן שיף האָט זשאַק געפונען אַ געלעגנהייט צו פאַרפירן אַ שמועס מיט זשערמענען אויג אויף אויג. אפשר האָט זי טאַקע דעריבער, כּדי אים צו געבן די געלעגנהייט, זיך געשטעלט אַליין אָפן הינטערשטן דעק, באַם שפּיץ, און אַריינגעקוקט אין וואַסער אַריין, וואָס האָט דאָרט געשוימט און געבוואַליעט אונטער די האַסטיקע קלעפּ פון מאָטאָר. זשאַק איז צוגעגאַנגען גאַר נאָנט און געזאָגט:

— איר געפעלט מיר שטאַרק, מאַדמואַזעל!

— סאַ וואַ — איז גוט! — האָט זי געענטפערט קורץ, ניט אויפהויבנדיק דעם קאָפּ.

— כ'האָב אייך שוין אָפט געזען און איר זענט מיר תּמיד געפעלן געוואָרן!

— פאַרוואָס האָט איר עס מיר אַפריער קיינמאָל ניט געזאָגט?

זשאַק האָט זיך אַ ביסל פאַרלאָרן. דאָס מיידל איז געווען שטאַרקער ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט. און ס'איז אים פאָרגעקומען ווי ער וואָלט פאַרשפּילט די ערשטע „רונדע" פון געראַנגל. ניט אָפּכאַפּנדיק דעם אָטעם, האָט ער פאָרגעזעצט:

— איך וואָלט אייך געוואָלט טרעפן, מאַדמואַזעל, איר קענט מיר זאָגן, וואו איר וואוינט?

— איך קען אייך געבן מיין אַדרעס, אָבער קומט בעסער ניט צוגיין!

ריידנדיק האָט זי איצט געקוקט אויף אים מיט אַ פריינטלעכן שמייכל.

— פאַרוואָס?

— ווייל די מאַמע וועט אונדז ביידן צעפּאַטשן און אייך וועט זי נאָך דערצו אַראָפּוואַרפן פון אַלע טרעפּ!...

זשאַק האָט באַוואונדערט איר אָפנהאַרציקייט. ער איז אַלט געווען

אכצן יאָר און זיין מאַמע האָט זיך כּלל ניט געמישט אין זיינע פּערזענ־לעבע ענינים. ווען זי וואָלט עס אפילו געטאָן, וואָלט ער בשום אופן ניט מודה געווען, אַז עמעצער קען זאָגן אַ דעה אים. זשערמען האָט אויסגעזען צו האָבן די זעלבע יאָרן, ווי ער, אָבער געווען איז זי עטוואָס עלטער. זי האָט אים באַטראַכט. אירע אויגן האָבן אויסגעדריקט זעלבסטזיכערקייט און דערפאַרונג. דערנאָך איז איר בליק געוואָרן פריינטלעכער, האָט צו־געזאָגט און פאַרכאַפּט. מצד זשאַקן איז שוין כּלל קיין רייד ניט געווען פון דעראָבערן — פון ערשטן מאָמענט האָט ער זיך געפילט דעראָבערט און אָפּהענגיק פון יעדן זשעסט און קאַפּריז פון דאָזיקן מיידל. ער האָט ניט נאָר פאַרשפּילט דעם ערשטן טייל פון פאַרבאָרגענעם געראַנגל, נאָר ער האָט אפילו ניט געוואוסט ווי אים פאַרצווזעצן ווייטער.

די שיף האָט זיך געגליטשט איבערן שטילן טייך. זשאַק האָט שווייגנדיק געקוקט אויף די באַוואַקסענע ברעגעס, וואָס האָבן זיך באַ־וועגט. הינטער זיי האָבן הויכע קוימענס ארויסגעשטאַרצט פון פאַרשטעט, וואָס האָבן זיך געטונקט אין גרינס, און זיך געדרוקט אין געדיכט־ווערנ־דיקן בין־השמשות פון דער ווייט, אין וועלכן זיי זיינען פּאַמעלעך פאַר־שוואונדן.

ערשט דורכפאָרנדיק די ערשטע בריק פון דער שטאָט, וואו ס'האָבן זיך פון ביידע זייטן געצויגן לאַנגע אַלייען פון אָנגעצונדענע לאַמטערנעס, האָט זשערמען געזאָגט:

— איר קענט אָבער קומען מיך אָפּוואַרטן באַ דער ארבעט.

— וואו? — האָט זיך זשאַק אָנגעכאַפּט.

זי האָט אים געזאָגט דעם נאָמען פון אַ באַקאַנטן געשעפט אויף די גרויסע בולוואַרן.

— אויב איר וועט קומען, איז אַמבעסטן אַרום זיבן — האָט זי צוגעגעבן.

— גוט, כ'וועל קומען מאָרגן!

— אָבער ניט באַם געשעפט גופא. אַלע וועלן אונדז באַמערקן בעתן אַרויסגיין פון דער ארבעט. בעסער וואַרט לעבן מעטרא „רישעליע דרואָ"...

די שיף איז שטיין געבליבן. דער עולם האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו די טרעפּלעך.

— איצט וועל איך אייך אָפּפירן אהיים — האָט פאָרגעשלאָגן זשאַק.

— ניין! — האָט זי געשאָקלט מיטן קאָפּ, דערלאַנגענדיק אים די האַנט — אין אונדזער „קוואַרטאַל" גיי איך ליבערשט אַליין.

זשאַק איז ניט צוגעשטאַנען. איר ווילן האָט שוין אויסגעאיבט אַזאַ קראַפט אױף אים, אַז ער האָט גלייך מסכים געווען מיט איר פאַרלאַנג. ער איז געווען גליקלעך, וואָס זי האָט אים דערלויבט צו קומען מאָרגן.

אַ לאַנגע ווײַלע האָט זי געלאָזן איר האַנט אין זיין דלאָניע, וואָס ער האָט כלל ניט געוואָלט אויפמאַכן, און געקוקט אױף אים מיט פאַרפּירע־רישער פרײַנטלעכקייט, געמישט מיט אַ לייכטער איראָניע ווי זי וואָלט שוין געקענט דאָס לעבן אַ סך מער פאַר אים און וואָלט זיך דאָ אַנטציקט און גלייכצייטיק מוחל געווען זיין יונגטלעכן ברען!

ער האָט זי אָפּגעוואַרט כמעט יעדן טאָג און יעדן טאָג איז ער אַהינגעגאַנגען מיט אַ קלאַפּנדיקן האַרץ, אומזיכער, צי זי וועט האָבן אַ ביסל פרייע צייט פאַר אים. זייער אָפט פלעגט זי גלייך נאָך דער אַרבעט מוזן פאָרן אַהיים און ער פלעגט זי דאַן באַגלייטן אין אונטערגרונד־באַן און וואַרטן אױף דער ראַמפּע ביז דער צוג פלעגט פאַרשווינדן אין טונעל. ווען זי איז פאַרבליבן מיט אים, האָט זי אויך מייסטנס געהאַט ווייניק צייט און זיי פלעגן אַרײַנגיין אױף אַ האַלבע שעה אין אַ קאַפע־הויז, זייער אָפט אין „טו וואַ ביען" — אַ באַרימטער לאָקאַל אױף די „גרויסע בול־וואַרן", וואָס איז געווען אָפן אַ גאַנצן מעת־לעת.

ס'איז דאָרט שטענדיק געווען געפּאַקט אױף די געפּלאַסטערטע בענק. ס'האָט געהערשט אַ הו־האַ פון מענטשן, וואָס זײַנען כסדר אַרײַן און אַרויסגעגאַנגען, מען האָט דאָרט אין אַלע שעהן פון טאָג געגעסן שטייענדיקערהייט בײַ הויכע, קײַלעכדיקע טישלעך און דער עולם איז דאָ געווען אַזוי געמישט, אַז די קעלנערס פלעגן אַרומלויפן און אַכטונג געבן מיט זיבן אויגן, אַז די קליענטן זאָלן ניט פאַרשווינדן פאַרן באַצאָלן.

זשאַקן האָט אימפּאָנירט צו זיצן דאָרטן מיט זשערמענען. כאָטש ס'זײַנען דאָרט תמיד געזעסן שענערע פרויען פאַר איר, האָט זיך אים געדאַכט, אַז אַלע באַוואונדערן זי און ער איז געווען שטאָלץ צו האָבן אַזאַ שיינע „מעטרעס". אינדערעמתן איז זי נאָך כלל ניט געווען קיין מעטרעס, אָבער ערשטנס האָבן עס די אַרומיקע ניט געוואוסט — ער וואָלט עס בשום אופן ניט מודה געווען — און צווייטנס איז אים דאָ פאַרגעקומען, אַז ער געווינט צוריק די גלייכגעוויכט לגבי דעם מיידל, אַז ער געווינט אַפילו די אויבערהאַנט. געפילט האָט ער עס, ווען ער פלעגט זי ברייטלעך אַ פרעג טאָן „וואָס טרינקסטו מיין טייערע?", ווען ער פלעגט איר דער־

לאַנגען א פּאַפּיראָס מיט פייער און אפילו, ווען ער פלעגט פאָרן אוועקגיין נאָכלעסיק צאָלן דעם קעלנער און לאָזן דערביי א גרויסן טרינק־געלט.

אינדעראמתן איז ער, בעת די דאָזיקע קורצע טרעפונגען, זייער אָפט געווען פאַרלעגן. ער האָט ניט געוואוסט וועגן וואָס צו שמועסן מיט איר און האָט מורא געהאַט, זי זאָל זיך מיט אים ניט לאַנגווייליקן. אים גופא איז אנגענעם געווען צו זיצן לעבן איר און פילן דעם לייכטן ציטער, וואָס איר נאָנטקייט האָט געררייצט אין אים, און עס האָט אים באַפרידיקט דער געדאַנק צו באַזוכן לאָקאַלן אין דער באַגלייטונג פון אַזאַ שיינער „מעט־רעס”. אָבער זי?...

מיט זיינע חברים האָט ער לעצטנס געהאַט אָן א שיעור אינטערעסאַנטע טעמעס צו דיסקוטירן. דער שאָטן פון די שוואַרצע כוחות, וואָס האָבן באַהערשט דאָס לאַנד אַף יענער זייט פון די מזרח גרענעצן, האָט דערלאַנגט ביז אַהער און זיך פאַרשפּרייט אַף אַלע געביטן פון לעבן. צאַפּלדיק־פריש און באַאומרואיקנדיק איז נאָך געווען דער געשריי, וואָס איז דערגאַנגען פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, די ידיעות וועגן טעראָר און עקזעקוציעס, וועגן אָפּשאַפונג פון מענטשלעכן רעכט און מענטשלעכער ווירדע. זיי האָבן אָנגעפילט די צייטונגען און עס האָבן זיי דערציילט די אָנגעקומענע פּליטים, וואָס זיינען אריבערגעלאָפן די גרענעץ און אָנגעקומען אַהער אין די טויזנטער.

די געשעענישן אין דייטשלאַנד האָבן אויך אויפגערודערט דאָס הויז פון די עלטערן. אַלטע, כמעט פאַרגעסענע שאָטנס זיינען אויפגעשטאַנען פון די קברים און דערמאָנט אָן שוואַרצע צייטן. דער טאַטע האָט באַם טיש גערעדט ניט נאָר פון געשעפט, נאָר דערציילט פון די גזירות ת"ח, פון קישיניעווער פּאָגראָם און דערגאַנגען ביז פּרעה מלך מצרים. ער איז עטלעכע מאָל געגאַנגען אַף יידישע פאַרזאַמלונגען, וואו מען האָט גערעדט וועגן דעם מאָדערנעם המן הרשע, וואָס וויל אויסראָטן דאָס יידישע פאָלק און מען האָט געזאַמלט געלט פאַר די פּליטים, וואָס זיינען ארומגעלעגן אין די קאַזאַרמעס פון „לאַ ווילעט” און „פּאָרט ד'איטאַלי”.

אויך דאָ אין לאַנד זיינען פאָרגעקומען שטורמישע געשעענישן. עס האָט זיך דאָ ניט לאַנג שטאַרק גערודערט מיטן „סטאַוויסקי פּראָצעס” — א געשיכטע מיט א באַנקיר, א שווינדלער, וואָס איז יאָרן־לאַנג אונטערשטיצט געוואָרן אין זיינע מיליאָנען־שווינדלען דורך חשובע מלוכה־לייט. די רעוועלאַציעס פון פּראָצעס, וואָס זיינען צוגעפּוצט געוואָרן מיט באַשרייבונגען פון לוקסוס־לעבן פון די פינאַנץ־מאַגנאַטן, האָט אויפגעבראַזט

דעם קליינבירגער. אין די רעכטע קרייזן, וואָס האָבן ווי תמיד זיך גערופן „פּאַטריאָטישע”, האָט מען אָנגעהויבןריידן וועגן דעגענעראַציע און פאַר־פוילונג פון דער דעמאָקראַטיע און וועגן דער נויטווענדיקייט פון אַ „שטאַרקער האַנט”, וואָס זאָל זיך שטעלן העכער פון די אינטערעסן פון קלאַסן און זאָל ראַטעווען דאָס פאָטערלאַנד פון אונטערגאַנג. און טאַקע גלייך זיינען פאָרגעקומען די ערשטע מעשים — די דעמאָנסטראַציעס פון די „פייער צלמס” פאַרן פאַרלאַמענט און גלייך נאָכדעם — די קעגן־דעמאָנסטראַציעס פון די אַרבעטער־פּאַרטייען.

מער נאָך ווי מיט די אַלגעמיינע געשעענישן אין לאַנד האָט זיך זשאַק אינטערעסירט מיט דער אינערלעכער פּאָליטיק פון די אַרבעטער־פּאַרטייען. נאָך די ברענענדיקע דיסקוסיעס און באַשולדיקונגען, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטן אָדער די קאָמוניסטן זיינען שולדיק אין היטלערס קומען צו דער מאַכט, האָט מען פּלוצלינג אָנגעהויבן ריידן וועגן שלום־בית — וועגן אַ פאַראייניקונג פון אַלע אַרבעטער קעגן פאַשיזם. דערביי זיינען אויפגעשוואומען די פראַגעס וועגן דעמאָקראַטיע און דיקטאַטור, וועגן סאָציאַליזם און פרייהייט, צי אין רוסלאַנד ווערט געבויט סאָציאַ־ליזם אָדער עפּעס אַנדערש.

זשאַק איז געווען אַריינגעטאָן מיט לייב און לעבן אין די דאָזיקע פּראָבלעמען. ער האָט אַפילו אַוועקגעוואָרפן זיינע ביכער און זיין לערנען. ער איז געווען זיכער, אַז ער שטייט באַ אַ געבורט פון אַ נייער וועלט, אַז דער חלום פון טויזנטער יאָרן וועט דאָ באַלד מקוים ווערן. לגבי דעם שיין פון דער אויפגייענדיקער זון האָט דער פּערזענלעכער וועג אין לעבן געשפּילט אַ קנאַפּע ראָלע: די וועלט וועט סיי ווי באַלד איבערגעבויט ווערן פון אירע פונדאַמענטן אָן. און וואָס פאַרא זין האָט עס געהאַט צו לערנען דעם יוסטיניאַנוס אָדער נאַפּאָלעאָן קאָדעקס אין דער צייט, וואָס די וועלט האָט געהאַלטן באַם באַקומען אַ נייע, אַבסאָלוטע און גערעכטע קאָנסטיטוציע?

אָבער וועגן די אַלע פּראָבלעמען האָט ער מיט זשערמענען ניט געקענט ריידן. הגם זי איז געווען אַ פאַרקויפערן, וואָס האָט באַקומען אַ מאָגערן לוין, און האָט געלעבט באַ די עלטערן, וואָס זיינען געווען פּראָ־לעטאַריער, האָט זי זיך ווייניק אינטערעסירט מיט די פּרטים פון די אויבנדערמאָנטע פראַגעס און האָט געהאַט גאַנץ אַלגעמיינע באַגריפן אי־בער קלאַס און רעוואָלוציע. זשאַק דאַקעגן איז געווען פאַרטאָן אין די קליניקייטן פון פּאַרטיי־טאַקטיק: צי קען מען אויסשטרעקן די האַנט צו

געוויסע אַרבעטער איבער די קעפּ פון זייערע פירער? וועלכע בירגערלעכע שיכטן זיינען אין דער אָדער יענער עפּאָכע מסוגל צו זיין פאַרבינדעטע פון דעם אַרבעטער־קלאַס? און די פאַרשידענע „ליניס” האָבן שטענדיק געהאַט אַף זייער זייט בפירושע ציטאַטן פון מאַרקסן און לענינען, אַף וועלכע זיי האָבן זיך געשטיצט און וועלכע מען האָט געמוזט אויסזוכן און צייטמעסיק פאַרטייטשן.

אויך וועגן ליטעראַטור אָדער קונסט האָט ער קוים געקענט שמועסן מיט איר. זי האָט נאָר באַזוכט אַ פאָלקס־שולע און נאָכדעם געלייענט די דינע ראָמאַנען פון ליבע־אַוואַנטורעס, וואָס זיינען פאַרשלונגען געוואָרן אַף די לאַנגע רייזעס מיטן אונטערגרונד־באַן פון טויזנטער פון איר גלייכן.

און הגם ס׳איז ניט געווען זיין שולד, האָט ער זיך אָפט געפילט אין אַ פאַרלעגנהייט, מורא האָבנדיק, אַז זי לאַנגווײַלט זיך לעבן אים. אַנטקעגן זיי, אין די ווינקלען פון די געפּלאַסטערטע בענק, זיינען טייל־מאָל געזעסן יונגעלייט, געהאַלטן אַרומגענומען מיידלעך און זיך געקושט בפרהסיא. די מיידלעך האָבן געשמייכלט, זייערע אויגן האָבן געפינקלט און זיי האָבן כלל ניט באַהאַלטן זייערע געפילן. זשאַקן האָט זיך דעמאָלט געדאַכט, אַז ער וואָלט אויך באַדאַרפט אַרומנעמען זשערמענען. אָבער מער ווי צום גלעטן איר האַנט איבערן טיש איז ער ניט דערגאַנגען. דער טאָן, וואָס זי האָט אָנגעשלאָגן בעת זייער ערשטן געשפּרעך, דער אָפּטמאָל איראָנישער גלאַנץ אין אירע אויגן האָט אים צוריקגעהאַלטן.

ער האָט זיך געמאַכט פאַרוואורפן, הלמאי ער איז אַזוי אומדרייסט. מיידלעך פון זשערמענס גלייכן, — פאַרקויפערנס, סטענאָדאַקטילאָס אָדער הויז־אַרבעטערנס — האָבן געהאַט אַ שם פאַר „לייכטע פעסטונ־גען”, וואָס מען דאַרף לאַנג ניט באַלאַגערן, כדי זיי צו באַצווינגען. ער האָט עס געוואוסט פון דערציילונגען פון חברים און פון אייגענער דער־פאַרונג. און זיצנדיק לעבן איר האָט ער געטראַכט, אַז ער מאַכט צו לאַנגע צערעמאָניעס, אַז ער באַנעמט זיך ווי אַ ייִנגל.

איינמאָל האָט ער איר פאָרגעשלאָגן גיין אין קינאָ. זי האָט גלייך מסכים געווען, האָט אויסגעקליבן דעם פילם און זיך שטאַרק אַנטציקט מיט די בילדער פאַר דער טיר. זשאַק האָט זיך געפרייט מיט איר ענטו־זיאַזם — דאָס בילד האָט אים אפילו אויסגעזען צו זיין נאַריש, אָבער ווי אַלע פאַרליבטע איז אים מער געגאַנגען אין באַפרידיקן דעם אַנדערן צו ווי זיך גופא.

ווען ס׳איז פינצטער געוואָרן אין זאַל, האָט ער אָנגענומען איר

האַנט. זי האָט געקוקט אויף ליִיוונט, אָבער אירע פינגער האָבן געענט־פערט מיט אַ לײכטן צאַפּל. זשאַק איז דרײסטער געוואָרן. ער האָט אַרײנ־געשאַרט זײן האַנט אונטער איר אָרעם און דערפילט אונטער זײנע פינגער איר פעסטע ברוסט, וואָס האָט נאָכגעגעבן. תחילת האָט זי זיך געמאַכט ניט וויסנדיק, האָט ווײטער געקוקט גלײכגילטיק אויפן עקראַן, ווי זי וואָלט ניט געפילט זײן האַנט. אָבער ווען ער איז געוואָרן צודרינגלעכער און פּרובירט זי אַרומנעמען מיטן אָרעם, האָט זי, ניט אָפּווענדנדיק אירע אויגן פון די בילדער, געזאָגט מיט אַ קאַלטע שטימע:

— דו גײסט צו שנעל, מײן ליבער!

אין איר שטימע האָט געקלונגען אַזױפיל דערפאַרונג און איבער־לעגנהײט, אַז זשאַק האָט זיך דערפילט באַלײדיקט און האָט פאַרביסן די ליפּן. „איך מוז זי האָבן!" — האָט ער זיך געזאָגט — „אַז איך וועל זי אײנמאָל ריכטיק האָבן, וועט זי אויפהערן זיך שפּילן מיט מיר!"

אין אַ קורצער צײט אַרום האָבן זײ זיך אָפּגערעדט צו טרעפן אין וואַלד, וואו ס'איז דעם קומענדיקן זונטיק פאָרגעקומען אַ גרויסער מיטינג און פאָלקס־יום־טוב, אויף וועלכן זשערמען האָט זיך געקליבן מיט איר גאַנצער משפּחה. זשאַק איז אַרויסגעפאָרן אינדערפרי. פון גאַנץ פּאַריז און פון אַלע אַרומיקע פאַרשטעט האָבן געשטראָמט מענטשן מיט צוגן, מיט טראַמווײען, מיט אויטאָבוסן און אויף ביסיקלעטן. עס זײנען געפאָרן גאַנצע פאַמיליעס מיט קינד און קײט, מיט זעקלעך עסן און צוזאַמענ־געלײגטע, לײוונטענע שטולן. יונגע אַרבעטער האָבן מיטגעפירט צוזאַמענ־געוויקלטע פאָנען און פּלאַטערנדיקע טראַנספּאַרענטן מיט לאָזונגען.

ס'איז געווען אַ הײסער טאָג. אין וואַלד גופא איז שוין געווען אַ גרויסער עולם און מענטשן האָבן אַלץ געשטראָמט און געשטראָמט פון אַלע זײטן, און מיטאָג־צײט האָט זײער צאָל דערגרײכט אַ האַלבן מיליאָן. ס'איז געווען ערב דעם „פאָלקס־פראָנט", ווען דאָס פאַריזער פאָלק האָט אויפגעברויזט און זיך געשטעלט אויף די פיס, ווי ער וואָלט דערזען די שוואַרצע כמארעס, וואָס רוקן זיך אָן אויף די האָריזאָנטן.

זשאַק האָט געזוכט זשערמענען. ער האָט געוואַנדערט צווישן דער מענטשן־מאַסע, וואָס האָט זיך צעשפּרײט משפּחות און גרופּעס־ווײז, זיך געלײגט אונטער די בײמער און פאַרנומען יעדן באַגראָזטן ווינקעלע. אינ־דערמיט, אויף אַ פרײען פּלאַץ, איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ טריבונע מיט אַ הויכרײדער אין אַלע זײטן, מיט עסטראַדעס פאַר טענצערנס און מיט לאָזשעס פאַר אָרקעסטערס. באַ דער זײט, צווישן בײמער און גרינס,

איז אויסגעבויט געוואָרן אַ באַראַקן־שטאָט, מיט גאַסן, וואָס האָבן געטראָגן נעמען פון רעוואָלוציאָנערן און פּאַרטיי־פירער, מיט ספּעציעלע לאָקאַלן פאַר אימפּראָוויזירטע רעסטאָראַנען און יריד־שפּילן.

דאָס פאָלק האָט זיך געגרייט צו אַ גרויסער פּאָליטישער מאַניפעסטאַציע און צו אַ רוישיקן יום־טוב — באַ די דאָזיקע מאַסן פון די מאָדערנע צייטן האָט די פּאָליטיק, פּונקט ווי אַמאָל די רעליגיע, איינגעשלאָסן דעם גלויבן, די מאָראַל און די פילאָזאָפיע, און צוגלייך מיט דער רעליגיע האָט זי פאַרבונדן די מאַניפעסטאַציעס פון מאָראַלישן ווילן מיט קאָלעקטיוון אויסברוך פון ענטוזיאַזם און יום־טובדיקער פרייד.

זשאַק האָט זיך געשאַרט צווישן עולם און געקוקט אין אַלע זייטן, צי ער וועט ניט דערזען זשערמענען. דערווייל איז דער יום־טוב אַוועק אין גאַנג. די הויכרייִדערס האָבן זיך צערעוועט און גערופן דאָס פאָלק זיך צו גרייטן צום קאַמף קעגן די מאָדערנע שקלאַפן־הערן און פעאָדאַלן. זיי האָבן גערעדט קעגן דער מלחמה, וואָס באַדייט אַ שחיטה פון מיליאָנען יונגע לעבנס, זיי האָבן אַפּעלירט צו די מאַמעס און געזידלט די קאַנאָנען־הענדלער, וואָס גרייטן דעם קריג.

דער עכאָ פון די פּאַטעטנדיקע הענט און הורא־געשרייען האָט זיך צעטראָגן איבער די אַרומיקע וועלדער. די אָרקעסטערס האָבן אָנגעהויבן שפּילן און פאַראייניקט די הערצער אין אַ בשותּפותדיקן קלאַפּ צום זעלבן טאַקט. אין די קיכן האָט געזידט דער בוימל אין גרויסע קעסלען און פּאַרטיי־טוער אין ווייסע קיטלען האָבן סערווירט געבראָטענע קאַרטאָפּעלעך און וואורשטלעך מיט ברויט. אַרום די שפּיל־באַראַקן איז דער עולם געשטאַנען קאָפּ אויף קאָפּ: דאָס זיינען געווען בודקעס ווי יענע, וואָס מען האָט אויפגעבויט אויף די פּלעצער און בולוואַרן פון דער שטאָט ערב דעם 14־טן יולי אָדער ניי־יאָר: מען האָט געשאָסן אָדער געוואָרפן באַלעמס אין אַ ציל און דער טרעפער האָט באַקומען אַלס באַלוינונג אַ פלעשל שאַמפּאַניער. נאָר אָנשטאָט סתם פיגורן האָבן דאָרט געדינט אַלס ציל קאַריקאַטורן פון היטלערן און מוסאָליניִן, וואָס האָבן נאָך יעדן קלאַפּ פאַרוואָרפן מיטן קאָפּ און גורם געווען אַן אויסברוך פון פרייד און געלעכטער באַ די אַרומשטייענדיקע מענער און פרויען, וועלכע האָבן לאַנגזאַם אָנגעהויבן שוויצן פון דער היץ, פון דער שטופּעניש און פון וואַקסנדיקער התלהבות.

דער ענטוזיאַזם, וואָס האָט אַרויסגעשלאָגן פון יעדן איינצלנעם, איז געהאַנגען ווי אַ געדיכטער, פאַרשיכורנדיקער דאַמף איבער דער מאַ־

פע, האָט זי איינגעהילט ווי אין אַ נעפּל און האָט צוריקגעווירקט מיט אַ טויזנטפאַך פאַרשטאַרקטער קראַפט אויף יעדן יחיד. אויך זשאַק איז פאַר־כאַפּט געוואָרן פון דער אַלגעמיינער שטימונג. צוזאַמען מיט זיין אויפ־רעגונג איז געוואַקסן זיין בענקשאַפט נאָך זשערמענען. ער האָט זי ניט אויפגעהערט זוכן, וואַנדערנדיק פון ווינקל צו ווינקל, צווישן צענדליקער טויזנטער פּנימער.

ערשט אין שפּעטן נאָכמיטאָג האָט ער זי דערזען אין שאָטן פון אַ בוים, צווישן אַ קאָמפּאַניע אומבאַקאַנטע מענטשן, וואָס זיינען האַלב־געזעסן, האַלב־געלעגן אין אַ קרייז אויפן גראָז.

ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָרט זיצט זי לעבן אירע עלטערן און ניט געננוג דרייסט צוצוגיין, איז ער שטיין געבליבן פונדערווייטנס, הינ־טער אַ בוים, און זי באַטראַכט. זשערמענס משפּחה צוזאַמען מיט קרובים און גוטע פריינט האָבן זיך געקליבן פראַוועו אַ סעודה. אַ מיטליעריקע פרוי, האָט האַלב געקניט, איבערגעבויגן איבער עטלעכע אויסגעשפּרייטע צייטונגען און געמאַכט אָרדענונג אין די מאכלים, וואָס זיינען דאָרט אַרומגעלעגן: אַ האַלבער געבראָטענער קרוליק, פאַרשידענע וואורשטן, עטלעכע קאָטלעטן און אַ פּאָר לאַנגע ברויטן. זי האָט געהאַט אַ שווער־לעבן, עטוואָס פאַנאַנדערגעגאָסענעם גוף, אַ פולן, קיילעכדיקן בוזים און רויטלעכע, דיקע הענט. זשאַק האָט אַ קלער געטאָן, אַז דאָס מוז אודאי זיין זשערמענס מאַמע און ער האָט אַ מעסט געטאָן אין געדאַנק דעם מהלך צווישן דער שלאַנקער, גוט־געפאַרעמטער טאָכטער און דער פאַר־עלטערטער, אויסגעהאָרעוועטער מוטער.

אין איין זייט פון קרייז זיינען געזעסן עטלעכע טאַטעס, אריינגע־קוקט אין אַ צייטונג, געראויכערט און געשמועסט געמיטלעך. כמעט אַלע האָבן זיי געהאַט אויסגעצויגענע פּנימער, וואָס האָבן אויסגעזען לענגער צוליב די אָראָפּגעצויגענע דאַשקעס פון זייערע קאַשקעטן, וואָס זיי האָבן ניט אַראָפּגענומען פון זייערע קעפּ. זיי האָבן געטראָגן העלע אַנצוגער מיט לאַנגע שטרייפן — וואָס זשאַק האָט געקענט פון די ווּיסטאַוועס פון די טאַנדעט־געשעפטן אויף ריוואָלי גאַס — און זייערע קראַוואַטן (די יינגערע האָבן געטראָגן רויטע קראַוואַטן) זיינען געווען נאַכלעסיק אויס־געבונדן.

אייניקע האָבן געשפּילט מיט די קליינוואַרג, וואָס האָבן זיך גע־פּלאָנטערט צווישן די דערוואַקסענע, האָבן זיי אַרויפגעזעצט אויף די פּליי־צעס, געהוידעט אויף די קני און גוטמוטיק געלאַכט אינאיינעם מיט די

שטיפנדיקע קינדער. זשערמען איז געזעסן צווישן די יונגוואַרג. אירע באַקן זיינען געווען פאַרוויטלט און זי האָט געלאַכט דאָ צו איינעם, דאָ צו אַן אַנדערן פון די יונגע חברה, וואָס האָבן זיך מיט איר געוויצלט אַפּן קוֹל פאַר טאַטע־מאַמע אין די אויגן.

די מיטליעריקע, ברייט־גופיקע פרוי האָט אָנגעהויבן שניידן דיקע המוציאס פון די לאַנגע ברויטן און זיי באַלייגט מיט שטיקלעך פלייש. איינער פון די מענער האָט אַרויסגעצויגן אַ ליטער רויטן ווײַן פון אַ קאָ־שיק און אַרײַנגעגאָסן אין די צוויי גלעזער, וואָס איינע פון די פרויען האָט אים דערלאַנגט. מען האָט געטרונקען לויט דער ריי נאָך, פריער די עלטערע, דאַן די יונגע און צום סוף די פרויען. זשערמען האָט אויך אויסגעטרונקען אַ פולע גלאָז. פּאַמעלעך האָט אַ רויטקייט אָנגעהויבן אַרויסשלאָגן אין אירע באַקן. אויך די קינדער האָבן געטרונקען — זיי האָבן באַקומען נאָך האַלבע גלעזער און זיך באַקלאָגט, הלמאי זיי ווערן באַעולהט.

די מאַמע האָט אויסגעטיילט גראָבע סאַנדוויטשן און דער עולם האָט פון זיי געריסן גרויסע ביסן. איינער פון די מענער האָט בשעת מעשה געהאַלטן אין איין אַרײַנגיסן ווײַן אין די גלעזער און אַלץ אַרויס־געשלעפּט פרישע ליטער־פלאַשן פון קאָשיק, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַן אומאויסשעפּבאַרער ווײַן־קעלער.

זשאַק איז געשטאַנען הינטער אַ נאָענטן בוים און געלויערט אויף יעדע באַוועגונג פון זשערמענען, וואָס האָט אים אויסגעזען באַצויבערנ־דיקער און שענער ווי געוויינלעך. ער איז געווען אייפערזיכטיק אויף די שמייכלען, וואָס זי האָט אַזוי פריי געשענקט די יונגע חברה פאַר טאַטע־מאַמע אין די אויגן, אויף די פרעמדע ליפּן, וואָס האָבן באַרירט די גלאָז, פון וועלכער זי האָט אָקאָרשט געטרונקען. זי האָט אויסגעזען עטוואָס באַ־רוישט פון ווײַן און לאַכנדיק האָט זי ברייט צעעפנט איר מויל און געוויזן אַ רויטע צונג צווישן ווײסע ציינדלעך און שרייאיק־אָנגעמאָלטע ליפּן. איר מאַמע איז כּלל ניט אַזוי בייז — האָט אַ טראַכט געטאָן זשאַק.

פון צייט צו צייט האָט זשערמען אויסגעדרייט דעם קאָפּ און גע־וואָרפן אַן אויפמערקזאַמען בליק אַרום. אין זשאַקן האָט זיך געוועקט אַ האָפענונג, אַז דאָס זוכט זי טאַקע אים. אָבער ווי אַלע פאַרליבטע האָט ער ניט געוואָלט גלויבן דער דאָזיקער האָפענונג, ווײַל זי האָט אים אויס־געזען צו שיין אויף צו זײַן אמתדיק. מיטאַמאָל האָט דאָס מיידל אים באַ־מערקט. זי האָט אַראָפּגעלאָזן די אויגן און אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי

אים געמאַכט אַ צייכן מיט דער האַנט, ער זאָל אַף איר וואַרטן — זי וועט באַלד קומען.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט זי זיך כמעט אומבאַמערקט אַרויס־געשאַרט פון צווישן אירע משפּחה־לייט, וואָס האָבן זיך דערהיצט דורך דער אכילה און טרינקען און האָבן געשמועסט הויך אַף קול, אין ליאַרעם פון אויפגערעגטע שטימען און איבערבעכנדיקע פרויען־געלעכטערס. זי איז געגאַנגען שנעל, האָט זיך עטלעכע מאָל אומגעקוקט און ערשט, ווען זי האָט זיך אַזוי דערווייטערט פון דער קאָמפּאַניע, אַז דיביימער האָבן זיי פאַרשטעלט, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט און געוואַרט אַף זשאַקן.

אירע אויגן האָבן געפינקלט מיט אַ גלאַנץ פון אַ לייכטן בגילופין, אירע באַקן האָבן געפלאַמט מיט אַ רויטקייט פון פריידיקער אויפרעגונג. זי האָט אַנגערירט זשאַקן מיט אַ פינגער און שטיל געזאָגט:

— קום!

זי איז געגאַנגען פאָראויס, אין זיג־זאַגן, צווישן ביימער, קוסטעס און גרופּעס אַרומליגנדיקע מענטשן, וואָס האָבן געהאַלטן אין עסן. זשאַק איז איר נאָכגעגאַנגען, ווייל ס׳איז ניט געווען אַף די שטעגלעך געננג פּלאַץ צום גיין לעבנאַנאַנדער, און הגם ער איז געגאַנגען אָפּגערוקט, אַ שריט הינ־טער איר, איז איר פאָרגעקומען ווי זי וואָלט אים געפירט בא דער האַנט. ער איז איר נאָכגעגאַנגען בלינד, ניט געקלערט וואוהין, האָט נאָכגעפאָלגט אירע באַוועגונגען ווי אַ שטאָל־נאָדל, וואָס ווערט געצויגן דורך אַ מאַגנעט אין באַוועגונג. און דער צוציענדיקער שטראָם איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט געשאַפן אין זשאַקן אַ געפיל, ווי ער וואָלט געגאַנגען האַרט לעבן איר און זי באַרירט.

בינלעכווייז איז דער עולם שיטערער געוואָרן. מען האָט אַנגעטראָפן נאָר פאַראיינצלטע גרופּעס אָדער פּאָרלעך. דער גערויש פון המון איז שוואַכער געוואָרן און זיך דערטראָגן ווי אַן עכאָ פון דער ווייט. די זון האָט זיך געלייגט און נאָר לאַנגע שטרייפן ליכט האָבן זיך דורכגעריסן צווישן די ביימער. אויך זשערמען האָט אויסגעזען אָפּגעקילט. אין אירע באַקן איז געפאַלן אַ צאַרטע בלאַסקייט. אירע אויגן האָבן געקוקט רואיק און געלאַסן. באַלד האָט מען קיינעם ניט געזען אַף דעם גאַנצן שטח אַרום.

זשערמען איז שטיין געבליבן און זיך אַרומגעקוקט. דאַן האָט זי זיך פאַרקירעוועט צו אַ דיקן, פאַרצווייגטן בוים, אַרום וועלכן ס׳איז גע־וואַקסן אַ הויכער, געדיכטער גראָז. זי האָט געוואָרפן אַ בליק אַרום און

ניט דערזעענדיק קיין לעבעדיקן נפש פאַר די אויגן, האָט זי זיך אַראָפּ־געלאָזן אַפן גראָז און אויסגעשטרעקט אירע אָרעמס צו זשאַקן:

— קום! — האָט זי קורץ גערופן.

ער האָט געפאָלגט. איר מויל איז געווען היים. זשאַק האָט געפילט די וואַרעמע פייכטקייט פון איר צונג, וואָס האָט זיך געגליטשט איבער זיינע ליפּן. עס האָט אים אַ שווינדל געטאָן אין קאָפּ — ער איז געווען איבער־ראַשט און זייער אינטימקייט איז אים פאָרגעקומען אומגעריכט, ווייל זי איז ניט געווען קיין פועל־יוצא פון דער אָנשטרענגונג פון זיין ווילן. ער האָט זיך דעריבער געפילט פּאַסיוו און נאָכגיביק. זשערמען האָט פאַר־וואָרפן זיינע אָרעמס אַרום איר קערפּער און געפּליסטערט:

— נעם מיך אַרום אַט־דאָ! אַט־דאָ!

און די גאַנצע צייט האָט זשאַק געהאַט אַ געפיל, אַז ער איז אַן אומווילכטיקער און נעבנזאַכלעכער, ווי די דאָזיקע פרוי וואָלט אים באַ־נוצט אַלס אינסטרומענט צו באַפרידיקן איר באַגער. ער האָט אויסגעפילט אירע וואונטשן, ניט איבערטרעטנדיק קיין שום גרענעץ, איידער זי האָט עס פאַרלאַנגט. פּלוצלינג האָט זי געזאָגט:

— נו, איצט קום! עס קען נאָך עמעצער אָנגיין. קום!

דערנאָך איז זשאַק געבליבן אויסגעצויגן אַפן גראָז, דער קאָפּ איינ־געגראָבן אין זשערמענס שויס. ער האָט געפילט אַ טיפע אויפרעגונג אין זיין ברוסט. הגם זיין וואונטש איז מקוים געוואָרן און ער וואָלט איצט באמת געקענט באַהויפּטן, אַז זשערמען איז זיין מעטרעס, האָט ער פאַר־באָרגענערהייט געהאַט אַ געפיל, אַז דאָס מיידל האָט זיך אויך דאָס מאָל אַרויסגעגליטשט פון זיין רשות. ס'האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער האָט זי כלל ניט באַזעסן, ווי מען איז געוואוינט צו זאָגן אין אַזאַ פאַל וועגן באַציאונגען צווישן מאַן און פרוי. דאָס געפיל פון איינענער פּאַסי־וויטעט און די איבעראַשונג, וואָס האָבן אויסגעשלאָסן די באַטייליקונג פון זיין ווילן, האָבן פאַרמינערט אין זיין באַוואוסטזיין דעם סאַטיספאַק־ציע־געפיל פון באַפרידיקטן וואונטש. דאָס מיידל האָט אים אויסגעזען אומדערגרייכבאַר און זיין ליבע צו איר איז נאָך שטאַרקער געוואָרן ווי עס איז אַפּט דער פאַל באַ ניט געזעטיקטע ליידנשאַפטן.

זשערמען איז שנעל געקומען צו זיך נאָך קורצן, צאַפּלדיקן אויפ־ברויז פון אירע אינסטינקטן. זי האָט פּאַמעלעך אַראָפּגעשאַרט זשאַקס קאָפּ פון איר שויס און אַראָפּגעצויגן איר קלייד איבער די קני. דאַן האָט זי זיך גענומען זאָרגפעלטיק אויסגלייכן די קנייטשן אין אירע מלבושים

און אַרויסקלויבן די טרוקענע גרעזעלעך, וואָס האָבן זיך איינגעטשעפּעט איר אירע האָר. זי האָט געבעטן זשאַקן איר צוצוהעלפן און דערביי באַמערקט:

— ביסט אַ יינגל! אַפילו זיך קושן ווי עס באַדאַרף צו זיין קענסטו ניט!

זשאַק איז רויט געוואָרן איבער די אויערן. זיי האָבן זיך געלאָזט צוריק אין דער ריכטונג, וואו עס איז פאָרגעקומען דער מיטינג און פעלד־יום־טוב. זשערמען איז געווען אייליק און איבערגעחזרט עטלעכע מאָל, אַז זי מוז געפינען די עלטערן, איידער דער אָוונט וועט צופאַלן, כדי זיך אומצוקערן מיט זיי אהיים. איין מאָמענט נאָר האָט זי פאַרלאַנגזאַמט אירע שריט און זיך צודריקנדיק לייבט צו זשאַקן האָט זי געפרעגט:

— האָסט מיך ליב, זשאַק?

— יאָ! — האָט ער אויפגעוואַכט פון זיין פאַרטראַכטקייט.

— באמת?

— אויף שטענדיק, זשערמען!

— ביסט אַ גוטער יינגל — האָט זי פאַרלייגט זיין אָרעם איבער איר טאַליע און אים אַ קוש געטאָן איבערן מויל.

ער איז איז געווען דאַנקבאַר. אַט אַזוי — סענטימענטאַל און ווייך — האָט ער זי געוואָלט האָבן. אָבער באַלד זיינען זיי געקומען צווישן עולם. זשערמען האָט זיך שנעל געזעגנט און זיך געלאָזן זוכן איר משפּחה.

זשאַק האָט זיך געפילט אַ סך פייערלעכער אין די קומענדיקע טעג, בעת ער איז געגאַנגען זי אָפּוואַרטן: סוף כל סוף האָט ער געהאַט אַ קלאָרן באַווייז, אַז ער לויפט איר ניט סתם אַזוי נאָך און לגבי דער אויסערלעכער וועלט האָט ער געהאַט מיט איר אַ געמיינזאַמען סוד, וואָס האָט זיי ביידן פאַרבונדן. זיי האָבן זיך געטראָפן, ווי פריער אין גרויסן קאַפע־הויז. אָבער וואָס מער זיי האָבן זיך דערוווייטערט פון יענעם זונטיק נאָכמיטאָג, אַלץ מער האָט זשאַק געפילט — אויסער דעם וואַקסנדיקן, פיזישן פאַרלאַנג — אַ נויטווענדיקייט צו אַ נייעם באַווייז פון זייער צוזאַמענגעהעריקייט. בפרט אַז זשערמען האָט זיך אין איר גאַנצן באַנעמען געפירט אַזוי ווי פריער, ווי עס וואָלטן צווישן זיי זיין קיין גרויסע זיבן זאַכן ניט פּאַסירט. ער איז אָבער נאָך אַלץ געווען אומדרייסט און אָפּגעלייגט דעם געשפּרעך פון טאָג צו טאָג.

ס'איז געווען אין מיטן דער וואָך, ווען זשאַק האָט זי אָפּגעוואַרט און זיי זיינען געגאַנגען ווי געוויינלעך צום גרויסן קאַפע־הויז „טו וואַ ביען". אַפּן שוועל האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— ווילסט אַריינגיין?

— יאָ. פאַרוואָס ניט?

— אפשר פאָרן מיר ערגעץ אַנדערש?

— וואוהין? — האָט געפרעגט זשערמען און אים געקוקט מיט אַ נאַאיוון בליק גלייך אין די אויגן אַריין.

ער האָט זיך צעטומלט:

— וואוהין?... דאָ איז שטענדיק אַ טומל... פול מיט מענטשן. מיר וואָלטן געקענט נעמען אַן אויטאָבוס... אַראָפּפאָרן צום „פּלאַס דע לאַ נאַסיאָן"...

ער האָט געשטאַמלט און זיין ריידעריי האָט אים גופא אויסגעזען נאַריש. וואָס איז עפּעס דער נאַסיאָן־פּלאַץ מער יחסן ווי די „גרויסע בול־וואַרן"? אינדערעמתן האָט ער געוואָלט פאָרן אַהינצו, ווייל ער האָט דאָרט געקענט אַ קליינעם האָטעל, וואו זיי וואָלטן געקענט נעמען אַ צי־מער אַף עטלעכע שעה און פאַרבלייבן אַף פיר אויגן. ער האָט זיך אָבער ניט גערעכנט, אַז זשערמען וועט אָנהויבן אויספרעגן „פאַרוואָס?" און „וואוהין?" געמיינט האָט ער, אַז זי וועט גאָרנישט פרעגן, אַז זי וועט זיך לאָזן פירן און ניט ריידנדיק דערפון וועלן זיי ביידע וויסן וואוהין, און וועלן טראָצדעם שפּאַנען מיט קלאַפּנדיקע הערצער, אין אַ געוויסער אומזיכערהייט, צו עטוואָס, וואָס איז גאַנץ געוויס באַקאַנט און איז טראָצ־דעם איינגעהילט אין אַ שלייער.

אָבער זשערמען איז אַזוי ניכטער און גראָדע אין איר ניכטערקייט ליגט אַזויפיל פאַרפירערישער רייץ, וואָס רעגט אויף די חושים און צע־טומלט די געדאַנקען. זשאַק וויל ניט אויסקלערן אַף גיך עפּעס אַנדערש, כדי זיך צוריקצוציען און ער מאַכט זיין פאָרשלאָג אין אָפּגעהאַקטע זאַצן:

— איך קען דאָרט אַ קליינעם האָטעל. איך קען דעם בעל־הבית... מיר וואָלטן דאָרט געקענט זיין אַליין...

— אָה, דו ווילסט היינט שלאָפן מיט מיר! — ענטפערט זשער־מען נאַכלעסיק, ווי מען רעדט וועגן זעלבסטפאַרשטענדלעכע ענינים, און אַף אירע ליפן באַווייזט זיך אַ קוים באַמערקבאַרער שמייכל — האָסט דאָך גלייך געקענט זאָגן!

און נאָך אַ קורצער פויזע גיט זי צו:

— אָבער היינט האָב איך קיין צייט ניט. איך מוז פאָרן אהיים ווייל כ'האָב צוגעזאָגט דער מאַמען איר היינט צוהעלפן צירעווען זאַכן.

זשאַק נעמט אויף איר ענטפער ווי אַן אויסרייד און אַן אָפּזאָג. זיין יום־טובדיקע שטימונג פון די לעצטע טעג פאַרשווינדט. ער האָט געהאַט אַ טעות, דאָס מיידל האָט אים ניט ליב!... און איידער ער גיט זיך אָפּ אַ דין־וחשבון פון פאַרגעקומענעם, ווערט ער דורכגעדרונגען פון אַ געפיל, אַז ער איז פאַרפלאָנטערט אין אַ טראַגישער ליבע.

— און אויסערדעם בין איך הונגעריק ווי אַ וואָלף! — זאָגט זי — דו צאָלסט מיר אַ „גראַטינעי", זשאַק?

און אירע אויגן קוקן מיט אַ קעצישן, לאַשטשענדיקן גלאַנץ.

אינעווייניק, ווען זיי זיצן בײַ אַ טישל, לעפלט זשערמען מיט גרויסער כונה דעם „גראַטינעי" — אַ געדיכטע זופּ, געמישט מיט געריבענעם קעז, וואָס ציט זיך אין לאַנגע, קלעפּנדיקע פאָסן. אונטערן טיש, אויף איר קני, האַלט זשאַק איר פרייע האַנט און קוקט מיט פאַרגעניגן ווי זי עסט מיט אַ יונגטלעכן, וועלפישן אַפּעטיט. צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן עמפינדעט ער אַ דראַנג נאָך אַ משפחהדיקער, היימישער נאָנטקייט צו דער געליבטער פרוי: וואוינען מיט איר אין זעלבן צימער, זיצן מיט איר אַליין, נאָך אַ רוישיקן, דערמידנדיקן טאָג, בײַ אַ טיש, וואָס זי וועט גרייטן.

ער האָט ביז איצט פאַראַכטעט די משפחהדיקייט, וואָס האָט זיך אין זיין געדאַנק אידענטיפיצירט מיט טעמפּער, קליינבירגערלעכער רוּאיקייט. ווי זיין גאַנצע גענעראַציע אין דאָזיקן עלטער האָט ער געהאַלטן פון אַן אידעאַלער, פרייער ליבע. און גאָר פּלוצלינג בליצט אים דורך דער געדאַנק, אַז מיטן דאָזיקן מיידל איז עס גאָר ערנסט, אַז ער וואָלט מיט איר חתונה געהאַט.

אָבער ווען זשערמען איז אַוועק, איז דאָס היימישע, ליבלעכע געפיל פאַרשוואונדן. איר אָפּזאָג איז אויסגעוואַקסן אין זיינע אויגן צו אַ טראַגעדיע. נאָכדעם ווי ער האָט זי באַגלייט צום אונטערגרונט־באַן, האָט ער זיך אומגעקערט אין קאַפע און זיך געזעצט אין אַ ווינקל, פאַרטיפט אין טרויעריקע מחשבות פון אַ טראַגיש־פאַרליבטן, פאַרלאָזענעם יונגנמאַן.

דורך די גרויסע שויבן האָט ער געקוקט אויף דעם אומאויפהערלעכן מענטשן־שטראָם, וואָס האָט זיך געצויגן איבערן טראָטואַר. פון דרויסן האָט זיך לאַרעמענדיק אַריינגעריסן די גרויס־שטעטישע נאַכט. אין לאָקאַל גופא האָט געהערשט אַ הין־און־אהער פון זיך ביַיטנדיקע מענטשן:

יונגעלייט האבן געגעסן שטייענדיק בא די טישלעך „פראנקפורטער" און פארטרונקען מיט קופלס ביר, ארבעטער אין „בלויען" האבן לאנגזאם געשלוקט באם פארבאנק גלאנצנדיקע אפעריטיוון, באזוכער פון בארימטן, שכנותדיקן קאבארעט „א. ב. צ." זיינען אריינגעקומען זיך אפכאפן דאס הארץ פארן אנהויב פון דער פארשטעלונג. גאסן־מיידלעך זיינען צוריקגעקומען פון א „טור" מיט א קליענט און זיך הונגעריק געווארפן אף סאנדוויטשן אדער קאלבס־בראטן — לויט דעם ווי דער מזל האט זיי אין יענער נאכט צוגעשפילט.

די שעהן האבן זיך גערוקט. עס זיינען דערשינען עלעגאנטע טיפן, וואס מען האט לויט די פנימער דערקענט אלס אונטערוועלט־מענטשן. פארטאג זיינען געבליבן כמעט נאר די גאסן־מיידלעך און זייערע „באשיצער". זיי האבן זיך פארוקט אין די ווינקלען און די פרויען האבן ארויסגעצויגן געלט־נאטן פון זייערע זאקן, האבן זארגפעליק געציילט זייערע פארדינסטן און זיך געטיילט מיט זייערע „פראטעקטארן", וואס מען האט דערקענט לויט זייערע חוצפהדיקע מארדעס און פארדעכטיקע אויגן. זיי זיינען פארשוואונדן ווי די שאטנס מיטן ערשטן גרויען פון טאג.

זשאק איז געבליבן ביז פארטאג. ער האט מורא געהאט בלייבן אליין און ער האט געהאפט צו פארטויבן זיינע טרויעריקע רעיונות אין הור־הא פון נאכט־לאקאל. אבער די מידקייט האט אים נאך מעלאנכאלישער געמאכט. ער איז זיכער געווען, אז זשערמען האט אים ניט ליב: זי האט דאן, אין וואלד, אים גענומען סתם אזוי, צופעליק, ווי זי וואלט גענומען יעדן אנדערן! און איצט מאכט זי כלל קיין ווען ניט פון זייערע באציאונגען...

א ניט אויסגעשלאפענער, מיט א שווערן קאפ איז ער געקומען פארטאג אהיים. זיך לייגנדיק אין בעט, האט ער דערהערט א גערויש אין נאנטן צימער. „די מאמע שלאפט נאך אודאי ניט!" — האט ער א קלער געטאן — ער האט געוואוסט, אז זי בלייבט האלב־וואך אוןווארט יערע נאכט, ביז ער קומט אהיים. זי איז באזארגט, דערפאר וואס ער האט לעצטנס כמעט אויפגעהערט לערנען און מישט זיך אין פאליטיק. נאכן „ניינטן פעברואר" האט ער זיך ארויסגעכאפט מיט א ווארט, אז ער איז „ארויס אין גאס" — אין יענער גאס, וואו ארבעטער־דעמאנסטראציעס האבן טראץ דעם פארבאט פון דער פאליציי, מארשירט צום רעפובליקפלאץ. און זי האט לאנג ניט געקענט קומען צו זיך, וואס איר זון איז

געוועזן דאָרט, וואו מען האָט ממש געשאָסן און עס זיינען געפאַלן טויטע. איינמאָל האָט ער געהערט ווי זי האָט גערעדט מיטן טאַטן וועגן דעם זונס דרכים און דער טאַטע האָט זי אָפּגע׳פטר׳ט מיט זיין שטענדיקן ענטפער:

— היינטיקע קינדער! מען קען זיי דען ארויפזעצן א קאָפּ?!..

אודאי! — האָט זשאַק געקלערט זיך ליגנדיק אין בעט — זיי זיי־נען דאָך ניט מער ווי קליינבירגער!... און ס׳איז אים געקומען אפן גע־דאַנק, אַז אין איצטיקן מאָמענט מוז דער פּראָלעטאַריאַט זיך באַמיען צו געווינען געוויסע טיילן פון קליינבירגערטום. דעם טאַטן וואָלט מען אודאי געקענט געווינען! — האָט ער באַשלאָסן — ער לאָזט זיך ריידן און באַ־מיט זיך צו פאַרשטיין מיטן שכל...

פאַרן איינשלאָפן האָט ער ווידער געקלערט וועגן זשערמענען און זיך באַמיט נאָכצופאָלגן און אַנאַליזירן יענע זונטיקדיקע טרעפונג, וואָס ער האָט צוליב דער איבעראַשונג כמעט ניט תופס געווען בשעת מעשה מיטן באַוואוסטזיין.

צווייטער קאַפּיטל

שוין אַ שטיק צייט ווי העלען האָט געקאָנט מאַדמואַזעל זשיליעט באָר. צום ערשטן מאָל האָט זי זי געטראָפן מיט עטלעכע יאָר צוריק, ווען זי האָט געזוכט אַ וועג צו די קרייזן פון מאָנפּאַרנאַס־קינסטלער, וואָס האָבן איר, דעם מיידל פון „פּלעצל”, אויסגעזען כמעט אַזוי הויכגעשטעלט און דערהויבן ווי די אמתע געטער פון „פּאַרנאַס”. ס'איז געווען אין אַ ווינ־טערדיקן נאָכמיטאָג, אין לואַוור־מוזיי. העלען איז געשטאַנען אין אַ ווינקל, וואו עס זיינען געהאַנגען די בילדער פון די רענעסאַנס־מייסטער און האָט באַוואונדערט זייערע ווערק. מיטאַמאָל האָט אַ שטימע דאַנעבן געפרעגט:

— געפעלט אייך, מאַדמואַזעל?

— וואונדערבאַר! — האָט העלען געענטפערט מיט אַנטציקונג.

ערשט דאַן האָט זי זיך אומגעדרייט און דערזען אַ יונגע פרוי, וואָס איז געשטאַנען לעבן איר און זי באַטראַכט.

— און פונדעסטוועגן איז ניט זיכער, אַז די דאָזיקע „דזשאָקאָנדע” איז טאַקע דאָס אָריגינעלע בילד, וואָס איז געמאָלט געוואָרן אין משך פון פיר יאָר דורך לעאָנאַרדאָ.

— וואָס הייסט? — האָט העלען געקוקט דאָ אויף דער אומבאַקאַנ־טער און דאָ אַפן הענגענדיקן פּאָרטרעט.

— איר האָט קיינמאָל ניט געהערט, אַז די דזשאָקאָנדע איז אַמאָל געגנבעט געוואָרן פון לואַוור?

— אה, איך האָב געהערט!... ס'הייסט גענוי געהערט האָב איך ניט... — האָט געשטאַמלט העלען, וואָס האָט געטראַכט, אַז זי וואָלט גע־מעגט וויסן פון אַזאַ וויכטיקן ענין. — פאַרוואָס האָט מען עס געטאָן?

— אפשר האָט דער גנב געוואָלט האָבן דעם פאַרגעניגן אויפצוהענ־

גען דאָס בילד אין זיין צימער. און אפשר צוליב געלט. אזא בילד איז דאָך ווערט מיליאָנען.

— פאַר געלט? — האָט זיך אויפגערעגט העלען.

באַם ריידן האָט זי באַטראַכט די אומבאַקאַנטע. יענע האָט אויסגעזען פון אַ יאָר דרייסיק, איר קערפּער איז געווען רייף, רונדלעך, אָבער גוט געפּאַרעמט און ניט צעגאָסן. זי האָט געטראָגן אַ שוואַרצע, זיידענע קלייד, געפּרעסט איבער די ברוסטן און אַף דער טאַליע, און ברייט געפאַלדעוועט, ווי אַ צעעפנטער פאָכער, איבער אירע פיס. אירע שוואַרצע האָר זיינען געווען לאַנג און גלאַט געקעמט, נאָר ניט לויט דער מאָדע, און פאַרשטאַרקט דעם אויסדרוק פון אירע טיפע, שוואַרצע אויגן. אין אַ ווינקל פון אירע לייכט-געפאַרבטע ליפּן איז געלעגן אַ שמייכל פון אַ דערוואַקסענעם, וואָס לאָזט זיך אריין אין אַ שמועס מיט אַ קינד און האָט הנאה פון יענעמס נאַאיווער התפעלות.

די אומבאַקאַנטע האָט אויסגעזען עטוואָס אויסטערליש און געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אַף העלענען. אַ קינסטלערן אודאי! — האָט זי אַ קלער געטאָן — אַ מאָלערן און אפשר אַן אַרטיסטן? מען דאַרף זען, אַז דער שמועס זאָל ניט איבערגעריסן ווערן!

— אָבער מען האָט זיי דאָך געכאַפּט, די גנבים?!

— די אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליציי איז געשטעלט געוואָרן אַף די פיס.

— מען האָט אַרויסגעפירט דאָס בילד קיין אויסלאַנד?

— וואַרשיינלעך... — האָט דער שמייכל זיך אויסגעברייטערט אַף די ליפּן פון דער אומבאַקאַנטער — ס'איז אַ סברא, אַז מען האָט עס אוועקגעפירט ביז אַמעריקע. ס'איז פאַראַן אַ גאַנצער ראָמאַן וועגן דעם, אַ מין דעטעקטיוון ראָמאַן. באַ אַ געלעגנהייט וועל איך עס אייך אויס-לייען.

— אָבער מען האָט דאָס בילד סוף כל סוף געפונען?

— מסתמא. אָט הענגט ער דאָך אַנטקעגן אונדז. אָבער ווער ווייסט, צי מען האָט טאַקע געפונען דעם אָריגינאַל?

— איר מיינט, אַז די גנבים האָבן פאַרפירט די פּאָליציי? — איז העלען געוואָרן אומרואיק.

— אפשר. עס קען דאָך זיין, אַז די גנבים האָבן אונטערגערוקט דער פּאָליציי אַ זייער גוטע רעפּראָדוקציע און דעם אָריגינאַל האָבן זיי פאַרקויפט פאַר אַ שיינער אפּותיקאַ! אפשר הענגט ער ערגעץ וואו, אין

דער קאָלעקציע פון אַן אַמעריקאַנער מיליאָנער? און אפשר האָבן זיי זיך דערשראָקן און עס פאַרקויפט בחצי חנם צו אַן אָרעמען דאָרפס־לערער אָדער אַ באַשיידענעם גלח, און עס הענגט עד היום אַלס אַ פּשוטע קאָפּיע, איינע פון מיליאָנען.

— אָבער עס זיינען דאָך פאַראַן וויסנשאַפטלעכע מיטלען צו אונטערשיידן צווישן אָריגינאַלן און רעפּראָדוקציעס — האָט פּראָטעסטירט העלען.

— אודאי זיינען פאַראַן. אָבער קיין זיכערקייט איז אין דעם נישטאָ!

באַמערקנדיק העלענס דערשטוינונג, האָט זי אַ ווײַלע שפּעטער צוגעגעבן:

— אָבער שרעקט זיך ניט, מאַדמואַזעל, העכסט וואַרשיינלעך הענגט פאַר אונדזערע אויגן די עכטע „דזשאָקאָנדע”. איך האָב נאָר אַ משוגעת אַזאַ, אין ענין פון אָריגינאַלן און רעפּראָדוקציעס. יעדער מענטש האָט זיך זיינע משוגעתן, ניט אמת?

— אמת! — האָט צוגעשטימט העלען, וואָס איז געווען פאַרכאַפּט פון דער אויסטערלישער פרוי, און איז גרייט געווען מסכים צו זיין מיט אַלע אירע מיינונגען.

— אַמאָל קלער איך — האָט פאָרגעזעצט די אומבאַקאַנטע — וועגן לעבעדיקן אָריגינאַל, וואָס האָט געדינט לעאָנאַרדאָן אַלס מאָדעל פאַר דעם דאָזיקן בילד. זי איז געווען אַ פּשוטע, בעל־הביתישע ווייבל פון פלאָרענציע.

— אָבער זייער אַ שיינע!

— זיכער! אָבער די דאָזיקע טיפע געדאַנקען, וואָס דער מאָלער האָט אַריינגעצויבערט אין איר בליק און דער דאָזיקער שמייכל! צווישן לעבעדיקן אָריגינאַל און דעם טרוים פון קינסטלער איז אודאי געווען אַ היפּשער מהלך.

זיי האָבן גערעדט שטיל, געפּליסטערט כמעט, ווי אין אַ מקום קדוש, כדי ניט צו שטערן די אַנדערע באַזוכער, וואָס האָבן זיך געשאַרט לענגאויס די ווענט, פון בילד צו בילד. דערווייל האָט זיך דערנענטערט אַן עלטערע ענגלישע דאַמע מיט צוויי יונגע טעכטער און זיי זיינען אַ ווײַלע שטיין געבליבן אין יענעם ווינקל. דאַן האָבן זיי איבערגעריסן דעם שמועס. העלען האָט געהאַט אַ געפיל, ווי זי וואָלט זיך דאָ געסודעט מיט אַ געליבטן,

און זיך באַמיט אויסצובאַהאַלטן זייערע אינטימע געהיימנישן פאַר די אַרומיקע מענטשן.

— איר קענט אַמאָל קומען צו מיר! — האָט געזאָגט די אומבאַקאַנטע — איך האָב אויך בײַ מיר אין שטוב עטלעכע בילדער... ניט קיין לעאָנאַרדאָס, פאַרשטייט זיך. מיר וועלן שמועסן.

די פרעמדע האָט אינטריגירט העלענען. ווער קען זי זײַן? זי זעט אויס ווי אַ דאַמע פון דער געזעלשאַפט און די דאָזיקע דאַמען האָבן ניט אַזעלכע מאַנירן פון פאַרטשעפּען אַן אומבאַקאַנטע מיידל מיט אַ געשפּרעך און זי נאָך דערצו גלייך איינלאַדן צו זיך אַהיים. אפשר איז זי אַ מאָלערן, וועמען זי, העלען, איז געפעלן געוואָרן אַלס מאָדעל? און אפשר איז זי?...

זי האָט געוואוסט, אַז צווישן די דאַמען פון דער געזעלשאַפט און באַזונדערס צווישן קינסטלערנס זײַנען פאַראַן אַזעלכע, וואָס קענען געניסן נאָר פון אומנאַטירלעכער ליבע. פונדעסטוועגן איז זי געווען אַנטשלאָסן זי ווידעראַמאָל צו טרעפן. זיי האָבן נאָך אַ ווײַלע שפּאַצירט לענגאויס דעם לאַנגן זאַל און דאַן האָט די באַקאַנטע איר אויסגעשטרעקט די האַנט:

— איר ווילט אַמאָל אַרויפקומען?

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן!

— אָט איז מײַן וויזיט־קאַרטע.

— ווען?

— ווען איר ווילט. אַמבעסטן נאָכמיטאָג.

— איבערמאָרגן, אַזייגער פיר, גוט?

— זייער גוט. איך וועל אַף אײַך וואַרטן.

ווען די אומבאַקאַנטע איז פאַרשוואונדן, האָט העלען אַרײַנגעקוקט אין דער וויזיט־קאַרטע. ס'איז דאָרט געווען אָנגעשריבן: „זשיליעט באָר, בולוואַר דעז אינוואַליד..." אַה, זי איז זיכער פון דער באַרימטער פאַמיליע באָר! — האָט העלען אַ קלער געטאָן — און ס'האָט איר גלייך פאַרדראָסן, הלמאי זי האָט אָפּגעלייגט דעם ראַנדעוואו אַזש אַף איבערמאָרגן.

פאַר העלענען, וואָס האָט געשטאַמט פון „מזרח" און איז אויסגעוואַקסן אַפן „פּלעצל", זײַנען דאַן אַזעלכע אײַנגעזעסענע פראַנצויזיש־אַסימילירטע פאַמיליעס ווי „באָר־דרייפוס־ווייל", געווען דער העכסטער אידעאַל. נאָך העכער זײַנען געשטאַנען די באַנקירן לאַזאַר און דאַן די ראָטשילדס. ס'איז ניט געווען אַזוי די רײַכקייט פון די דאָזיקע אײַנגעפונדעוועטע משפּחות, וואָס האָט אָנגעצויגן אַזאַ מיידל ווי זי. די דאָ־

זיקע פאמיליעס זיינען אָבער אין אירע אויגן געווען ווי אַ בריק, וואָס האָט געפירט צו דער הויכער געזעלשאַפט פון „גאַנץ פאַריז".

זי האָט געוואַרט מיט האַרצקלאַפעניש ווי זי וואָלט זיך געקליבן אויפן ערשטן ראַנדעוואו מיט אַ געליבטן. שוין צומאָרגנס האָט זי אָנגעהויבן זיך מישב צו זיין, וועלכע קליידער זי זאָל אָנטאָן און אין באַשטימטן טאָג האָט זי זיך לאַנג געשפיגלט, האָט אָנגעשמירט די ליפּן מיט רויט, האָט זיי אָפּגעווישט, ווייל זיי האָבן אויסגעזען צו שרייאיק און זיי ווידער באַשמירט. אויף בולוואַר דעז אינוואַליד איז זי אָנגעקומען אַ האַלבע שעה פאַר דער באַשטימטער צייט און זי האָט זיך אַרומגעדרייט ביז פיר אַזייגער אויפן נאָענטן ראָג. צו דער באַשטימטער מינוט האָט זי אָנגעקלונגען אין טיר.

זשיליעט האָט געעפנט. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ברייטן שלאָף־ראָק, אין וועלכן זי האָט אויסגעזען ווייניקער אָנגעצויגן און מוטערלעכער. אויסשטרעקנדיק העלענען די האַנט, האָט זי געזאָגט:

— אַ שאָד, וואָס איר זיינט ניט געקומען פריער! כ'בין געווען אַליין און ניט געהאַט קיין חשק עפּעס צו טאָן.

זי האָט גענומען העלענס מאַנטל און אים אַוועקגעלייגט אויף אַ פּאָ־טעל אין קאָרידאָר. לינקס האָט אַן אָפענע טיר געפירט צו אַ מעבלירטן צימער. רעכטס האָבן זיך געשלענגלט טרעפּ צו אַן אויבערשטן שטאָק.

— איר ווילט פריער אָנקוקן די בילדער? — האָט געפרעגט זשי־ליעט.

— יאָ, מאַדאַם! האָט געענטפערט העלען, הגם זי האָט ניט גע־וואוסט אויף זיכער, אַז זי וויל עס טאַקע טאָן אַפריער.

— איך האָב פאַרגעסן אייך צו פרעגן ווי איר הייסט — האָט זשי־ליעט געזאָגט גייענדיק אויף די טרעפּ — אַנטשולדיקט!

— העלען.

— גוט, מאַדמואַזעל העלען, איר קענט אַליין באַטראַכטן די ביל־דער. קיין גרויסע זאַכן פאַרמאָג איך ניט. כ'וועל אייך ניט שטערן.

העלען האָט זיך געשאַרט לענגאויס די ווענט, וואָס זיינען געווען באַהאָנגען מיט בילדער, מייסטנס רעפּראָדוקציעס פון גרויסע מייסטער און עטלעכע אָריגינאַלן פון פאַר איר אומבאַקאַנטע מאָלער. פאַרבייגייענ־דיק דאָס פענצטער, האָט זי אַרויסגעקוקט אין דרויסן. דאָס הויז איז גע־לעגן אין אַ שלוהדיקער גאַס, אין איינעם פון די עלעגאַנטסטע קוואַרטאַלן פון דער שטאָט. ניט ווייט האָט זיך געהויבן די קופּאָל, וואָס אויף נאַפּאָ־לעאָנס קבר.

— מירן אראָפּגיין טרינקען קאַפע?

— איך דאַנק אייך, מאַדאַם!

אונטן האָט העלען זיך געזעצט אין אַ פאָטעל און באַטראַכט דאָס צימער. באַ איינער פון די ווענט איז געשטאַנען אַ ברייטע סאָפע, אינ־מיטן — אַ פירקאַנטיק טישל און עטלעכע פאָטעלן ארום. אויף פּאָליצעס, לענגאויס די ווענט, זיינען געווען אויסגעשטעלט שיין־געבונדענע ביכער. אויף אַ קאָמאָדע, אין אַ ווינקל, איז געלעגן אַ דיקער באַנד רעפּראָדוקציעס פון סעזאַן.

— איר זיינט אַ מאָלערן? — האָט געפרעגט העלען.

— ניין. איך אינטערעסיר זיך נאָר. פון לאַנגוויילִיקייט מסתמא... איך וועל אריינגעמען די מכשירים צום קאַפע.

און זי האָט געעפנט אַ טיר צו אַ שכנותדיקן חדר, וואו ס'האָט זיך געפונען די קיך.

פון לאַנגווייליקייט? — האָט אַ טראַכט געטאָן העלען — די דירה זעט אויס ווי זי וואָלט דאָ געוואוינט אליין. פּונקט אַזאַ דירהלע, וואָלט זי, העלען, געוואָלט האָבן! עס קומען זיכער צו איר אַסאַך באַקאַנטע. זי קען זיך דאָך זיכער מיט אַסאַך קינסטלער. אודאי האָט זי אַ געליבטן. זי האָט געוואָרפן אַ בליק אויפן ברייטן סאָפאַ — אפשר צוויי! זי האָט דערפילט אַן אייפערזוכט אויף יענע אומבאַקאַנטע מענער, וואָס קומען אַהערצו און באַזיצן דאָס רעכט אויף דער דאָזיקער פרוי.

זשיליעט האָט אריינגעבראַכט צוויי גלעזערנע קיילעכן, וואָס זיינען געווען באַהעפט דורך אַ קאָרעק און אַ רערל. אָנצינדנדיק דעם קליינעם אַלקאָהאָל־לעמפּל, וואָס זי האָט אוועקגעשטעלט אונטער די קיילעכן, האָט זי געפרעגט:

— איר זייט אַ היגע געבוירענע?

— ניין, איך בין ניט געבוירן געוואָרן אין פּאַריז.

זי פלעגט עס אַזוי זאָגן, אַז ס'איז אויסגעקומען, אַז זי איז געבוירן געוואָרן אין דער פראַנצויזישער פּראָווינץ.

— פון רוסלאַנד? — האָט איבערגעפרעגט זשיליעט.

— ניין, געקומען מיט די עלטערן פון פּוילן. ווען איך בין נאָך געווען אַ קינד.

— איך האָב דערקענט! דאָס האָב איך זיך צוגעוואוינט צו אונ־טערשיידן פיזיאָנאָמיעס באַם באַטראַכטן בילדער. איך אינטערעסיר זיך מיט יידן.

— איר זיינט דאָך אויך אַ יידישע!

— יאָ, אָבער פון די פראַנצויזישע יידן. די פראַנצויזישע יידן זייַנען נאָר אַ רעפּראָדוקציע, אַ מין קאָפּיע און נאָך אַן אָפּגעבלאַקעוועטע דערצו!

— און וואו איז דער אָריגינאַל? — האָט אַ שמייכל געטאָן העלען.

צום ערשטן מאָל האָט זי, אין אַ שמועס מיט אַן אַסימילירטן פראַנצויזישן יידן, זיך געפילט אומזשעניִרט מיט דעם, וואָס זי איז געבוירן געוואָרן אין „מזרח" און זיך אויפגעהאָדעוועט אַפן „פּלעצל". אַביסל האָפּערדיק, ווי איינער וואָס האָט זיך פּלוצלינג באַפרייט פון אַ משא, האָט זי אַ זאָג געטון:

— אפשר איז דער אָריגינאַל גענגנבעט געוואָרן דורך אַן אינטערנאַציאָנאַלער גנבים־באַנדע און איז אַרויסגעשמוגלט געוואָרן קיין אויסלאַנד און אַצינד הענגט ער אין אַ קאָלעקציע פון עפּעס אַ מיליאָנער אָדער, ווי אַן אומבאַדייטנדיקע קאָפּיע, אין אַ צימערל פון אַ פאָלקס־לערער אָדער גלח?

זיי האָבן זיך צעלאַכט און דאָס לעצטע ביסל אָנגעצויגנקייט, וואָס האָט געהערשט צווישן זיי, איז פאַרשוואונדן.

— איר זעט, איך האָב ניט געהאַט קיין טעות — האָט געזאָגט זשיליעט — א י ר האָט אַ גוטן זכרון און א י ר לערנט אַלץ אָפּ גיך. איר זיינט על כל פנים נענטער צום אָריגינאַל ווי איך. איר וועט זען — נאָך היינט וועט איר פּרובירן מיר געבן אַ לעקציע!

— אָפּ דעם ווייס איך צו ווייניק.

זשיליעט האָט גענומען פון טיש אַ שוואַרץ קעסטעלע, עס געעפנט און אויסגעשטרעקט העלענען:

— אַ פּאַפּיראָס?

— אַ דאַנק!

זשיליעט האָט אָנגעצונדן אַ שוועבעלע, גענעבן פייער דעם גאַסט און אָנגערויכערט איר אייגענעם פּאַפּיראָס. העלען האָט דערלאַנגט אַ שטאַרקן ציִ און זיך פאַרהוסט.

— נאַריש קינד — האָט זשיליעט זי אויסגעלאַכט — מוזט דען רויכערן? איך האָב דיך דען געצוואונגען?

— מען דאַרף זיך צוגעוואוינען.

— אודאי, אַזאַ איינע ווי דו מוז אַפּריער רויכערן. ערשט שפּעטער זעט מען זיך אַרום, אַז ס'איז ניט וויכטיק.

העלען האָט ניט פאַרשטאַנען און אויפגעהויבן אַ פרעגנדיקן בליק, אָבער זשיליעט האָט גערעדט וועגן עפּעס אַנדערש:

— איך בין שטענדיק געווען אַן אייפערדיקע זאַמלערן: פון בילדער, פון יקר־המציאותדיקע ספרים און איצט...

— פון יידן! — האָט אַרויסגעכאַפּט העלען — איך דאַרף אויך פיגורירן אַלס אָריגינאַל אין אייער קאָלעקציע?

— מירן זען. אפן „פלעצל" בין איך שוין אויך געווען.

— און וואָס האָט איר דאָרט געפונען?

— ניט קיין סך. אַף די יאַמקעס זיינען פאַראַן עטלעכע העברעאישע אויפשריפטן „כשר". עס שפּאַצירן אַרום יידן מיט פיינע בערד. צייטונגען מיט העברעאישע אותיות אין די ביכער־קראָמען. אַ בית־מדרש, וואָס זעט אויס אַ סך אַנדערש ווי די איזראַעליטישע סינאַגאָגע פון „קאָנסיסטואַר".

— איר זיינט געווען אַנטוישט, אמת? — האָט העלען אַ זאָג געטאָן מיט ערנסטן באַדויערן, ווי זי וואָלט געטראָגן די אחריות פאַר יענע יידן, וואָס האָבן נאָך בערד מיט העברעאישע אותיות און קענען ניט באַפרידיקן אַזאַ כמעט־גויה ווי זשיליעט באַר.

— ניין, איך האָב זיך אויסגעלערנט אין דער קונסט, זיך ניט צו אַנטוישן אַזוי גיך!

— וואָס הייסט?

— און דער קונסט איז פאַראַן אַ תהום צווישן די עלעמענטן און דער גאַנצקייט, צווישן די עלעמענטן און דער אידיי, וואָס ווערט אויסגעדריקט. אמת?

— קען זיין.

— ניט „קען זיין" נאָר זיכער! אָט נעמט וועלכן ניט איז בילד: וואָס זיינען די עלעמענטן? — אַ געמיש פון פאַרבן, לאָמיר זאָגן מאַנכעסמאָל אַ זייער געלונגענער געמיש, וואָס איז צעשמירט געוואָרן אַף אַ לייוונט. און דורך אַ מין צויבער, אַן אויגן־פאַרבלענדעניש, באַקומען מיר אַן אויסדרוק פון אַן אידיי, וואָס איז טיילמאָל אפילו שטאַרקער ווי באַם לעבעדיקן אָריגינאַל גופא. איר געדענקט אונדזער שמועס וועגן דער מאָנאַ ליזאַ?

— יאָ, איך געדענק. און איך פאַרשטיי אַ ביסל...

— וואָרט, לאָמיר נעמען אפילו אַ ראָמאַן! כ'וועל שוין נישט רעדן פון דעם „טויטן" עלעמענט ווי פּאַפּיר אָדער טינט. אָבער לאָמיר אָנקוקן דעם אינהאַלט: די געדאַנקען אין ראָמאַן זיינען זייער אומוויכטיק — דער

בינדעסטער פילאָזאָף אָדער סאָציאָלאָג זאָגט זיי ארויס אַ סך פּירצער, קלאָרער און שיינבאר ריכטיקער. וואָס שייך די באשרייבונג, זיינען יעדע פּאר זיך נישט דערהויבענער ווי די זאצן פון אַ שילער פון דריטן קלאַס גימנאזיע: „ער האָט איינגעשפּאנט דעם פערד אין וואָגן" אָדער „זיי האָבן זיך געקושט באַ דער שיין פון דער לבנה"... א. א. וו. און דאָך געלינגט דאָרט טיילמאָל ארויסצוציבערן אַ שלימותדיקערע אידיי פון אַן עפּאָפּע אָדער מענטשן, איידער דאָס קען באווייזן דער וויסנשאפטסמאן.

— יאָ, יאָ — האָט העלען צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— ווארט, איך וויל אייך גאָר זאָגן, מאדמואזעל, אַז טיילמאָל קענען אַלע עלעמענטן פון אַ קונסט־ווערק זיין פאַלש און דאָס גאנצע קען טראָג־דעם זאָגן אַ גרויסן אמת. צווישן די עלעמענטן און דער גאנצקייט ליגט דאָרט אַזאַ תהום ווי צווישן... דער טויטער מאטעריע און דער לעבעדי־קער... אָדער אפילו לעבעדיק־דענקענדיקער...

דאָס וואָסער אין אונטערשטן קיילעך האָט אָנגעהויבן קאָכן און איז דורכן רערל ארויפגעשטיגן אין אויבערשטן. זשיליעט האָט אויסגעלאָשן דעם אַלקאָהאָל־לעמפּל און געזאָגט:

— ס'איז אָנטקעגן דעם, וואָס איר האָט מיך געפרעגט, צי איך בין געווען אַנטוישט. פּונקט ווי באַ אַ קונסט־ווערק, אַזוי איז אויך שווער צו אַנטדעקן אין די איינצלנע עלעמענטן פון אַ פאָלק די אידיי פון גאנצן. אַזאַ אידיי איז אפשר גאָר אַן אילוזיע! אָבער אַזוינס איז זי אויך אין דער קונסט. און פּונקט ווי אין דער קונסט איז זי אויך דאָ רעאַליטעט.

זי האָט אריינגעגאָסן דעם קאַפע אין צוויי קליינינקע טעפּעלעך, האָט דערלאַנגט איינעם העלענען און אַ זופּ געטאָן פון אַ צווייטן:

— ניט צו שטארק, מאדמואזעל?

— ניין, איך האָב ליב שטארקן קאַפע.

— איז גוט. איבעריקנס האָב איך אָנגעהויבן אַ ביסל לערנען וועגן יידן. איר קענט העברעאיש?

— ניין. זשאַק, ס'הייסט מיין ברודער, האָט אַ ביסל געלערנט.

— און אייערע עלטערן ריידן ניט קיין העברעאיש צווישן זיך?

— ניין, יידיש.

— אה, יאָ, איך האָב פארגעסן! איך פארבייט עס שטענדיק... אַ שאָד, די יידן וואָלטן באדאַרפט ריידן העברעאיש! ס'איז אַן אַלטע שפּראַך מיט טיפע קולטור־וואָרצלען. איך האָב לעצטנס אָנגעהויבן אַ ביסל לער־

נען, כדי צו לייענען די ביבל אין אָריגינאַל...

— איר זיינט אַ ציוניסטן? — האָט נעפרעגט העלען, וואָס האָט אָפּן „פּלעצל" באַקומען אַן אָנונג וועגן יידישע פּאַרטייען.

— ניין. מיינע אַ באַקאַנטע, פּרוי שטערן, איז אַ סעקרעטאַרן פון אַ ציוניסטישן פרויען־פאַרבאַנד און זי האָט מיך געוואָלט ארייגציען אַהינצו. זיי זיינען מיר אָבער צו פאַרעלטערט: אַ געמיש פון נאַציאָנאַליזם און רוכאָ... די דאָזיקע אידייען האָבן בא די פראַנצויזן געהאַט אַן אומגאַנג מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק.

אַ ווײַלע האָבן זיי שווייגנדיק געטרונקען דעם קאַפע. זשיליעט האָט פאַרויכערט אַ צוויטן פּאַפּיראָס:

— אויסער דעם געפעלט מיר ניט זייער מאָלעריי. זיי ווילן באַאיינדרוקן מיטן אינהאַלט און זייער אינהאַלט איז אַן אידיליש־סענטימענטאַלער: פּאַלאַטקעס, פייפלעך, פּאַסטוכער... אכצנטער יאָרהונדערט! אַנדערע יידישע מאָלער געפעלן מיר אַ סך בעסער. איר קענט שאַגאַל, מאַדמואַזעל?

— איך האָב געזען זיינע אַן אויסשטעלונג: יידן מיט בערד פליען איבער די דעכער.

— איר געדענקט זיי נאָך, די אָריגינאַלן פון די דאָזיקע יידן?

— ווען איך בין אַוועקגעפאָרן פון דערהיים, בין איך נאָך געווען אַ קליינע, אָבער די בערד געדענק איך. אָפּן „פּלעצל" זיינען אויך פאַראַן עטלעכע יידן מיט בערד. אָבער אַף די דעכער זיינען זיי ניט דאַרטן געפלויגן און דאָ פליען זיי אוודאי ניט, ווייל די הייזער זיינען דאָ העכער. איר שטעלט זיך פאָר אַ ייד מיט אַ לאַנגער באָרד, וואָס פליט איבער דעם אייפעל־טורעם?

זשיליעט איז געווען לייכט באַליידיקט:

— איך האָב אייך גלייך געזאָגט, אַז שוין היינט וועט איר זיך אַליין אויסלערנען און מיר אָנהויבן געבן לעקציעס. אַזוי איז עס שטענדיק געווען מיט אייך!

— נו, וועל איך שוין גיין אהיים! — האָט זיך העלען אויפגעהויבן — איך בין שוין געזעסן צו לאַנג.

— קומט אריין אָפּט און אָן צערעמאָניעס!

דריטער קאַפּיטל

צומאָרגנס אינאָוונט איז זשאַק ניט געגאַנגען אַפּוואַרטן זשערמע־נען. ער איז געווען פאַרנומען אין אַ קליינעם „קרייז", וואָס האָט זיך פאַר־זאַמלט עטלעכע מאָל אַ וואָך און דיסקוטירט אַקטועלע, פּאָליטישע פראַגן. געהערט האָבן צום קרייז עטלעכע סטודענטן, אַ פּאָר לערער פון פאָלקס־שולן און אויך צוויי־דריי אַרבעטער פלעגן אים פון צייט צו צייט באַזוכן. די מייסטן פון זיי האָבן ניט געהערט צו קיין פּאַרטיי, אָבער אַלע זיינען זיי געווען אָריענטירט עקסטרעם־לינקס און האָבן ליידנשאַפטלעך נאָכ־געפאָלגט און זיך באַטייליקט אין דער פיבערהאַפטער, פּאָליטישער טע־טיקייט פון פּאַריז אין יענע הייסע טעג. זיי האָבן געהערט צו דער אַזוי גערופענער „פּעריפעריע", אין וועלכער פאַרשיידענע פּאַרטייען האָבן אריינ־געשיקט זייערע מענטשן, כדי צו געווינען נשמות פאַר זייער אידיי.

פאָרגעקומען איז די פאַרזאַמלונג אין אַ הינטערשטן זאַל פון אַ קליינעם „ביסטראָ" באַם פּלאַץ שאַטלע. שוין איבערטרעטנדיק דעם שוועל און גייענדיק צווישן די טישלעך פון פאָדערצימער, וואו דער בעל־הבית האָט סערווירט אַ פּאָר קליענטן, האָט זשאַק דערהערט עטלעכע זיך אמ־פּערנדיקע שטימען, וואָס זיינען דערגאַנגען פון הינטערשטן צימער, און פון וועלכע איינע, פיערס, איז אים געווען גוט באַקאַנט.

— יעדע מלחמה איז אימפּעריאַליסטיש! — האָט געזאָגט איין שטימע.

— אָבער מיר ווילן גראָדע פאַרמיידן דעם קריג! — האָט געענט־פערט אַ צווייטע און זשאַק האָט דערקענט, אַז דאָס רעדט פיער.

— פאַרמיידן די מלחמה מיט דער הילף פון אימפּעריאַליסטן? — האָט די ערשטע שטימע ניט נאָכגעגעבן.

— היינט גייט אונדז אין פּאַרטיידיקן די דעמאָקראַטיע! — האָט ווידער געטענהט פּיער.

זשאַק איז אַריבערגעטראָטן דעם שוועל פון צווייטן צימער. באַמערקנדיק אים, האָט פּיער געזאָגט:

— אָט איז זשאַק! וואָס מיינסטו, זשאַק, וועגן דער פראַגע?... מיר דיסקוטירן וועגן דער באַוואָפענונג פון פראַנקרייך, און וואָס פאַרא שטעלונג דער אַרבעטער־קלאַס דאַרף אָנעמען צו די קריגס־ביודזשעטן.

פּיער איז געזעסן בײַ אַ טישל, די פיס צעשפּרייט אויף אַ דאַנעבנדיקן שטול און האָט אויפמערקזאַם געדרייט אַ פּאַפּיראָס. ער איז געווען אַ הויכער, מאָגערער ברונעט פון אַ יאָר עטלעכע און צוואַנציק, האָט געטראָגן אַ בלויען אַרבעט־אַנצוג און אַ קאַשקעט אויפן קאָפּ. געאַרבעט האָט ער אין אַ מעטאַל־פאַבריק, נאָר אַזוי ווי ער האָט זיך צוליב זיין גראַדע געקויפטן ראַדיאָ־אַפּאַראַט אָנגעהויבן אינטערעסירן מיט ראַדיאָ־טעכניק, האָט ער איצט באַזוכט די קורסן פון „אַר'ז ע מעטיע" — אַ פרייע אוניווערזיטעט פאַר העכערער, טעכנישער בילדונג. טאַקע דאָרט האָט ער זיך באַקענט מיט דער „חברה אינטעליגענטן" און פלעגט באַזוכן זייערע דיסקוסיע־אָוונטן, הגם ער גופא האָט געהאַט אַ דעפינירטע, פּאַרטייאישע שטעלונג צו אַלע פּאָליטישע און אפילו ניט־פּאָליטישע פראַגן. זינט אַ לענגערער צייט איז ער פערזענלעך געווען באַפריינדעט מיט זשאַקן און זיך באַמיט אויסצוראָרצלען פון אים אַלע „רעשטלעך פון קליינבירגערלעכע אַנאַרכיסטישע שטימונגען, וואָס זיינען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דער אינטעלעקטועלער יוגנט"...

געדרייט האָט זיך די דיסקוסיע אַרום לעצטן מיליטערישן פּאַרטיידיקונגס־אָפּמאַך, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן צווישן פראַנקרייך און סאָוועט־רוסלאַנד. אין צוזאַמענהאַנג מיטן דאָזיקן אָפּמאַך האָבן די סאָוועטישע פירער דערקלערט, אַז פראַנקרייך דאַרף זיך באַוואָפענען און די פראַנצויזישע עקסטרעם־לינקע דעפּוטאַטן האָבן צום ערשטן מאָל געשטימט פאַר דעם קריגס־ביודזשעט.

געווען איז דער דאָזיקער יונגער עולם דורך און דורך פּאַציפיסטיש און געווען איז פאַר זיי דער פּאַציפיזם ניט נאָר אַ פראַגע פון פּאָליטישע איבערצייגונגען, נאָר אויך פון מאָראַלישער און פילאָזאָפישער וועלט־אַנשויאונג.

פּאָליטיש זיינען זיי געווען איבערצייגט, אַז זיי האָבן זיך דערגרונטעוועט צו די סיבות פון אַלע מלחמות פון אייביק אָן און טאַקע פאַר

אַלע אייביקייטן פאַראויס: יעדער קריג איז אַ פועל־יוצא פון דער קאָנקורענץ פון פאַרשידענע נאַציאָנאַלע קאַפּיטאַליזמען; די אימפּעריאַליסטן יאָגן זיך נאָך נייע מערק און, ניט קענענדיק פאַרטיילן צווישן זיך די וועלט, מוזן זיי פריער אָדער שפּעטער דערפירן צו אַ קריג, וואָס דעצידירט איבער דער חלוקה.

זשאַק און זיינע חברים האָבן זיך געגנוי פאַרגעשטעלט די איינמאָל פאַר אַלעמאָל פאַרטיילטע ראָלן פון דער דראַמע: די קאַנאָנען־הענדלער און פּעטראָל־מאַגנאַטן ציען די שטריקלעך הינטער די קוליסן, דעם פּשוטן פאָלק דערציילט מען שיינע רעדעס איבער פּאַטריאָטיזם און מען שיקט אים אונטער די קלאַנגען פון נאַציאָנאַלע הימנען פאַרפוילט צו ווערן אין די טראַנשייען.

שוועלבלעך אַף די דעכער האָבן אַראָפּגעשריען די דאָזיקע אמתן און זיי זיינען דערגאַנגען צו די קינדער אין די וויגן. יענע קאַנאָנען־הענדלער און פּעטראָל־מאַגנאַטן זיינען דער מאַסע ניט געווען באַקאַנט מיט זייער פלייש און בלוט — זיי זיינען דערהויבן געוואָרן צו אַ גייסטיקן פּרינציפּ, מיט וועלכן מען קען דערקלערן די וועלט, פּונקט ווי מען האָט זי אין מיטלאַלטער דערקלערט דורך דער פאַרפירערישער קראַפט פון שטן, וואָס האָט פאַראורזאַכט אַלדאָס בייז.

פאַרן שטן האָט מען, ווי באַקאַנט, זיך געמוזט שטאַרק היטן. ער האָט אָנגענומען די אומשולדיקסטע פאָרמען, האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ הייליקן און אָנגעשטעלט די פרומסטע פּנימער.

דעם דור פון זשאַקן איז דער פאַרגאַנגענער קריג פאָרגעקומען ווי אַ ריזן־שווינדל, ווי אַ ספּעקטאַקל פון אַפּנאַרעריי, אומזין און משוגעת. זיי זיינען אונטערגעוואַקסן ערשט שפּעטער, אָבער די פאָרשטעלונגען, וואָס זיי האָבן געהאַט פון יענעם אויסברוך, זיינען געווען בילדעריש־קלאָרע און אַנטשיידנדיקע: יונגעלייט אין מונדירן ציען דורך די גאַסן, די הייזער זיינען באַהאָנגען מיט פּענער, פרויען וואַרפן בלומען אַף די צוקונפטיקע העלדן, נאַאיווע שוטים אָדער גערונגענע פּאַסקודניאַקעס שרייען „הוראַ!” און פון ביידע זייטן גרענעץ ציען די אומשולדיקע יונגעלייט צו אַ קעגנזייטיקער שחיטה. אין הינטערלאַנד לעבט מען דערווייל אַ משונהנעם טאָג, מען מאַכט גוטע געשעפטן, מען לאָזט זיך וואוילגיין מיט די פרויען פון די העלדן; אין קאַבאַרעטן שרייבן פּיפּיקע זשורנאַליסטן ענטוזיאַסטישע אַרטיקלען איבער העראָאיזם און אומשטערבלעכן רום פון די געפאַלענע... דאַן ענדיקט זיך דער קריג, פון מעבר לים קומען די אַמערי־

קאנער און ארגענטינער, וואָס האָבן געליפערט אייזן און פלייש, און זיינען רייך געוואָרן, זיי באַזעצן די נאַכט־לאָקאַלן און קויפן קונסט־ווערק, און שיינע פרויען. און די אָרעמע העלדן ליגן אין דער ערד און פוילן ווי נאַראָנים...

די נאָכקריגס־גענעראַציע איז אפשר אַמייסטנס געוועזן אויפגע־בראַכט קעגן דאָזיקן „שטאַרבן ווי נאַראָנים". די ליטעראַטור האָט איראָ־ניזירט דעם פון תמיד פאַרהערלעכטן העלדן־טויט און אויסגעלאַכט דעם אויסדרוק „געפאַלן אַף די פעלדער פון כבוד" ווי מען האָט אָנגערופן די שלאַכטפעלדער. די יונגע האָבן געהאַלטן די דאָזיקע באַגריפן פאַר שטיק־לעך פעט, וואָס מען לייגט אריין אין די פּאַסטקעס, כדי אַריינצונאַרן די מייז. און זיי האָבן באַשלאָסן זיך קיינמאָל ניט לאָזן פאַרנעפּלען דעם געדאַנק דורך קריגס־פּראָפּאַגאַנדע, מעג דער שטן זיך שטעלן אַפן קאָפּ און מאַכן די פרומסטע מינע!...

די יוגנט האָט געזען אין אַנטי־מלחמה־גייסט אַן אַבסאָלוטן פּרינ־ציפּ. אין יענע יאָרן האָט זיך דער אַבסטראַקטער פּרינציפּ צוזאַמענגע־שטויסן צום ערשטן מאָל מיט דער ווירקלעכקייט. מען וועט, הייסט עס, דאַרפן גיין אין קריג, אין אַ סתם־בירגערלעכן קריג, און נאָך מיט ענ־טוזיאַזם דערצו?

פּיער האָט גערעדט קורץ און איבערגעחזרט עטלעכע מאָל דעם זעלבן געדאַנק: אַצינד האַנדלט עס זיך אין פאַרטיידיקן די דעמאָקראַטישע פרייהייטן קעגן פאַשיזם, וואָס באַדראָט די גאַנצע וועלט. דער צווייטער חברה־מאַן, וואָס זשאַק האָט געקענט פון לאַטייניש קוואַרטאַל, האָט ניט נאָכגעגעבן:

— שטענדיק האָבן זיי אויסגעקלערט, פאַרוואָס אונדז צו שיקן אין מלחמה. די פון 1914־1918 האָבן אויך געמיינט, אַז זיי גייען זיך שלאָגן פאַר גרויסע אידעאַלן!... ערשט ווען די לייז האָבן איינעם געפרעסן אין די טראַנשייען, האָט מען זיך אַרומגעזען, אַז מען קעמפט פאַרן זעלבן טייוול. און דערנאָך האָבן איינעם געגעסן די ווערים און ס'איז געווען צו שפּעט.

זשאַק איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ און צוגעהערט. פאַר די אויגן האָט ער געזען די דעמאָנסטראַציעס אין די לעצטע יאָרן: אין דער שפּיץ האָבן תמיד מאַרשירט די אינוואַלידן: אָן פיס, אָן הענט, בלינדע, האַלב־פאַראַליזירטע אַף וועגעלעך. זיי האָבן ווי געוואָרנט מיט זייערע מומים דעם יונגן דור, ער זאָל זיך נאָכאַמאָל ניט לאָזן פאַרפירן.

הינטער זיי האָבן מאַרשירט מוטערס. זייערע פּנימער, זייערע אויגן און צעעפנטע מיילער האָבן געשריען:

— מער קיינמאָל ניט! מיר וועלן קיינמאָל מער ניט אָפּגעבן אונ־דזערע קינדער דעם מולך!

ער האָט עטלעכע מאָל גענומען אַ וואָרט אין דער דיסקוסיע. אין תּוך איז ער מסכּים געווען מיט פּיערן, ער האָט נאָר געקענט בעסער אַר־גומענטירן. דער עולם האָט אים אויסגעהערט — מען האָט פון אים גע־האַלטן אין דאָזיקן קרייז און מען האָט געזאָגט, אַז ער האָט געלייענט מאַרקסן אין אָריגינאַל. די מייסטן פון די חברה האָבן נאָר געלייענט בראַשורן אָדער געהערט רעדעס אויף מיטינגען.

ער האָט זיך געפילט אָפּגעפרישט ווי נאָך אַ קאַלטן דוש. נאָר עט־לעכע מאָל האָט ער זיך אינמיטן דערמאָנט אָן זשערמענען און זיך פאַר־טומלט אין מיטן אַרויסגעזאָגטן געדאַנק. די באַהאַנדלטע ענינים האָבן געהאַט אַ היסטאָרישע וועלט־וויכטיקייט און זשערמען האָט אין זיינע אויגן פאַרלאָרן די ווייטיקדיקע חשיבות. אַרויסגייענדיק פון דער פאַר־זאַמלונג, האָט ער זיך געפילט ווי דערלייזט פון אַ קליינלעכן ציין־ווייטיק, וואָס קאָן איינעם פּעסימיסטיש מאַכן אין מיטן אַ העלן פרילינג־טאָג.

פּיער האָט אים גענומען אונטערן אָרעם:

— מע׳ט מאַכן אַ קליינעם שפּאַציר?

— קום!

— מע׳ט צוגיין צו די בולוואַרן עפּעס אויסטרינקען.

שוין אַ שטיקל צייט ווי זיי זיינען געווען גוטע פריינט. זשאַק האָט אימפּאָנירט פּיערס פּשוטקייט: ער האָט געאַרבעט ווי אַן אמתער פּראָלעטאַריער אין דער שווער־אינדוסטריע, ער האָט געטראָגן שטענדיק זיין בלויען אַרבעט־אַנצוג, ער איז געווען אין דער „ליניע", האָט געגלויבט אין דער רעוואָלוציע און זיך ניט געחקרנט צופיל. אין זשאַקס אויגן האָט פּיער פאַרגעשטעלט דעם וועלט־פּראָלעטאַריאַט, פאַר וועלכן ער האָט — פילנדיק זיך גופא אַלס קליינבירגער — געהאַט גרויס דרך־ארץ.

פּיערן האָט אימפּאָנירט זשאַקס וויסן, בפרט וואָס יענער האָט טראָצדעם געהאַט ווייניק „קליינבירגערלעכע־אַנאַרכיסטישע" שטימונגען. אין תּוך זיינען זיי כמעט שטענדיק מסכּים געווען. זשאַק האָט נאָר איבער־לייגט און אריינגעקלערט, אָבער געקומען איז ער תּמיד צו די זעלבע מסקנות, וואָס זיין חבר האָט אָנגענומען ווי אַ גלויבן. זיין דענקען איז ענלעך געווען צום דענקען פון די טעאָלאָגן: זיי באַנוצן זיך מיט אים אויף

צו באווייזן אַן אמת, זיי ווע̇לן אָבער קיינמאָל ניט אוועקלערנקען אזוי ווייט, אַז עס זאָל צעשטערן דעם דאָזיקן אמת.

לענגאוים דעם סעבאַסטאָפּאָל־בולוואַר, איבער וועלכן זיי האָבן געשפּאַנט, זיינען זיי עטלעכע מאָל פאַרהאַלטן געוואָרן דורך גאַסן־פּרויען, וואָס האָבן זיי צוגעזאָגט צערטלעכקייטן. זעענדיק, אַז די יונגע חברה גייען ווייטער, האָבן זיי נאָכגערופן:

— איר צאָלט כאָטש אַ גלאָז?

— גיסט כאָטש אַ פּאַפּיראָס?

זשאַק האָט זיך דערמאָנט אָן זיין לעצטע טרעפונג מיט זשערמענען און אַ זאָג געטאָן:

— צום טייוול מיט די פרויען!

— ביסט לעצטנס נערוועז — האָט פּיער אַ שמייכל געטאָן — אַ מיידל, וואָס?

זשאַק איז געווען צופרידן זיך אַראָפּצוריידן אַ ביסל פון האַרצן. אמת, דווקא פאַר פּיערן האָט ער זיך אַ ביסל זשענירט, אָבער דער פּשוטער פּיער וועט אויך אַמבעסטן אורטיילן אין אַזאַ ענין. ער האָט געענטפערט:

— יאָ!

— און פאַרוואָס ביסטו נערוועז? עס גייט ניט גוט?

— אָט אַזוי. דו קענסט דאָך די מיידלעך...

— צוליב אַ מיידל דאַרף מען זיך ניט נעמען צום האַרצן. מען באַדאַרף נעמען די פרוי!

— און אַז זי וויל ניט? — פאַרענטפערט זיך שעמעוודיק זשאַק.

— רעדסט נאַרישקייטן! וואָס הייסט, זי וויל ניט? איך וואָלט דיר געוויזן ווי זיך אָן עצה צו געבן מיט אַזאַ איינער!

זיי ריידן זיך אָפּ טרעפן צומאָרגנס אָוונט און זשאַק איז צופרידן, וואָס ער וועט נאָך אָן אָוונט ניט טרעפן דאָס מיידל. ער גייט מיט פּיערן אויף אַ מיטינג פון צוואַנציקסטן אַראָנדיסמאַן, און דערנאָך גייען זיי אין אַ ביסטראָ. דער עולם שמועסט פּאָליטיק, וועגן די לעצטע שטרייקן, וואָס ברייטערן זיך אויס און כאַפּן אַרום אַלע אינדוסטריע־צענטערן. ווער ווייסט, אפשר וועט עס דערגיין צו אַ רעוואָלוציע?

פרייטיק אָוונט איז ער ווידער געגאַנגען טרעפן זשערמענען. דאָס מאָל איז ער פעסטער און זיכערער באַ זיך. זיין גאַנץ לעבן איז ניט קאָנצענטרירט אויף איר באַנעמען! ער קלערט, אַז זי וועט זיין בייז, הלמאַי

ער איז עטלעכע טעג ניט געקומען. אָבער זשערמען פֿלאָפּלט װעגן די נייעסן פֿון מאַגאַזין און װען זיי געזעגענען זיך זאָגט זי:

— מאָרגן איז שבת און מיר ענדיקן פֿריער די אַרבעט. קום אַ ביסל פֿריער, אויב דו װילסט!

און צומאָרגנס, װען ער טרעפֿט זי באַם אָפּגערעדטן פּלאַץ, זאָגט זי:

— אויב דו װילסט ערגעץ פֿאָרן מיט מיר, איז היינט האָבן מיר צייט.

זשאַקס בענקשאַפֿט, װאָס ער האָט געװאָלט אונטערדריקן, רייסט זיך אַף מיטאַמאָל. צום טייװל, פֿאַרװאָס קען זי אַלץ דערליידיקן אַזוי איינ־פֿאַך? זי רעדט כּמעט גלייכגילטיק און ער? — ער װאַקלט כּסדר צװישן אַ טראַגעדיע און אַ ברױזנדיקער פֿרייד! אַ קוים באַמערקבאַרער שמייכל לויפֿט אַדורך די װינקלען פֿון אירע ליפּן װען זי חזרט איבער:

— נו, מיר פֿאָרן?

װען זיי קומען אין האָטעל, שעמט זיך זשאַק אַ ביסל פֿאַרן בעל־הבית. ער שעמט זיך ניט אַזוי צוליב זיך װי צוליב זשערמענען. ער קען אים דעם בעל־הבית, אַ נידעריקן מיטליעריקן פֿראַנצויז, װאָס האָט אויס־מעבלירט אין זיין אָרנטלעכן האָטעל צװיי צימערן, פֿאַרדינגט זיי צו פֿאַר־ליבטע פּאָרלעך, און קימערט זיך ניט װעגן די געסט. אָבער דאָסמאָל זעט עס אים אויס װי אַ חלול הקודש, װאָס אַ פֿרעמדער מענטש באַגלייט זיי אַף די טרעפּ, שליסט אָפּ דאָס צימער פֿון זייער ערשטער ליבע און נעמט פֿאַרן אװעקגיין די עטלעכע פֿראַנק אַף פֿאַראויס.

זשערמען איז אַרױפֿגעשטיגן לייכט און גלייכגילטיק אַף די טרעפּ. זי האָט אַפֿילו ניט אָפּגעדרייט דעם קאָפּ פֿון בעל־הבית׳ס בליק. אין צי־מער גופֿא האָט זי מיט אַ מינע פֿון אַ מבין באַטראַכט, צי דער מאַטראַץ איז װייך און צי דאָס בעט־באַצוג איז פֿריש געװאַשן. דערנאָך האָט זי אַ קוק געטאָן, צי עס פֿליסט טאַקע װאַרעם װאַסער פֿון קראַן.

* * *

זיי האָבן זיך דאָרט געטראָפֿן פֿון צייט צו צייט. זשערמענס נאַ־טירלעכקייט און זעלבסטפֿאַרשטענדלעכקייט, װאָס זיינען באַגלייט געװען מיט אַ טיפֿן חוש פֿאַר געניסן, האָבן פֿאַרכאַפּט זשאַקן. ס׳האָט זיך אים אויסגעדאַכט װי זי װאָלט איבערגעגאַנגען פֿון אַ קלאָרער ניכטערקייט צו אַ שאַרפֿן, פֿיזישן אויפֿברויז פֿון אינסטינקטן, װאָס איז ניט געשטערט געװאָרן דורך קיין שום גייסטיקע העמונגען אָדער צוימענדיקע פֿאָר־אורטיילן. קיין שום טייל פֿון איר קערפּער איז איר ניט דערשינען בחזקת

ערוה און קיין שום פארגעניגן איז איר ניט דערשינען ווי א פארבאטענע פרוכט.

אומגעצווימט אז: ראפינירט, האט זי זיך באמיט צו שטייגערן איר גענוס, און פיזיש־פארשיכורט האט זי אים דערקלערט אירע פארלאנגען מיט קלארע ווערטער, ניט ארויסווייזנדיק קיין סימן פון צניעותדיקער בושה, אפווארטנדיקער צוריקגעהאלטנקייט אדער פרואישער פאסיווקייט.

זשאקן האט אמייסטן אימפאנירט, וואס אין איר באנעמען איז ניט געווען קיין שפור פון אויסגעלאסנקייט, אפילו ניט פון פארפירעריש־קייט. זי האט אים אויסגעזען אינגאנצן באפרייט פון באגריף זינד לגבי זייערע באציאונגען און ממילא זיינען אפגעפאלן די קעגנזעצלעכע, אור־טיילנדיקע באגריפן פון צניעותדיקייט און פארשייטקייט. זי איז געווען נאטירלעך און אין דער נאטור גופא זיינען פאראן נאר טאטזאכן, אבער ניט קיין ווערט־אורטיילן.

זי איז אויך געווען באפרייט פון שעמעוודיקייט און אויסגעטאן פון יעטוועדן מיסטעריע־שלייער. זי האט געוואוסט, אז איר קערפער איז ניט געבארעמט און זי האט ליב געהאט זיך צו ווייזן אין א נאקעטקייט, וואס זעטיקט די אויגן מיט איר שיינקייט און וועקט די חושים מיט איר רייץ. זי האט ניט פארשטאנען, הלמאי זשאק האט, בעת דער ערשטער טרעפונג זייערער, געוואלט אויסלעשן דאס ליכט און אים דערפאר א זאג געטאן:

— ביסט א נאריש ייִנגל!

פאר זשאקס אויגן האט איר באנעמען ווי אויפגעהויבן א שלייער און געוועקט אסאציאציעס מיט א פרעמדער וועלט און פרעמדער קולטור. ער האט אנגעשלאסן זשערמענס אויפירונג אן קינדער־פארשטעלונגען, וואס האבן זיך איינגעקריצט אין זיין זכרון — פארשטעלונגען, אין וועלכע עראס און זינד זיינען געווען ענג פארקניפט און צוזאמענגעמישט. פון דאן זיינען אוועק א סך יארן, אבער די ערשטע קינדער־איינדרוקן זיינען פאר־בליבן. דער נזירותדיקער גייסט פון מדבר האט געפירט א כסדרדיקן גע־ראנגל מיט די געטער פון די וויינגערטנער פון לאנד כנען, וואס האבן סימבאליזירט די אייביקע באפרוכפערונג אין דער נאטור. די פויערים פון כנען האבן כסדר פארגעסן דעם אייביקן, גייסטיקן גאט פון די הימלען, האבן געטרונקען וויין, געדינט צו דער ערדישער, שיינער עשתורת און זיינען ארומגעלעגן מיט פרעמדע ווייבער אונטער יעדן הויכן בוים און אף יעדן גרינעם בערגל. זיי זיינען געווען זינדיקע און זייערע געטער האבן געהייסן עבודה זרה — א „פרעמדע דינסט".

שפּעטער איז צווישן צוריקגעהאַלטענעם עלטערן־הויז און דער פרעמ־דער וועלט פון דעם גלאַנציק־זינדיקן פּאַריז פון די ראָמאַנען געלעגן דער זעלבער תהום.

זשערמען האָט ערגעץ ווי געהערט צו יענע פרעמדע וועלטן און פּאַרקערפּערט יענע קולטורן, וואָס האָבן פאַרוואַנדלט זינד אין אַ גאָטעס־דינסט. קוקנדיק אָף איר, ווען זי איז מאַיעסטעטיש־שלאַנק געשטאַנען אַ נאַקעטע אינמיטן צימער, די אָרעמס געקרייצט איבער אירע פאַרשפּיצטע, געפאָרעמטע בריסטן, דער שויס, אונטערן רונדיק־מוסקולירטן, ווייסן בויך, באַשאָטנט ווי מיט אַ לייכטן רעטוש, האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער האָט זי שוין ערגעץ וואו, מיט יאָרן צוריק, געהאַט געזען. און אפשר האָט ער זי זיך שוין אַזוי געהאַט פאָרגעשטעלט אין זיין פאַנטאַזיע, לערנענדיק וועגן יענער געטן, וואָס האָט גלייכצייטיק סימבאָליזירט די אייביקע, ערדישע פּרוכטבאַרקייט אין דער נאַטור און דעם אויפשימע־רירנדיקן רייץ פון דער זינדיקער, פאַרפירערישער ליבע, וואָס אין אירע וועגן טאָר מען ניט גיין און פון אירע שטעגן דאַרף מען זיך אָפּקערן.

ער האָט קיינמאָל ניט געטראַכט וועגן די דאָזיקע פאַרבאָרגענע פעדים, וואָס האָבן אים געצויגן צו זשערמענען. ווען אַ שטראַל פון דאָ־זיקן געדאַנק פלעגט דורכשעמערירן אין זיין מוח, פלעגט ער זיך פאַר־וואונדערט פרעגן: זשערמען אַ פאַרשטייערן פון דער ארומיקער קולטור?... זי האָט דאָך אפילו ניט געקענט שרייבן קיין פראַנצויזיש אָן גרייזן! זי האָט זיך באַנוגנט מיט בילדער פון ביליקע זשורנאַלן, וואָס זיינען פאַר־קויפט געוואָרן פאַרן „פאָלק" אָף די בולווארן, אינדערצייט ווען זיין שוועסטער, העלען, איז פול געווען אָף אַלע בילדער־אויסשטעלונגען און איר קאָפּ איז פול געווען מיט דער געשיכטע פון די פאַרשידנסטע אַרכי־טעקטור־סטילן...

און דאָך האָט זייער פאַרבינדונג פאַרמאָגט אויך די דאָזיקע, קוים באַמערקבאַרע שפּינוועבס־פעדים. ס'איז אים פאַרגעקומען, ווי זי וואָלט פאַר אים געעפנט אַ געהיימען טויער צו די אינטימע אָנגעלעגנהייטן פון דער ארומיקער וועלט, וואָס ווערן ניט ארויסגערעדט אָפן קול און ניט אויסגעדריקט אין ביכער. זי האָט פאָרגעשטעלט לכל הפחות די רעאַליזי־רונג פון אָן איינגעדרימלטן וואונטש־טרוים, וואָס איז אויפגעגאַנגען אין אים דאָן, ווען ער האָט נאָך געוואוינט אַלס יונגער ייִנגל אָפן „פּלעצל", און אָנגעהויבן פילן, אַז ער איז אַנדערש, אַז דעם טאַטנס שטוב שטייט ניט מיט ביידע פיס אין דער דאָזיקער שטאָט און אַז ער מוז אָף פאַרשידענע

אופנים זוכן א „בילעט ד׳אנטרעי״, אן איינטריטס־קארטע, כדי איבער־צושפאנען דעם גרענעץ און געפינען דעם ריכטיקן אנשלוס אן דער ארו־מיקער וועלט מיט אלע אירע ניואנסן און אינטימקייטן.

געשטעלט האבן זיך פאר אים די דאזיקע פראגן, הגם ער איז זייער יונג, אלס דריי־יעריקער קינד, געבראכט געווארן קיין פאריז, איז דא אויסגעוואקסן, געאטעמט די היגע לופט און איינגעזאפט די היגע אידייען און האט געירשנט נאר שיריים פון דער אלטער תורה פון זיינע אבות, בעת דעם קורצן באזוך אין א יידישער חדר־שולע אפן פלעצל. שוין אין דער פראנצויזישער פאלקס־שולע, בשכנות פון „פלעצל״, איז ער געווען איינער פון די בעסטע שילער. די לערערן האט געלויבט זיין סטיל אין פראנצויזיש און זיינע זעלבסטשטענדיקע אידייען אין די קאמפאזיציעס. געלערנט האבן דארט נאר קינדער פון פאלק, קינדער פון ארבעטער, בעלי מלאכות און קרעמערלעך. אלעמענס היימען זיינען געווען גלייך ענג, חברה קליינווארג האט געשפילט אין די געסלעך און געהערט דעם יעניקן, וואס האט געמאכט אמייסטן שמד שטיק. מען האט ליב געהאט זשאקן פאר זיין זינגען פאלקס־לידער און באריםטע שלאגערס. דער קווארטאל, איבער וועלכן זיי זיינען ארומגעלאפן, איז געווען זיינער ווי יעדן איינעמס.

אבער שוין אין „ליסיי״, וואוהין ער איז אוועק מיט 13 יאר, איז דער גלייכגעוויכט צעשטערט געווארן. ס׳איז געווען איינע פון די צענט־ראלע מיטל־שולן פון דער הויפטשטאט און עס זיינען דארט געקומען צום ערשטן שול־יאר תלמידים פון פארשידענע פאלקס־שולן און פריוואטע שולן. עס זיינען געקומען די בעסטע קינדער, וואס האבן געהאט זייערע באשטימטע, דערארבערטע פלעצער און פאזיציעס אין די פריערדיקע לערן־אנשטאלטן. עס זיינען געשלאסן געווארן די ערשטע באקאנטשאפטן און ס׳האט זיך אנגעהויבן א שטילער געראנגל פאר דעראבערן פלעצער אין דער נייער סביבה. מען האט זיך תחילת אנגעקוקט און באטראכט ווי אין א פארשפיל פון א שווערד־געפעכט, וועז די קעגנער פרובירן תחילת אויס זייערע כלי־זין מיט א קלינג און קלאנג פון לייכטע קלעפ.

זשאק איז אין די קומענדיקע חדשים און יארן געווען איינער פון די בעסטע. ער האט זיך אויסגעצייכנט גראדע אין פראנצויזישער ליטע־ראטור, אין אינטערפרעטירן אלע טעקסטן — לידער פון די פראוואנ־סאלע טרובאדורן אדער מיטלאלטערלעכע כראניקעס — און דער לערער האט געלויבט זיין ארבעט איבער דער „שאנסאן דע ראלאן״, וואס האט באזונגען דעם הערנאישן גייסט פון די פארצייטיקע ריטער.

אין ליסיי־קלאַס האָבן מיט זשאַקן געלערנט אַ סך ווייניקער קינ־דער פון פּאָלק. די מייסטן האָבן געשטאַמט פון בירגערלעכע הייזער און געווען זיינען אויך זין פון בכבודיקע משפחות, אַזעלכע וואָס האָבן געצויגן זייער אַדעליקן יחוס פון אַלטע צייטן און אַזעלכע וואָס האָבן געהערט ריידן אין שטוב וועגן טראַדיציאָנעל־קריסטלעכן גייסט פון פראַנקרייך. און פאַרוואָס זאָל דווקא דער „פרעמדער" זשאַק אַזוי גוט פאַרשטיין אין דערקלערן דעם גייסט פון די טרובאַדורן? צום ערשטן מאָל האָט ער גע־הערט הינטער זיינע פּלייצעס דעם איראָנישן אויסדרוק „לע פּעטי זשוויף פּאָלאָנע" — דער קליינער, פּוילישער ייד.

ער האָט געהייסן פּאָקאָלאָווסקי און אַלע האָבן געוואוסט, אַז זיין טאַטע שטאַמט פון פּוילן. אין די העכערע קלאַסן האָבן אויך אַלע גע־וואוסט, אַז ער איז אַ ייד, הגם אין רעגיסטער פון דער שולע איז ניט געווען קיין רובריק „רעליגיע" און אויך זיינע חברים האָבן וועגן דעם ניט גערעדט. גראַדע דאָס, וואָס גוטע חברים האָבן עס אים קיינמאָל ניט דערמאָנט, איז אים געווען אַזוי אויפּאַלנד. ס'איז געווען אַזוי ווי מען דערמאָנט ניט אַ הינקענדיקן, אַז ער האָט אַ קאַליקע פוס. העפלעכע מענטשן טוען עס ניט, אַלע ווייסן, אַז קיינער איז ניט שולדיק אין דעם, וואָס מען האָט אַ קאַליקע פוס, אָבער דער מום בלייבט פאָרט אַ מום!

אפילו מיט די יידישע חברים, וואָס זיינען געגאַנגען אין זעלבן קלאַס, האָט ער וועגן דעם ניט גערעדט. די האַרט־הויטיקע צווישן זיי האָבן דעם גאַנצן ענין ניט געפילט און די אַנדערע האָבן אפילו אויסגעמיטן זיך צו טרעפן צווישן זיך, טאַקע דערפאַר, וואָס זיי זיינען אַלע געווען יידן. די מער עמפּינדלעכע צווישן זיי האָבן אַנגעהויבן, ווי געוויינלעך אין אַזעלכע פאַלן, אַנטוויקלען אין זיך אַ פאַרבאָרגענע שטאָלץ מיט זייער אָפּשטאַמונג, כדי אַזוי אַרום קעגנצואַווירקן דעם געפיל פון מינדערווער־טיקייט. אָבער כמעט קיינער פון זיי — און זשאַק בתוכם — האָבן ניט געוואוסט גענוי, מיט וואָס אַזוינס זיי האָבן צו שטאָלצירן.

ער איז געווען איבערשפּיצט־עמפּינדלעך, ווען ס'איז אויסגעקומען צו ריידן וועגן יידן, ווען ס'איז דערמאָנט געוואָרן צו גוטן אָדער בייזן דער נאָמען „ייד". ער האָט זיך לאַנג ניט געקענט אַנטשיידן, צי ער זאָל זאָגן פראַנקט און פּשוט „זשוויף" אָדער „איזראַעליט", ווי די קינדער פון די אַלטגעזעסענע, יידיש־פראַנצויזישע משפחות האָבן זיך אויסגעדריקט. אַפילו אַזאַ קלייניקייט איז אויסגעוואַקסן צו אַ פּראָבלעם. און יעדעס מאָל, ווען ער האָט אַנגעטראָפן אַ יידישן העלד אין אַ בוך, האָט ער אַנגעשפּיצט

די אויערן און מיט נייגעריקייט, מיט הארצקלאפעניש במעט, אפגעווארט, וואס אזוינס דער אויטאר וועט זאגן און ווי ער וועט דעם דאזיקן העלד מאלן, פונקט ווי ער, זשאק, וואלט דא געווען פאראנטווארטלעך פאר די מעשים און פיזיאנאמיעס פון אלע יידישע העלדן פון דער גאנצער וועלט־ליטעראטור.

איינמאל איז ער שטארק באאיינדרוקט געווארן פון אן אפזאץ אין א בוך פון אנאטאל פראנסן, אין דער „היינטצייטיקער געשיכטע", — א היסטארישער ראמאן פון די צייטן פון דרייפוס־פראצעס. פראנס האט דארט געמאלט מיט א סך חוזק און איראניע אן עובר בטלדיקן, קאנסער־וואטיוון גענעראל, וואס האט געשטאמט פון אדל. און אט באקומט דער חשובער אדעליקער א מתנה, א לייכטער מיט בריליאנטן, פאר זיין פריי־וואטער הויז־קירכע פון א משומדתטע, וואס איז פארליבט אין א צעיי־שעטן אנטיסעמיט. ער וויל ניט אנעמען קיין מתנה פאר זיין קירכע פון א „יידענע", קען אבער ניט ביישטיין דעם נסיון קעגן אזא קאסטבארער כלי און אויפהענגענדיק דעם לייכטער אין זיין קירכע, זאגט ער:

— פארוואס מוזן זיי, די גע'שמד'טע יידן, זיך דוקא שטופן אפן אויבנאן פון אונדזערע קירכעס?

און זשאק האט זיך מיט דערשטוינען געכאפט, אז דער אלטער, עובר־בטלדיקער גענעראל איז אים, אין דעם פאל, נאך סימפאטישער ווי יענע משומדתטע...

פארוואס איז זי אים אזוי אנטיפאטיש? אין זיין פאנטאזיע איז זי אים פארגעקומען ווי יענער באגריף פון מאקסימום, וועגן וועלכן ער האט גראדע געלערנט אין דער אנאליטישער אלגעברע. דער מאקסימום איז דארט געווען א גרענעץ, וואס האט אנגעוויזן די ריכטונג, אין וועלכער עס האבן זיך באוועגט אן א שיעור צאלן פון קלענערער גרוים, אבער פון דער זעלבער קאטעגאריע. איז די דאזיקע פרוי אויך געווען אזא מין גרעי־נעץ? זיינען די אנדערע, וואס האבן זיך באוועגט אין דער זעלבער ריכ־טונג געווען פון דער זעלבער קאטעגאריע?

אבער ער, זשאק, איז דאך א פראנצויז! ער איז דא אויפגעוואקסן, ער וויל דא לעבן, שלאגן ווארצלען און זיין מיט לייטן גלייך? פארוואס זאל עס דען זיין אומסימפאטיש?

ער איז געשטאנען גאנץ אליין קעגנאיבער די דאזיקע פראגן. מיט וועי־מען וואלט ער געקענט שמועסן וועגן דעם? — מיטן טאטן? — דער טא־

טע איז געווען פֿאַרטאָן אין פּראַקטישע, טאָג־טעגלעכע ענינים, און אַזעל־כע געדאַנקען װעלן אודאי קלינגען װי פּוסטע, בטלנישע רייד אין זײַנע אויערן. און אויב דער טאַטע איז יאָ אויפֿגעטרייסלט געוואָרן אין דער לעצטער צײַט, האָט ער גערעדט װעגן „אונדזערע אָבות", װעגן „אונדזער מאַרטיראָלאָגיע" און װעגן „אונדזער געשיכטע". דערמיט האָט ער ניט געמיינט די געשיכטע פֿון פֿראַנקרייך. די לידער פֿון די טרובאַדורן פֿון פּראָוואַנס און דער גייסט פֿון די ריטער פֿון „שאַנסאָן דע ראָלאָן" זײַנען אים געווען לחלוטין פֿרעמד. און װאָס װעט ער זאָגן זײַן זון?

די מאַמע, ווידער, איז געווען פֿאַרליבט אין זון און זשאַק האָט גע־פֿילט, װאָס פֿאַראַ גרויסע האָפֿענונגען זי לייגט אױף אים. ער װעט האָבן אַ גרויסן נאָמען און דוקא אין דער אַרומיקער גויאישער װעלט! ניטאָ דען קיין באַרימטע יידישע אַדוואָקאַטן אין פּאַריז? גראַדע זי, װאָס האָט אָפּ־געלעבט אַ האַלב לעבן אין אַ ריין יידישער סביבה, האָט איצט באַוואוני־דערט די „פֿראַנצוויזירונג" פֿון איר זון און װאָלט זיך בשום אופֿן ניט גע־קענט פֿאָרשטעלן, אַז ער קען אָנטרעפֿן װעלכע ניט איז גייסטיקע שוועַ־ריקייטן אין דער װעלט, אין װעלכער ער האָט זיך געפֿילט װי אַ בן־בית.

און די שוועסטער? זי איז געווען פֿאַרטאָן אין װערן װאָס מער פּאַ־ריזעריש. אונטער דעם אויסערלעכן גלאַנץ פֿון דערפֿאָלגן האָט זי אפֿשר אויך דאָ און דאָרטן ערלעבט אַנטוישונגען; ברודער און שוועסטער װאָלטן עס אָבער בשום אופֿן ניט מודה געווען איינער פֿאַרן צווייטן. אויסער דעם װאָלט אַזאַ געשפּרעך צווישן זיי אויסגעזען שטאַרק אומלאָיאַל — עס װאָלט אויסגעזען װי אַ פֿאַרשווערונג, װען ברודער און שוועסטער זעצן זיך אַװעק און באַטראַכטן אַ פּלאַן װי אַמבעסטן צו אַנטלויפֿן פֿון טאַטנס שטוב.

אחוץ דעם זײַנען עס אַלץ געווען געפֿילן, װאָס ער װאָלט סיי װי ניט געקענט אַרויסבריינגען פֿון מויל. ס'איז געווען װי אַ שפּינוועבס, װי אַ פּרוכנע האַלץ, װאָס צעפֿאַלט זיך, װען מען רירט זיך צו דעם צו. מיטן טרוקענעם שכל װאָלט ער די דאָזיקע ענינים ניט געקענט דערקלערן.

ער האָט זיך דערפֿילט דערלייזט, װען ער האָט געפֿונען אַ פֿול־שטענדיקן אָנשלוס צו דער אַרומיקער געזעלשאַפֿט אױפֿן װעג צום „לינקן פֿליגל". דאָרט האָט מען אים ניט געפֿרעגט קיין יחוס־בריוו און ניט פֿאַרלאַנגט, אַז אין זײַנע אָדערן זאָל פֿליסן בלוט פֿון אוראַלטע תושבים און דעראָבערער פֿון לאַנד. דער דאָזיקער װעג האָט אויך אויסגעזען אַ סך

בכבודיקער ווי סתם אסימילאַציע אָדער שמד, עס האָט אויסגעזען ווי אַ פּשרה: איר זאָגט זיך אָפּ פון אייער גאָט און איך זאָג זיך אָפּ פון מיי־נעם, און מיר שליסן זיך אָן אַ נייער אמונה.

דער וועג אַף לינקס האָט מיטאַמאָל געלייזט ביידע שוועריקייטן: ער האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט צו ווערן אַן „אמתדיקער פּראַנצויז" און האָט געשטילט די געוויסנסביסן פון איינעם, וואָס לויפט אַריבער פון לאַ־גער פון די שוואַכע צום לאַגער פון די שטאַרקע. דער נייער אידעאַל האָט דאָך געעפנט ברייטערע האָריזאָנטן און געשטרעבט צו דער באַפרייאונג פון אַלע שוואַכע און אונטערדריקטע פון דער גאַנצער מענטשהייט. ער האָט דעריבער ניט געפּלאָגט דעם געוויסן ווי דעזערציע, נאָר פאַרקערט — געגלעט מיט זיין דערהויבנקייט און ברייטהאַרציקייט.

„רעכטס" אָדער „לינקס" זיינען, אַזוי אַרום, געווען פאַר אים ניט נאָר אַ פּראָבלעם פון סאָציאַלן כאַראַקטער, נאָר אויך — און אפשר אין דער זעלבער מאָס — אַ נאַציאָנאַלע פראַגע: אויפן דאָזיקן וועג האָט ער געדאַרפט געפינען די מעגלעכקייט זיך פולשטענדיק אָנצושליסן אָן אַ נאַציע. מיט לייב און לעבן האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אָן די נייע אידייען, וואָס האָבן אים געגעבן אַ קלאָרע דערקלערונג פון דער וועלט און איר כאַציאַלער קאָמפּליצירטקייט, און אַ מאָראַלישן אידעאַל, וואָס רופט צום קאַמף און גיט אַ זין דעם לעבן. דער קאָנפליקט מיט דער אומוועלט, צוליב זיין „יידישקייט", וואָס האָט פריער אָנגענומען אַ פאַרשוואומענעם, כמעט מיסטישן פּרצוף, האָט איצט, אין ליכט פון די נייע אידייען, באַ־קומען אַ גראַדליניקע, פּאָליטישע דערקלערונג: קאַפּיטאַליזם, קאָנקורענץ, אָפּלענקונג פון דער קלאַסן־שנאה... דאָס אַלץ וועט אָפּגעשאַפט ווערן צו־זאַמען מיט דעם איצטיקן רעזשים. ממילא דאַרף ער זיך ניט אָפּגעבן ספּעציעל מיט די דאָזיקע ענינים.

אָבער אויך אין דער אַלגעמיינער, פּאָליטישער וועלט, אין וועל־כער ער האָט זיך געוואָרפן מיט ברען, האָט ער מיטגעשלעפּט דעם עיקר פון זיין „יידישן קאָמפּלעקס". ער האָט זיך אויך איצטער אָפּגעשטעלט אַף די נעמען פון דעלעגאַטן, פונקציאָנאַרן, זשורנאַליסטן און שרייבער פון „לינקן פליגל" און אַ ווײַלע אַ טראַכט געטאָן, צי דאָס זיינען יידן. אין דער דאָזיקער חקירה האָט געשטעקט אַ שטאָלץ און גלייכצייטיק אַ באַ־האַלטענע שרעק: מען זאָל אויך דאָ, ווידעראַמאָל, ניט זאָגן: — פאַרוואָס שטופּן זיי זיך דווקא אַפן אויבנאָן פון אונדזערע קירכעס?... אפילו אין אַזאַ פראַגע ווי „אָפּאָזיציע" צו דער פּאַרטיי האָט ער אַריינגעמישט דעם

יידישן מאָמענט, מאַכנדיק זיך אין געדאַנק אַ פאָרוואורף: אַה, פאַרוואָס גייען אַזויפיל יידן אין דער אָפּאָזיציע? דער געדאַנק פון צוויי לאַגערן, וואָס ער האָט אייגנטלעך באַקעמפט, האָט געשלאָגן טיפע וואָרצלען אין זיין מוח און ער האָט זיך געפילט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר „זיין" לאַגער.

אויך זשערמענען האָט ער גלייך אין די ערשטע טעג פון זייער באַקאַנטשאַפט געזאָגט, אַז ער איז אַ ייד. ער האָט געהאַלטן פאַר זיין חוב עס איר צו זאָגן, הגם ער האָט ניט געהאַט קיין ממשותדיקן גרונט עס צו טאָן: ער איז דאָך געווען אַן אינטערנאַציאָנאַליסט, אַן אַטעאיסט און סיי זיין קולטור־טראַדיציע, און סיי זיין אָפיציעלער פּאַס זיינען געווען פראַנצויזישע. ער וואָלט זיך אָבער פאַרגעקומען ניט־ערלעך, ווען ער זאָגט עס איר ניט — ניט־ערלעך לגבי זיך און אויך לגבי איר: ווי ער וואָלט אַזוי אַרום אויסבאַהאַלטן פאַר איר אַ געפערלעכן סוד פון זיין פאַרגאַנגענהייט.

זשערמען האָט פון זיין דערקלערונג ניט געמאַכט קיין גרויסן וועזן. זי האָט געוואָרפן אויף אים אַ קורצן, דערשטוינטן בליק און אין אַ ווייל אַרום געזאָגט:

— אַ ייד?... דו רעדסט דאָך פראַנצויזיש אַזוי ווי מיר אַלע!

און ווייל זיי זיינען דאַן גראַדע געגאַנגען איבער אַ גרויסער האַנדלס גאַס, איז זי שטיין געבליבן בײַ אַ באַלויכטענער וויטרינע און באַטראַכט טריקאָ־סוועטערס פון דער לעצטער מאָדע.

פערטער קאַפּיטל

העלען איז אַריינגעקומען אַפּט און טאָקע בא זשיליעט באַר האָט זי זיך באַקענט מיט דער באַהעמיע פון אומבאַקאַנטע קינסטלער. זי האָט דאָרט באַוויזן ראשית כל צו פאַנגען דאָס האַרץ פון אַ יונגן פּאָעט, וואָס האָט אונטערגעהונקען אַף אַ פוס. און זי איז מיט אים אָפּגעזעסן עטלעכע מאָל ביז פאַרטאָג בא אַ טישל פון קאַפע „דאָם" אַפן מאָנפּאַרנאַס, וועלכער איז געווען אָפן אַ גאַנצן מעת־לעת. ערשט שפּעטער האָט זי זיך דערוואוסט, אַז דער דאָזיקער פּאָעט איז מיט איר געזעסן אַ גאַנצע נאַכט און האָט געשמועסט פּראָבלעמען פון קונסט, ווייל ער האָט פּראָסט און פּשוט ניט געהאַט צו באַצאָלן די נאַכט אין אַ האָטעל. באַם גרויען פון פאַרטאָג האָט זי זיך אויך דערוואוסט, אַז יענער האָט זינט נעכטן אינדערפרי גאָרנישט גענומען אין מויל אַריין. זי האָט אים דעריבער איינגעלאַדן אין אַן אַנדער קאַפע־הויז און צו איר גרעסטער באַוואונדערונג און דערבאַוואונדערונג פון קעלנער, האָט דער פּאָעט אַראָפּגעזופּט אַפן ניכטערן האַרצן דריי טעפּעלעך קאַווע מיט מילך, האָט פאַרביסן מיט זעקס מילךראָגאַלקעס און ועל כולם האָט ער אַ פרעג געטאָן העלענען:

— איר קענט מיר צאָלן אַ סאַנדוויטש אויך?

און ער האָט אויפגעגעסן צוויי סאַנדוויטשן: איינעם מיט קעז און אַ צווייטן מיט וואורשט. דאַן האָט ער טיף אָפּגעאָטעמט און געזאָגט:

— און איצט וועט מען גיין כאַפּן אַ דרימל!

— וואוהין? — האָט געפרעגט העלען.

— באַטאָג איז דען אַ דאגה וואו צו שלאָפן? איך האָב אַ סך באַקאַנטע, וואָס גייען אַוועק אינדערפרי צו דער אַרבעט, כאַפּ איך זיך אַרויף צום ערשטן בעסטן און לייג זיך אַריין אין בעט. אַזוי אַרום גענים איך,

פארשטייט זיך, פון די בעסערע בעטן מיט ריינע לײַלעכער. איר ווילט מיטגיין?

— וואָס הייסט מיטגיין? אין אַ פרעמדן צימער?

— און ווען איך וואָלט געהאַט געלט אויף דינגען אַ צימער, וואָלט עס ניט געווען קיין פרעמד צימער? יעדעס צימער איז אַ פרעמד צימער, פונקט ווי יעדע פרוי איז אַ פרעמדע פרוי! אַ מענטש פאַרמאָגט אייגנס נאָר אַ קערפּער און אַ נשמה!

און טאַקע בײַ מאַדמואַזעל זשיליעט באַר האָט זיך העלען באַקענט מיט יענעם יונגן מאָלער, וועלכן זי איז אַזוי שטאַרק געפעלן געוואָרן, אַז ער האָט זיך בײַ איר גלייך גענומען בעטן, זי זאָל פאַר אים פּאָזירן אַלס מאָדעל. ווען ס'איז געקומען צום מאָלן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי דאַרף פּאָזירן נאַקעטערהייט. און אַזוי ווי העלען האָט זיך זשענירט, האָט ער איר אָנגעהויבן דערקלערן מיט אותות ומופתים, אַז נאָר דורך איר, העלענס, פּאָרטרעט, וועט ער קענען מאַכן קאַריערע. און העלען האָט, פאַרשטייט זיך, ניט געהאַט קיין האַרץ צו שטערן אַ יונגן קינסטלער אין זיין קאַריערע.

דער ענין וואָלט געבליבן בסוד, וואָרים העלען איז געמאָלט געוואָרן טאַקע אין זשיליעטס סטודיאָ און קיינער, אויסער דעם מאָלער האָט זי ניט געזען אין חוהס מלבוש. האָט אָבער דער מאָלער אויסגעשטעלט דאָס בילד אין אַ גאַלעריע אויף פּאָבור סאַנט־האָנאָרעי און ער האָט באַקומען אַ גוטע פּרעמיע. און אַזוי ווי אַ סך מיידלעך פון „פּלעצל” זיינען געלאָפן אויף אויסשטעלונגען פון בילדער, האָבן זיי גלייך דערקענט העלענען און די זאַך איז דערציילט געוואָרן אין ספרים־קרעמל פון מאַדאַם שפּייזער און פון דאָרט איז עס דערגאַנגען צו רחלס אויערן.

האָט רחל ראשית כל געזאָגט, אַז מאַדאַם שפּייזער זאָל בעסער היטן אירע אייגענע טעכטער, איידער זיך מישן אין פרעמדע געשעפטן. וואָרים אַלע האָבן געוואוסט, אַז די עלטערע טאָכטער פון מאַדאַם שפּייזער איז אַ סעקרעטאַרן בײַ אַ לינקן דעפּוטאַט און קומט אַהיים נאָך אַ האַלבער נאַכט, אויב ניט נאָך שפּעטער. און דערנאָך האָט זי זיך ניט געפּוילט, האָט אָנגעטאָן אירע שיינע מלבושים, איז אַוועק אויף פּאָבור סאַנט־האָנאָרעי און דאָרט האָט זי זיך אַוועקגעשטעלט אין דער גאַלעריע און זיך גענומען באַטראַכטן העלענס אַקט.

זי איז וואַרשיינלעך לאַנג געשטאַנען, וואָרים אַ מיטליעריקער מאַן, אין אַ שוואַרצן סמאָקינג, האָט זיך צו איר דערנענטערט און געפרעגט:

— איר האָט אַן אינטערעס פאַרן דאָזיקן בילד, מאַדאַם?
— וואָס הייסט אַן אינטערעס? — איז רחל געווען אויסער זיך.
— איך מיין, צי איר וואָלט אים געוואָלט קויפן?
— נאַ דיר אַ נייע געשיכטע! — האָט אַ קלער געטאָן רחל און אַפּן קול האָט זי טרוקן געענטפערט:
— קויפן?... אַ שיינעם דאַנק! איך האָב זי שוין איינמאָל געקויפט... אַ טייערע מציאה!
— אודאי אַ מציאה! — האָט דער מאַן אין שוואַרצן סמאָקינג זיך פאַרנויגט — אַז מעסיע אַנדרעי וועט ווערן באַקאַנט, וועט קריגן אַ שם, וועט דאָס דאָזיקע בילד ווערט זיין לכל הפּחות אַ האַלבן מיליאָן! היינט צאָלט מען פאַר זיינע בילדער גראָשנס.
און אַזוי ווי ער איז געווען דער אויפזעער פון דער „גאַלעריע", האָט ער גלייך אָנגעקלעפּט אַפן ראַם פון העלענס „אַקט" אַ קליין צעטעלע: „פאַרקויפט", כדי אַלע באַזוכער זאָלן וויסן, אַז דאָס בילד שטייט דאָ שוין איצט נאָר צום אָנקוקן, אָבער איינהאַנדלען קען מען אים ניט מער.
— ווער איז דער מעסיע אַנדרעי? — איז שוין רחל געוואָרן אַ ביסל נייגעריק.
— אַה, איר קענט אפילו ניט דעם יונגען מייסטער? — האָט זיך דער מאַן אין שוואַרצן סמאָקינג ווידער פאַרנויגט — איר קויפט אַף מבינות! איך זאָג אייך מאַדאַם: ס'איז דאָס קליגסטע צו קויפן פון אומ־באַקאַנטע מאָלער, בפרט פון אַזאַ מעסיע אַנדרעי, וואָס מען זעט גלייך, אַז ער קען האַלטן אַ פּענדזל אין האַנט.
ערשט אין צוויי טעג אַרום איז קלאָר געוואָרן, אַז קיינער אין דער „גאַלעריע" האָט דאָס בילד ניט פאַרקויפט און מען האָט זיך געכאַפּט, אַז חברה ניט פאַרגינער, וואָס האָבן מקנא געווען דעם דערפאָלג פון יונגן אַנדרעי, האָבן אים אָפּגעטאָן אַ שפּיצל. אפילו די צייטונגען האָבן גע־שריבן וועגן דער פּיפּיקער פּרווי, וואָס האָט אַזוי קונציק אַריינגעלייגט דעם פאַרוואַלטער. דער סקאַנדאַל האָט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון מבינים, קונסט־קענער און סנאָבן, און דאָס בילד איז פאַרקויפט גע־וואָרן פאַר אַ גוטן פּרייז.
וואָס שייך רחלען האָט זי אַ גאַנצן טאָג איינגעהאַלטן איר צאָרן און ערשט אין אָוונט, ווען איר מאַן איז געקומען אַהיים, האָט זי אויס־געשאָסן מיט איינמאָל:
— האָסט געהערט אַ מעשה? אַ האַלבן מיליאָן, זאָגט ער. גוט דער־

לעבט — איך האנדל שוין מיט מיינע טעכטער! די איין שטיקל טאָכטער, וואָס איך האָב!

— וואָס איז געשען? וואָס? — האָט מעסיע סאָקאָלאָווסקי זיך באמיט זי צו בארואיקן.

האָט אים רחל דערציילט די גאַנצע געשיכטע פון אָרום און אָרום און האָט פאַרענדיקט מיטן אויסרוף:

— מאָלן האָט זיך איר פאַרוואָלט!

— שאַ, וואָס איז דער געוואַלד? — האָט זי איר מאַן אַנגעהויבן בארואיקן — אַט האָט דאָס ווייב פון מעסיע שפּינאַצקי אַ קליין טעכטערל פון אַ יאָר פינף. ווי לאַנג זיינען זיי רייך געוואָרן, די שפּינאַצקיס? ערשט ניט לאַנג זיך אַרויסגעצויגן פון דאַנען! האָט זיך דער מאַמען פאַרוואָלט מען זאָל מאָלן דאָס טעכטערל און זי האָט באַצאָלט מלאכה־געלט אַ טויזנ־מער און דאָס קינד האָט נאָך דערצו ניט געקענט איינזיצן אָפּן בענקעלע — איז עס אַראָפּגעפאַלן און זיך צעבלוטיקט די נאָז.

— גבירים פון די „גרויסע בולוואַרן" איז עפּעס אַנדערש! מיר וואוינען נאָך דערווייל כמעט אָפּן „פּלעצל" — האָט געענטפערט רחל.

און זי האָט דערזען, אַז זי וועט מוזן דערציילן די גאַנצע געשיכטע. ווארים דעם עיקר האָט זי ביז איצט ניט דערציילט — זי האָט ניט גע־זאָגט, אַז העלען האָט זיך געלאָזט מאָלן נאַקעט און דערצו נאָך אין אַזאַ פּאָזע. ווארים ס'איז איר געווען אַ חרפּה פאַר זיך אַליין. איצט איז זי אַרויס מיט לשון:

— אַ כלה מיידל, וואָס גייט אין שדוכים און שטייט זיך אַזוי נאַ־קעטערהייט פאַר אַ פרעמדן מאַן!

— וואָס הייסט? — האָט זיך סאָקאָלאָווסקי געחידושט.

— אָט דאָס וואָס דו הערסט! אַן אָרנטלעך ווייבל וועט זיך דאָך ניט אוועקשטעלן אַזוי, אָן אַ שטיקל מלבוש, אפילו פאַר די אויגן פון דעם אייגענעם מאַן!

האָט סאָקאָלאָווסקי געזען, אַז דער ענין איז ערנסטער, האָט ער גע־ענטפערט:

— מירן רופן דאָס מיידל און פרעגן איר מויל!

און ווען העלען איז שפּעט אינאָוונט געקומען אַ פאַרויטלטע און צעשרויפטע פון גאַס, האָט ער בנעימותדיק זיך גענומען זי אויספרעגן: הלמאי? ס'טייטש! און ווי קומט עס?

האָט העלען זיך אַ לאָז געטאָן אים דערקלערן, אַז בילדער צו ביל־

דער זיינען ניט גלייך, אז עס איז פאראן א קונסט אף דער וועלט, אז אלע שענסטע לייט גייען אין „לואוור", אז בא די גרעסטע מיליאָנערן און חשובע מענטשן הענגען אזעלכע בילדער, וואָס מען רופט זיי „אָקטן".

מעסיע סאָקאָלאָווסקי האָט אויסגעהערט די טשעקאווע רייד פון זיין טאָכטער, האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, האָט געגלעט מיט א האַנט זיין דעמאָלט האַלב־געקירצט בערדל און צום סוף האָט ער געפרעגט:

— יאָ, זיי קויפן אזעלכע בילדער — אף דעם זיינען זיי דאָך מי־ליאָנערן! אָבער קויפן איז עפּעס אנדערש און זיך שטעלן פּאָזירן איז ווי־דער עפּעס אנדערש. ביסט דאָך אן אָרנטלעכע טאָכטער — עס האָט דיר געפעלט אין טעפּל?

— וואָס הייסט אָרנטלעך אָדער ניט אָרנטלעך? — האָט זיך אויפ־געפרעגט העלען — גלויב מיר טאַטע, אז ס'איז מיר גאָרנישט געשען. אָט האָט די מאָנא ליזא געדינט אלס מאָדעל פאר לעאָנארדאָ, איר פּאָרטרעט איז היינט דאָס באַרימטסטע קונסט־ווערק אף דער וועלט און זי איז געווען אן אָרנטלעכע, בעל־הביתישע פרוי.

— זי האָט אויך פּאָזירט נאַקעט, די ליזא?

— מסתמא ניט... ס'הייסט... — האָט זיך העלען צעטומלט — מען זעט אפילו א שטיקל קלייד. אָבער דער פּאָרטרעט איז דערעיקרשט פון קאָפּ.

— דאָס איז עפּעס אנדערש, מיין קינד! דעם קאָפּ קענסטו לאָזן מאָלן וויפל דו ווילסט, אָבער...

ער האָט ניט פארענדיקט. ער איז געווען אן איידעלער מענטש און וואָלט אפילו פאר סתם א מענטשן ניט געענדיקט דעם זאַץ, בפרט פאר זיין טאָכטער, וואָס איז געווען א כלה מיידל און איז שוין באַלד געשטאַ־נען אין שדוכים.

— און די אנדערע בילדער? — האָט געטענהט העלען — די פון רובענס... און די „מאַדאָנאַס"?

— וואָס הייסט „מאַדאָנאַס"? — איז מעסיע סאָקאָלאָווסקי געווען נייגעריק צו וויסן.

— די בילדער פון גאָטס־מוטער.

— לאָז געמאַכט, מיין טאָכטער! — האָט מעסיע סאָקאָלאָווסקי א מאַך געטאָן מיט דער האַנט — ווער ווי ווער, אָבער גאָט האָט קיין מוטער ניט געהאַט.

און א ווײַלע שפּעטער האָט ער צוגעגעבן:

— דו גיב בעסער א קוק ווי דיין אייגענע מוטער נעמט זיך דעם גאנצן ענין צום הארצן!

הגם ער האט אזוי געשטראפט זיין קינד, האט ער פונדעסטוועגן א טראכט געטאן אין הארצן, אז ס'איז גארנישט אזא „הכצעקתו", ס'הייסט גארנישט אזא געוואלד, ווי זיין ווייב האט געמאכט. אבער כל זמן העלען איז געווען אין צימער, האט ער גארנישט געזאגט. ערשט ווען ער איז געבליבן מיט זיין ווייב אליין, האט ער זיך צו איר געווענדעט:

— הער זיך איין, רחל, קיין גרויסער אומגליק איז דאכט זיך ניט געשען. ס'איז היינט א וועלט אזא! — דור דור ודורשיו...

דער ענין איז, ווי באקאנט, דערגאנגען ביז אין פוילישן שטעטל, פון וואנען די משפחה סאקאלאווסקי האט געשטאמט און העלען איז דארט אויסגעוואקסן צו א העלדן פון א פרייע־ליבע־ראמאן. און אזוי האט איר שפעטערדיקע חברטע חנהלע זיך זי פארגעשטעלט, ווען זי איז דערשינען אין שטוב פון די סאקאלאווסקים, וועלכע האבן זיך פאר דער צייט שוין געהאט ארויסגעקליבן פון „פלעצל" צו די גרויסע בולווארן. פאר דער צייט האבן מאמע און טאכטער זיך איבערגעבעטן: די טאכטער האט ניט פאזירט אלס נאקעטע מאדעלקע און די מאמע, ווידער, איז עטלעכע מאל געגאנגען אין „לואוור".

פינפטער קאַפּיטל

זשערמען האָט אַ קוק געטאָן אַפן זייגערל און אויסגערופן:

— שוין שפּעט, כ׳וועל גיין!

— בלייב נאָך אַ ביסל!

— ניין — האָט זי אַ זוך געטאָן צווישן די קליידער, וואָס זיינען געלעגן אָנגעוואָרפן אַף אַ שטול — מ׳עט וואַרטן אַף מיר אין שטוב.

זשאַקן האָט אַרומגעכאַפּט אַ געפיל פון פאַרלוירנקייט, וואָס איז אָפט, בעת זייערע צוזאַמענטרעפן, וואַך געוואָרן אין אים. ניט צוליב אַ פיזישן פאַרלאַנג האָט ער געוואָלט, אַז זי זאָל נאָך בלייבן. נאָר די קורצ־קייט פון זייערע טרעפונגען אין קליינעם האָטעל־צימער, וואָס האָבן זיך באַשרענקט אַף געשלעכטלעכע באַציאונגען, איז אים געוואָרן אומהיימלעך. אַרט עס איר ניט? איין טאָג וועט זי אַוועקגיין און מער ניט קומען!

זי איז געווען פאַרטיק און אים אויסגעשטרעקט די באַק צום פּאַ־מיליערן קוש. זשאַק האָט זי אָנגענומען בײַ דער האַנט:

— בלייב אַמאָל מיט מיר איבער נאַכט. ניט דווקא הײַנט.

— ניין! וואָס וועט מען זאָגן אין שטוב? דו ביסט דאָך ניט מיין חתן.

— און ווען איך וואָלט יאָ געווען דיין חתן?

זי האָט זיך אָנגעכמורעט. צום ערשטן מאָל האָט זי אים אָנגעקוקט טרויעריק און פאַרטראַכט.

— לאָמיר דערפון ניט ריידן — האָט זי אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — און אַז איך בין דיר צו ווייניק, קענסטו דיר זוכן נאָך אַ צווייטע. ס׳איז מיר אַלצאיינס!

אָבער שפּעטער, ווען זי האָט זיך שוין געקליבן אַוועקצוגיין, האָט זי געזאָגט מיט אַן ערנסטן טאָן:

— אויב דו וועסט דיר נעמען א צווייטע, איז „אף ווידערזען!" — איך קען דיך מער ניט.

— און דו? האָסט שוין געהאַט אַנדערע מענער?

— ביסט אייפערזיכטיק אף דער פאַרגאַנגענהייט?

— יאָ!

— נאַרישקייטן — האָט זי אים אָפּגעפּטרט — צו וואָס דאַרפסטו עס וויסן?

זי האָט גענומען די ציטונג, וואָס ער האָט געהאַט אוועקגעלייגט אַפן טישל דאַנעבן:

— לייען! — האָט זי אים אויסגעשטרעקט די בלאַט און זיך גע־זעצט נאָענט לעבן אים — איך שטער דיר ניט אַזוי?

— ניין.

זי האָט געוואוסט, אַז ער האָט ליב צו לייענען, פילנדיק לעבן זיך איר נאָענטקייט. און זי גופא האָט זיך אַזוי אַרום געפילט ווי זיין ריכטיקע פרוי און ניט סתם אַ געליבטע. וואָס זאָל זי אים דערציילן? ער וועט עס דאָך סיי ווי ניט פאַרשטיין! און אפשר וועט ער זי גאָר אויפהערן ליב האָבן?... און זיין ליבע האָט פאַר איר געציילט אַ סך מער ווי זשאַק האָט באַוויזן צו באַמערקן אונטער דער מאַסקע פון כלומרשטער גלייכגילטיקייט און פיזישן גענוס. און אפשר וועט ער גאָר מיינען, אַז זי האָט זיך פאַר־קויפט פאַר געלט?... אינדעראמתן איז עס דאָך געווען גאָר עפּעס אַנדערש.

* * *

אין יענעם פרילינג איז זי אַלס יונג מיידל אוועק צום ערשטן מאָל אַרבעטן אין איינעם פון די גרויסע מאַגאַזינען, וואָס האָט זיך געפונען בא די עלעגאַנטסטע פּערטלען פון שטאָט. ס'איז יעדן טאָג געווען אַ הין־און־צוריק רייזע פון גרויע, אָרעמע פּערטלען און אַ באַשיידענער וואוינונג צו די גאַסן, וואו די וויטרינען האָבן געגלאַנצט מיט דער לעצטער מאָדע און די ווענט פון די הייזער האָבן איינגעשלאָסן באַקוועמלעכקייטן און לוקסוס, וואָס זיינען איר פאַרגעקומען לעגענדאַר. אַלס פאַרקויפערנס אין געשעפט האָט מען אויסגעקליבן נאָר יונגע, חנ'עוודיקע מיידלעך. ניט נאָר די סחורה, נאָר אויך די פאַרקויפערן האָט געמוזט אויסאיבן אַ צוציאונגס־קראַפט: זי האָט געמוזט זיין העפלעך, דאַנקען אָן אַ שיעור, שמייכלען זיס און נאָכגיביק, אַזוי אַז דעם קליענט זאָל ניט פּאַסן אוועקצוגיין מיט ליי־דיקע הענט.

אין די שמייכלען און דינסט־גרייטקייט האָבן די אַריינקומענדיקע

מענער געזען א גרייטקייט צו דינען אויך מיט ליבע. באם אנפאסן שיך האט זי אפט געפילט ווי די פינגער פון קליענט בארירן און גלעטן איר האנט. צווישן פרעגן דעם פרייז און פארלאנגען אן אנדער מוסטער האבן ליפן געפליסטערט קאמפלימענטן און באשטעלט אף א ראנדעוואו.

די חברטעס, אין וועמענס סביבה זי האט זיך געפונען א גאנצן טאג, האבן אלע געפילט אף זיך דעם זעלבן, כסדרדיקן דרוק פון מענלעכע באגערן. די אויפזעער פון די מאגאזינען, די שעפן אין שווארצע אנצוגער און געפרעסטע העמדער, וואס האבן זיך אונטערטעניק געבויגט פאר רייכע קליענטן, האבן זיך געפילט ווי הערשער לגבי די מיידלעך. מען האט זיי געמוזט זיין אונטערטעניק, פאלגן אפן וואונק, געפעלן ווערן, כדי ניט צו פארלירן דעם פלאץ. די אונטערטעניקייט פרעסט זיך איין אין בלוט און מען קען ניט אפזאגן דעם מענטשן, וועלכן מען איז געוואוינט א גאנצן טאג צו פאלגן, ווען ער לאדט איין נאך דער ארבעט אף טרינקען א „גלאז" אין קאפע־הויז. און ס'איז אויך ווייטער שווער אויפצוהערן זיין נאכגיבים.

די מיידלעך, דא, האבן מייסטן ניט געפילט די קלאסן־שנאה און ניט געטראגן די האפענונג אף א זיגרייכן קאמף ווי זייערע ברידער און שוועסטער אין די פאבריקן. דער רייכער „בורזשוא", וואס איז אריינגעקומען אין געשעפט, האט פאר זיי סימבאליזירט די מאכט. ער האט פארמאגט די שיינע דירות און אויטאס, אין זיין פארטפעל האט ער ארומגעטראגן די שליסלען פון די לוקסוס־רעסטאראנען און ווילעס פון „קאט ד'אזיר". און די סאציאלע מאכט איז איבערגעטראגן געווארן אויך אף זיין פיזישער פערזאן.

זשערמענס מאמע האט איר געווארנט:

— אויב דו וועסט זיך לאזן מאכן א בויך פון עפעס א דיקן חזיר פון א בורזשוא, וועל איך דיך ארויסטרייבן פון שטוב!

זי האט ניט גערעדט פון מיידלשער ערע אדער זינד פון ליבע. זי האט געוואוסט, אז אויב דאס וועט פאסירן מיט אן ארבעטער אדער א בעקער־געזעל, וועט מען מוזן מאכן א „מערי" און ס'איז קיין אומגליק ניט, אויב דער ערשטער אייניקל וועט געבוירן ווערן שוין א האלב יאר נאך דער חתונה. אבער יענע אנאנימע „בורזשואס" זיינען ווי די קעץ, וואס נאשן אפ די סמעטענע און פארשווינדן.

די גאנצע אטמאספער אין שטוב איז געווען אף דער מאמעס זייט. דער טאטע איז געווען אן אלטער סאציאליסט, וואס האט דערמאנט מיט

יראת־הכבוד דעם דערמאָרדעטן זשאָרעס. דער ברודער, קוים עטלעכע יאָר עלטער פאַר איר, האָט גערעדט וועגן אַ נאָענטער רעוואָלוציע, ווען מען וועט שיקן „אַלע בורזשואַס אַף די לאַמטערנעס", ווי ס'האָט זיך געזונגען אין דער קאַרמאַניאָל. ער איז יעדן זונטיק אַראָפּגעגאַנגען פאַרקויפן די פּאַרטיי־צייטונג אין גאַס, וואו עס זיינען זייער אָפט אויסגעבראָכן געשלעגן מיט רייכע זינדלעך, וואָס זיינען אהער געקומען פאַרשפּרייטן זייער „אַקסיאָן פראַנסעז" אָדער דעם „פראַנסיסט".

אָבער זשערמען האָט זייער ווייניק געלעבט אין דער סביבה פון שטוב. אודאי האָט זי געקענט געפינען אַ געליבטן צווישן די חברים פון ברודער, גיין זונטיק טאַנצן אין אַ ביליקן „באַל מיזעט", און זיך אריינציען שפּעטער מיט אים אין אַ ביליקן צימער פון אַ הויז, וואו ס'האָבן געוואוינט אַן אַ שיעור שכנים, וואו די טרעפּ זיינען געווען שמוציק און ס'האָט זומער געהערשט אַ דושנע היץ, אַ ליאַרעם פון קינדער און זשומען פון פליגן. אָבער די רייכקייט פון יענעם פערטל, וואו זי האָט פאַרבראַכט דעם טאָג, האָט געבלענדעט די אויגן. עלעגאַנטע דאַמען האָבן זיך באַוועגט ווי הערשערנס צווישן זייערע פאַרערער. זי האָט זיי געזען אין געשעפטן: זיי האָבן געוואָרפן מיט געלט, איינגעקויפט קליידער און טייערע אונטער־וועש און פאַרשוואונדן אין אויטאָס אַף אַ וועג צו ראָמאַנטישע ליבעס, וואָס מען האָט געזען אַף די לייוונטן פון קינאָ.

זי איז ניט געווען באַזונדערס שיין, אָבער איר יונגער, רייפנדיקער קערפּער האָט אַרויסגעשטראַלט דעם שאַרם פון אַן אויפבליענדיקער בלום אין פריען פרילינג. לויפנדיק יעדן טאָג פון דער אַרבעט צום אונטערגרונט־באַן, האָט זי געזאַמלט אַ בוקעט פון בליקן און שמייכלען, וואָס פאַרבייגייער האָבן איר צוגעוואָרפן. זי האָט זיך לאַנג געוועדט. אָפט האָט זי מסכים געווען אַף אַ טרעפונג, געלאָזן אויסמאַכן גענוי דעם אָרט און די שעה און אין באַשטימטן טאָג איז זי נאָך דער אַרבעט געגאַנגען מיט שנעלערע טריט צום אונטערגרונט־באַן, מיט וועלכן זי איז געפאָרן אהיים, ווי זי וואָלט מורא געהאַט, אַז עמעצער פאַרפאָלגט איר, ווי זי וואָלט זיך געשראָקן פאַר דער שוואַכקייט פון אייגענעם ווילן. אָבער געוואוסט האָט זי, אַז איינמאָל וועט עס דאָך פּאַסירן. און געשען איז עס אומגעריכט.

ס'איז געווען אין אַ שבת, ווען זי איז שוין אין פריען נאָכמיטאָג אַרויס פון דער אַרבעט. געווען איז דאַן אַ הייסער טאָג פון אָנהויב יולי. דעם עולם האָט פאַרלאָזן די דושנע הייזער און זיך געלאָזן אין די גאַסן. אַרבעטער האָבן שפּאַצירט מיט זייערע משפּחות. לענגאויס די טראָטואַרן

פון די גרויסע בולווארן האָט מען אויסגעשטעלט טישלעך. דער עולם איז דאַרט געזעסן געדיכט, מיט אויסגעטאָנענע רעקלעך. עס האָבן געגלאַנצט די גרויסע קופּלס ביר. טאַקסים זיינען אַדורכגעפאָרן אין דער ריכטונג פון בולאָנער וואַלד. עס האָט געצויגן צום פעלד און צום וואַסער. די רייכע משפחות זיינען שוין אַרויסגעפאָרן צו די פּלאַזשעס פון דער ריוויערא און די עלעגאַנטע דאַטשעס אויפן ברעג פון אַטלאַנטיק. באַלד וועט די שטאָט ווערן פּוסט, נאָר אַרבעטער און אָנגעשטעלטע וועלן בלייבן אויפן אָנגע־ברענטן אַספאַלט צווישן די דושנע מויערן. זי וועט אויך בלייבן. זי האָט ניט געהאַט קיין חשק צו פאָרן אַהיים, עס האָט זיך ניט געוואָלט אַריינ־שטופּן אין היסן, אָנגעפּאַקטן צוג פון אונטערגרונט. זי איז געלאָפן צופוס, פאַרבייגייענדיק איין מעטראָ נאָך דעם אַנדערן, באַשליסנדיק כסדר, אַז בא דער נאָנטסטער סטאַציע וועט זי איינשטייגן.

מיטאַמאָל האָט זי באַמערקט ווי אַן אויטאָ בלייבט שטיין אויפן אַס־פאַלט, נאָענט צום טראָטואַר, האַרט לעבן איר. אַ מיטליעריקער הער האָט געעפנט דאָס טירל פון וואָגן און איר אַ וואונק געטאָן:

— האַללאָ, מאַדמואַזעל, מירן אַרויספאָרן אַביסל שפּאַצירן הינ־טערן שטאָט?!

זי האָט אומגעדרייט דעם קאָפּ. דער מאַן איז איר געווען באַקאַנט. ער איז עטלעכע מאָל געווען אין געשעפט, האָט זיך באַמיט אָנצוקניפּן מיט איר אַ געשפּרעך, איינלאַדן אין קינאָ. זי האָט צוגעזאָגט און ניט געקומען. איצט האָט ער זי אודאי אָפּגעוואַרט באַם אַרויסגיין פון דער אַרבעט און איז איר נאָכגעפאָרן.

ער איז אַלט אַ יאָר פופציק, אומגעפער ווי איר פאָטער. אָבער איר פאָטער טראָגט ס׳רוב אַ בלוי, לייוונטן רעקל און אין דער היינטיקער היץ טראָגט ער אפילו ניט קיין קראַוואַט איבערן קאָלנער פון זיין העמד. און דער דאָזיקער מאַן טראָגט אַ טונקעלן, געפּרעסטן אַנצוג, אַ ווייס העמד, אַ העלן קראַוואַט מיט אַ גאָלדענער שפּילקע און אַ האַרטן קאַפּעלוש אויף זיין קאָפּ.

ער האָט אויך ניט אַזאַ פולן, מילדן פּנים ווי איר טאַטע. זיין גע־זיכט איז אויסגעצויגן, מיט טיפע קנייטשן בא די ליפּן־ווינקלען. אַלע זיינע שטריכן זיינען שאַרף אָנגעצויגן. ער באַמיט זיך צוגעבן ווייכקייט זיין שטימע, ווען ער זאָגט:

— אין דרויסן איז אַזוי שיין!

און ווען זשערמען קווענקלט זיך נאָך אַ ווײַלע, איילט ער זי אונטער:

— קום אריין, אַ שאָד די צייט!

זי איז איינגעשטיגן און איינגעזונקען אין די ווייכע קישעלעך פון הינטערשטן גנעזעס, וואָס האָט אונטערגעשפּרונגען אונטער איר. דער מאַן דרייט ניט אָפּ דעם קאָפּ צו איר, ער קירעוועט אויס דעם אויטאָ און פאָרט לאַנגזאַם אין דער לאַנגער, אומאויפהערלעכער קאַראַוואַנע פון כּל המינים אויטאָס. זשערמענען איז אָנגענעם צו באַקוקן די בולוואַרן דורך אַ פענצטערל פון אַ קליינעם, עלעגאַנטן וואָגן, וואָס פירט איר צו עטוואָס אומבאַקאַנטן. זיי שניידן אַדורך דעם „קאָנקאָרד", די באַוועגונג ווערט שיטערער, דער אויטאָ טראָגט זיך מיט אימפּעט איבער אַ ברייטן בול־וואַר, וואָס פאַרוואַנדלט זיך גלייך אין אַ ברייטער, שאָטנדיקער אַליי. באַלד גרינען זיך די ביימער פון בולאָנער וואַלד. עס שמעקט מיט בלומען און גרינס. מען זעט פּאָרלעך צווישן די ביימער. די טעראַסעס פון די פאָר־שטעטישע קאַפעס זיינען אָנגעפּיקעוועט מיט מענטשן.

דער אויטאָ טראָגט זיך מיט אַ שטאַרקן אימפּעט. זשערמען קוקט אַרויס מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. אָט קרייצן זיי ווידער די סען. דאָס וואַסער ציט זיך ווי אַ העלע סטענגע אונטער די שטראַלן פון דער אַראָפּ־נידערנדיקער זון. אַ קיל ווינטל רייסט זיך אַריין דורך דער צעעפנטער, פאָדערשטער שויב. באַלד נאָך דער בריק פאַלן זיי אַריין אין אַ נייער אינדוסטריע־שטאָט: ריזיקע געביידעס־בלאָקן פון רויטן ציגל, הויכע, קייַלעכדיקע קוימענס שטרעקן זיך צום הימל. אַרבעטער־פרויען גייען מיט קאָשיקעס איינקויפן. איר מאַמע גייט אודאי אויך איצט איינקויפן צום זונטיקדיקן מאָלצייט. די שטוב איז פול מיט אַ שווערן ריח פון חזיר־קאָטלעטן. דער טיש איז באַדעקט מיט פלעקן פון רויטן וויין. וואוהין פירט איר דער דאָזיקער מאַן? דאָך ניט סתם שפּאַצירן אין וואַלד און פעלד! דאָס בלוט שלאָגט איר האַסטיקער אין די שלייפן, דער ווינט קילט איר פאַרוויטלטן פּנים.

באַלד פאַלן זיי אַריין אין אַ גרינעם טאָל. דאָ און דאָרט הויבן זיך פאַראיינצלטע ווילעס. דער אויטאָ שטייגט אַף זיג־זאַגן פון אַ באַרגיקן וועג. אויבן, באַם ראַנד, שטייט אַן אַלטע מאַסיווע קאַטעדראַלע. באַ איר זייט ציט זיך לענגאויס דעם ראַנד אַ ברייטע, פלאַכע טעראַסע, באַזעצט מיט ביימער. פון צווישן די צעגרינטע צווייגן קוקט אַרויס אַ האָטעל. זיי דערנענטערן זיך אַהינצו. פאָרנט, באַ טישלעך, זיצט אַ זומערדיקער עולם אַרום פילפאַרביקע גלעזער משקאות.

דער אויטאָ איז שטיין געבליבן באַ אַ זייטיקער טיר. דער קעלנער,

אין אַ ווייסן רעקל, פאַרשטייט אַפּן וואונס. זיי שטייען אויף טרעפּ און גייען אריין אין אַ צימער.

זי וואַרפט אַ שנעלן בליק אַרום. כמעט אינדערמיט, מיטן צוקאָפּנס צו אַ וואַנט, שטייט אַ ברייטע בעט, באַדעקט מיט אַ ראָזער, פּלושענער דעקע און צוויי באַשטריקטע קישעלעך ווייסן זיך אַפּן צוקאָפּנס. קעגנאיבער אַ שראַנק מיט גלעזערנע שפּיגל־טירן. אַ סך שפּיגלען הענגען אויף די ווענט און וואַרפן זיך קעגנזייטיק צו די אָפּבילדונגען פון אַלע ווינקלען. זי בלייבט שטיין מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן און וואַרט. זי פאַרלירט יעדע שפּור פון אייגענעם ווילן און וואַרט מיט פּאַסיווער, וואַקסנדיקער נייגעריקייט. זי וואַרט, אַז דער מאַן זאָל זיך צו איר דערנענטערן. ער זעצט זיך אָבער באַם טיש און פרעגט:

— עפּעס טרינקען? עפּעס עסן, מיין קליינינקע?

די פראַגע קלינגט אומגעריכט און זי ענטפערט ניט. דער מאַן דריקט אויף אַ קנאָפּ, דער קעלנער קומט, הערט אויס די באַשטעלונג, קומט ווידער אַ מאָל מיט אַן אָנגעלאָדענעם טאַץ. דער מאַן איז העפלעך: ער באַלייגט איר דאָס ברויט מיט שינקע, גיסט איר אָן ווייַן, קלאַפּט צו לחיים און פילט איר ווידער אָן דאָס גלאָז. דער שטאַרקער ווייַן שלאָגט אין קאָפּ, ווי דורך אַ נעפּל הערט זי שפּעטער זיין שטימע:

— ביסט באַטש ניט קראַנק?

ער האַלט איר האַנט און פירט זי איבערן צימער.

— ניין.

— קיינמאָל ניט געוועזן קראַנק?

— פאַראַיאָרן ווינטער האָב איך געהאַט די גריפּע... געווען אַ גריפּע־עפּידעמיע אין אונדזער קוואַרטאַל!

ער שמייכלט מיט פאַרזשמורעטע אויגן:

— איך מיין עפּעס אַנדערש. האָסט דאָך שוין געהאַט פאַרשידענע מענער. פאַראַן קראַנקע...

— ניין — שאָקלט זי מיטן קאָפּ — קיינעם ניט געהאַט!

און זי ווערט רויט ווי זי וואָלט זיך געשעמט מיט איר צו־לאַנג אָפּגעהיטער צניעות.

דער מאַן איז מיסטרויאיש: אַלע דערציילן זיי די זעלבע געשיכטע! אָבער אין זשערמענס אומבאַהאָלפנקייט און אין אירע אינסטינקטיווע באַוועגונגען צו פאַרדעקן איר נאַקעטקייט מיט די הענט און אָרעמס, מערקט ער, אַז זי זאָגט אמת. ער פליסטערט זיסע ווערטער, די שאַרפע

שטריכן פון לאַנגן געזיכט ווערן אַנגעצויגענער, די קנייטשן אַרום די ליפּן טיפער, די אויגן גרעסער.

זשערמען דריקט איין איר קאָפּ אין קישן. זי מאַכט צו די אויגן. זי פילט נאָר דעם וואַרעמען הויך, וואָס גליטשט זיך איבער איר קערפּער. קאַלטע, ביינערדיקע פינגער באַרירן לייכט אירע גלידער, ווי זיי וואָלטן אויספּרובירט זייערע מוסקולן. איר אויפרעגונג וואַקסט — ניט קיין אויפ־ברויז פון חושים, נאָר ווי אַ געמיש פון נייגעריקייט און דערוואַרטונג פון אַ גרויסן געשעעניש.

זי האָט געעפנט די אויגן און געוואָרפן אַ בליק אַרום. אין אַלע שפּיגלען, אויף די ווענט, אַנטקעגן אין דער גרויסער שאַפע, האָט זי געזען דאָס זעלבע בילד: דעם מאַן אין וועסטל, מיטן שניפּס, מיט געקראַכמאַ־לעטע מאַנשעטן, וואָס זיינען אַראָפּגעפאַלן אויף די הענט, איינגעבויגן אי־בערן קערפּער פון אַ פרוי. אין איר מוח איז אויפגעגאַנגען אַ בילד פון געשלעכטלעכע באַציאונגען, וואָס זי האָט רעאַל געזען צום ערשטן מאָל מיט יאָרן צוריק. זי איז געשטאַנען הינטער אַ פאָרהאַנג, אין שטוב, און געקוקט ווי צוויי הינט האָבן זיך מכין געווען צום פּאָרן. דער זכר האָט זיך לאַנג אַרומגעדרייט אַרום זיין פּאַרטנערן, געדרייט מיטן עק און ניט איינגעשטאַנען קיין ווײַלע אויף אַן אָרט. אַ רויטע, נאַסע צונג איז אַרויסגעהאַנגען פון זיין מויל. זי האָט געציטערט, מען זאָל זי ניט דער־שנאַפּן בײַ דער דאָזיקער באַאָבאַכטונג, און דאָך ניט געקענט אָפּרייסן די אויגן, און זיך באַפרייען פון דער אַלץ וואַקסנדיקער נייגעריקייט.

אויך איצט האָט זי געציטערט און איז געווען נייגעריק. זאָל עס שוין פּאַסירן! אָבער דער מאַן האָט געהאַט צייט, ער האָט ווי געזעטיקט זיינען אויגן אין איר אומבאַרירטער שיינקייט און געזעטיקט זיינע אינ־סטינקטן ווי אַ קאַץ, וואָס שפּילט לאַנג מיטן געכאַפּטן מייזל, איידער זי נעמט זיך צום פרעסן. און מיטאַמאָל איז ער אַריין אין אַ זייטיקן צימערל. זי האָט דערהערט דאָס פלייצן פון וואַסער. מען האָט זי גערופן. אין דאָ־נעבנדיקן צימער זיינען די ווענט געווען באַדעקט מיט בלויע קאַכלעס. אויך די וואַנע איז געווען בלוי און דאָס וואַסער האָט דאָרט באַקומען אַ בלויע פאַרב פון ים־שפּיגל. דאָס וואַרעמע וואַסער האָט געגלעט דאָס לייב, געוואַרעמט איר בלוט און דער אויפגעהיצטער אַלקאָהאָל איז איר אויפגעשטיגן אין קאָפּ. דער מאַן האָט געקוקט אויף איר אויסגעצויגענעם קערפּער, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון דורכזיכטיקן בלוי, און געשמייכלט. זי האָט זיך דערמאָנט, ווי איר טאַטע האָט מאַנכעסמאָל, ווען זי איז

נאָך געווען אַ קליין קינד, צוגעקוקט בעת די מאַמע האָט זי געבאָדן. ער פלעגט זי באַשפּריצן מיט וואַסער און הנאה האָבן פון אירע שטיפעריַיען. און ווי דער טאַטע, האָט אויך איצט דער מאַן זי איַינגעוויקלט אין אַ ווייכן באָד־טוך, זי אָפּגעטריקנט און געטראָגן אַף די הענט. זי האָט זיך דערפילט ווי אַ קליין קינד, האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אַפן קישן און צוגעמאַכט די אויגן ווי צום שלאָפן.

ווען זי איז שפּעטער, בעתן אָנטאָן זיך, צוגעגאַנגען צום פענצטער, איז שוין אין דרויסן געלעגן אַ גרוילעכער בין־השמשות. די אַליי איז פול געווען מיט שטאָטישע איינוואוינער, וואָס זיינען אַהערגעקומען פראַווען זייער ערב־זונטיקדיקן נאָכמיטאָג. פאַרלעך האָבן שפּאַצירט ארומגענומען צווישן די ביימער. מען האָט געזען זייערע צעשטראַלטע פנימער און פלים־טערנדיקע ליפּן. אונטן האָט אַ לייכטער אומעט זיך פאַרצויגן איבערן גרינעם טאָל און די ביימער האָבן אויסגעזען צוזאַמענגעטוליעט און באַשאָטנט. באַזוימט מיט הויכע קוסטעס, האָט זיך געצויגן אין זיג־זאַגן די לאַנגע סטענגע פון טייך. און אין דער וויַיט, איבער בערג און טאָלן, האָט זיך געהויבן די שטאָט. דאָ און דאָרט האָבן זיך געצונדן פריע רעקלאַמע־ליכטער. שיינוואַרפנדיקע אויגן האָבן זיך געיאָגט ווי בלאָנדזשענדיקע פייערלעך איבער געשלענגלטע וועגן. אַפילו דער אייזערנער, פאַרזשאַווער־טער אייפעל־טורעם האָט אויסגעזען פונדערוויַיטנס ראָמאַנטיש אונטערן סערפּ פון דער בלאַסער לבנה.

זשערמענען האָט אַרומגעכאַפּט אַ זיסלעכע בענקשאַפט. זי וואָלט געוואָלט שפּאַצירן מיט אַ נאָנטן חבר אין דער אַליי, אַרומשפּרינגען איבערן גראָז, זיך נאָכיאָגן און לאַכן אַפן קול. זי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום מאַן, וואָס איז געשטאַנען באַם שפּיגל, אָנגעטאָן אין זיין טונקל גרויען אַנצוג, און געבונדן דעם שניפּס.

— ווי הייסט איר, מעסיע? — האָט זי אים געפרעגט.

— ווי איך הייס? — ער האָט זי אַ ווייַלע באַטראַכט מיט אַ פאַרשנדיקן בליק — קענסט מיך רופן זשיל! — האָט ער געזאָגט נאָך אַ פאַרנאָמען.

— איר'ט נעמען דעם אויטאָבוס, מאַדמואַזעל? — האָט ער געזאָגט אין אַ ווייַלע אַרום — איך מוז נאָך ערגעץ וואו פאָרן. איך קער זיך אַצינד ניט אום אין שטאָט.

און ער האָט איר אויסגעשטרעקט עטלעכע געלט־באַנקנאָטן:

— אָט האָט איר אַף אַ בילעט.

זשערמען האָט צוזאַמענגעקנייטשט דאָס געלט אין איר זשמעניע און ניט געוואוסט וואו עס אַהינצוטאָן. פאַרן אוועקגיין האָט דער מאַן איר געקושט פאַטערלעך אַפן שטערן:

— איך וועל פאַרבייקומען, אפשר סוף וואָך. כ׳וועל דיר מאַכן אַ צייכן און דיך שפעטער אָפּוואַרטן בײַ דעם „קאַפע פון שלום”.

ער איז געקומען אין עטלעכע טעג אַרום און זיי פלעגן זיך אָפּט טרעפן אין אַ צימער אין שטאָט. זשערמען האָט אים כמעט פיינט גע־קראָגן: אין זיינע באַציאונגען איז ניט געווען קיין שפור פון פריינטשאַפט, קיין סימן פון נאָנטער פאַרבינדונג. ער האָט זיך ניט געוואָלט ווייזן מיט איר פאַר מענטשן און אויסגעמיטן צו שפּאַצירן מיט איר אין גאַס אָדער אַפילו זי טרעפן אין אַ קאַפע־הויז. זי האָט זיך געפילט ווי אַן אינסטרו־מענט צו דערפילן יענעמס פאַרלאַנגען. זי גופא, איר גאַנצער מהות, איז אים געווען גלייכגילטיק. זיינע צערטלעכקייטן זיינען געווען נאָר אַן אויס־דרוק פון מאָמענטאַנער, פיזישער אויפרעגונג און זיך כמעט ניט באַצויגן אַף איר פּערזענלעך.

און פונדעסטוועגן האָט זי זיך ניט געקענט באַפרייען פון אים. די רואַזיקייט פון זייערע באַציאונגען, וואָס האָט געגרענעצט מיט ברוטאַלי־טעט, האָט זי צוגעשמידט און זי האָט אָנגעהויבן געפינען אַ געשמאַק אין דער אונטערטעניקייט. אויך די אַטמאָספער האָט געווירקט: אין דער באַ־ציאונג פון אַ סך מיידלעך פון איר סביבה לגבי דעם מעכטיקן מאַן איז געווען פיל ענלעכעס צו דער אונטערטעניקייט פון הינער, וואָס מאַכן אַ וואָרע פאַרן גדלותדיקן, מיטן רויטן קאַם באַצירטן האָן, ווען יענער באַ־ווייזט זיך אַפן מיסט־הויפן; וואָס בויגן זיך אונטער אים, נאָך אַ קורצן געיעג. ווען עס קומט אים אָן דער חשק צו באַפרוכפּערן און קוואָקען דער־נאָך מיט פאַרגעניגן, ווען ער וואַרפט זיי צו אַ קערנדל.

איינמאָל איז זי געקומען אַף זייער טרעפונג אַ צעטומלטע. איר פריינט האָט עס באַמערקט און אָנגעהויבן אויסצופרעגן. זי האָט זיך צע־וויינט און ער האָט גלייך פאַרשטאַנען, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. ווען זי איז געקומען צו זיך, האָט זי אים געזאָגט מיט גלאַנצנדיקע טרערן אין די אויגן:

— דאַכט זיך, אַז איך בין שוואַנגער.

— פון וועמען? — האָט ער קאַלט געפרעגט.

זי האָט אים אָנגעקוקט דערשטוינט.

— מען קען דאָך ניט וויסן! דו האָסט דאָך אודאי געהאַט אויך

אַנדערע. מען קען ניט קאָנטראָלירן, ווער עס גייט אַלץ אריין און ארויס דורך אַן אָפענע טיר.

די ווערטער האָבן איר אַ שלאָג געטאָן אין פּנים, ווי דער מאַן וואָלט זי געפּאַטשט. זי האָט דערפילט אַ טיפע באַליידיקונג און אַ חשק זיך אויפצוהייבן און אַנטלויפן. פונדעסטוועגן איז זי געבליבן, האָט זיך שפּעטער געלאָזן באַרואיקן מיט צערטלעכע רייד און זיך נעמען אין זיינע אָרעמס. אַ ווײַלע האָט זי זיך פאַרגעסן און נאָכדעם האָט זי ווידער געוויינט. באַם געזעגענען זיך האָט ער געזאָגט:

— דו פאַרשטייסט דאָך, אַז איך בין ניט פאַראַנטוואָרטלעך, אָבער אַט האָסטו געלט, אויב וועסט דאַרפן גיין צו אַ דאָקטער. און ווייטער וועלן מיר זען.

פון דאַן איז ער פאַרשוואונדן און זי האָט אים מער ניט געטראָפן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי האָט געהאַט אַ טעות, אָבער זי איז נעווען צופרידן, וואָס עס האָט זיך אַזוי געמאַכט. זי האָט זיך ערנסט פאַרטראַכט איבער די עטלעכע פאַרלאָפענע חדשים און איבער דעם סוף פון זייער פאַרבינדונג, און האָט באַשלאָסן זיך מער ניט אַריינצולאָזן אין ענלעכע אַוואַנטורעס.

אַ לענגערע צייט איז זי געווען צוריקגעהאַלטן. אָבער דאַן האָבן זיך געמאַכט אַנדערע באַגעגענישן, וואָס האָבן געלאָקט און צוגעזאָגט צו זיין אַנדערש. עקשנותדיקע צודרינגלעכקייט און צערטלעך פליסטערן האָבן געשאַפן אין אָנהייב די אילוזיע פון דער דערוואַרטעטער ליבע. אין תוך האָבן זיי זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן ענלעך און סוף כל סוף געבראַכט נייע אַנטוישונגען.

לעצטנס האָט זי מער געלעבט אין קרייז פון איר משפּחה און דער נאָענטער סביבה. צוזאַמען מיט זיי האָט זי דורכגעמאַכט די שטורמישע טעג, וואָס האָבן אויפגעברויזט דאָס לאַנד. די פּאָליטיק איז אין יענע טעג געווען ניט נאָר אַן ענין פון שווערע, לאַנגווייליקע דיסקוסיעס אין אָפּגעשלאָסענע קעמערלעך, נאָר האָט פאַרגעשמעלט אַ געמיש פון בונט און יום־טובדיקייט, ערנסטקייט פון קאַמף און פייערלעכקייט פון ערב אַ שטורעם. די „לינקע" האָבן אַדאָפּטירט די אַלטע, אַפילו רעליגיעזע, פאָלקס־שמחות: מען האָט טומלדיק געפייערט אַ „רויטן נאָעל". אין זיי אַרבעטער־פערטלען און אַף די דעמאָנסטראַציע־אויספלוגן אין וואַלד זיינען דרך אגב איינגעאָרדנט געוואָרן טאַנץ־פאַרווילונגען, וואו מען האָט זיך געקענט אַזוי גוט אַמוזירן ווי אין די „באַל־מיוזעטס" פון רי דע לאַפּ

אָדער באַסטיל־פּלאַץ. און די מיטינגען פון וועל־ד׳היוער האָבן פּאַרמאָגט די פייערלעכקייט און די היפּנאָטישע ווירקונג פון אַלטע, רעליגיעזע מאַסן צערעמאָניעס, ווען צענדליקער טויזנטער מענטשן האָבן זיך דאָרט גע־פּרעסט אַף די האַלב־טונקעלע, הויכע באַלקאָנען און גאַלעריעס, אויסגע־הערט רעדעס און געזונגען מיט התלהבות דעם „אינטערנאַציאָנאַל״ און שפּעטער — די „מאַרסעליעז״.

דאָן האָט זי באַגעגנט זשאַקן. פון אָנהויב אָן האָט זי געאַהנט, אַז דאַסמאָל וועט עס זיין אַנדערש. אָבער טאַקע דערפאַר איז זי לכתחילה געווען מיסטרויאיש. זי האָט געהאַט גענוג פון די אַלע פּרוכטלאָזע אוואַנ־טורעס און געחלומט פון געפינען דעם ריכטיקן. וועט ער זיין דער ריכ־טיקער? דאַסמאָל וועלן זיי זיין גלייכבאַרעכטיקט אין דער ליבע, אָבער אויך ער איז ניט פון אירע מענטשן. וועט זי ניט פאַרבלייבן פאַר אים גאָר אַן אַנגענעמענע דערינערונג פון אַ יונגט־זינד?

* * *

— דו ביסט מיין ערשטע ליבע — האָט זי איבערגעריסן די שטיל־קייט — פאַר דיר האָב איך קיינעם ניט געהאַט.

— אמת? האָט זשאַק אוועקגעלייגט די צייטונג.

— יאָ. דו האָסט מיך אויפגעהויבן פון בלאָטע און געשטעלט אַף די פיס.

זשאַק האָט געוואַרט. ער האָט זי ניט געוואָלט פאַרהאַלטן קעגן איר ווילן.

— אָבער איך האָב מורא — האָט זי אויסגעשטרעקט די אָרעמס.

— מורא? פאַרוואָס?

— איך ווייס ניט. ס׳איז ווי די אומזיכערקייט בעת אַ חלום: מען האָט מורא יעדע ווייַלע אויפצואוואַכן.

זי טוליעט זיך צו אים, ווי וועלנדיק זיך באַפרייען פון שווערע, לעסטיקע מחשבות. זשאַק ענטפערט אַף אירע צערטלעכקייטן. זי ווערט זיך ניט, רעדט ניט מער פון אוועקגיין. פונדעסטוועגן איז ער אַלץ אומ־דרייסט. און ווי תמיד ווערט איר זיכערקייט פאַרשטאַרקט דורך זיין אומ־באַהאָלפנקייט. אַלע אַנדערע האָבן פאַרלאַנגט איר נאָכגיביקייט, ווי עס־וואָס זעלבסטפאַרשטענדלעכעס, וואָס קומט זיי. ער האָט פון ערשטן מאָ־מענט אָן געצווייפלט. ער איבערשאַצט זי. איין באַוועגונג פון איר קער־פּער, וואָס דריקט אויס הסכמה, און ער איז באַהערשט פון איר צוציאונגס־קראַפט. זי בלייבט באַ קלאָרע געדאַנקען: באַ די אַנדערע איז זי געווען

אַן אינסטרומענט צו באַפרידיקן יענעם. אַצינד איז זי דער עיקר, דאָס וויכטיקסטע. איר דראַנג אים צו באַפרידיקן וואַקסט ניט אַרויס פון אונ־טערטעניקייט, נאָר פון כמעט אַ מוטערלעכער ליבע.

די מחשבות ווערן פאַרטושט. נאָר אַ לייכטע שרעק שימערט נאָך: מיט וואָס וועט זי אים איינהאַלטן אַף דער דויער? בא די פריערדיקע איז קלאָר געווען, וואָס זיי זוכן און וואָס זיי געפינען. ס'איז איר אויך געווען גלייכגילטיק, אויב ס'וועט זיך פריער אָדער שפּעטער ענדיקן. לגבי אים פילט זי צום ערשטן מאָל דעם ציטער צו פאַרלירן דעם געליבטן מאַן.

האָט זי ניט גענוג דערפאַרונג אַף צו וויסן ווי אַזוי צו בינדן אַ מאַן? די אַנדערע האָבן עס איר אויסגעלערנט. און מיטאַמאָל קלערט זי ניט מער. זי לעבט זיך אויס אין דער אַרויסגערופענער, געשטייגערטער ליידנשאַפט, וואָס פאַרכאַפּט זי גופא.

— עס געפעלט דיר?

זשאַק פילט, אַז אירע באַקן זיינען צעפלאַמט. ער ענטפערט ניט, עס דאַכט זיך אים, אַז ער ווערט רויט. אין שטוב האָט מען ניט געמאַכט קיין לאַנגע שמועסן אפילו וועגן פּאַטראָוועס באַם טיש. ס'איז געווען דערפאַר, וואָס דער טאַטע האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף ניט מאַכן קיין גרויסע שהיות פון עולם־הזהדיקע פאַרגעניגנס. די שפּראַך געהערט, לויט דער צייט נאָך, דער תורה אָדער סתם דער חכמה. דור דור ודורשיו...

איצט איז דער כשוף פאַרביי. זי אינטערעסירט אים אודאי ניט מער! מסתמא וויל ער ווידער אַריינקוקן אין דער צייטונג?! וואַרט ער ניט מיט אומגעדולד, זי זאָל אַוועקגיין? אין גרונט וועט עס זיך אויסלאָזן ווי מיט אַלע אַנדערע, באַנאַלערע באַגעגענישן. ניט מער, וואָס דאָסמאָל וועלן די באַציאונגען זיין איינגעהילט אין אַ שלייער פון ליבע. עס ווילט זיך איר וויינען. אָבער, פאַרפאַלן, זי וועט ניט ריידן מיט אים וועגן דעם! אין שטוב, אַליין, וועלן די שווערע טרויעריקע אַהנונגען נאָגן אין מוח. אפשר וועט זי זיך אויסוויינען, אָבער צו וואָס זאָל ער עס וויסן?

זעקסטער קאַפּיטל

אַט דאָס זיינען געווען העלענס ערשטע שריט אין דער סביבה, מיט וועלכער זי האָט זיך באַקאַנט דורך דער פאַרמיטלונג פון מאַדמואַזעל זשיליעט. זשיליעט באַר ווידער האָט געזוכט אַ קאָנטאַקט צו דער וועלט, וואָס העלען האָט זיך גראָדע געקליבן צו פאַרלאָזן, און זי אויסגעפרעגט וועגן יידן און יידישקייט. און אַזוי ווי העלען האָט פאַרלאָזן די אַלטע היים אַלס זעקס־יעריק קינד, האָט זי נאָך געדענקט אַ סך מנהגים, באַזונ־דערס די יעניקע, וואָס מען האָט טיילוויז אויפגעהאַלטן די ערשטע צייט אויך אָפן פּלעצל.

מאַדמואַזעל זשיליעט האָט געכאַפּט גרויסע התפעלות פון אַלע יידישע מנהגים, וואָס העלען האָט געמוזט געניי באַשרייבן און איבער־חזרן: פון כשרן כלים ערב פסח, פון די פורימדיקע המן־גראַגערס, פון די יום־כפורדיקע ווייסע קיטלען אָדער פון די הענער, וואָס מען האָט, שלאָגנ־דיק כפרות, געדרייט איבערן קאָפּ. באַזונדערס איז זי געווען גערירט פון די פרייטיק־צונאַכטיקע ליכט און די באַשרייבונגען פון סדר. זי האָט זיך ספּעציעל איינגעקויפט אַ הגדה מיט פראַנצויזישן טעקסט און אַלטע גראַווורן, וואָס זי האָט נאָך לאַנגע זוכענישן אויסגעפונען באַם אַנטיק־וואַר ליפשיץ, וואָס האָט געהאַט זיין געשעפט צווישן דעם טעאַטער אָדעאָן און דער קירכע פון סאַן־סולפּיס.

— אין פסח פלעגן באַ אייך אַלע עסן נאָר מצות? — האָט זי איי־בערגעפרעגט צום צענטן מאָל.

— אודאי! דער טאַטע פלעגט ערב יום־טוב ארומגיין מיט אַ ליכטל און ארומזוכן וואו נאָר אַ שטיקל ברויט. די מאַמע פלעגט, פאַרשטייט זיך אַפריער אונטערוואַרפן עטלעכע ברעקלעך, כדי ער זאָל ניט בלייבן מיט ליידיקע הענט.

— און סוכות פלעגט מען דארט אין יעדן הויף בויען א סוכה?
— אודאי! מיין זיידע פלעגט אפילו שלאפן אין סוכה!
— א קאלאסאל פאלק! — האט זיך אנטציקט זשיליעט — צוויי טויזנט יאר ווי זיי זיצן אין סוכות און עסן מצות.

איינמאל איז זי אפילו געקומען צו גאסט צו מעסיע סאקאלאווסקי אין שטוב. ווען דער טאטע האט דערהערט פון העלענען, אז די מאדמואזעל שטאמט פון די בארימטע בארס און האט א שייכות מיט די דרייפוסעס, איז ער אזוי נתפעל געווארן, אז ער האט אויסגעטאן דעם קאפעלוש און אים אוועקגעלייגט אפן טיש, ווי ער פלעגט עס טאן אמאל אין דער אלטער היים, בעת עפעס א גאר חשובער גוי — א נאטשאלניק פון פאדאטקעס, א פאליציאנט מיט א בערדל אדער סתם א פריץ — פלעגט צו אים פאר־בלאנדזשען. זשיליעט האט באמערקט זיין זשעסט און א פרעג געטאן:
— דארט, אין אייער אמאליקער היים, פלעגט א פרומער ייד שטענ־דיק טראגן דאס היטל, אמת?

— אודאי — האט זיך דער טאטע נאך מער פארלוירן — אבער היינט איז א נייע וועלט.

— איך האב געזען בא שאגאלן...

— מ...מ...מ... — האט דער אלטער צוגעשאקלט מיטן קאפ און אין הארצן האט ער א טראכט געטאן — קיינמאל ניט געהערט פון אזא כשרן יידן...

— א פיינער מאלער דער שאגאל! — האט באמערקט זשיליעט — אלטער יידישער שטייגער.

— אזוי גאר? — האט א קלער געטאן סאקאלאווסקי — ער איז גאר א מאלער? אדער זיי מאלן נאקעטע נקבות אדער די יידן מוזן בא זיי דווקא טראגן היטלען. אנדערע פאסט זיי ניט!

און ער האט אנגעהויבן ריידן מיט מאדמואזעל זשיליעט וועלט־זאכן: וועגן דעם מיניסטארן־קריזיס אין פראנקרייך און די ראסן־געזעצן אין דייטשלאנד, וואס זיינען דעמאלט געווען א נייעס.

אבער מאדמואזעל זשיליעט האט ווידער אנגעהויבן אויספרעגן וועגן דער אריגינעלער יידישקייט. זי האט באלד געוואונען דעם טאטנס הארץ: ער האט דערפילט, אז זי מיינט עס אינדערעמתן מיט אירע שאלות און ער האט זיך פאנאנדערגערעדט וועגן די אמאליקע צייטן. רחל האט דער־לאנגט צום טיש טיי מיט צובייסעכץ און זשיליעט האט זיך בא איר נאכ־

געפּרעגט וועגן יידישע מאכלים. אינמיטן האָט זי אַ פרעג געטאָן סאָקאָ־לאָווסקין:

— און פאַראַן נאָך היינט אַזעלכע יידן ווי אין פּערעצעס מעשיות? איך האָב גראָדע געלייענט אַן איבערזעצונג.

— איר מיינט פרומע יידן? אודאי, פאַראַן יידן, וואָס זיצן נאָך היינט צו טאָג על התורה ועל העבודה.

— איך מיין ניט פרומע, איך מיין דעם גייסט! אָט ווי אין „תהילים־ייד". דאָס בוך איז גראָדע דערשינען אויף פראַנצויזיש.

— אודאי, איינפאַכע יידן זאָגן תהילים און יידן למדנים קוקן אַריין אין אַ ספר.

— און איר קענט טאַקע דעם מעמאָניד אין אָריגינאַל?

צו איר גרעסטער אַנטוישונג האָט סאָקאָלאָווסקי דערקלערט, אַז ער האָט קיינמאָל ניט געהערט פון אַ מעמאָניד. אָבער צום גליק איז גראָדע זשאַק אַריינגעקומען אויף אַ ווײַלע אין שטוב און באַלד איז קלאָר געוואָרן, אַז דאָס מיינט מען דעם רמב"ם.

— אודאי — האָט געזאָגט דער טאַטע — מען פלעגט אַריינקוקן אין „מורה נבוכים".

זשיליעט איז געווען אין זיבעטן הימל:

— איז איעדער באַ איך האָט שטודירט מיטלאַלטערלעכע פילאָ־זאָפיע?!

— אָ, ניין! מיטלאַלטערלעכע פילאָזאָפיע ניט. אָבער אין „מורה נבוכים" פלעגט מען אַמאָל אַריינקוקן — האָט זיך אַנטשולדיקט מעסיע סאָקאָלאָווסקי.

ווען מאַדמואַזעל זשיליעט איז אַוועקגעגאַנגען, האָט סאָקאָלאָווסקי געזאָגט זיין פרוי:

— אַ סטאַטעטשנע פרוי, ביז גאָר! ווען מען טרעפט אַזאַ איינע אין גאַס, פאַלט איינעם איין גאָט ווייסט וואָס. גיי, זיי אַ מבין און ווייס, אַז זי אינטערעסירט זיך גאָר מיטן רמב"ם...

פאַרן גיין שלאָפן האָט זיך רחל פלוצלינג דערמאָנט:

— ווייסט, מאיר, וואָס איך וועל דיר זאָגן: ווען זי וואָלט געווען אַ ביסל יינגער און אונדזער זשאַק אַ ביסל עלטער, וואָלטן זיי געווען אַ גאַנץ פּאַסיקער שדוך.

— וויים איך, וואָס דיר פאַלט אַלץ איין, מיין ווייב! ראשית איז נאָך זשאַק כמעט אַ קינד. און צווייטנס, האָסט אַ אהנונג ווער זי איז? זי

איז דאָך פון די באַרימטע באַרס, וואָס זיינען קרובים מיט די דרייפוסעס. זי קען פערזענלעך דעם אמתן דרייפוס, טאַקע יענעם פון דרייפוס־פראָ־צעס. און דאָס שמעקט שוין במעט מיט עמיל זאָלאַ!...

* * *

העלען האָט באַגלייט זשיליעטן.

— לאָמיר גיין אַ שטיקל צופוס — האָט זי געזאָגט.

— גוט, לאָמיר אַראָפּגיין צו סאַן־מישעל.

זיי האָבן אַ ווײַלע געשפּאַנט דורך די שמאָלע, טונקעלע געסלעך פון „פּלעצל", וואו עטלעכע יידישע שפּייז־קרעמלעך זיינען נאָך געווען אָפן אין דער שפּעטער שעה פון דער נאַכט. באַלד זיינען זיי אָנגעקומען צו דער בריק אַף דער סען. רעכטס האָט זיך געהויבן די קאַטעדראַלע נאָטר־דאַם. זי איז ניט געווען באַלויכטן אין אירע שפּיצן, ניט־פאַרענדיק־טע טורעמס און הונדערטער הייליקע סקולפּטורן זיינען געווען איינגעהילט אין פינצטערניש און געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ ריזיקן שאָטן. אַ ווײַלע זיינען זיי שטיין געבליבן און באַטראַכט די געביידע, וואָס האָט אינמיטן דער באַלויכטענער שטאָט געמאַכט אַן איינדרוק פון עטוואָס מיסטעריע־זעס. מיטאַמאָל האָט העלען געפרעגט:

— זאָג מיר, זשיליעט, פאַרוואָס האָסטו דיר אַריינגענומען אין קאָפּ דעם ענין מיט דער אַלטער יידישקייט?

אין זשיליעטס אויגן האָט זיך אַ צינד געטאָן אַ שוואַרץ פייערל. נאָר איין סעקונדע האָט עס אויפגעבליצט, דאַן האָט זי אַ שמייכל געטאָן און גענומען איר חברטע אונטערן אָרעם:

— איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, מיר זיינען דאָך שוין אַלטע גוטע פריינט, ס'איז צוליב אַ ליבע!

— אַ ליבע גאָר?

— יאָ, אַ טראַגישע ליבע.

— וואָס האָט עס פאַר אַ שייכות צו יידישקייט?

— צוליב אַ טראַגישער ליבע קען דיר אַ מענטש אפילו אָנחויבן עסן זויערע אוגערקעס, איז וואָס פאַר אַ שייכות האָבן זויערע אוגערקעס צו ליבע?

— ניין, מאַך ניט קיין שפּאַס! — האָט געבעטן העלען.

— איך שפּאַס ניט. אונדז קומט אויך אַמאָל אויס צו מוזן בייטן די הויט. ער איז געווען פון אַ פרומער, קאַטוילישער משפּחה. און אַן אַדע־ליקער דערצו! כ'וואָלט אפשר געקענט אָנעמען זיין גאָט און זיין יחוס.

אָבער וואָס פאַרא פּנים וואָלט איך געהאַט אין די אויגן פון די זייניקע? איך האָב זיך באַקלערט, אַז מסתמא האָבן מיר ערגעץ וואו אַן אייגענעם גאָט און אַן אייגענעם יחוס.

זי האָט אַ דריק געטאָן העלענס אָרעם:

— פאַרשטייסט? ס'איז נאָר אומגעפער אַזוי.

איצט זיינען זיי געגאַנגען איבער דער בריק, אַף וועלכער ס'האָט געהערשט אַ שטאַרקע באַוועגונג. זשיליעט האָט אָנגעקוקט דעם עולם, וואָס איז געגאַנגען הין און צוריק. מיטאַמאָל האָט זי געזאָגט:

— ווייסט וואָס, העלען? מיר זיינען ווי צוויי מענטשן, וואָס טרעפן זיך דאָ אינמיטן דער בריק: איעדער גייט דאָרטהין, פון וואַנען דער אַנ־דערער איז געקומען.

— קען זיין. האָסט שוין אָבער פון לאַנג געזאָגט, אַז אַזאַ מיידל ווי איך מוז אַפּריער רויכערן, כּדי צו וויסן, אַז ס'איז כּלל ניט אַזוי וויב־טיק. פונדערווייטנס האָט מיר אויסגעזען, אַז זיצן אין דער „קופּאָל" אין אַ קרייז פון יונגע מענער און צוקוקן ווי די רינגעלעך רויך שלענגלען זיך אַרויס פון מויל, איז ווי... כּמעט ווי פאַרזינקען אין דער נירוואַנאַ.

זיי זיינען אַריבער די בריק, זיך פאַרנומען לינקס מיט דעם ברעג טייך און זיך געלאָזן צום סאַן מישעל. אַפן בולוואַר איז נאָך געווען אַ שטאַרקע באַוועגונג. אַף די טעראַסעס פון די קאַפעען האָבן די געסט זיך געוואַרעמט לעבן גליענדיקע אויוועלעך. לעבן די ברייטע ביכער־אויסלאַ־געס האָבן מענטשן שטייענדיק געבלעטערט אין די אַרויסגעשטעלטע ספרים. זשיליעט האָט געזאָגט:

— קום אַריין צו מיר איבערמאָרגן. מיין ברודער וועט אויך זיין. ער האָט אַ פיינע ביבליאָטעק.

— אַלטע אויסגאַבעס?

— אַ ביסל. ווען ער איז געווען יינגער, פלעגט ער אַרומקריכן צווישן די „בוקיניסטן" פון סען־ברעג און פלעגט טיילמאָל אַנטדעקן יקר־המציאותן.

— און היינט?

— היינט איז ער אין דער בערזע און שניידט זיך אַף אַ באַנקיר. איך האָב אים דערציילט וועגן דיר.

אַהיים איז העלען געגאַנגען צופוס. זי האָט געקלערט וועגן קלאָדן, זשיליעטס ברודער, וואָס האָט אַמאָל גענישטערט אין די אַנטיקוואַרע בי־כער־קעסטלעך לענגאויס דעם סען־ברעג און איז היינט כּמעט אַ באַנקיר. זי האָט געוואָלט, עס זאָל שוין זיין איבערמאָרגן.

זיבעטער קאַפּיטל

אין יענעם פרילינג פון „פאָלקס־פראָנט" האָט זיך אויפגעהויבן אַ כוואַליע פון שטרייקן און אויסגעשפּרייט אַ ריח פון ערב־רעוואָלוציע. אין שטאָט און אין אַרומיקן „רויטן גאַרטל" האָבן די אַרבעטער באַזעצט די פאַבריקן און אַרויסגעהאַנגען רויטע פאָנען. אומעטום האָט אָפּגעהילכט די אינטערנאַציאָנאַל. מיטינגען און מאַניפעסטאַציעס האָבן זיך אומ־אויפהערלעך נאָכגעפאָלגט און פאַרפלייצט דעם ברוק.

זשערמענען האָט שטאַרק אַמוזירט, וואָס אפילו די קעלנערס אין די קאַפע־הייזער האָבן פאַרשטרייקט. זיי זיינען געשטאַנען מיט פאַר־ליינטע הענט הינטער די צינקענע פאָרבענק און די צענדליקער טויזנטער לוידיקגייער, וואָס פילן אָן געוויינלעך די לאָקאַלן, האָבן זיך קיין אָרט ניט געפונען. אַף די הויפּט־גאַסן און בולוואַרן האָט געשמעקט מיט ערב אַ שטורעם און דער ענין האָט געמאַכט אַפן פשוטן בירגער אַ שטאַרקערן איינדרוק ווי דאָס ליגן די אַרבעט ערגעץ הינטער די מויערן פון אַ הויכן פאַבריקס־פּלויט.

אַלע האָבן געשטרייקט און ס'איז געקומען די ריי אויך פון די פאַרקויפערנס אין די מאַגאַזינען און פון די מידינעטקעס אין די גרויסע מאָדע־סאַלאָנען. פון דער גאַנצער שטאָט איז מען געלאָפן אָנקוקן דעם בייזן וואונדער: די שלאַנקע, יונגע פריילנס, וואָס זיינען געשטאַנען הינ־טער די קראַטעס פון די געשלאָסענע געשעפטן און געשטרייקט מיט אַ שמייכל אַף די רויט־געפאַרבטע ליפּן. זשערמענס מאַמע האָט איר גע־בראַכט סאַנדוויטשן, ווייל אויך צום עסן איז מען ניט געגאַנגען אהיים. ווען ס'איז לאַנגווייליק געוואָרן, האָט אַן אָנגעשטעלטער געלאָזן ברענגען אַ האַנט־האַרמאָניקע און דער עולם האָט זיך אַ לאָז געטאָן טאַנצן אונטערן קלאַנג פון דער מוזיק. אַפן טראָטואַר האָבן זיך געמאַכט רעדלעך און חברה יונגוואַרג האָט דערווייל אַריינגעכאַפּט אַ פלירט.

עס זיינען געקומען רעפּאָרטערן און פֿאָטאָגראַפֿן. די צייטונגען זיינען פֿאַרפֿלייצט געוואָרן מיט בילדער: לעבן שטרענגע פּנימער פֿון אַרבעטער, וואָס הענגען אויף אַ רויטע פֿאָן אַף אַ קוימען פֿון אַ פֿאַבריק, האָט מען געזען די יונגע שטרייקערנס, וואָס טאַנצן צום קלאַנג פֿון אַ האַנט־האַרמאָניקע. צעשראָקענע בירגער האָבן זיך געקענט טרייסטן, אַז עס האַלט נאָך ניט אַזוי שלעכט.

זשערמען איז געווען אויפֿגערעגט און אַנטציקט. די גאַנצע שטאָט איז געווען פֿאַרשיכורט פֿון פֿרילינג, אויפֿברויז און האָפֿענונגען. אַפֿילו שיכורים, וואָס האָבן זיך אומגעקערט נאָך אַ האַלבער נאַכט אַהיים, האָבן אָנשטאָט ליבע־שלאָגערס געזונגען דעם אינטערנאַציאָנאַל און געוואָרפֿן לאָזונגען פֿאַר פֿרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט. זשערמען האָט געוואוסט, אַז מען האָט דערגרייכט באַצאָלטע וואַקאַנסן, דאָס הייסט, אַז מען וועט היינטיקן זומער אַרויספֿאָרן אין דער ברעטאַן, אַפֿן ברעג אַטלאַנטיק, אָדער אפֿשר גאָר צום „בלויען ברעג", לעבן דער אַזוי באַרימטער ניצאַ. מען וועט זיך באָדן אין ים און זיך ברענען אַף דער זון. דאָס לעבן איז שיין! מיט כּונה און התלהבֿות האָט זי געזונגען מיט די יוגנטלעכע אין די דעמאָנסטראַציעס:

— צו זון, צו ליבע, צו פֿרייהייט!

אין איר קאָפּ האָט זיך פֿאַרמישט ליבע און רעוואָלוציע, ווי עס גיסן זיך צוזאַמען דער פֿרילינג און די אויפֿבליענדיקע נאַטור. זי האָט זיך ניט צעבראָכן דעם קאָפּ איבער אַזעלכע פּראָבלעמען ווי „נייער מענטש" און „נייע וועלט" ווי אויך ניט איבער די פּאָליטישע טאַקטיקעס און סטראַטעגיעס, וואָס האָבן באַדאַרפֿט רעאַליזירן די דאָזיקע, כּמעט טראַנסצענדענטאַלע באַגריפֿן.

ניט אַזוי זשאַק. שוין אין תּוך איז צווישן זיי געווען אַן אונטערשייד: אין זשאַקס דראַנג נאָך אַ „נייער וועלט" האָט געלעבט אַ גלגול פֿון די אייביקע גאָט זוכענישן, וואָס האָבן באַשעפֿטיקט געוויסע מענטשן אין יעדער צייט און יעדן דור; אין זיינע פֿאַרשטעלונגען פֿון דער צוקונפֿטיקער וועלט, וואָס האַלט אין געבוירן ווערן, האָט זיך אַריינגעשמוגלט דער אוראַלטער, מיטאָלאָגישער חלום, וואָס האָט געפֿונען זיין אויסדרוק אין דער לעגענדע פֿון גן־עדן, צו וועלכן די מענטשהייט וועט סוף כּל סוף ווידעראַמאָל זוכה זיין. און ווייל אַזעלכע הויכע ענינים זיינען געשטאַנען אין קאָן, האָט ער זיך באַמיט צו דערגרונטעווען די וועגן, וואָס האָבן געפֿירט צו דער רעוואָלוציע און ער איז געווען זייער פֿילבאַר אַף די וויב־

רירונגען פון דער פּאַרטיי־ליניע, וואָס איז, אמת, אַליין געגאַנגען אין זיג־זאַגן, אָבער פון וועלכער מען האָט זיך ניט געטאָרט אָפּנויגן ניט רעכטס און ניט לינקס.

אין דער טאָג־טעגלעכקייט האָט זשאַק געהאַט אַ קנאַפּן שייכות צו גאָט־זוכעניש אָדער גאָר מיטאָלאָגיע. אין דער פּראַקטיק איז געשטאַנען די פראַגע, צי ס'איז ריכטיק זיך אָפּצוזאָגן פון דער פריערדיקער ליניע „קלאַס קעגן קלאַס", וואָס האָט געדאַרפט פירן דירעקט צו רעוואָלוציע און סאָציאַליזם און זיך דערווייל באַגנוגענען מיט אַ פאַראייניקונג פון גאַנצן פאָלק — אויך קליינבירגער און קאַפּיטאַליסטן, אויסער די „צוויי הונדערט פאַמיליעס" — צו פאַרטיידיקן די עקזיסטירנדיקע דעמאָקראַטיע. צווישן זשאַקס חברים, אינטעליגענטן, האָבן עס אַ סך געהאַלטן פאַר פאַראַט. אַנדערע ווידער האָבן געטענהט, אַז ס'איז נאָר אַ מאַנעוור: מען וועט מאַרשירן מיטן גאַנצן פאָלק ביז אַ געוויסן פונקט און דאַן וועט מען שוין וויסן, וואָס צו טאָן.

— אָבער דער בורזשואַזיע — האָבן געטענהט די אַנדערע — איז דער קאָפּ אויך ניט אויסגעדאַרט! אויב מאַנעווירן, זיינען זיי גרעסערע מייסטערס. און דורכן „פאָלקס־פראָנט" וועלן זיי אָפּוועגדן די רעוואָלוציאָנערע פּאָטענצן פון די מאַסן.

זשאַק איז געגאַנגען כאַפּן וועגן דעם אַ שמועס מיט פּיערן. פאַר פּיערן, דאַכט זיך, איז דער וועג אַ קלאָרער. ער געהערט צו יענע מיליאָנען, וואָס בויען די מאַשינען און באַוועגן זיי, וואָס לאָזן אין גאַנג די עלעקטראָוועס, די באַנען און דעם גאַנצן מעכאַניזם פון פּראָדוקציע. ער געהערט צו יענעם וועלט־פּראָלעטאַריאַט, וואָס וויל איבערנעמען דעם דאָזיקן מעכאַניזם אויפן אייגענעם חשבון. ער פאַרשטייט זיי קאָנקרעטער, די דאָזיקע ענינים.

און פּיער האָט געענטפערט קורץ:

— היינט זיינען מיר פאַרן פאָלקס־פראָנט!

— ס'איז אָבער נאָר אַ מאַנעוור, כדי צו געווינען די קליינבירגער, אָדער די בירגערלעכע דעמאָקראַטיע איז טאַקע פאַר זיך גופא אַ ציל? — האָט אים זשאַק ניט אָפּגעלאָזן.

— איך וויים ניט און עס גייט מיר בכלל ניט אָן! היינט, פאַרשטייסטו מיר, זיינען מיר פאַרן פאָלקס־פראָנט און מען טאָר דעריבער ניט טראַכטן עפּעס אַנדערש. די קעגנער זיינען פאַרעטער און שטערער. שפּע־

מער וועט זיך אפשר דער ענין ענדערן, וועלן מיר דאן קלערן אנדעריש. הקרנען איז ניט מיין זאך!

נאך אזא לאנגער רעדע האט ער באשטעלט א כוסה און ווען זיי האבן געענדיקט טרינקען, האט ער געזאגט:

— און איצט, זשאק, וועסטו שטעלן א גלעזל, טאקע אן אמתן קאניאק!

— וואס איז די שמחה?

— איך האב דיך געזען מיט דיין מיידל. ווייסט, זי איז גאר ניט שלעכט. נעכטן אף די בולווארן האב איך אייך געזען. איך האף, אז זי פארשאפט דיר מער ניט קיין הארצווייטיק.

— ס'איז אן אנדערע — האט זשאק געזאגט א ליגן — סתם א באקאנטע.

— אה, דו טרייסט זיך מיט א צווייטער? זייער פיין! זי איז אודאי מער ווערט ווי יענע, וואס שפילט די טראגישע נשמה און ציט ארויס די עצמות.

דער שטארקער קאניאק, צו וועלכן זשאק איז ניט געווען געוואוינט, האט אים א שלאג געטאן אין קאפ. ער האט א קלער געטאן וועגן זשערמענען און ס'האט אים הנאה געטאן, וואס קיינער ווייסט ניט וועגן זייער ליבע. אין שטוב האט ער ניט געטארט זיך ארויסכאפן מיט א ווארט וועגן איר; אפילו וועגן פאליטיק האט ער דארט געטארט שמועסן, אבער בשום אופן ניט וועגן זיין ליבע מיט דער קליינער פארקויפערן. אין דער געהיימער סודותדיקייט איז געווען א סך רייץ און ער האט זי אויסגעשפריים אויך לגבי זיינע חברים.

ווען זיי זיינען ארוים אין גאס, האט א צייטונגס־פארקויפער אויסגערופן די נאכט־אויסגאבעס. זשאק האט געקויפט א צייטונג און זי א בלעטער געטאן. ס'איז דארט געווען א דעקלאראציע פון א לינקן ארבעטער פירער:

— מען דארף קענען פארענדיקן א שטרייק!

— די קליינבירגער זיינען איבערגעשראקן! — האט אים דערקלערט פיער, וועלכער האט שוין א טאג פריער געוואוסט פון די לעצטע לאזונגען פון דער פארטיי — מען דארף זען, אז זיי זאלן ניט געשטויסן ווערן אין די ארעמס פון דער רעאקציע. מיר מוזן זען געווינען אויך די קליינבירגער.

זשאק האט זיך דערמאנט אן זיין טאטן, וואס איז דאך אויך א

קליינבירגער. ער האָט קיינמאָל ניט געשמועסט מיט אים וועגן פּאָליטיק, ווייל פאַר אים, פאַרן יונגן, איז די פּאָליטיק געווען אַן עניו, וואָס האָט כולל געווען, ווי אַמאָל די אמונה בײַ פרומע לייט, זײַן גאַנצע וועלט־אָנשויאונג, אין דער צייט ווען בײַם אַלטן מעסיע סאָקאָלאָווסקי איז זי געווען נאָר אַ נעבן־זאַך: עס הערשט דער אָדער יענער מלך, דער אָדער יענער פּרעזידענט... אָבער ווײַבאַלד די קליינבירגער האָבן באַקומען אַזאַ חשיבות אין דער סטראַטעגיע פון דער וועלט־רעוואָלוציע, האָט ער אָנגעהויבן בודק זײַן ווי עס האַלט מיט זײַן טאַטן און וואָס פאַראַ באַציאונג ער האָט צו די לעצטע געשעענישן און צום וועלט־פּראָלעטאַריאַט.

דער אַלטער סאָקאָלאָווסקי האָט זיך, ווי באַקאַנט, ניט איבערגענומען צו שטאַרק מיט דעם גייסט פון דער אַרומיקער וועלט. די מאַניפעסטאַציעס מיט אויפגעהויבענע פויסטן, צעשפּרייטע פאָנעס און רעוואָלוציאָנערע לידער, וואָס זײַנען פאָרגעקומען ווייט, ערגעץ בײַ דער באַסטיל, האָבן אויף אים ניט אַרויפגעוואָרפן קיין שרעק. געווען שכנים, פּראָנצוויזן, בעלי־בתים פון גרויסע געשעפטן, וואָס האָבן אים די לעצטע טעג, נאָך דער באַגריסונג, אַ זאָג געטאָן מיט אַן ערנסטער, אַ ביסל צעשראָקענער מינע:

— וואָס זאָגט איר, מעסיע סאָקאָלאָווסקי? ס'וועט שוין באַלד דאָ ווערן, בײַ אונדז, ווי דאָרט בײַ אייך, אין רוסלאַנד... אין סיביר...

דער אַלטער סאָקאָלאָווסקי האָט געשמייכלט אין זײַן קורצער באָרד. און ניט נאָר דערפאַר, וואָס זײַנע שכנים, ווי עכטע פראַנצויזן, האָבן אונטערגעהונקען אויף געאָגראַפיע, האָבן פאַרמישט אַלע לענדער, וואָס זיינען געלעגן אַ ביסל אויף מזרח און פּוילן, רוסלאַנד און יוגאָסלאַוויע זײַנען בײַ זיי געווען כמעט דאָס זעלבע לאַנד, נאָר ווייל ער האָט אַ טראַכט געטאָן:

— דערעיקרשט, קיין יידן שלאָגן זיי ניט?!

ער האָט זיי געזען איינציקווייז, די דאָזיקע לייט, וואָס מען האָט געוויזן אין די צייטונגען מיט געבײַלטע פויסטן: די קאָנדוקטאָרן פון טראַמווייען, די בוי־אַרבעטער, די פאַבריקס־אַרבעטער. און זיי האָבן אויסגעזען גאַנץ אָנשטענדיקע און פיינע מענטשן. און וואָס זאָל ער זיך פאַר זיי שרעקן?

אוודאי האָט ער געמוזט העכערן זײַנע אָנגעשטעלטע די לוינען און צוליבן העכערן פון אַרבעטס־געלט זײַנען אויך געשטיגן די פּרייזן פון סחורה, וואָס איז ניט קיין מעלה פאַר געשעפט. (וואָרים דרך אגב איז שוין

די סחורה אַזוי אויך געשטיגן). אָבער אַזאַ עולם־הזהדיק פֿאָלק זײַנען זיי שוין, די פּראָנצוויזן. אינדערהיים, אין פּוילן, איז אַ בעל־מלאָכה אָפּגעקור־מען מיט אַ שה״י פּה״י, האָט זיך באַנוגנט מיט קאַרטאָפֿל אַ גאַנצע וואָך און מיט אַ שטיקל פֿלייש אויף שבת. און דאָ עסט אַן אַרבעטער ע[illegible]ע פֿאַרשפּייזן צום מיטאָג און אַן אַ פֿלעשל ווײַן וועט ער זיך ניט זעצן צום טיש!

ער וועט אויך מוזן צאָלן פֿאַר וואַקאַנסן און די אָנגעשטעלטע שמו־עסן שוין וועגן אַרויספֿאָרן צום ים. אַ פֿאַרעניש צום ים האָט אַרומגעכאַפּט די גאַנצע וועלט! ער איז דאָרט קיינמאָל ניט געווען — נאָר איינמאָל האָט ער זיך אַראָפּגעכאַפּט אַהינצו אויף אַ שבת, ווען זײַן ווײַב מיט העל־לענען האָבן דאָרט געפּראַוועט דאַטשע. האָט ער זיך אַרומגעדרייט אַ גאַנצן טאָג און ניט געוואוסט וואָס אָנצוהייבן טאָן. מען ליגט אויפֿן זאַמד, ס׳איז היים און מען געפֿינט זיך קיין אָרט ניט צווישן אַזויפֿיל האַלב־נאַקעטע פּרויענצימערן און מאַנספֿאַרשוינען, וואָס פּרעסן זיך ווי די הערינג אויף דער פּלאַזשע.

אין דערהיים, אין אַ שבת, האָט מען נאָכן שלאָף געלערנט אַ בלאַט גמרא אָדער אַרײַנגעקוקט אין אַ רמב״ם. ייִדן פּראָסטאַקעס, בעלי־מלאכות, האָבן דאָרט אויך געהאַלטן, אַז דער גן־עדן וועט זײַן אַזאַ מין פּלאַזשע, וואו מען וועט האַלטן אַ גאַנצן טאָג אין עסן שטיקער שור הבר און לויתן און פֿאַרטרינקען מיט יין המשומר. אָבער ער, ר׳ מאיר סאָקאָלאָווסקי, האָט געהאַלטן ווי דער רמב״ם, אַז אין גן־עדן וועט מען לערנען תורה און הנאה האָבן פֿון דער טיפֿער חכמה, וואָס די שכינה וועט מגלה זײַן.

אָבער, אַזוי ווי די פֿראַנצויזן האַלטן פֿאָרט פֿון עולם הזה, איז פֿאַר־פֿאַלן! וואָסי, אויף יענער זײַט גרענעץ, בײַ די רשעים פֿון דײַטשן איז בע־סער? דאָרט האָט מען צוגענומען דאָס געלט מיטן נפֿש און די, וואָס זײַ־נען אַהערצו געקומען צולויפֿן מיטן לעבן, שעצן זיך גליקלעך.

גרויס הנאה האָט אים געטאָן, וואָס מען האָט זוכה געווען צו אַ ייִדישן פּרעמיער מיניסטער. עס האָבן זיך אים דערמאָנט די מאמרים וועגן דרייפֿוס פּראָצעס און דער פּרעמיער מיניסטער לעאָן בלום האָט בײַ אים באַקומען אַזאַ חשיבות ווי אַ שטייגער עמיל זאָלאַ, הגם איינער איז געווען ממש אַ בן־ברית און דער אַנדערער נאָר פֿון די חסידי אומות העולם.

אָט די דאָזיקע באַציאונגען צו די געשעענישן האָט זשאַק אַרויסגע־פֿילט בײַ זײַן אַלטן. און דרך אגב האָט דער טאַטע דערציילט, אַז די על־

מערן פון לעאן בלום האבן נאך געהאלטן שטארק פון יידישקייט. ס'הייסט, זיי זיינען ניט געווען רעליגיעז, אבער פון טראדיציע האבן זיי יא געהאלטן: די מאמע זיינע, פון דעם היינטיקן פרעמיער, פלעגט נאך בענטשן ליכט פרייטיק צונאכט. און א סברא, אז זיי האבן אפילו געגעסן חלות מיט געפילטע פיש. בפירוש אזוי האט א היגער זשורנאליסט באשריבן אין א ניו־יארקער יידישער בלאט, כדי אלע יידן פון גאר דער וועלט זאלן וויסן און טאקע הנאה האבן. און דער זשורנאליסט איז ניט סתם אבי ווער, נאר טאקע פראפעסאר ווישניאק, אן אמתער פראפעסאר און! א געוועזענער דעפוטאט פון דער רוסישער דומע און מן הסתם באלעקט ער זיך אויך עד היום מיט א שטיקל אידישע פיש. א יידישע נשמה איז ניט אפצושאצן! און א היגע יידישע צייטונג האט איבערגעדרוקט יענעם ארטיקל, און דער פראפעסאר האט פארפירט א פראצעס קעגן דער היגער בלאט, ווייל זי האט ניט באקומען קיין דערלויבעניש איבערצודרוקן.

— אבער דאס אלץ — האט געזאגט דער טאטע — האט ניט קיין שייכות צום עצם ענין. זעט איר, אין צוויי בתי־מדרשים אפן „פלעצל”, האט מען פאר לעאן בלומען געמאכט א „מי שברך”, כאטש ער איז גא־ א סאציאליסט, דער לעאן בלום, און ער האלט משמעות ניט פון גאט־זאכן. אבער ווי עס זאל ניט זיין, וועט עס אים אודאי ניט שאדן צום געזונט.

זשאק האט צוגעהערט דעם טאטנס רייד און ס'האט אים הנאה געטאן, וואס די יידישע קליינבירגער זיינען ניט קיין שונאים פון דעם וועלט־פראלעטאריאט. ער גופא האט ניט באהאנדלט די געשעענישן פון א יידישן שטאנדפונקט, נאר פון אן אלגעמיינעם מענטשלעכן. פאר די לעצטע יארן האט ער זיך נאר פון צייט צו צייט א קער געטאן צו יידישקייט און געשען איז עס מייסטנס צוליב דעם אינטערעס און געהויבענער מיינונג, וואס זיינע ניט יידישע חברים האבן צייטנווייז ארויסגעוויזן צו זיין פאלק.

הגם אף דער וועלט זיינען פאראן יידן מיט פלייש און ביינער, מיט ווייבער און קינדער, יידן מכל המינים — בעלי מלאכות, סוחרים, אינטעלעקטואלן און סתם מענטשן פון א גאנץ יאר, — האבן פונדעסטוועגן זייערע שכנים און טיילמאל אפילו זיי גופא, מיסטישע פארשטעלונגען וועגן דאזיקן פאלק, אין וועלכן זיי זעען נאר א פרינציפ אדער אן אידיי. פאר די איינע זיינען די יידן דער געהיימער „קאהאל”, א מין אינטערנאציאנאלע פארשווערונג פון קאפיטאליסטן און רעוואלוציאנערן, וואס וויל

באהערשן די וועלט און פאר די אנדערע — א דבר שכולו טוב: די וויגעלע פון רעליגיעם, רייגער „קידוש השם", פראפעסאר איינשטיין און די נביאים...

אין יענע יארן איז די יידן־פראגע זייער אפט ארויפגעשוואומען אפן טאג־ארדענונג צוליב די רדיפות אין דייטשלאנד און מזרח אייראפע. זשאקס יונגע חברים האבן אפטמאל ארויסגעוויזן א סך אינטערעס פאר יענעם עקזאטישן פאלק, וואס שטאמט פון פאלעסטינע, האט שפעטער אויפגעטויכט פון צווישן די מויערן פון געטאס, ווערט פארפאלגט זינט יארהונדערטער און האט איבערגעשטאנען אלע שטורעמס. אין זייערע בליקן און ווערטער האט זשאק באמערקט, אז אויך אים באטראכטן זיי אפטמאל מיט באהאלטענער נייגעריקייט און אז זיי זעען א צוזאמענהאנג צווישן אים און יענעם מארטירערטום, די נביאים און די צוויי טויזנט יאר גלות.

דאן איז וואך געווארן אין אים דאס ביסל יידישקייט, וואס ער האט געירשנט: די געשיכטע, וואס ער האט געלערנט, די לעגענדעס, וואס דער טאטע האט דערציילט אין דער סדר־נאכט, די דערציילונגען וועגן פאגראמען אין נאנטן עבר, וועגן אינקוויזיציע און קדוש השם אין די אמאליקע צייטן, וואס ער האט אויפגעכאפט בעת פארשיידענע שמועסן מיט געסט און די אפט איבערגעחזרטע ווערטער פון טאטן, אז „מיר זיינען שוין געווען א פאלק מיט א קולטור און מיט אן אייגענער תורה, בעת זיי האבן נאך געקלעטערט ווי די מאלפעס אף די ביימער"...

געוואוינט האבן שוין דאן די סאקאלאווסקים אפן גרענעץ פון פלעצל און פארבראכט האט דער זון ס'רוב אין אנדערע קווארטאלן פון שטאט. איינמאל, בעת אזא מאמענט פון תשובה, האט ער באשלאסן זיך אומצוקערן אין יענע יוגנט־געסלעך, כדי אנצוטאפן בידים דעם אייגנארטיקן יידישן גייסט, וועגן וועלכן עס ווערט אזויפיל גערעדט.

אפן „פלעצל" האט ער אריינגעקוקט אין די ספרים־קרעמלעך, וואו מען האט פארקויפט מעשה־ביכלעך, לשנה טובות און פעקלעך ציצית. עטלעכע יידן מיט בערד זיינען דארט ארומגעגאנגען ווי א שארית הפליטה. אין די קאפע־הייזער האט מען פארקויפט שווארצע ברויט, באלייגט מיט אמתן, געזאלצענעם הערינג, ווי די מאמע האט טיילמאל צוגעגרייט פאר זיך און פארן טאטן. מען האט דארט געשפילט אין פאקער און דאמינעס, זיך געהיצט איבער פאליטיק און „פערדלעך" און גערעדט יידיש געמישט מיט פראנצויזיש.

ער איז געווען אנטוישט: וואו איז דאָ יענער ספּעציעלער גייסט פון קדוש השם? דער אייגנאַרטיקער, יידישער דראַנג נאָך גערעכטיקייט, וואָס ווערט דורך זיי אריינגעבראַכט אין די קולטורן פון די פעלקער, צווישן וועלכע זיי לעבן?... אָט האַנדלען זיי און וואַנדלען אין קאָנפעקציע־געשעפטן, אַרבעטן זיך אַרויף, וואַנדערן צו די „גרויסע בולוואַרן”, ווי זיין טאַטע, שיקן די קינדער אין גימנאַזיעס און אף אוניווערזיטעטן.

ער האָט אָנגעהויבן נענטער באַטראַכטן די יידן, וואָס פלעגן אַריינקומען צו זיי אין שטוב. מייסטנס זיינען עס געווען אַרויפגעאַרבעטע קליינבירגער, וואָס האָבן מקריב געווען זייערע יאָרן, כדי צו קומען צו אַ תכלית. אַ בענקשאַפט האָט פאַרנעפּלט זייערע פּנימער, ווי נאָר מען האָט דערמאָנט די אַלטע היים און יענעם, פאַרגאַנגענעם, ראָמאַנטיש־געוואָרענעם שטייגער לעבן. זייער חלום זיינען געווען די קינדער, וואָס וועלן ווערן לייט און שוין ניט דאַרפן זיך מוטשען דאָס גאַנצע לעבן.

כמעט אַלע האָבן זיי געהערט צו „„סאָסיעטעס”, וואו זיי האָבן געצאָלט אַ מאָנאַטלעכן אָפּצאָל, כדי צו קומען נאָכן טויט צו קבר ישראל. מאַנכעסמאָל האָט זיך געמאַכט אַ חתונה און זשאַק איז אַהינגעגאַנגען מיט דער מאַמען: מען האָט געשטעלט אַ חופּה, מחותנים האָבן זיך געדרייט אַרום דער כלה, אַ רב האָט געמאַכט אַ ברכה מיט אַ זינגענדיק־טרויעריקלעכער שטימע. דאָס אַלץ האָט דאָ, אין פּאַריז, אויסגעזען עקזאָטיש, ווי אַ גרוס פון אַ ווייטן עבר. אָבער זשאַקן האָט עס אַלץ ניט אַנטפּלעקט דעם אייביקן גייסט פון יידנטום, יענע הויכע „אידעאַלן פון די פּראָפעטן” און שטרעבונגען נאָך גערעכטיקייט, וואָס האָבן זיך פאַרקערפּערט אין דער טראַדיציע זינט דורות און דורות.

דאַן האָט ער זיך עטלעכע מאָל אַריינגעכאַפּט צווישן יידישע אַרבעטער. ער איז געגאַנגען אף „צען רי לאַנקרי” אָדער אין זאַל פון טעאַטער אַלבואי, וואו זיי האָבן אָפּגעהאַלטן זייערע פאַרזאַמלונגען. דער עולם איז דאָ געווען אַ סך אַ קלענערער ווי אף די פראַנצויזישע מיטינגען פון וואַגראַם־זאַל אָדער לונאַ־פּאַרק. מייסטנס זיינען עס געווען שניידער, שטריקער אָדער בייטלמאַכער, וואָס האָבן געוואוינט אין צפון־מזרח פון דער שטאָט. אויסגעזען האָט דאָ דער עולם גרויער, סיי אין די מלבושים און סיי אף די פּנימער, אָבער גערעדט האָט מען וועגן די זעלבע ענינים, וואָס צווישן די גויים: לוינען, באַצאָלטע וואַקאַנסן און די סכנה פון אינערלעכן און דרויסנדיקן פאַשיזם, וואָס באַדראָט דאָס לאַנד.

נאָר דאָ זיינען די זעלבע ענינים געזאָגט געוואָרן אין אַן אַנדע־

שפּראַך. און וואָס איז דאָ דער יחוס מיט דער אַנדער שפּראַך? פאַר דעם דאָזיקן עולם, האָט ער געוואוסט, איז עס אַמלייכטסטן זיך אויסצודריקן אין זייער אייגענעם לשון. זי איז זיי אפשר אויך נענטער צום האַרצן. אָבער פאַר אים, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין פּאַריז און האָט געלייענט נאָר פראַנצויזיש און האָט גערעדט כמעט נאָר פראַנצויזיש?

איינמאָל איז ער פאַרקראָכן אַזש אין אַ יידישן אַרבעטער־קלוב, אַפן בעלוויל, וואָס מען האָט דאָן אַ נאָמען געגעבן פאָלקס־הויז. ער איז דורכ־געגאַנגען די גרויע גאַס קוראָן, וואָס האָט זיך הויקערדיק געדרייט מיט איר שלעכטן ברוק, איז אַרויפגעשטיגן צום פּאַסאַזש געניא, וואו אַ דוש־נעקייט האָט זיך געטראָגן פון די געדיכט באַוואוינטע הייזער און זיך אַרויפגעדראַפּעט איבער שמאָלע טרעפּ צו אַ לאַנגן זאַל, וואָס איז אַמאָל געווען אַ סחורה־סקלאַד און האָט לעצטנס געדינט אַלס קולטור־הויז.

אַף די דיק־געטינקעוועטע, ניט געפּאַרבטע ווענט, זיינען געהאַנגען די זעלבע בילדער ווי אין ענלעכע, פראַנצויזישע קלובן: אַ פּויערטע מיט אַ סלאַווישן פּנים, וואָס האָט אַרויסגעשמייכלט פון אַ קאָרן־פעלד, מיט דער אונטערשריפט „אַ גליקלעכע קאָלכאָזניצע" און עטלעכע צופרידענע יונגעלייט האָבן געטראָגן די דערקלערונג: „די יוגנט אין ראַטנפאַרבאַנד איז גליקלעך". נאָר באַם בופעט האָט מען פאַרקויפט געהאַקטע לעבערלעך, צוגעפּראַוועט אַף אַ יידישן שטייגער און מאַרינירטע הערינג, וואָס מען האָט בדרך כלל זעלטן געזען אין שטאָט.

דער עולם איז זיך צונויפגעקומען זייער שפּעט, ווייל ער איז אין אַ גרויסן טייל באַשטאַנען פון היים־אַרבעטער, וואָס האָבן אין סעזאָן גע־האָרעוועט ביז שפּעט אין דער נאַכט. ווען אין זאַל האָבן זיך געפונען עט־לעכע מנינים מענטשן, האָט דער פאָרזיצנדער איינגעלאַדן אַ גרויסן ערן־פּרעזידיום, אין וועלכן ער האָט פאַרבעטן די חברים סטאַלין, דימיטראָוו, מאָריס טאָרעז און נאָך אַ האַלבן מנין חשובע לייט, וועלכע זיינען זשאַקן געווען באַקאַנט פון די אַלגעמיינע, גרויסע מיטינגען אין שטאָט.

אויך די רייד זיינען אים געווען באַקאַנט פון די אַנדערע מיטינגען. קיין אייגנאַרטיקן גייסט האָט ער דאָרט ניט געטראָפן. נאָר האָבן די לאָ־זונגען און דער ערן־פּרעזידיום געקלונגען איינדרוקספולער אַף יענע פאַר־זאַמלונגען פון צענדליקער און הונדערטער טויזנטער פּראָלעטאַריער. איז פאַרוואָס מוז ער קומען דווקא אין דאָזיקן ענגן קלוב?

אַכטער קאַפּיטל

העלען איז געווען פֿול מיט דערוואַרטונג. זי האָט פּרובירט זיך פֿאָרצושטעלן די ערשטע באַגעגעניש מיט דעם יונגן באָר: ווי זעט ער אויס? וועט זי אים געפֿעלן ווערן? ביז דעמאָלט האָט זי קיינמאָל ניט געטראָפֿן באַ זשיליעטן ווער עמען ניט איז פֿון דער משפּחה. געוואוסט האָט זי נאָר, אַז איר פֿריינדן געהערט צו יענע משפּחות פֿון „דרייפֿוס, באָר און ווייל׳ס", וואָס שפּילן לגבי דעם איינפֿאַכן יידן די ראָלע, וואָס עס שפּילט געוויינלעך דער אַדל לגבי דעם פּשוטן פֿאָלק. אַצינד וועט זי קומען אין קאָנטאַקט מיט יענע לייט. דערצו וועט עס זיין אַ יונגער מאַן, וואָס האָט אַמאָל ליב געהאַט זאַמלען אַנטיקוואַרע ביכער און לעצטנס שניידט ער זיך אָף אַ באַנקיר.

מאַדמואַזעל זשיליעט באָר האָט געלעבט אָפּגעזונדערט פֿון איר פֿאַמיליע. זי האָט זיך ניט געמישט אין די פֿינאַנציעלע ענינים, אָבער איר חלק אין דער ירושה, וואָס האָט געשטאַמט פֿון אַ באָבען פֿון דער מאַמעס צד ווי אויך דער נדן, וואָס איז פֿאַר איר געווען באַשטימט, זיינען שטרענג אָפּגעהיט געוואָרן. אַ פֿעטער האָט פֿאַרוואַלטעט מיטן דאָזיקן פֿאַרמעגן. ווי אַ פּאָרזיכטיקער געשעפֿטס־מאַן האָט ער אַ טייל אינוועסטירט אין פֿעסט־פּאַרצינזטע מלוכה־הלוואות און דעם רעשט אין אַקציעס, וואָס האָבן געהאַט אַ שאַנס צו שטייגן.

הגם זי האָט ווייניק פֿאַרקערט מיט די פֿאַמיליע־קרייזן, האָט מען זיך זייער געזאָרגט פֿאַר איר און זי ליב געהאַט ווי מען האָט ליב אַ שרעקלעך קינד, וואָס איז גערעטן. אינדערשטיל האָט מען אַפֿילו שטאָלצירט מיט איר; עס האָט כמעט געהערט צום גוטן טאָן פֿון אַ בירגערלעכער פֿאַמיליע צו האָבן אין איר שוים אַ קינסטלערן מיט משוגעתן, פּונקט ווי עס געהערט זיך היינט צו טאָג, אַז אַ גבירישע הויזגעזינד זאָל, אויסער

פּעאיקע געשעפטס־לייט, האָבן אויך איין זון אָדער טאָכטער, וואָס זיינען זייער לינק געשטימט: אַ קאָמוניסט, אַן אַנאַרכיסט אָדער ענלעכעס.

איר ברודער, קלאָד, האָט געהאַלטן, אַז יענער פעטער איז צו אַלט אַף צו קענען ווי געהעריק באַשטימען אין פינאַנציעלע ענינים, אין אַזעל־כע שווערע צייטן פון כסדרדיקע קריזיסן און דעוואַלואַציעס. ער האָט אויך, ווי אַ יונגער בערזע־מאַן, געהאַט אַמביציעס אַף קליינע עקספּערימענטן און זיכערע שפּעקולאַציעס. דעריבער האָט ער געוואָלט איבערנעמען די פאַרוואַלטונג פון אַ טייל פון זשיליעטס פאַרמעגן. ווען ער איז, אין אַפּ־געררעדטן טאָג, געקומען אין איר דירה, האָט ער דאָרט געטראָפן העלענען.

העלען איז תחילת געווען שעמעוודיק און געזעסן מיט אַראָפּגעלאָ־זענע אויגן. געררעדט האָט זי נאָר מיט איר פריינדין, וואָרפנדיק בגנבה זייטיקע בליקן אַף קלאָדן. זשיליעט האָט סערווירט אַ שטאַרקן ליקער אין קליינע גלעזעלעך. העלען האָט אַ סך געטרונקען און איז שנעל געוואָרן בגילופין. זי האָט זיך פאַרוויטלט און געררויכערט איין פּאַפּיראָס נאָכן אַנדערן. דאַן האָט זי אָנגעהויבן ריידן ווי אַ וואַסערפאַל און האָט דער־ציילט קלאָדן וועגן איר אַוואַנטורע מיטן בילד פון דעם יונגן מאָלער אַנ־דרעי און וועגן איר מאַמען, וואָס האָט דעם דאָזיקן בילד „געקויפט".

קלאָד איז תחילת געווען אומגעדולדיק, אָבער באַלד האָט אים הע־לענס צאַפּלדיקע לעבעדיקייט אָנגעהויבן אַמוזירן. — מיט זשיליעטן איז גאָרנישט צו מאַכן. — האָט ער אַ קלער געטאָן — זי מאַכט איינעם שטענדיק סיורפּריזן. קומסט מיט איר ריידן וועגן פינאַנץ־ענינים און נאַ דיר אַ חתונה!

ער איז געזעסן אָנגעלענט אין ווייכן פאָטעל, די פיס פאַרלייגט אַף אַנאַנדער און האָט נאַכלעסיק געצויגן פון דיקן ציגאַר, וואָס ער האָט לייכט אָנגעביסן צווישן די ציינער. דורך די קייקעלעך רויך, וואָס ער האָט פּאַמעלעך אַרויסגעבלאָזן, האָט מען קוים געזען דעם שמייכל, וואָס האָט זיך צעלייגט אַף זיין ערנסטן פּנים. ער איז געווען אַ צענדליק יאָר עלטער ווי העלען און האָט אויסגעזען לגבי איר שטאַרק מיושבדיק און עטוואָס אָפּגעלעבט.

זיי זיינען געבליבן אַ שטיק צייט צוזאַמען. העלען האָט פאַרגעסן, אַז זי זיצט שוין אַ סך לענגער ווי עס פּאַסט פאַר אַ גאַסט. ערשט ווען אַ זייגער, אין אַ שכנותדיקן צימער, האָט געשלאָגן עלף, איז זי אויפגע־שפּרונגען און זיך אַנטשולדיקט:

— כ'האָב כלל ניט געוואוסט, אַז ס'איז שוין אַזוי שפּעט!

— מאכט ניט אויס — האָט קלאַד איר געדריקט די האַנט — ס'איז מיר געווען זייער אַנגענעם.

העלען האָט זיך פאַרויטלט. ווען זי איז אַרויסגעגאַנגען, האָט זשי־ליעט געפרעגט איר ברודער:

— ווי געפעלט זי דיר?

— זי איז ווי אַ שמעטערלינג, וואָס פלאַטערט פון בלום צו בלום.

— דו רעדסט ווי אַ פאָעט! ביסט ניט אַמאָל פאַרליבט?

— פאַרליבט?... ניין! זי דערמאָנט מיר נאָר די יונגע יאָרן.

— אַ יוגנט־ליבע?

— ניט קיין ליבע! ס'איז ווי דעמאָלט, ווען איך פלעג אַרומניש־טערן אין די קעסטלעך פון די „בוקיניסטן": דאָס האַרץ פלעגט אָנהויבן קלאַפּן, ווען מען פלעגט פּלוצלינג אַנטדעקן אַ יקר־המציאות: אַן אַלטן „וואָלטער" אַף האָלץ־פּאַפּיר אָדער אַ „רוסאָ אויסגאַבע", וואָס איז דער־שינען בעת זיין לעבן.

— זי איז אינטעליגענט, אמת? — איז זשיליעט געווען שטאָלץ מיט איר אַנטדעקונג.

— זי ווייסט זיכער ווייניק, אָבער איר דורשט און בתולהדיקע ניי־געריקייט אימפּאָנירן.

ער האָט אָנגעהויבן דערקלערן, אַז דער פעטער האָט טאַקע ביז איצט זייער וואויל און גוט פאַרוואַלטעט מיטן פאַרמעגן, אָבער פאַר די איצטיקע צייטן פון דעוויזן־באַגרענעצונגען און קאָמפּליצירטע פינאַנץ־געזעצן, איז ער שוין צו אַלט. פאַרן אַוועקגיין האָט ער אַ פרעג געטאָן:

— זי קומט אָפט צו דיר?

— ווער?... אַ, דו מיינסט העלענען?

— יאָ.

— זי אינטערעסירט דיך?

— איך ווייס נאָך אַליין ניט. מירן זען...

זשיליעט האָט זיך אויפגעהויבן פון סאָפאַ און אויסגעליידיקט די לעצטע טראָפּנס ליקער, וואָס זיינען פאַרבליבן אין איר גלעזל.

— הער זיך איין, קלאָד, איך וואָלט ניט געוואָלט, אַז זאָלסט אָנ־הויבן סתם געשיכטעס מיטן דאָזיקן מיידל.

— וואָס ווילסטו דערמיט זאָגן?

— איך מיין, אַז דו זאָלסט זי ניט אַריינציען אין עפּעס אַן אוואַנ־טורע.

— באַ איר וועט עס דאָך אודאי אויך ניט זיין דער ערשטער פלירט. ווי כ'האָב געהערט פון אייער שמועס, קען זי שוין דיין גאַנצע כאַלאַסטרע!

— יענע זיינען עפּעס אַנדערש! — האָט זשיליעט אָנגעהויבן אַרומ־שפּאַצירן איבערן צימער — האָסט דאָך גראַדע געזאָגט, אַז איז ווי אַ שמעטערלינג, וואָס פלאַטערט פון בלום צו בלום. פון דאָזיקן פלאַטערן ווער קיין שפּורן ניט בלייבן!

— ביסט אַזוי זיכער? — האָט דער ברודער געוואָרפן אַן איראָנישן בליק אויף זיין שוועסטער.

— זיכער בין איך ניט, הגם אַזעלכע מיידלעך ווי העלען האָבן אַ טראַדיציע פון גרענעצן. איך האָב אָבער געמיינט שפּורן אין דער נשמה. מיט דיר קען דער ענין ווערן ערנסט!

— ווילסט ניט, איך זאָל זי טרעפן?

— פאַרקערט, ס'וואָלט מיר געווען זייער אָנגענעם. איך האָב זי זייער גערן, ווייל זי אָבער אָפּהיטן פון קאָמפּליקאַציעס. איך קען אויך אירע עלטערן און כ'פיל זיך פאַרפליכטעט...

— ווער זיינען אירע עלטערן?

— זיי האָבן געהאַט אַ קאָנפעקציע־געשעפט ניט ווייט פון שטאָט־ראַט, לעבן דער געגנט, וואָס זיי רופן פּלעצל.

— אַזוי?!

— זייער פיינע מענטשן! שטעל זיך פאָר, קלאָד, איר טאַטע איז נאָך פון יענע יידן ווי אין די ביכער. קומענדיק פון געשעפט, כאַפּט ער אַ קוק אַריין אין מיטלאַלטערלעכע פילאָזאָפיע: מעמאָניד אין אָריגינאַל!

— ס'איז דיין גייסטע משוגעת. וועסט זיך נאָך פאַרליבן אין אַ ישיבה־בחור מיט פּיאות!

— וועט זיין אַ פלעק אין דער משפּחה, וואָס? על כל פנים, כל זמן דו וועסט ניט מיינען ערנסט, זאָלסטו זיך פירן קאָרעקט מיט איר.

נײַנטער קאַפּיטל

אין מיטן פון זעלבן זומער איז אָנגעקומען די ידיעה װעגן אױס־ברוך פון בירגער־קריג אין שפּאַניע. עס האָבן זיך אָנגעהױבן מיטינגען און דעמאָנסטראַציעס פאַר די דאָרטיקע רעפּובליקאַנער. פון די צײַטונגען האָבן יעדן טאָג אַראָפּגעשריען איבערשריפטן װעגן הערא‏ָאיזם פון די רױטע און אכזריות פון די פאַשיסטן.

זשאַק איז מיטגעגאַנגען אױף די דעמאָנסטראַציעס און מיטינגען, און מיטגעשריען אין די גאַסן:

— קאַנאָנען פאַר שפּאַניע! אַװיאָנען פאַר שפּאַניע!...

ער האָט אױך באַזוכט דעם גרױסן הױף, װאָס אין דער גאַס מאָ־טורען־נאַדאָ, װאו הונדערטער װאָלאָנטערן זײַנען טאָג־טעגלעך זיך געקו־מען פאַרשרײַבן אױף אַפּצופאָרן פרײַװיליק אין בירגער־קריג. ס׳רוב זײַנען עס געװען אױסלענדער: איטאַליענער, פּאָלאַקן, ייִדן, װאָס זײַנען אָנגע־קומען קײן פּאַריז אַלס פּאָליטישע עמיגראַנטן. ביסלעכװײַז איז אין זשאַקן רײַף געװאָרן דער געדאַנק צו פאָרן מיטקעמפן. צו אַ באַשלוס איז ער גע־קומען אײנמאָל אין אָװנט, װען ער האָט שפּאַצירט מיט פּיערן און זײ האָבן געשמועסט װעגן דער ניט־אינטערװענץ־פּאָליטיק פון דער פראַנצױ־זישער רעגירונג. זשאַק האָט פּלוצלינג געזאָגט:

— מיר אַלײן מוזן העלפן. דו װײסט, פּיער, איך גײ זיך מאָרגן אָנגאַזשירן!

ערשט עטלעכע טעג פאַרן אָפּפאָר האָט ער דערצײלט אינדערהײם װעגן זײַן באַשלוס. דערנאָך האָט ער גאַנצע טעג אױסגעמיטן צו זײַן אין שטוב, כדי ניט צוצוזען דעם צער פון דער מאַמען. אױך זשערמענען האָט ער גאָרנישט געזאָגט. ער האָט באַשלאָסן צו שמועסן מיט איר ערשט אין לעצטן אָװנט.

זיי האָבן זיך געטראָפן אַף די בולוואַרן און צוזאַמען געפאָרן אין קליינעם צימערל, וואו זיי פלעגן זיך געוויינלעך צוזאַמענקומען. זשערמען האָט אויך געהאַט אַ סיורפריז: מיט אַ חודש צוריק האָט מען אָנגעהויבן געבן אין זייער געשעפט די באַצאָלטע וואַקאַנסן. די אָנגעשטעלטע זיינען געפאָרן דער ריי נאָך. אין אַ וואָך אַרום קומט איר ריי. און אַזוי ווי די עלטערן ווילן איר ניט לאָזן אַליין, וועט זי אַרויספאָרן אין אַ דאָרף, באַם אַטלאַנטיק אָקעאַן, וואו זי האָט נאָך אַ ווייטע משפחה.

— וועסט אויך אַרויספאָרן אַהינצו! — האָט זי געזאָגט. — מיר וועלן זיך כלומרשט צופעליק טרעפן אַף דער פּלאַזשע. די פּויערים גייען זיבער פרי שלאָפן און איך וועל קענען אַרויסקומען צו דיר יעדן אָוונט.

זי האָט געהאַט אַ גענויעם, דורכגעקלערטן פּלאַן, וואָס זי האָט גע־שילדערט מיט אַלע פּרטים. זי האָט באַשריבן מיט צעפלאַמטע אויגן, ווי זיי וועלן זיך צוזאַמען באָדן, זיך ברענען אין דער זון און שפּאַצירן אין די אָוונטן, אין אַ נאָענטן וואַלד.

דאַן האָט איר זשאַק דערציילט, אַז ער מוז מאָרגן אָפּפאָרן קיין שפּאַניע.

זי האָט תחילת ניט פאַרשטאַנען, דאַן האָט זי אָנגעהויבן אויספרעגן און צום סוף האָט זי זיך צעוויינט.

— קענסט ניט אָפּלייגן די רייזע אַף עטלעכע וואָכן?

אומעגלעך, זשערמען! וואָס וועט מען זאָגן?

עס האָט אים ווי געטאָן, וואָס זי וויינט און גלייכצייטיק האָט אים הנאה געטאָן, וואָס זי איז באמת טרויעריק צוליב זיין רייזע. ער האָט פּרובירט זי טרייסטן. זי האָט געוויינט שטיל. מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ:

— איצט איז געענדיקט!... געענדיקט!... — האָט זי גערעדט צווי־שן טרערן.

— פאַרוואָס געענדיקט? — האָט ער איר געגלעט איבערן קאָפּ. צום ערשטן מאָל האָט ער זיך געפילט דערוואַקסענער פון איר און געהאַט צו איר אַ געפיל ווי צו אַ קינד, וואָס ער מוז באַשיצן.

— ווייל דו פאָרסט אַוועק!

— האָסט מורא, אַז איך וועל שטאַרבן? אויך פון אַ מלחמה קומט מען צוריק!

— ביז דו וועסט צוריקקומען, וועלן אונדזערע וועגן זיך צעגיין!

— פאַרוואָס? איך וועל קומען צו דיר און מיר וועלן חתונה האָבן! וועסט וואַרטן אַף מיר, אמת?

זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אים אָנגעקוקט מיט פאַרווייִנטע אויגן:

— צו וואָס זאָלסטו מיר דערציילן מעשׂיות? איך בין היינט אַזוי טרויעריק און איך וויל ניט, זאָלסט מיר אָפּנאַרן.

— ניין, איך זאָג דיר דעם אמת. דו ווייסט ניט, אַז איך האָב דיך ליב? אַף צו דעראמתן, אַף שטענדיק!

ער האָט לאַנג געמוזט ריידן, ביז זי האָט אים אָנגעהויבן גלויבן. פון אירע פאַרווייִנטע אויגן האָט אַ שיין געטאָן אַ פרייד ווי זונען־שטראַלן צווישן צעריסענע וואָלקן־שטיקער נאָך אַ רעגן. באַלד איז זי געווען אינגאַנצן פאַרכאַפּט פון דער אַנטדעקונג:

— האָסט מיך טאַקע באמת ליב? — האָט זי געזאָגט — אַ, זשאַק, און איך האָב אַזוי מורא געהאַט!

— פאַרוואָס האָסטו מורא געהאַט?

— ווייל איך האָב דיך ליב באַקומען! ווייסט, סתם אַ מאַן איז גאָרנישט. אָבער אַז מען פאַרליבט זיך אין איינעם און מען מוז שפּעטער חתונה האָבן מיט אַ צווייטן...

— וועסט ניט מוזן!

— און מיר וועלן וואוינען צוזאַמען?

— יאָ, אודאי!... ביסט צופרידן?

— זיכער בין איך צופרידן! ווייסט, זשאַק, ס'זיינען מיר שוין אַזוי מיאוס געוואָרן די דאָזיקע אָפּגעריסענע ראַנדע־וואו'ס, די צופעליקע טרעפונגען אין האָטעל־צימערלעך, אין פרעמדע בעטן.

זשאַק האָט זי אָנגעקוקט אַ ביסל דערשטוינט. זי האָט ווייטער געשפּינט איר געדאַנק:

— נאָך דער אַרבעט וועלן מיר שטענדיק זיין צוזאַמען. אין אָוונט וועסטו לייענען די צייטונגען און איך וועל דיר פאַריכטן די זאַכן.

זי האָט פאַנטאַזירט אַפן קול און אַרויסגערעדט אַלץ, וואָס זי האָט זיך פאָרגעשטעלט פון אידילישע פאַמיליע־בילדער.

— און ווען וועסטו צוריקקומען? — האָט זי פּלוצלינג געפרעגט מיט שרעק.

— ווען דער בירגער־קריג וועט זיך ענדיקן.

— און ווען וועט ער זיך ענדיקן?

זשאַק האָט געשוויגן. זי האָט באַטראַכט מיט אַ פאַרשנדיקן בליק זיינע פאַרקלערטע געזיכט־שטריכן. זי איז געווען איבערצייגט אין זיין אַלוויסן און געוואַרט אויף אַ גענויעם ענטפער.

— ווען וועט ער זיך ענדיקן? — האָט זי איבערגעפרעגט.

— מען קען ניט וויסן גענוי. אפשר אין אַ מאָנאַט, אין צוויי... וועסט וואַרטן אויף מיר?

— אודאי, זיכער! — האָט זי אויסגעשריען מיט טיפער איבערצייגונג.

— און וועסט קיינעם ניט האָבן פאַר דער צייט?

— קיינעם ניט!... דו ביסט דאָך מיין אמתער מאַן, אמת?

— יאָ! — האָט געענטפערט זשאַק און אָנגענומען איר האַנט.

זשערמען האָט ניט אָפּגעלאָזט זיינע פינגער. איר קערפּער האָט זיך לייכט אויסגעבויגן צו אים, שטום און ווערטער, ווי עס ציט זיך אַ בלום צו דער זון, וואו עס שיינט די זון. אָבער איר מויל האָט ניט אַרויסגערעדט איר פאַרלאַנג, ווי זי פּלעגט עס פריער טאָן. זי האָט אפילו ניט אַ שפּריין געטאָן צו אים. ער איז געווען איר מאַן און זי האָט אים ווי אָפּגעגעבן די בכורה אין זייערע באַציאונגען.

און צום ערשטן מאָל האָט זשאַק געהאַט אַ געפיל, אַז ער באַזיצט די דאָזיקע פרוי. אין איר אָפּוואַרטן איז געלעגן דאָס אָפּגעבן זיך זיין קראַפט. זיי האָבן פאַרגעסן, אַז זיי לעבן אין שטורמישע טעג, אַז די שטאָט אַרום זיי איז אויפגעבראַזט אין פּאָליטישע קאַמפן, אַז אויף יענער זייט פון די פּירענייען שטורעמט אַ בלוטיקער קריג און אַז זשאַק וועט מאָרגן אַוועקפאָרן און זיי וועלן זיך צעשיידן. זשערמען איז געווען מילדער ווי שטענדיק. ביז אין איר טיפסטער אויפרעגונג האָט דורכגעדרונגען דער באַוואוסטזיין פון דעם נייעם כאַראַקטער פון זייערע באַציאונגען. און ווען זי איז געלעגן אין זיינע אָרעמס, האָט זי איבערגעחזרט:

— ביסט מיין מאַן, זשאַק, יאָ? מיין ריכטיקער מאַן?

— יאָ!

ער האָט געקוקט אויף איר. אין די ווינקלען פון אירע אויגן זיינען געשטאַנען צוויי פאַרגעסענע, ניט־אויסגעווישטע טרערן. אין שטראַלנדיקן גליק פון איר בליק האָבן זיי געגלאַנצט ווי פּערלען אין שיין פון דער זון. אירע צעעפנטע ליפּן, פאַרחלשטע אין ליידנשאַפט, האָבן געדענקט צו זאָגן:

— און איך בין דיין ריכטיקע פרוי, יאָ?

— יאָ! — און זייערע ליפּן האָבן זיך צוזאַמענגעדריקט, און זייע־רע קערפּערס האָבן זיך פאַראייניקט אין אַ קאָנוואולסיוון ציטער.

די צייט האָט זיך גערוקט. ס'איז געוואָרן שפּעט. זשאַק האָט אַ קלער געטאָן, אַז ער דאַרף נאָך היינט טרעפן פּיערן אין קליינעם ביסטראָ, אַפן „בעלוויל", וואו עטלעכע חברים האָבן זיך אָפּגערעדט צו טרעפן, כדי צו מאַכן אַ כוסה לכבוד זיין אָפּפאָר. ער האָט אַ קוק געטאָן אַפן זייגער: צען! און זשערמען, וואָס איילט זיך שטענדיק, כדי צו קומען צו דער צייט אין שטוב, זאָגט היינט גאָרנישט. אפשר האָט זי זיך פאַרגעסן? ער האָט געהאַלטן פאַר זיין פליכט איר צו דערמאָנען:

— ווייסט, ס'איז שוין צען אַזייגער?

— ווילסט, איך זאָל אַוועקגיין? — האָט זי אים דערשראָקן אָנגע־קוקט.

— אָ, ניין! אָבער באַ דיר אין שטוב?

— ס'איז גאָרנישט!

— און וואָס וועט זאָגן די מאַמע? וואו ביסטו געווען אַזוי שפּעט?

— כ'וועל זאָגן, אַז כ'בין געווען מיט דיר. אין קאַפע.

— אָבער אַז וועסט קומען נאָך אַ האַלבער נאַכט?

— מאַכט ניט אויס. ביסט דאָך מיין חתן!... אָ, ווען דו פאָרסט ניט אַוועק, וואָלט איך דיך געבראַכט צו אונדז אין שטוב. איצט וואָלט איך דיך געקענט ברענגען! וואָלסט געשמועסט מיט מיין ברודער פּאָלי־טיק. ער איז פאַרקאָכט אין דער פּאָליטיק און מיך האַלט ער פאַר אַ נאַ־רישער גאַנדז.

— און דיינע עלטערן וואָלטן מסכים געווען, אַז דו זאָלסט חתונה האָבן מיט מיר?

זשערמען האָט זיך אַ ווײַלע פאַרקלערט:

— זיי וואָלטן נאָר געפרעגט, צי דו האָסט אַ פאַך און צי דו האָסט אַרבעט.

— איך האָב דאָך ניט קיין פאַך. איך האָב ניט געענדיקט מיין שטודירן און ווער ווייסט, ווען איך וועל עס ענדיקן?

— וואָס לערנסטו אייגנטלעך?

— כ'האָב אָנגעהויבן לערנען אַף אַדוואָקאַט.

— אַדוואָקאַט? וועסט קענען ווערן אַ בוכהאַלטער, צום ביישפּיל! ניין?... באַ אונדז איז פאַראַן אַ בוכהאַלטער פאַרדינט ער זייער גוט און

ער האָט אַ פרוי מיט צוויי קינדער און דערצו האָט ער פאַרפירט אַ ליבע מיט איינע פון די מיידלעך. דו וועסט עס ניט טאָן, אמת?

— ניין.

— מיר וועלן ביידע אַרבעטן און איינאָרדענען אַ פיינע דירה... איך וואָלט געקענט אַרבעטן בא דיין טאַטן אין געשעפט. ער האָט דאָך אַ געשעפט, אמת? דאַרפסט וויסן, אַז איך בין אַ גוטע פאַרקויפערן און ער וואָלט מיר זיכער געהעכערט דעם לוין. אַ קינד וועלן מיר די ערשטע צייט ניט האָבן. ערשט שפּעטער, יאָ?

זשאַק האָט אויסגעדריקט זיין הסכמה דורך אַ שאָקל מיטן קאָפּ. דאַן איז אים דורכגעפלויגן אַ באַהאַלטענער געדאַנק:

— וועט זייער קינד זיין יידיש?

זשערמען האָט געלויערט אויף די שטריכן פון זיין פּנים און אויפגע־כאַפּט זייער אויסדרוק. די ליבע האָט פאַרשאַרפט איר באַאָבאַכטונגס־קראַפט. זי האָט באַמערקט דאָס קליינע וואָלקנדל, וואָס האָט אַ שווע־געטאָן איבער זיינע אויגן.

— דיינע עלטערן וועלן זיין קעגן מיר? — האָט זי געפרעגט מיט אומרואיקייט אין דער שטימע.

— איך ווייס ניט.

— ווייל איך בין נאָר אַ קליינע פאַרקויפערן, אמת?

— ניין! — האָט געענטפערט זשאַק און ער האָט זיך געפרייט, וואָס לכל הפחות ניט דאָס איז די סיבה — אָבער מיינע עלטערן זיינען דאָך יידן... מיר זיינען דאָך יידן — האָט ער זיך פאַרבעסערט — און זיי וועט אודאי אַרן, וואָס דו ביסט ניט קיין יידישע.

— פונוואַנען וועלן זיי וויסן? וועסט זאָגן, אַז איך בין אַ יידישע! וואָס איז דען אַן אונטערשיד?

ווי אַזוי זאָל ער איר דערקלערן דעם אונטערשיד? די וואַנדלונגען, וואָס דער באַגריף יידן האָט זינט יאָרן דורכגעמאַכט אין זיין פאַרשטאַנד און פאַרשטעלונג, האָבן אַ שטראָם געטאָן אין זיין מח. און אַזוי ווי עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן זיינע עלטערן, האָט ער, דורך אַן אַסאָציאַציע אַן יענעם דור, זיך אָנגעכאַפּט אָן ערשטן־בעסטן אונטערשיד, וואָס האָט געקענט דינען אַלס קאָנקרעטער משל אויף פאַר זשערמענען:

— יידן עסן ניט, צום ביישפּיל, קיין חזיר!

זשערמען האָט זיך לוסטיק צעלאַכט:

— אזא מין געשיכטע! ס'איז אזוי ווי מיט מיין טאטן: בשום אופן וועט ער דיר ניט עסן קיין פערד־פלייש, הגם ס'איז א סך ביליקער און די מאמע וואלט עס זיכער איינגעקויפט לכל הפחות איינמאל א וואך. ס'איז דערפאר, וואס אין קריג האט מען זיי איינמאל געקארמעט דריי חדשים נאכאנאנד מיט פערד. געוויינלעך האט מען זיי געקארמעט מיט „מאלפעס". דער טאטע וועט דיר דערציילן א סך וועגן יענער מלחמה! און פאראן בא אונדז א מומע, וואס עסט ניט קיין קראליק...

זי איז געווען באפרייט פון די העמונגען, וואס זיינען אמאל גע־שטאנען ווי א וואנט צווישן זיי. איצט האט זי געוואלט דערציילן וואס מער פון איר משפחה און פון איר לעבן, כדי אים אזוי ארום צו דערנענ־טערן צו זיך. איצט איז אלץ געווען גוט: זשאק וועט צוריקקומען און זיי וועלן זי דינגען א קליין דירהלע. זי האט שוין אפילו געוואוסט, וואו זיי וועלן זי דינגען: אין די נייע הייזער־בלאקן, וואס באם מעטרא דאנוב. מען קען דארט דינגען א צימער מיט א באד־צימער פאר זייער ביליק. און זי ווייסט אויך ווי זי וועט זיי מעבלירן...

עס פייניקט איר נאר דער לייכטער אומרו צוליב זשאקס עלטערן, וועמען זי וועט ניט געפעלן ווערן. כאטש זי רעדט שוין וועגן אנדערע זאכן, מאטערט זי כסדר דער דאזיקער געדאנק. און פלוצלינג צעלאכט זי זיך:

— אה, ס'ארא נאר איך בין!... דו טרייבסט מיט מיר ליצנות און איך האב דיר געגלויבט!

— וועגן וואס? איך האב אלץ געמיינט ערנסט.

— ניין, איך מיין וועגן חזיר־פלייש, וואס דו האסט מיר דא אנ־געדערציילט! איצט האב איך זיך דערמאנט ווי מיר זיינען איינמאל א זונטיק ארויסגעפארן אין „איל ד'אדאם", בא דער סען, און מיר האבן דארטן געגעסן צו מיטאג אין רעסטאראן. האסטו דאן באשטעלט אויך פאר דיר א געבראטן חזיר־זייטל, און האסט אים גאנץ פיין אויפגעגעסן און זיך נאך באלעקט דערצו.

עקזאטישע מנהגים אמוזירן זי שטארק. אין קינא, אין די קליינע ראמאן־העפטלעך, וואס זי לייענט, קומען אפט פאר קוריאזע זיטן און פירעכצן פון הינדער, כינעזער אדער אראבער. אבער מיטאמאל ווערט זי ערנסט און זאגט:

— פארוואס זאלן דיינע עלטערן ניט מיינען, אז איך בין א יידיש־

קע? וואָס איז דען דער אונטערשיד?... אָבער דערצייל מיר ניט קיין אויס־געטראַכטע מעשיות!

זשאַק בלייבט פאַרלעגן. אייגנטלעך איז זשערמען גערעכט און דער פאַקט פון רעסטאָראַן איז פולשטענדיק ריכטיק. ער האָט זי, אָבער כלל ניט געוואָלט אָפּנאַרן!... וואָס האָט ער געקענט דערציילן? וועגן זיינע אייגענע וואַקלונגען צווישן דעם טאַטנס שטוב און דער אויסערלעכער וועלט און וועגן יענער משומדתטע, וואָס שטופּט זיך דווקא אויבנאָן אין די פרעמדע קירכעס? אָדער וועגן דעם קדוש־השם און נביאים־גייסט, וואָס ער גופא האָט דאָ אַרומגעזוכט צווישן די בעלי ביתישע יידן פון פלעצל און די יידישע פּראָלעטאַריער פון בעלוויל?... אָדער אפשר זיינען גאָר די אַלע ענינים פאַר אים, פאַר זשאַקן, ניט מער ווי פיקציעס? רעשטלעך פון אַן אונטערגייענדיקער וועלט?

און מיטאַמאָל ווערט אים קלאָר, אַז ער וועט דאָך מוזן ריידן מיט זשערמענען וועגן די אַלע ענינים. פיקציעס אָדער ניט פיקציעס — אויסער דעם עקזיסטירט אויך אַ רעאַליטעט. זי עקזיסטירט אין דער אומוועלט, צי ער וויל אָדער וויל ניט זי אָנערקענען. זי איז קאָנקרעט און ממשותדיק, זי שרייט היינט אַראָפּ פון אַלע צייטונגען, זי שרייט אַרויס פון די ידיעות איבערן יידישן לעבן, וואָס קומען אָן פון איבער אַלע גרענעצן. און אויך דאָ אין לאַנד קען מען זי אָנטאַפּן מיט די הענט: ער האָט זי געפילט בײַ אַלע מעטראָ־סטאַציעס, וואו יונגעלייט האָבן פאַרקויפט די „אַקסיאָן פראַנסעז", פון וועלכער עס האָט אַראָפּגעשריען דער קאָפּ: „דער ייד לעאָן בלום בײַ דער מאַכט!"... און לעאָן בלום אַלס ייד איז דאָך אפשר מער פיקציע ווי ער, זשאַק סאָקאָלאָווסקי, אַלס ייד. און פונדעסטוועגן איז עס אַ רעאַליטעט. און איינמאָל וועט ער מוזן וואָרענען זשערמענען פאַר דער דאָזיקער ווירקלעכקייט! ער וועט איר עס מוזן דערקלערן ווי קאָמפּליצירט עס זאָל ניט זיין.

ס'דאַכט זיך אים, אַז ער וועט איר מוזן וואָרענען, פונקט ווי דאָס מוז טאָן אַ נאַטור־פאָרשער, צום ביישפּיל, וואָס האָט חתונה און וויל, אַז זיין פרוי זאָל אים באַגלייטן אויף זיינע רייזעס: צו אַ וואולקאַן אָדער אין אורוואַלד פון אַפריקע. אַ וואולקאַן קען ליאַדע אַ מינוט אויסברעכן און פאַרגיסן מיט זיין פייערדיק־פליסיקער לאַווינע דעם פאָרשער און פאַר איין וועג זיין פרוי; אין אורוואַלד קען מען אָנטרעפן רעשטלעך פון קאַניבאַלן, וואָס וועלן אויפרעסן דעם פאָרשער און פאַר איין וועג וועלן זיי זיך ניט שעמען אָפּצובראָטן אַ פאָלקע פון זיין טייערער פלוניתטע.

אָבער אַצינד וועט ער זיך ניט אַריינלאָזן אין די דאָזיקע פּרטים. ער זאָגט ערנסט:

— אמת, איך האַלט ניט פון די דאָזיקע מנהגים, אָבער יידן בכלל
— יאָ! מיינע עלטערן, צום ביישפּיל, עסן ניט קיין חזיר־פלייש.

זשערמען לאַכט איצט ניט. זי האָט באַאָבאַכטעט זשאַקן אין משך פון די עטלעכע מינוט און זי האָט באַמערקט, אַז אונטער די דאָזיקע אַמור־זאַנטע מנהגים באַהאַלט זיך אַ טיפע דראַמע. זי קען ניט פאַרשטיין די קאָמפּליצירטקייט פון אַזעלכע ענינים און שטייט קעגנאיבער זיי ווי אַ פּרימיטיווער מענטש קעגנאיבער אומבאַגרייפלעכע נאַטור־דערשיינונגען. אָבער ווי דער פּרימיטיווער מענטש האָט זי אויך פילבאַרע חושים און וואַכזאַמע אינסטינקטן, וואָס ווערן נאָך שאַרפער דורך איר ליבע צו זשאַקן. און פּונקט ווי יענער דערפילט שנעלער דעם אָנקומענדיקן שטורעם אָדער די קעגנוואַרט פון אַ רויב־חיה, אַזוי דערשמעקט זי די דראַמע, וואָס זשאַק קען איר ניט דערקלערן.

— נו, איז גוט, וועלן מיר עסן אַן אַנדער פלייש! אַנישט וואָלטן דאָך דיינע עלטערן ניט געקענט קיינמאָל קומען צו אונדז צו מיטאָג.

זי האָט ווי עס ווייזט אויס גרינטלעך איבערגעלייגט דעם ענין, ווייל אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי צוגעגעבן:

— און אַז מיינע עלטערן וועלן קומען, וועט מען זיי אויך מאַכן קאַלבס־בראָטן און אַלס קאָמפּענסאַציע וועט מען דעם טאַטן מכבד זיין מיט אַ רויטן „באָרדאָ" אָנשטאָט דעם פּשוטן רויטן וויין. ער איז ניט זייער טייער, דער „באָרדאָ", פיר פראַנק אַ פלאַש, כמעט אַ ליטער. איינ־מאָל אין חודש קענען מיר זיך דערלויבן אַזאַ לוקסוס.

איצט האָט זי פאַנטאַזירט וועגן עסן. ס'איז שוין געווען שפּעט און זי האָט אין יענעם אָוונט נאָר לייכט אָנגעביסן אין אַ קאַפע. און דער רייץ פון הונגער איז אויך איבערגעגאַנגען אויף אַנדערע חושים. שוין אַ לאַנגע ווײַלע ווי זיי זיינען אַזוי געלעגן נעבנאַנאַנדער און רואיק געשמועסט. און זשערמען האָט איצט דערפילט אַ פאַרלאַנג, זשאַק זאָל זי אַרומנעמען, פילן זיינען ליפּן, פילן זיינע הענט, וואָס זאָלן באַרירן אירע גלידער.

אָבער זי האָט גאָרנישט געזאָגט. זי האָט זיך געשעמט איבערצורייסן זיינע געדאַנקען. צום ערשטן מאָל האָט זי זיך כמעט געמאַכט אַ פאָר־וואורף, הלמאי זי איז תאוהדיק און צום ערשטן מאָל איז איר ליבע פאָר־געקומען ווי זינד. אפשר האָט זי זיך אויך זשענירט דערפאַר, ווייל „ווער ווייסט ווי פרויען פירן זיך דאָרט, אין זשאַקס וועלט?... וואָרים אויב זיי

קענען זיין צוריקגעהאַלטן אפילו אין אַזאַ ענין ווי הנאה האָבן פון עסן חזיר־פליייש!...” זי האָט באַשלאָסן אויסצופרעגן מיט דער צייט זשאַקן, כדי צו קענען זיך צופאַסן. און ווייל זי האָט געפילט, ווי די כוואַליע פון פאַרלאַנגען שטייגט דערווייַלע אויף אין איר קערפער, האָט זי זיך גע־מאַכט אַ פאַרוואורף אַפן קול:

— אָ, זשאַק, איך בין טאַקע אַ נאַרישע גאַנדז!

און ווען זשאַק האָט פאַרוואונדערט אַ פרעג געטאָן:

— פאַרוואָס?

האָט זי זיך אַ גליטש געטאָן נענטער צו אים, אַזוי אַז ער האָט דערפילט די וואַרעמקייט און אומגעדולדיקן ציטער פון איר גוף, און זי האָט צוגעמאַכט די אויגן, אויסגעשטרעקט צו אים אירע צעעפנטע ליפּן.

זיי זיינען אַראָפּגעגאַנגען שפּעט און נאָך באַוויזן צו נעמען דעם לעצטן צוג פון אונטערגרונד־באַן, וואָס גייט אָפּ נאָך אַ האַלבער נאַכט. זשאַק האָט זי באַגלייט און ערשט דאַן איז ער אַוועק אין קליינעם קאַפע. די מערסטע חברה האָבן שוין געהאַט געטרונקען לכבוד אים אין זיין אָפּ־וועזנהייט און זיינען זיך צעגאַנגען אַהיים. זשאַק האָט נאָך געטרונקען אַ כוסה מיט פיערן, וועלכער האָט אים געפרעגט:

— וואו ביסטו דען געווען? מסתמא זיך פאַרזוימט מיט דעם מיידל?

— וואָס פאַרא מיידל?

— מאַכסט זיך תמעוואַטע. איך האָב אייך איינמאָל געטראָפן צוזאַ־מען!

זשאַק האָט זיך געפילט געזעטיקט אין ליבע און האָפּערדיק. אין זיין טריאומפירנדיקער זעלבסטזיכערקייט האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— יענץ מיידל? איך האָב זי שוין לאַנג פאַרגעסן!

* * *

צומאָרגנס אָוונט האָט אַ גרויסער עולם געשטראָמט צום „אויסטער־ליץ־וואָקזאַל”. אַף דער הויכער בריק, וואָס פירט איבער די רעלסן, זיינען באַרבייגייער שטיין געבליבן און אַראָפּגעקוקט. אונטן איז דער וואָקזאַל געלעגן ווי אין אַ טונעל, איינגעהילט אין שאָטנס. רחל איז לאַנגזאַם אַראָפּ מיט די טרעפּ אין דער באַגלייטונג פון העלענען און געזוכט איר זון צווישן דעם געדיכטן עולם, וואָס האָט זיך געשטופּט אין גרויען ליכט פון די לאָמפּלען. מען האָט גערעדט אַף אַלע אייראָפּעאישע שפּראַכן, זיך געדריקט די הענט, געזונגען, זיך געקושט, זיך געזעגנט, געוויינט און געוואָרפן

אויסרופן פאר דער פרייהייט. א מיטליעריקע פרוי האט געהאלטן איין קינד אפן ארעם און א צווייטן בא דער האנט. זי האט געזאגט צו איר מאן, וואס איז אפגעפארן:

— און וואס וועל איך טאן מיט די עופעלעך?

— גיב אכטונג אף זיי! — האט ער געענטפערט קורץ און איז ארויפגעשטיגן אף די טרעפלעך, ווייל דער לאקאמאטיוו האט א פייף געטאן.

דער צוג האט זיך גערירט. עס האבן זיך א הויב געטאן פויסטן און א געזאנג האט פארהילכט די גאס. דאן האבן א ווײַ געטאן ווייסע טיכעלעך דורך די צעעפנטע פענצטער. זיי האבן דערזען זשאקס פנים, וואס האט זיך פארבייגעגליטשט ווי א שאטן. ער האט געוואונקען מיט דער האנט. ניט ווייט האט א מיידל געפאכעט מיט א טיכל און ווען דער צוג איז פארשוואונדן אין דער נאכט, האט זי צוגעלייגט דאס טיכל צו די אויגן. איר נאקן האט געצוקט אין אן איינגעהאלטענעם געוויין.

העלען האט באמערקט דאס מיידל און געוואוסט, צו וועמען זי האט געווינקט; זי האט איינמאל געטראפן זשאקן מיט זשערמענען צוזאמען און דאן אויסגערעדט מיט זיי עטלעכע באגריסונגס־ווערטער. אבער דער מאמען האט זי איצט גארניש געזאגט.

אינדערהיים האבן זיי געטראפן דעם טאטן זיצנדיק באם טיש, פארטיפט אין א ספר. דער טאטע האט באגלייט דעם זון נאר ביז די טרעפ. ווען ער האט זיך אומגעקערט אין צימער, האט ער א מאך געטאן מיט דער האנט ווי לאחר יאוש. דאן האט ער פרובירט א קלער טאן וועגן די געשעפטן און זיי זיינען אים ניט געקראכן אין קאפ. ער האט ארײנגעקוקט אין די אוונט־בלעטער, געווארפן א בליק אין די לעצטע נייעסן און אויך זיי האבן אים אויסגעזען אלט און נאריש. ער איז ארײַן אין צווייטן צימער און א ווײַלע א זוך געטאן אף א פאליצקע צווישן עטלעכע ספרים, וואס זיינען דארט פארבליבן ווי א שארית הפליטה. ער האט גענומען איינעם, אים ארומגעשטויבט, אויפגעבלעטערט און א לייען געטאן:

„וואס האט א מענטש פון זיין גאנצער הארעוואניע, וואס ער טוט הארעווען אונטער דער זון: א דור גייט און א דור קומט און די וועלט שטייט אייביק; וואס עס איז געווען, דאס וועט זיין ואין כל חדש תחת השמש...״

די ווערטער האבן געגלעט מיט זייער אלטער, געזעצטער קלוגשאפט און זיי האבן געוועקט א זיסע בענקשאפט נאך פארגאנגענע יארן. ער האט זיך געזעצט צום טיש און געלייענט ווייטער.

דריטער טייל

ערשטער קאַפּיטל

עטלעכע מאָל אין וואָך האָט קלאָד באַר אָפּגעוואַרט העלענען בײַ די אָוונט־קורסן, וואו זי האָט געלערנט מלאכות פון א סעקרעטאַרן, און זי צוגעפירט מיט זײַן אויטאָ אהיים. בעת דער קורצער רייזע האָבן זיי ווייניק גערעדט. טיילמאָל פלעגט ער זי א פרעג טאָן וועגן א געגנט פון פּאַריז, וועגן מאָלער אָדער שרייבער, וואָס זי האָט אמייסטן ליב געהאַט און צו אירע ענטוזיאַסטישע ענטפערן האָט ער כמעט תמיד באמערקט: אה, די יונגע יאָרן!... ער האָט זיך קיינמאָל ניט פאַרהאַלטן אין וועג אין אויסשטייגנדיק פלעגט ער איר גלייך דערלאַנגען די האַנט צום אָפּשיד. זי האָט געוואוסט, אַז ער פאָרט דאַן אהיים, לעבן עטואַל־פּלאַץ, אָדער ער איז איינגעלאַדן צום אָוונטברויט בײַ קרובים, וואָס וואוינען אין פּאַסי אָדער אָטעי, ניט ווייט פון בולאָנער וואַלד, און איר האָט זיך געדאַכט, אַז אויך זי וועט אינגיכן אדורמאַכן די דאָזיקע רייזע.

פון „פּלעצל” צו דער פּאַסי־געגנט איז ניט ווייט: א קנאַפּע האַלבע שעה מיטן מעטראָ. אָבער ביז אַן עמיגראַנטן־פאַמיליע פון „פּלעצל” האָט געקענט זיך אַריינגיסן אין יענע משפּחות פון די „דרייפוס, באַר און וווייל” האָבן לכל הפּחות געמוזט פאַרבייגיין דריי דורות. ערשט די אייניקלעך האָבן געקענט דאָרט געפינען אָפענע טירן. העלען האָט געהאַט דורכצומאַכן די דאָזיקע נסיעה מיט איין קלאַפּ און זי איז געווען אומגעדולדיק: קלאָד באַר איז געגאַנגען לאַנגזאַם, איז געווען העפלעך און קאָרעקט און נאָר באַם העלפן זי אַריינזעצן אין וואָגן האָט זי טיילמאָל געפילט דעם דרוק פון זײַנע פינגער אויף איר אָרעם.

— איר האָט קיינמאָל קיין צייט ניט? — האָט זי אים איינמאָל געפרעגט בעתן אויסשטייגן פון אויטאָ.

— זייער ווייניק. בײַטאָג בין איך פאַרנומען געשעפטלעך און אין

אָוונט האָב איך פאַרפליכטונגען אין דער געזעלשאַפט. אָבער איבער צוויי וואָכן זונטיק בין איך פריי. מיר קענען אַרויספאָרן אויסער דער שטאָט. אויב עס וועט אייך פאַרשאַפן פאַרגעניגן.

העלען האָט געוואַרט אַף דעם צוגעזאָגטן אויספלוג. דערווייל האָט זי אָפט געטראָפן אירע אַלטע באַקאַנטע: דעם הינקענדיקן פּאָעט, דעם מאָלער אַנדרעי און זיינע חברים. אָבער געווען זיינען זיי אַצינד פאַר איר ווי בליטן אין זומער: זיי פאַלן אַראָפּ, בעת עס בלאָזט אַ ווינט און דער־מאָנען נאָר אַ פאַרגאַנגענעם פרילינג. די פרוכט, וואָס אַנטפּלעקט זיך, איז געווען קלאָד. און ער האָט פאַרנומען אירע געדאַנקען.

ס'איז געקומען דער זונטיק און זיי זיינען אַרויסגעפאָרן קיין ווער־סאַי. אַ גאַנצן נאָכמיטאָג האָבן זיי באַזוכט דעם אַמאָליקן פּאַלאַץ פון לודוויק דעם פערצנטן און באַטראַכט די קעניגלעכע צימערן, וואָס זיינען אויפגעהאַלטן געוואָרן ווי מוזעאומס, און זיי האָבן שפּאַצירט מיטן פּאַרק, איבער שטעגלעך און פאַרביי אָזיערעס, ביז דעם טריאַנאָן גאָרטן, וואו ס'איז געשטאַנען די „הייזקע" פון מאַרי אַנטואַנעט. דאָן זיינען זיי גע־גאַנגען אין שטאָט, וואו זיי האָבן געגעסן אָוונטברויט. ס'איז געווען היים און זיי האָבן זיך אָפּגערוט אַף אַ טעראַסע פון אַ קאַפע־הויז. קלאָד האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין שטרויענעם פאָטעל און ציענדיק זיין ציגאַר, האָט ער געקוקט אין זיך טונקלענדיקן הימל.

— מיין גאָט, ער האָט אַזויפיל געדולד! — האָט אַ טראַכט געטאָן העלען.

— צוריק זיינען זיי געפאָרן דורכן וואַלד. „שוין צוריק אַהיים — איז העלען געוואָרן טרויעריק — ס'האָט זיך גאָרנישט געענדערט! כ'וועל אים ווידער טרעפן עטלעכע מאָל אַ וואָך, אַף אַ קורצע ווייל". מיטאַמאָל האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— איר ווילט ניט אַראָפּגיין אַביסל אין וואַלד, מאַכן אַ שפּאַציר צופוס?!

— איר זענט ניט מיד, מאַדמואַזעל?

— אָה, ניין, אָבער איך וויל אייך ניט באַלעסטיקן...

זיי זיינען אַראָפּ און זיך דערווייטערט צווישן די ביימער. אַרום האָט מען ניט אָנגעזען קיין לעבעדיקן נפש. נאָר איין פּאָרל האָט זיך גע־קושט, אַפּריער שטייענדיק און דאָן האָבן זיי געקניט און זיינען פאַר־שוואונדן אין הויכן גראָז. הויך, אַף אַ בוים, האָט אַ פויגל באַזונגען די

זון־שקיעה. אין דער ווייט האָט זיך געצונדן די שטאָט און רויטלעכע שטראַלן האָבן זיך אַריינגעזופּט צווישן געבלעטער.

העלען האָט זיך געזעצט אַפן גראָז. קלאָד האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָף אַ בוים.

— איר זענט ניט מיד? — האָט זי געפרעגט.

אין וואַלד איז שוין געווען פינצטער. די שטימע איז אויפגעשטיגן פון גראָז, אַ ווייכע און צערטלעכע. קלאָד האָט זיך איבערגעבויגן און זיינע הענט האָבן זי געזוכט. זיי האָבן אָנגעטראָפן אַ קאָפּ האָר און זיך אַ גליטש געטאָן איבער איר נאַקן. זי האָט טיף אויפגעאָטעמט און ער האָט דערזען אירע ליפּן, וואָס האָבן אַ וואונק געטאָן מיט זייער רויטקייט. ער האָט שטיל צוריקגעצויגן זיין האַנט:

— ניין, איך וועל זיך שוין אָפּרוען אין שטוב. זאָל איך אייך העלפן אויפשטיין?

זיי זיינען אַרויס צום וועג. קלאָד האָט געטריבן די מאַשין מיט אַ ווילדער געשווינדקייט, ווי ער וואָלט אויסגעלאָזן צו איר אַ פאַרבאָרגענעם צאָרן. באַם געזעגענען זיך האָט ער לאַנג געדריקט העלענעס האַנט.

זי איז געווען אַנטוישט. צומאָרגנס האָט זי ניט געקענט איינזיצן אין שטוב און איז גלייך נאָכמיטאָג אַראָפּ אין גאַס. באַם רעפּובליק־פּלאַץ האָט זי געטראָפן דעם יונגן מאָלער אַנדרעי. יענער האָט זיך שטאַרק דער־פרייט און אויסגערופן:

— גוט וואָס כ'האָב דיך געטראָפן! איך האָב דיך אַרומגעזוכט אַ גאַנצן טאָג.

ער איז געשטאַנען נאָנט און געהאַלטן אירעביידע הענט אין זיי־נע. לויטן ריח פון מויל און לויטן גלאַנץ פון זיינע אויגן איז קענטיק געווען, אַז ער איז גאָר שטאַרק בגילופין. שפּאַצירנדיק פון מאָנפּאַרנאַס ביז דער „רעפּובליק”, איז ער אָפט אָפּגעטראָטן אין ביסטראָס און קאַפע־הייזער, כדי צו שטילן זיין דורשט, וואָס די היץ פון סוף זומער האָט כסדר געוועקט אין זיין גוף. ער האָט איבערגעחזרט:

— גוט, וואָס איך האָב דיך געטראָפן!

— וואָס איז די שמחה?

— איך קלייב זיך פייערן אַ חנוכת־הבית. כ'האָב געדונגען אַ פּרעכ־טיקן אַטעליע מיט אַ גלעזערנער וואַנט און אַן אינעווייניקסטער גאַלעריע.

— וואו?

— באַ פּאַרק־מאָנסורי.

— און ווען פּראַוועסטו דעם יום־טוב?

— וואָס הייסט ווען? טאַקע שוין! לאָמיר נעמען אַ אויטאָבוס און פאָרן.

— שוין געקומען דער עולם?

— וואָס פאַרא עולם?... צו וואָס דאַרפן מיר אַן עולם? איך וויל ראשית פּראַוון דעם יום־טוב מיט דיר אַליין. ביסט געווען דער שענסטער מאָדעל פאַר מיין קונסט און וועסט זיין דער ערשטער מענטש, וואָס וועט אַריבערטרעטן דעם שוועל פון מיין הויז. קום!

העלען האָט זיך אַ ווײַלע געקווענקלט. אַ שטייגנדיקער חשק אָפּצוטאָן קלאָדן אַף צו להכעיס און זיך נוקם זיין אָן אים האָט זי געשטויסן נאָכצוגעבן אַנדרעיס ביטע און זי איז מיטגעפאָרן. דאָס אַטעליע איז געלעגן אַנטקעגן פּאַרק און זיין גלעזערנע וואַנט האָט אַראָפּגעקוקט אַף די הערבסטיק־גאָלדענע ביימער, בלוילעכע סאַזשלקעס און קינסטלעכע וואַסער־פאַלן. ס'איז געווען אַ לאַנגער ליידיקער זאַל, אינמיטן איז נאָר געשטאַנען אַ מאָלער־געשטעל מיט אַ געשפּאַנטן לייוונט. אין אַ ווינקל זיינען אַרומגעלעגן פּושקעס און רערלעך פאַרב, און עטלעכע פּענדזלען.

— און וואו וואוינסטו?

— דאָרט, אויבן — האָט ער אָנגעוויזן אַף אַ באַלקאָן, וואָס האָט זיך געצויגן לענגאויס אַ וואַנט, קעגנאיבער די גרויסע שויבן, און געשאַפן אַ הענגענדיקע גאַלעריע — קום אַרויף!

זיי זיינען אַרויפגעשטיגן מיט עטלעכע טרעפּלעך. די גאַלעריע איז געווען לאַנג און שמאָל. אינמיטן איז געשטאַנען אַ בעטל און דאַנעבן אַ טיש, אַף וועלכן עס זיינען געלעגן שיריים פון אַ מאָלצייט, און אַ ווייכער פּאָטעל. אַנדרעי האָט אַרויסגעשלעפּט פון אַ וואַנט־שאַפּקע אַ פלאַש וויין, האָט אָנגעגאָסן אין צוויי גלעזער, וואָס האָבן שוין פון פריער געהאַט רויטע משקה־שפּורן, און אויסגעשטרעקט איינע העלענען:

— פאַר דיין געזונט! פאַר דער ליבע!

ער האָט אַראָפּגעזופּט זיין גלאָז מיט איין צי און פאַרוואָרפן זיינע אָרעמס אַרום איר טאַליע. פון זיין אָטעם האָט געשלאָגן אַ שאַרפער ריח פון טאַבאַק און וויין. העלענען האָט אַ מיש געטאָן אין קאָפּ.

— לאָז מיך אָפּ! — האָט זי זיך באַפרייט פון זיינע אָרעמס — אַז ניט, גיי איך גלייך אוועק.

— ניין, בלייב! איך שווער דיר בײַ אַלע הייליקע, אַז איך וועל דיך מער ניט אָנרירן.

מיט כוח האָט ער זי אַראָפּגעזעצט אין פאָטעל. דאַן האָט ער אַ שפּאַן געטאָן לענגאויס דער גאַלעריע און זיך אָנידערגעזעצט לעבן איר אַפן אַנלען פון שטול. זיין גאַנצער ווען האָט זיך געצויגן צו איר. זיינע פינגער האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן צו איר שוים. זי איז געזעסן אומבאַוועגלעך, אירע צו־זאַמענגעפּרעסטע קני האָבן ניט נאָכגעגעבן. אַנדרעי האָט אַ ציטער געטאָן איבערן גאַנצן קערפּער:

— מען טרעפט ניט אויף גאָר דער וועלט אַזעלכע געפאָרמטע פיס ווי דיינע!

— האָסט זיך ערשט איצט אַרומגעזען?

— ניין, איך האָב עס געוואוסט פון לאַנג. אָבער דאַן בין איך גע־ווען פאַרכאַפּט פון דער אידיי פון אַרבעט. גשמיותדיק בין איך ניט געווען גערייצט. אַצינד...

ווידער האָט ער זי איינגעקלאַמערט אין זיינע אָרעמס. אַ ווײַלע האָט זיך העלען ניט געווערט. זי האָט זיך נאָר געבעטן מיט אַ כמעט וויינענדיקער שטימע: — ניין, אַנדרעי, לאָז מיך אָפּ! לאָז מיך אָפּ! —
— איך קען ניט! — האָט ער געפּליסטערט. זי האָט געפילט זיינען פינגער אויף איר אָנטבלויזטן לייב. מיטאמאָל האָט זי אים אָפּגעשטויסן מיט די גאַנצע כוחות:

— איך וויל ניט! דו פאַרשטייסט? לאָז מיך צו רו!

אַנדרעי, וואָס איז אין יענעם טאָג סיי ווי געווען שוואַך אויף די פיס, האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, און שפּרייזנדיק אויף צוריק, איז ער שיעור ניט אומגעפאַלן היינטערוויילעכטס. ווען ער האָט צוריקגעוואונען זיין גלייכגע־וויכט, האָט ער זי שטום אָנגעקוקט מיט אַ בליק פול מיט פאַרוואורפן. זי האָט גלייך חרטה געקראָגן און גלעטנדיק אים פונדערווייטנס מיט אומע־טיקע אויגן, האָט זי זיך אַנטשולדיקט:

— זיי מיר ניט בייז, אַנדרעי! איך האָב ניט געוואָלט. בין אָבער היינט אַזוי טרויעריק און דאָס ליגט מיר ניט אין זינען!

זיינע פאַרשכורטע אויגן האָבן אויפגעלויכטן ווי בעת אַ וואונדער־באַרער אַנטפּלעקונג.

— אודאי ביסטו טרויעריק! אַזאַ קאָפּ האָב איך נאָך אויף מיין לעבן ניט געזען.

העלען האָט אַ שמייכל געטאָן:

— אבי עס האַלט שוין באַם קאָפּ! — האָט זי זיך דערמאָנט דעם טאַטנס מוסר־רייד.

— ניין, ניין! — האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — שמייכל ניט! ריר זיך ניט!

ער האָט אַ שפּרייז געטאָן איבער דער גאַלעריע און, אַראָפּנידערנ־דיק פאַרזיכטיק די טרעפּלעך, האָט ער איר כּסדר אָנגעזאָגט:

— למען השם, ריר זיך ניט פון אָרט! איך וויל נאָר ארויפברענגען אַ בויגן פּאַפּיר און אַ קויל־בלייפעדער.

קומענדיק צוריק האָט ער זיך גלייך גענומען צייכענען, פירנדיק זיין בליק פון העלענס פּנים צו דעם בויגן פּאַפּיר, אויף וועלכן זיינע פינגער האָבן געבלאַנדזשעט מיט פלינקע באַוועגונגען. בשעת מעשה האָט ער גע־מורמלט:

— דער עיקר: די הויפּט־שטריכן! אויסענדיקן וועט מען שפּעטער! אַזאַ קאָפּ! איך וועל עס אַ נאָמען געבן „אַ טראַגישע פרוי". ניין, ס'איז אַ צו פּאָמפּאַסטישער נאָמען, אמת?... אָבער שמייכל ניט, צו אַלדי טיי־וואַלים!

העלענס אויגן האָבן נאָכגעפאָלגט די באַוועגונגען פון זיינע הענט, וואָס האָבן אַ ווײַלע פריער זיך געריסן צו איר קערפּער. זי האָט זיך דער־מאָנט דעם נעכטיקן אָוונט אין וואַלד: דאָס פּאַרל, וואָס האָט זיך אַראָפּ־געלאָזן אין הויכן גראָז, דער פויגל, וואָס האָט באַזונגען די שקיעה. קלאָר האָט אָנגערירט איר נאַקן און אַ דערשראָקענער האָט ער זיך צוריקגעצויגן. אויב אַנדרעי וועט זיך ווידעראַמאָל דערנענטערן, וועט זי זיך ניט אַנט־קעגנשטעלן.

אָבער אַנדרעי איז אַצינד געווען אינגאַנצן פאַרשלונגען אין דער אַרבעט. אין אַ האַלבער שעה אַרום איז ער געווען פאַרטיק און אויסגע־שטרעקט פאַר אירע אויגן אַ סקיץ פון איר פּאָרטרעט. זי האָט אים באַ־טראַכט: אין בליק און אין די שטריכן פון פּנים האָט מען געזען די בענק־שאַפט נאָכן נעכטיקן פאַרנאַכט און די קווענקלענדיקע, געצווימטע פאַר־לאַנגען. זי איז אויפגעשטאַנען. אַנדרעי האָט זי באַגלייט צו דער טיר. אויפן שוועל האָט ער געזאָגט:

— אפשר קלייבסטו זיך אריין וואוינען אהערצו?

— ביסט אַראָפּ פון זינען!

— ניין, איך מיין עס ערנסט. דאָס בעטל אויף דער גאַלעריע איז אפילו זייער שמאָל, אָבער איין נאַכט וואָלטן מיר זיך אַן עצה געגעבן. מאָרגן וועלן מיר קויפן אַ צווייטע.

— שוין היינט זאָל איך זיך איבערקלייבן?

— היינט? ניין, גלייך! וואו וואוינסטו?

זי האָט אים אָנגעגעבן איר אדרעס.

— א דירעקטע ליניע מיטן טראַמוויי נומער אכט. וואַרט, וועסט דאָך אודאי האָבן א וואַליזקע מיטצונעמען, איז נעם בעסער א טאַקסי! אין וויפל צייט וואָלסטו געקענט איינפּאַקן דיינע זאַכן?

— אַלע מיינע קליידער?

— נעם ניט מיט אַלץ! איין וואַליזקע נאָר. אין א שעה אַרום קענסטו זיין צוריק. איך וועל דאָ וואַרטן אויף דיר! וועל דערווייל כאַפּן א דרימל.

— נאַרישקייטן! — האָט העלען א מאַך געטאָן מיט דער האַנט, זעענדיק, אַז יענער מיינט עס אויף צודעראמתן — וועסט זיך אביסל אי־בערשלאָפן, וועסטו ניכטערער ווערן!

— ניין, איך מיין עס ערנסט!

— איך האָב אָבער ניט קיין גראָשן געלט בײַ דער נשמה! קיין אַרבעט אויך ניט.

— ס'איז גאָרנישט! איך האָב נאָך געלט אויף דריי חדשים, פאַר צווייען וועט עס קלעקן אויף דריי וואָכן. ביז דאַן קען איך נאָך באַרימט ווערן און ווערן א מיליאָנער! פאָר און קום צוריק, איך וועל וואַרטן.

העלען האָט אים א גלעט געטאָן איבערן קאָפּ, ווי מען גלעט א קאַפּ־ריזנעם קינד, און איז אַראָפּגעלאָפן פון די טרעפּ. זי האָט געוואוסט, אַז ער מיינט עס ערנסט, אַן אייגנאַרטיקע ערנסטקייט: זי וועט פאַרבלייבן מיט אים א דריי חדשים און אפשר א האַלבן יאָר. אויב אַלץ וועט גיין גוט, וועט זי אפשר לענגער פאַרבלייבן. דאַן וועט ער געפינען אַן אַנדער פריינדין און אויך זי וועט איבערגיין אין די הענט פון א צווייטן, פון א דריטן...

אין דער פּערספּעקטיוו איז געלעגן א רייזע פון „פּלעצל" אין דער גרויסער וועלט אַריין, א נסיעה פול מיט ריזיקעס און באַרג־אַרויף ־ באַרג־אַראָפּ, וואָס האָט געלאָקט נאָך מער ווי די אויפרעגנדיקע נסיעה צו די „באַרס, דרייפּוס און ווילס", וואָס וואוינען אין פּאַסי און אָטעי, לענגאויס דעם בולאָנער וואַלד.

אָבער מאַדמואַזעל זשיליעט איז געווען גערעכט, ווען זי האָט בא־מערקט, אַז העלען פאַרמאָגט א טראַדיציע פון גרענעצן. העלען האָט גע־ירשנט פון איר טאַטן א גרויסע מאָס שכלדיקייט, ניכטערקייט און א חוש

פאר מעסיקייט. אראפגייענדיק פון די טרעפ, האט זי באשלאסן: — ניי[illegible]
קיינמאל וועט זי זיך ניט אומקערן אהערצו!

אף דער גאס איז זי שטיין געבליבן. נאך א קורצן ישוב הדעת האט זי באשלאסן אריבערצופארן צו זשיליעטן און זיך מיט איר אדורכשמו[illegible] איינמאל פאר אלעמאל מוז עס דאך נעמען א סוף!

זשיליעט האט איר געעפנט די טיר און נאך אין קארידאר האט זי געזאגט:

— איך האב פאר דיר א בריוו!

— פון וועמען?

— פון קלאדן. ער איז דא געווען היינט אינדערפרי. איך האב דיר טעלעפאנירט, ביסט אבער ניט געווען אין שטוב.

אן אויפגערעגטע האט העלען גענומען דעם בריוו, האט זיך א וואַרף געטאן אין א פאטעל און צעריסן מיט ציטערנדיקע פינגער דעם קאנווערט. זי איז שנעל דורכגעלאפן מיט די אויגן די עטלעכע שורות און האט א שליידער געטאן דאס צעטעלע אפן טיש.

— וואס האט פאסירט? — האט געפרעגט זשיליעט, זעענדיק ווי אין העלענס פנים בייטן זיך די פארבן און אין אירע אויגן שטייען טרערן
— ס'איז עפעס געשען צווישן אייך?

— ניין, גארנישט.

— ער האט דיך באליידיקט?

— נעם, לייען אדורך!

זשיליעט האט גענומען דעם בריוו און אים דורכגעקוקט:

— „ער האפט, אז ער האט דיך ניט קאמפראמעטירט און אז ער וועט אין די נאענטסטע חדשים ניט האבן קיין צייט דיך צו טרעפן..." זאג מיר, העלען, ס'האט טאקע גארנישט פאסירט צווישן אייך?

— ניין, גארנישט!

— דערפאר ביסטו עס אזוי באליידיקט?!

— איך האב געהאפט, אז ער וועט מיך באמת ליב האבן.

— אפשר האט ער דיך טאקע באמת ליב. אבער א כשרע יידישע מאכטער פון „פלעצל" איז פאר קלאדן ווי א ביין אין האלדז: ניט אויסצושפייען און ניט אראפצושלינגען!

— פארוואס? — האט א שטראל פון האפענונג אויפגעלויכטן אין העלענס אויגן — מיינסט, אז ער האט מיך באמת ליב?

— ווייל קלאד וועט גיכער אנהאלטן א פארהעלטעניש מיט א קא־

בארעטן־מיידל פון מאַנמאַרטר. מיט אַזאַ איינער קען ער זיך יעדן טאָג שיידן.

— און איך האָב דען פאַרלאַנגט פון אים אַ קאָנטראַקט?

— עס האַנדלט זיך ניט אין דעם דויער פון דער פאַרהעלטעניש. ער וואָלט אפילו גיכער געקענט חתונה האָבן מיט אַ קאַבאַרעטן־מיידל איידער מיט דיר!

— וואָסי? ס'איז מער יחוס?

— ניין! עס וואָלט אויסגעבראָכן אַ משפחה־סקאַנדאַל, אָבער אַזעלכע סקאַנדאַלן קומען פאָר אין אַלע שיינע פאַמיליעס און ניט דווקא אין יידישע. אַ ברוגז פון עטלעכע יאָר, און דאַן וואָלט מען זיך איבערגעבעטן און די אומבאַקאַנטע וואָלט פאַרנעשטעלט געוואָרן ווי אַ גראַנד דאַמע פון פּראָווינציעלן אדל. זעסטו, אַ יידישע מיידל פון „פּלעצל" איז עפּעס אַנדערש!

— און ווען איך וואָלט געווען אַ טערקין אָדער אַ כינעזערין?!

— דאָס איז עפּעס אַנדערש! קיינעם, פאַרשטייסטו מיך, וועט דאָך ניט איינפאַלן חושד צו זיין קלאָדן, אַז ער איז אַ טערק אָדער גאָר אַ כינעזער. ער איז אָבער פון די „איזראַעליט פּאַטריאָט" אַ הונדערט פּראָצענטיקער פראַנצויז, און ער האָט מורא אימת מות, מען זאָל אים ניט חושד זיין, אַז ער האָט אַ שייכות מיט אַ יידישן פאָלק פון פּוילן, פון רוסלאַנד, צי פון רומעניע... חתונה האָבן מיט דיר, וואָלט געהייסן באַשטעטיקן אַזאַ מין חשד, און דאָס איז איבער זיינע כוחות.

— ער איז אַן אידיאָט! — האָט אויסגערופן העלען.

— ניין, ער איז נאָר באַזעסן פון דער זעלבער משוגעת, וואָס איך.

— דו זאַמלסט דאָך גאָר יידישע אָריגינאַלן!...

— ער טוט דאָס זעלבע, וואָס איך, נאָר אויף אַ נעגאַטיוון אופן: ער האַלט אין איין זיך בודק זיין, צי ער פירט זיך חס ושלום ווי אַ ייד!

אהיים איז העלען אַוועק אַ נידערגעשלאָגענע. פון גיין צו אַנדרעיען איז איצט קיין רייד ניט געווען; זי האָט זיך געפילט ווי אַ פויגל, וועמען מען האָט אונטערגעשאָסן די פליגלען. גאַנצע טעג איז זי אָפּגעזעסן אין שטוב, איז געוואָרן שווייגנדיק און האָט אויסגעזען בלאַס. די מאַמע, וואָס האָט תמיד געהאַלטן אַ וואַכזאַם אויג אויף די קינדער, האָט גלייך דערזען, אַז מיט דער טאָכטער איז עפּעס ניט גלאַט, און זי האָט אַ זאָג געטאָן צו איר מאַן:

— ווייסט וואָס, מיין מאַן? איידער מען פאַרקריכט אין נייע גע־

שעכטן, וואָלט מען גאָר באַדאַרפט טאָן אַ שידוך מיט העלענען! אַן אונטערגעוואַקסן מיידל, ברוך השם, און זי געפעלט מיר גאָרנישט די לעצטע טעג.

— אַ שידוך גאָר? — האָט זיך געוואונדערט מעסיע סאָקאָלאָווסקי

— אַבי איך האָב געמיינט, אַז היינטיקע קינדער, בפרט אין פּאַריז, האָבן חתונה נאָר דורך ליבע!

— אודאי דורך ליבע! — האָט מסכים געווען די מאַמע — אַז מע'ט געפינען פאַר העלענען אַ פּאַסיקן בחור, וועט זי זיך אין אים פאַרליבן. וואָס שייך אַ שטיקל נדן, קען עס קיינמאָל ניט שאַדן!

העלענס טרויער איז ביסלעכווייז אויסגעלאָשן געוואָרן. זי האָט אָנגעהויבן קומען צווישן אירע אַמאָליקע באַקאַנטע, הגם זי איז פאַר דער צייט סטאַטעטשנער און געזעצטער געוואָרן. דאָן האָט זי זיך געטרייסט מיט איר אייגענעם צימער, וואָס זי האָט באַקומען אין דער נייער וואוינונג לעבן די גרויסע בולוואַרן, וואו מען האָט אַריינגעשטעלט אַ קלאַוויר און וואו זי האָט אויפגעהאַנגען עטלעכע רעפּראָדוקציעס פון באַקאַנטע מאָלער. נאָר מאַדמואַזעל זשיליעט איז געווען אומצופרידן פון דער נייער, מאָדערנער דירה, וואָס האָט שוין כלל וכלל ניט דערמאָנט יענע יידן פון שאַגאַלס בילדער.

העלען האָט חתונה געהאַט, ווען זשאַק איז געווען אין שפּאַניע. איר מאַן, סימאָן דוואָרקין, האָט געשטאַמט פון רוסישע יידן. זיין טאַטע, סאַמועל, איז געקומען קיין פּאַריז נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע, ווען אַ שטראָם פון גראַפן, פּרינצן, אָפיצירן און סתם מיטלויפער האָבן זיך אַ לאָז געטאָן איבער קאָנסטאַנטינאָפּאָל, דייטשלאַנד און ווייטן מזרח קיין פראַנקרייך. ווי דער שטייגער פון חשובע לייט, האָבן די געוועזענע אַדעליקע זיך אַנידערגעלאָזן בשכנות פון די עלעגאַנטע מערב קוואַרטאַלן פון פּאַסי און סאַן־קלו. ווען ס'איז זיי אויסגעגאַנגען דאָס געלט און זיי האָבן אויספאַרקויפט די געראַטעוועטע צירונג, זיינען די מענער געוואָרן שאָפערן און די פרויען — קעלנערינס. סאַמועל דוואָרקין, וועלכער האָט קיינמאָל ניט געהערט צום רוסישן אַדל, האָט זיך דאָך באַזעצט בשכנות פון זיינע געוועזענע גאַסט־געבער און ער האָט לכתחילה געעפנט אַ שפּייזקראָם, וואו ער האָט פאַרקויפט קאָרן־ברויט, געראויכערטע הערינג, נאָכגעמאַכטן וואָדקאַ און קאַוויאַר פון צווייטן סאָרט — מאכלים, וואָס האָבן דערמאָנט זיינע אַמאָליקע בעלי־בתים, אָן דער ראָמאַנטיק פון מוטערל רוסלאַנד.

ער גופא האָט געהאַט אַן אַנדער טרוים: זיין זון, סימאָן, זאָל שטו־דירן אַף אינזשעניער. איינגעשפּאַרט יאָרן לאַנג אין צאַרישן תחום המושב, באַגרענעצט דורך דער פּראָצענטן גזירה אַף יידישע סטודענטן, איז די אוני־ווערזיטעט אויסגעוואַקסן אין זיינע אויגן צום העכסטן אידעאַל.

דער יונגער סימאָן איז געווען ווייניקער פּראַקטיש. ער האָט זיך געחברט מיט די קינדער פון די געוועזענע און דאָרט אָפּט צוגעהערט די שמועסן וועגן דער רוסישער נשמה, וועגן עכטן „רוסקי טשעלאָוויעק״, זיין ברייטהאַרציקייט און גרויסציגלעכקייט און וועגן אַפּיצירסקע הולאַנקעס מיט צעבראָכענע שפּיגלען. אַלס יונגער סטודענט האָט ער זיך פאַרליבט אין אַ קעלנערין מיטן נאָמען נאַטאַשאַ, וואָס האָט זיך פאַרגעשטעלט אַלס גרעפין פון ריינעם בלוט. נאָכדעם ווי דער טאַטע האָט ניט דערלאָזן צום שידוך, איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ פאַרצווייפלונג און איז צוזאַמען מיט צוויי חברים אַנטלאָפן קיין מאַרסעי, וואו זיי האָבן זיך אַנגאַזשירט אין פרעמדן לעגיאָן.

די שווערע דינסט אין מדבר, וואָס איז געווען ווייניקער ראָמאַנטיש ווי אַף די קינאָ־בילדער, האָט אים אויסגעניכטערט פון די פוסטע חלומות. קומענדיק אַהיים האָט ער געענדיקט די פאַקולטעט און אָנגעהויבן פלייסיק אַרבעטן. זיינע אָוונטן האָט ער פאַרבראַכט איבער וויסנשאַפטלעכע פאַך־ביכער און זיין גאַנצע טרוימערישקייט איז אַריבערגעטראָגן געוואָרן אַף העלענען, אין וועלכער ער האָט זיך גלייך פאַרליבט איבער די אויערן.

זיי האָבן זיך אַריינגעצויגן וואוינען אין מערב־קוואַרטאַל, ניט ווייט פון בולאָנער וואַלד און אַזוי אַרום איז טיילווייז מקוים געוואָרן העלענעס וואונטש־טרוים, וואָס קלאָד האָט געהאַט צעשטערט. מקוים געוואָרן איז ער נאָר טיילווייז: אין די קרייזן פון די „באַרס, דרייפוסעס און ווײַלס״ איז זי דאָך ניט אַריינגעקומען. קלאָדן האָט זי אויך פאַר דער גאַנצער צייט ניט געזען און זשיליעט האָט אויסגעמיטן צו ריידן וועגן אים מיט העלענען.

צווייטער קאַפּיטל

זשאַק איז צוריקגעקומען אין צוויי יאָר ארום.

פון לאַגער, באַ די פּירענייען, וואו ער איז נאָכן אריבערגיין די גרענעץ פארהאַלטן געוואָרן עטלעכע טעג, האָט ער קיינעם ניט געשריבן: ניט זשערמענען און ניט אַהיים. דער צוג, וואָס האָט אים געפירט קיין פּאַריז, איז אָנגעקומען אַהינצו פאַרטאָג. נאָך די לאַנגע ריקצוג־טעג מיט הונדערטער טויזנטער סאָלדאַטן, פרויען און קינדער צווישן די בערג פון קאַטאַלאָניע, נאָך די פאַרלייזיקטע, נאַסע שטרוי־בינטלעך אין לאַגער פון באַרקאַרעס, איז פּלוצלינג געלעגן פאַר אים די פאַרטאָגיקע פּאַריז: קאַפע־הייזער, וואָס האָבן זיך לאַנגזאַם געעפנט, קעלנערס, וואָס האָבן אויסגעשטעלט די טישלעך, ניט אויסגעשלאָפענע ארבעטער, וואָס האָבן זיך געאיילט צום אונטערגרונד־באַן, מיידלעך, וואָס האָבן שטייענדיק אראָפּגעשלונגען זייער קאַפע מיט מילך באַם פאַרבאַנק. אַלטע „קאָנסיערזשקעס" האָבן געמיטלעך געקערט די טראָטואַרן און זיך צוגעוואָרפן גוט מאָרגנס, און די לעצטע נייעס פון קוואַרטאַל. די הויכע געביידעס האָבן אויפגעוואַכט פון שלאָף און געקוקט מיט אַש־גרויע פּנימער. פון ווייטן האָבן געוואונקען די קופּאָל פון פּאַנטעאָן, דער שפּיץ פון אייפעל־טורעם און דער בלייכער „סאַקרע קער" פון מאָנמאַרטר באַרג.

זשאַק, וואָס האָט זיך אַ גאַנצע נאַכט געטרייסלט אין לויפנדיקן צוג, איז געגאַנגען מיט וואַקלענדיקע פיס. די שטאָט האָט זיך געוויקלט פאַר זיינע אויגן ווי אָפּגעריסענע דערינערונגען פון אַן אַלטן, פאַרגעסענעם חלום.

הגם ער האָט ניט געשריבן, האָט מען אינדערהיים זיך געריכט אַף אים. נאָכן ערשטן, לייכטן קלונג, האָט ער דערהערט אייליקע טריט. די מאַמע האָט געעפנט די טיר. פון שלאָף־צימער איז דערגאַנגען אַ פאַרלעגן

הוסטן פון טאטן, וואָס האָט ניט געוואוסט ווי אַזוי מקבל פּנים צו זיין דעם זון. די מאַמע איז פון דער ערשטער מינוט אָן ארומגעגאַנגען אַף די שפּיץ פינגער ווי אין שטוב וואָלט זיך געפונען אַ קראַנקער. זי איז געלאָפן אין קיך מאַכן עסן, געגרייט דעם טיש, געמאַכט דאָס בעט און אינצווישן געגאַנגען אין קאַבינעט קלינגען צו העלענען.

דורך דער צעעפנטער טיר האָט זשאַק געהערט דעם טעלעפאָן־שמועס:

— יאָ, געזונט... ניין, ניט גלייך... קום ליבערשט איז אַוונט... אודאי איז ער מיד... נו, גאָט צו דאַנקען פאַר דעם!...

ווען זי האָט אין ערשטן מאָמענט דערציילט זשאַקן, אַז העלען האָט חתונה געהאַט און וואוינט ניט מער אין שטוב, האָט ער די ידיעה אויפגענומען כמעט גלייכגילטיק. דער טאַטע איז אַריינגעקומען האַלב־אַנגעטאָן, דערלאַנגט דעם זון די האַנט. געפרעגט וואָס ער מאַכט און ניט וויסנדיק אין זיין פאַרלעגנהייט וואָס ווייטער צו פרעגן, האָט ער געזאָגט צו דער מאַמען:

— נו, מע׳ט נאָך צייט האָבן צו שמועסן. מאַך אים ליבערשט עפּעס צו נעמען אין מויל אַריין. ער איז דאָך אודאי הונגעריק!

זשאַק איז געווען מיד און ניט אויסגעשלאָפן. אין קאָפּ האָבן זיך אים געמישט די בילדער פון די לעצטע טעג אַף יענער זייט פון די פירענייען. נאָך צוויי און אַ האַלב יאָר קאַמף, ענטוזיאַזם און האָפענונגען איז דער קריג געווען געענדיקט. אַף די עטלעכע ווען, וואָס האָבן געפירט איילעניש, זאָגנדיק, אַז פאַרן טויט וויל דער עולם געניסן פון ליבע. ארויס־עם זיינען געגאַנגען סאָלדאַטן אין אָפּגעניצטע מונדירן, אַרבעטער־משפּחות פון באַרצעלאָנע, יונגע מיידלעך, וואָס האָבן באַגלייט זייערע חתנים און שוין פאַר צוויי יאָרן פאַרלאָזן זייערע זוניקע היימען אין דרום. פון די דערפלעך, וואָס האָבן זיך געדראַפּעט אַף די שפּועים פון די קאַטאַלאָניער בערג, וואו מען האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק עפנטלעך פאַרברענט דאָס געלט און איינגעפירט קאָמונעס, לויטן אַנאַרכיסטישן נוסח, האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט פּויערים משפּחות: איינמיטן האָט אַן אָנגעלאָדענער אייזל געפירט דאָס ביסל האָב און גוטס און אַרום האָבן געשפּאַנט מענער, קינדער און יונגע פרויען, וואָס האָבן געטראָגן עופעלעך אין די אָרעמס. עלטערע פּויערים האָבן געטראָגן אין שטולן זייערע גרויע, פּאַראַליזירטע טאַטעס.

פון די מיט שניי באַדעקטע בערג־שפּיצן האָט געטריבן אַ קאַלטער

ווינט. באַנאַכט האָט מען זיך צעלייגט בײַ די וועג־זוימען. פֿון הינטן האָבן געדונערט קאַנאָנען: איינצלנע אָפּטיילונגען האָבן זיך מקריב געווען: זיי האָבן זיך געשלאָגן פֿאַרצווייפֿלט מיט די אָנגרייפֿנדיקע פֿאַשיסטן, כדי צו געבן דעם צוג צייט אַף צו דערגרייכן די פֿראַנצויזישע גרענעץ. אַפֿן גרענעץ־פּאַס האָבן זיי אָפּגעוואָרט שטרענגע פּנימער פֿון זשאַנדאַרמען.

— ביסט דאַכט זיך געווען פֿאַרוואונדעט? — האָט פֿאַרזיכטיק גע־פֿרעגט די מאַמע.

— אַ לייכטער וואונד, אין אָרעם — האָט זשאַק זיך באַמיט ריידן ווייך. — שוין לאַנג פֿאַרהיילט!

ער איז אַריין אין שלאָף־צימער און האָט מורא געהאַט זיך אַריינ־צולייגן אין די ווייסע ליילעכער. וויפֿל וואָכן האָט ער זיך שוין ניט גע־וואַשן?... די מאַמע איז געשטאַנען אין דער טיר:

—קענסט מאַכן אַ וואַנע, אויב דו ווילסט — האָט זי שטיל גע־זאָגט.

ער איז געלעגן אין וואַרעמען וואַסער און געטראַכט וועגן ווייס־באַ־צויגענעם בעט. זיין געוויסן האָט אים געפּייניקט: ער האָט זיך דערמאָנט די אימפּראָוויזירטע באַראַקן צווישן שטעכל־דראָט אין לאַגער פֿון באַר־קאַרעס. אים האָט מען שנעל אַרויסגעלאָזט, ווייל ער איז אַ פֿראַנצויז. צענדליקער טויזנטער זיינען דאָרט געבליבן. דער לאַגער איז אויפֿגעשטעלט געוואָרן אַפֿן זאַמד, בײַם ברעג ים. די לייז האָבן זיך פֿאַרמערט. מען האָט זיי באַהאַנדלט ווי פֿאַרברעכער. יעדן טאָג האָט מען געגעסן די זעלבע האַרטע אַרבעס. די געפּערלעכע טעג אין די טראַנשייען האָבן אויסגעזען ווי אַ גן־עדן אין פֿאַרגלייך מיט דעם לאַנגן גלות, וואָס איז אויפֿגעטויכט אין פּערספּעקטיוו. מענטשן, וואָס האָבן נעכטן מקריב געווען זייער לעבן פֿאַר אַן אידעאַל, האָבן זיך איצט אַרומגעריסן פֿאַר אַ פֿינגערהוט טאַבאַק אָדער אַ רעשטל פֿון אַן אויסגעגאַנגענעם פּאַפּיראָס.

ווען ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿאַרנאַכט, זיינען אין דער טונקלקייט פֿון צימער דערגאַנגען געדעמפּטע שטימען פֿון עס־זאַל. דער שוואָגער און די שוועסטער זיינען געקומען צו גאַסט. דאָס יונגע פּאָרפֿאָלק, ווי היינט־צייטיקע מענטשן, האָבן זיך געפֿילט פֿרייער מיט זשאַקן און גלייך גע־זוכט אַ געמיינזאַמע שפּראַך. דער שוואָגער האָט דערציילט די לעצטע נייעס פֿון דער פּאָליטיק: מען ריכט זיך, אַז היטלער וועט דאָך אַריינמאַר־שירן קיין טשעכאָסלאָוואַקיע... דאָסמאָל וועלן ענגלאַנד און פֿראַנקרייך ניט דערלאָזן! אויב אַמעריקע און רוסלאַנד וועלן זאָגן אַ פֿעסטן וואָרט,

וועט ניט קומען צו קיין מלחמה און אויב דער קריג וועט אויסברעכן, וועט היטלער כאפן די מפּלה אין זעקם חדשים.

— וואס מיינט איר וועגן דעם? — האט ער זיך געווענדעט צו זשאקן.

אלע האבן געקוקט אף אים ווי אף א ספּעציאליסט אין מלחמה־ענינים. ער איז דאך געווען צוויי יאר אין קריג ממש! זשאק האט ניט גע־וואוסט וואס צו ענטפערן. אפן מאמענט האט ער ניט געקענט ריידן וועגן קריג מיט מענטשן, וואס זיינען „דארט" ניט געווען. צוויי יאר האט מען זיי געווארפן פון שלאכט צו שלאכט: מאלאגא, כאראמא, אראגאן... בא הועסקא האט מען זייער אפּטיילונג געשיקט אן ארטילעריע צוגרייטונג אין מעטראליע־פייער. איידער זיי זיינען דערגאנגען צום שטעכל־דראט, פונוואנען דאס פייער האט ארויסגעשפּייט, האבן די העלפט חברה גע־גוססט אין גרינעם גראז. וואס זאל ער דא זאגן?

די שוועסטער האט אים איינגעלאדן אין איר נייער דירה. ער זאל למען השם קומען מארגן, זי האט עטלעכע געלונגענע רעפּראדוקציעס, א סיר־רעאליסטישן אריגינאל, פון א יונגן, אומבאקאנטן מאלער, וואס וועט אינגיכן האבן א שם! — איז זשאק געווען אין פּראדא פון מאדריד? — א, דער פּראדא איז געווען עוואקואירט? — א שאד! די בעסטע וועלאס־קעזן זיינען דאך אין פּראדא, כאטש די עקזעמפּלארן פון לואוור זיינען אויך ניט שלעכט!

זשאק האט א קוק געטאן אפן זייגער: באלד זיבן! ער קען נאך טרעפן זשערמענען, ווען זי וועט ארויסגיין פון דער ארבעט. ער האט זיך אנטשולדיקט:

— איך וועל זיך א ביסל דורכגיין אין שטאט. אפּגעשלאפן דעם גאנצן טאג! כ'וועל צוקומען, העלען!

— אודאי זאל ער זיך דורכגיין! — האט צוגעשטימט דער טאטע, וואס האט די גאנצע צייט קיין איין פראגע ניט געשטעלט דעם זון — זאל ער זיך א ביסל דורכלופטערן. מע'ט נאך צייט האבן צו שמועסן.

לעבן מאגאזין אף די גרויסע בולווארן, וואו זשערמען האט געאר־בעט פאר זיין אפּפאר, איז זשאק אנגעקומען קורץ פארן שליסן פון גע־שעפט. ער האט ארומגעשפּאנט הין און צוריק אפן טראטואר און געווארט.

כמעט ביז זיין צוריקקומען האט ער קארעספּאנדירט מיט איר. תחילת זיינען אירע בריוו געווען אפטע און פול מיט בענקשאפט. זיי זיינען געווען געשריבן אין א שלעכטן פראנצויזיש מיט א סך ארטאגראפישע

גרייזן. טיילמאל האט זי ארייננעווארפן פאטעטישע ווערטער וועגן העראיזם, וואס האט אויסגעזען ווי איבערגעשריבן פון צייטונגס־ארטיקלען. א סך עכטער זיינען געווען די צערטלעכע אויסרופן „מיין ליבער! מיין טייערער! כ׳וועל דיך קיינמאל ניט פארגעסן!", וואס זיינען באגלייט געווען מיט אן א שיעור אויסרוף־צייכנס.

זשאק האט געהאלטן אירע בריוו אין בוזים־קעשענע און אין לאנגע גרויע טעג אין די טראנשייען פלעגט ער זיי נאכאמאל איבערלייענען. ער האט קיינמאל ניט גערעדט וועגן איר מיט זיינע חברים און אין קאשמאר פון שוויים, בלוט און מידקייט איז זי אים פארגעקומען ווי א טרוים פון א ווייטן פרילינג.

נאך שטארקער איז געווען זיין בענקשאפט, ווען ער פלעגט טיילמאל, אף אורלויב, צווישן איין פראנט און צווייטן, גיין מיט די חברים צו „פרויען". אין די ענגע, שמוציקע געסלעך פון בארצעלאנער כינעזישן קווארטאל פלעגן סאלדאטן אף אורלויב שטראמען כאפטעסווייז אין די „הייזער". אינעווייניק זיינען געהאנגען רויטע־קרייץ פלאקאטן אף די ווענט. באפרידיקטע סאלדאטן האבן געדרימלט, דער קאפ אנגעשפארט אפן טיש, צווישן ליידיקע ווייןפלעשער. די מיידלעך האבן געארבעט אין איילעניש, זאגנדיק, אז פארן טויט וויל דעם עולם געניסן פון ליבע. ארומגייענדיק פלעגט זשאקן אנכאפן אן אומעט און א טיפע בענקשאפט נאך זשערמענען.

איצט האט ער געשפאנט אפן טראטואר און כמעט ניט באמערקט די ארומיקע באוועגונג אף דער גאס. מיטאמאל האט זיך א כאפטע מיידלעך א שאט געטאן דורך די צעעפנטע טירן און זיך א לאז געטאן מיט א צוויטשעריי, ווי א סטאדע איבערגעשראקענע פויגלען, אין אלע זייטן. זשאק האט זיי אויפמערקזאם באטראכט און געזוכט מיט די אויגן. זשערמען איז ניט געווען צווישן זיי.

ער האט זיך אויסגעדרייט און איז אוועק צוריק מיטן בולוואר. צום ערשטן מאל האט איבערגענומען אן אומרואיקער צווייפל: ווער ווייסט, וואס עס האט פאסירט? אפשר האט זי שוין עמעצן אנדערש? אפשר האט זי אים פארגעסן?... א צעשטרייטער האט ער אנגעהויבן קלערן, וואו ער זאל זי געפינען: אין געשעפט ארבעט זי ניט און געניי, וואו זי וואוינט, ווייסט ער אויך ניט — ער ווייסט נאר זי געגנט, אבער ניט דאס הויז און אפילו ניט די גאס.

ערשט ליגנדיק זיך שלאפן איז אים איינגעפאלן, אז ער קען איר

אָנשרייבן אַף פּאָסט־רעסטאַנט, וואוהין ער האָט איר די גאַנצע צייט גע־
האַט אדרעסירט די קאָרעספּאָנדענץ פון שפּאַניע. ער האָט זיך אָנגעטאָן,
איז ווידער אַראָפּ אין גאַס און מיט אַ פּנוימאַטיק־בריוו האָט ער זי באַ־
שטעלט אַף צומאָרגנס. האַלב אַכט אין קאַפע־הויז, וואו זיי פלעגן זיך אָפט
טרעפן אין די ערשטע חדשים פון זייער ליבע.

צומאָרגנס איז ער שוין געזעסן בא אַ טישל, ווען זי איז אַריינגעקו־
קומען. זי האָט געוואָרפן אַ גיכן, זוכנדיקן בליק אַרום. ווען זייערע בליקן
האָבן זיך געטראָפן, האָט זשאַק באַמערקט אין אירע אויגן אַ וואָלקנדל
פון פאַרלעגנהייט. ס'האָט עפּעס פּאַסירט! — איז אים דורכגעלאָפן דורכן
קאָפּ און פאַרשטערט זיין פרייד.

זשערמען איז פון ערשטן מאָמענט אָן געווען געהעמט און זייער־
שמועס האָט זיך ניט געקלעפּט.

— ביסט געקומען געזונטו! — האָט זי געזאָגט, באַמיענדיק זיך
אויסצודריקן איר פרייד.

— יאָ — האָט ער זי באַטראַכט.

ווי ער האָט געבענקט נאָך דער דאָזיקער מינוט! זי איז נאָך שענער
און רייצנדיקער ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט. איין סעקונדע האָט ער
פאַרגעסן אַלץ אין דער וועלט און איז באַהערשט געוואָרן פון אַ באַגער צו
דער דאָזיקער יונגער פרוי.

— דערציילט ווי עס איז דאָרטן געגאַנגען! — האָט זי געזאָגט,
עטוואָס זשענירט פון זיין בליק.

— איך וועל נאָך דערציילן. דו האָסט דאָך היינט צייט אַ גאַנצן
אָוונט?

— אַ גאַנצן אָוונט?... ניין. פאַרוואָס האָסטו מיך באַשטעלט אַזוי
שפּעט?

— ס'איז דאָך ניט שפּעט, ערשט אָנהויב אָוונט! אַ גאַנצן טאָג
אַרבעטסטו דו דאָך.

זשערמען האָט פאַרלעגן אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ.

— קענסט ניט בלייבן היינט אינאָוונט?

— ניין. איך וועל גלייך מוזן אַוועקגיין.

— און ווען וועסטו האָבן צייט?

— ווען דו ווילסט, אָבער באַטאָג.

— דו אַרבעטסט ניט באַטאָג? מען וואַרט אַף דיר?

זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אים אַ ווײַלע אָנגעקוקט. ס'איז

קענטיק געווען, אַז זי האָט עפּעס צו זאָגן און אַז זי שלאָגט זיך מיט דער דעה. באַלד האָט איר בליק אויסגעדריקט אַנטשלאָסנקייט:

— יאָ, זשאַק, איך וואָוין מיט עמעצן — האָט זי שנעל געזאָגט — איך האָב חתונה געהאַט.

זשאַקס פּרייד איז אויסגלאָשן געוואָרן. ער האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ. אַ לאַנגע ווײַלע זײַנען זיי ביידע געזעסן שווײַגנדיק.

— זיי מיר ניט בייז! — האָט זי אָנגעהויבן.

— איך בין ניט בייז.

— ניין, זיי ניט טרויעריק, זשאַק. איך וועל דיר אַלץ דערציילן. אַן אַנדערש מאָל. איך האָב זיך כלל ניט געענדערט. נאָר היינט מוז איך זיין אין שטוב, ווען ער וועט קומען.

זי האָט איבערגעריסן. זשאַק איז אַלץ געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, פאַרשלאָסן אין זיך. זשערמען האָט אים אָנגערירט מיט דער האַנט, ווי וועלנדיק אים אויפוועקן:

— ס'איז געקומען פון זיך אַליין, אָן מיין ווילן. כ'האָב אפילו ניט געמערקט ווי עס האָט פּאַסירט. דאָס לעבן דאָ — זי האָט אָנגעוויזן מיט דער האַנט אין דרויסן, וואו ס'האָבן געלויכטן הונדערטער רעקלאַמעס און טויזנטער מענטשן האָבן שפּאַצירט — איז געגאַנגען זיין וועג. דו ביסט געווען ווייט. די צייט האָט געפלאָסן, אַ טאָג נאָך אַ טאָג. די מלחמה האָט זיך געצויגן און געצויגן און ער איז דאָ אַלץ אָפטער אַריינגעקומען. איך וועל דיר אַלץ דערציילן, אַן אַנדערש מאָל... ער איז זייער אַ וואוילער און סימפּאַטישער און ער האָט מיך זייער ליב. אָבער איצט ביסטו צוריק געקומען. ווען כ'האָב געקראָגן דיין בריוול, האָב איך געוויינט. אָבער איצט וועל איך מוזן גיין! מירן זיך טרעפן מאָרגן, יאָ? גלייך נאָך מיטאָג!

— דו אַרבעטעסט ניט?

— ניין. ער איז אַ מעכאַניקער און אַזוי ווי מען גרייט זיך צו מלחמה, איז פאַראַן אַ סך אַרבעט אין זיין פאַך און ער פאַרדינט גענוג פאַר אונז ביידן.

זי האָט זיך אויפגעהויבן, אָבער זעענדיק, אַז זשאַק זיצט אַלץ מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ און באַגלייט זי אפילו ניט מיט זיין בליק, האָט זי זיך צוגעזעצט און אים אַ גלעט געטאָן די האַנט אונטערן טיש:

— זיי ניט טרויעריק, זשאַק! דו ביסט נאָך... מיר זיינען נאָך אַזוי יונג!

איר האַנט איז צערטלעך. זשאַק הויבט אויף דעם קאָפּ: איר בליק

טרייסט און זאָגט צו. זיין פּנים לייטערט זיך אַ ווײַלע אויס. איבער אירע ליפּן גליטשט זיך אַ שמייכל. דאַן זאָגט זי ערנסט:

— איך וויל דיך זען. איך מוז דיך טרעפן!... מאָרגן, האַלב דריי, יאָ? אין זעלבן קאַפע. איך וועל האָבן צייט ביז אין אָוונט.

זי גייט אַרויס. פון אַ סך טישלעך פאָלגן בליקן איר ריטמישן גאַנג. בײַ דער טיר דרייט זי אום דעם קאָפּ. זי זעט נאָר אים. אויף אירע ליפּן ליגט אַ שעלמישער שמייכל, וואָס זאָגט צו.

בלייבנדיק אַליין האָט ער זיך אַרומגעקוקט. אין קאָפּ האָט זיך אים געפּלאָנטערט אַ געדאַנק: דאָס לעבן איז געגאַנגען זיין וועג! אָט זעט ער עס, דאָס לעבן, ווי עס גייט זיך זיין וועג. אויפן בולוואַר איז געלעגן אַ קי־לער האַרבסט־אָוונט. אויף גזימסן פון קעגנאיבערדיקע געביידעס האָבן רעק־לאַמע־ליכטער זיך געצונדן און געלאָשן. פּייער־זיג־זאַגן האָבן זיך געיאָגט אויף אַ שילד פון אַ קינאָ. אַרבעטער האָבן זיך געאיילט צום אונטערגרונט, כדי צו קומען צייטיק צום אָונטברויט אַהיים. פאַרלעך האָבן געשטראָמט אין די קינאָס און נאַכט־לאָקאַלן. בײַ די טישלעך, אין פאָדער־צימער האָבן מענטשן געגעסן לאַנגע וואורשטלעך מיט זענפט און פאַרטרונקען מיט ביר. שטייענדיק, בײַם פאַרבאַנק, האָט אַן עולם געטרונקען אַפּעריטיוון און געשמועסט פּאָליטיק. יינגלעך האָבן פאַנאַנדערגעטיילט די לעצטע אָוונט־אויסגאַבעס פון די צייטונגען, וואָס האָבן דערציילט וועגן רעדעס פון חשובע מלוכה־לייט און אַ דראַמאַטישן אייפערזוכט־מאָרד.

און ער האָט געמיינט, אַז די וועלט האָט אויפגעהאַלטן איר אָטעם פונקט ווי זיי דאָרטן. דאָרט זיינען זיי געווען קאָנצענטרירט אויף דעראָבערן אַ דערפל, אויף פאַרנעמען צען מעטער ערד. פאַרנעמען אַ בערגל אָדער אויפ־האַלטן אַ חורבה האָט אָפטמאָל געקאָסט הונדערטער לעבנס.

ווען ער איז אַהינגעקומען, האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער נעמט אין זיינע הענט דעם רודער פון דער וועלט און וועט זי מיט כוח אַ קירעווע טאָן אויף אַ נייעם שליאַך. אָבער דער שטראָם איז צו שטאַרק! די שיף גייט איר וועג. ס'איז שווער אָפּצואוועגדן אַ שטראָם פון זיין אויסגעבעטן וועג!

ער פילט זיך איצט שוואַך, אָנמעכטיק לגבי דעם אַרומיקן לעבן. ער האָט חשק צו גיין אַהיים, זיך איינשליסן אין זיין צימער און טעג־לאַנג ניט אָנקוקן קיין מענטשן.

גלייכצייטיק קלערט ער באַהאַלטענערהייט וועגן זשערמענען. זאָל זיין אַזוי! ער וועט זי מאָרגן טרעפן. וואָס גייט עס אים אָן, וואָס זי וואוינט מיט עמעצן?... ער וואָלט זי געוואָלט אַנדערש, אָן די אויסבאַהאַלטענע

טרעפונגען ערגעץ אין א האטעל־צימער. גאר אמאל וואלט אים די וואנ־טורע געלאקט. אצינד, אבער, נאך צוויי יאר ארומוואלגערן זיך אין קא־זארמעס און טראנשייען און געקויפטער ליבע אין איילעניש, וואלט ער זי געוואלט האבן ריינער און ארנטלעכער. דער ענין מיט פאראטן איז כאן איז אים אומאנגענעם. ער פילט אבער א וואקסנדיקן צארן קעגן דער וועלט, וואס איז זיך געגאנגען איר וועג. און אין זיין טרעפונג מיט זשער־מענען זעט ער א נקמה אין דער מאראל פון דער דאזיקער וועלט.

ווען ער הויבט זיך אויף, גייט ער ניט אהיים, נאר צום קאפע־הויז, צווישן בעלוויל און רעפובליק, וואו ער פלעגט אמאל טרעפן פיערן און אנדערע חברים. דער עולם האט זיך מיט אים דערפרייט, אויסגעפרעגט וועגן דארטן, געצאלט אים א גלאז און פאר איין וועג דערציילט וועגן די געשעענישן אין דער היגער פאליטיק. ארויסגייענדיק, האט פיער אים גענומען אונטערן ארעם:

— קום מיך באזוכן! ווייסט, איך האב א שטיקל בעלי־ביתישקייט. איך וואוין מיט א פרוי.

— מיט וועמען?

— האסט זי אמאל געקענט, נאר אודאי פארגעסן. כ'האב אייך אמאל געזען צוזאמען. זשערמען הייסט זי. אודאי שוין פארגעסן, וואס?

זשאקן מישט פאר די אויגן. ער ענטפערט שנעל:

— יא, אמאל! ווער קען עס אלעמען געדענקען?!

— וועסט ארויפקומען צו אונדז, זשאק. זשערמען וועט זיך פרייען!... איך האב איר אפט דערציילט וועגן דיר, אפשר וועט זי זיך אויך דערמאנען.

זיי געזעגענען זיך. זשאק שטייט ווי פאר א וואנט און זוכט אין דער פינצטער א דורכגאנג. מארגן וועט ער שמועסן מיט זשערמענען! ווער איז שולדיק אין דעם אלעמען? פיער האט אים אפילו איינגעלאדן צו זיך. האט ער גארנישט משער געווען?

צומארגנס קומט זשערמען פינקטלעך. אין זיין הונגער נאך קלאר־קייט, ווארפט זיך זשאק אף איר מיט פראגעס:

— האסט ניט דערציילט פיערן וועגן אונדזערע באציאונגען?

— ניין.

— פארוואס?

— פון אנהויב האב איך ניט געוואלט ריידן מיט עמעצן א פרעמדן וועגן אונדז. דערנאך איז שוין געווען צו שפעט.

— פאַרוואָס צו שפּעט?

— ווען איך בין געוואָרן זיין פרוי, האָב איך ניט געוואָלט דער־ציילן פון פאַרגאַנגענהייט.

— ער וואָלט דיר ניט מוחל געווען דיין פאַרגאַנגענהייט?

— ס'איז קיינמאָל ניט געוואָרן דורכאויס פאַרגאַנגענהייט. איך האָב דיך ניט אָפּגענאַרט אין די בריוו. אין מיינע גערדאַנקען ביסטו פאַר מיר פאַרבליבן דער זעלבער וואָס פריער. כל זמן דו ביסט געווען דאָרטן, איז עס אויך געווען מעגלעך. ווען האָט עס געשטערט?

— און פיער האָט ניט געוואוסט וועגן די בריוו?

— ניין. איך וואָלט דאָך אַלץ געמוזט איבערייסן. דאָס זיינען דאָך ניט געווען סתם בריוו. און איך האָב ניט געוואָלט מאַכן קיין סוף.

— און איר האָט קיינמאָל ניט גערעדט וועגן מיר?

— יאָ, אָפּט! דער ערשטער שמועס אונדזערער איז געווען וועגן דיר. איך האָב געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז איך גערדענק דיך קוים!

זשאַק פאַרשטייט איצט אַלץ, און דאָך זעט ער די ענינים ווי דורך אַ נעפּל. ער בלייבט זיצן אַן אָנגעכמורעטער און באַמיט זיך אַריינצו־ברענגען אָרדענונג אין זיינע גערדאַנקען. זשערמען וויל ניט, ער זאָל זיין טרויעריק צוליב איר. זי זוכט אַ מיטל ווי אים אויפצומונטערן. זי רירט אָן זיין אָרעם:

— מיר בלייבן דאָ זיצן אָדער מיר גייען?

— מיר איז אַלצאיינס.

— טאָ לאָמיר גיין!

אין אירע באַקן שלאָגט אַ לייכטע רויטקייט און זי לאָזט אַראָפּ די אויגן. זי וואָלט געוואָלט אים קלאָר מאַכן, ווי אויך פאַר איר איז אַלץ געשען כמעט אומגעריכט: דאָס לעבן איז דאָ געווען רעאַל, ממשותדיק און זשאַק איז מיט דער צייט געוואָרן אַ פאַנטאַזיע, אַ חלום, אָפּגעזונדערט פון דער טאָג־טעגלעכער ווירקלעכקייט. פיער איז געקומען צו זיי אַהיים, ער האָט זיך געחברט מיט דעם ברודער. ער האָט געשמועסט מיטן טאַטן, אפילו דער מאַמען איז ער געפעלן געוואָרן. זי איז געווען יונג און איינמאָל האָט זי ניט געקענט ביישטיין דעם נסיון. ער האָט זי גענומען און זי האָט געמיינט, אַז דאָס וועט זיין נאָר אַן ענין פון פיזישער באַפרידיקונג, וואָס וועט זיך כלל ניט אַריינמישן אין איר ליבע. אודאי האָט זי זיך יעדעס מאָל געמאַכט פאַרוואורפן, אָבער בלייבנדיק אַליין מיט אים, איז זי יעדעס מאָל געווען צו שוואַך גובר צו זיין סיי דעם מאַן, וואָס איז געווען שטאַרק,

און סיי אירע אייגענע פארלאנגען. אַלע אַרום האָבן זיי גענומען אַף ערנסט, געהאַלטן פאַר חתן־כּלה. זי האָט ניט געהאַט קיין מאָטיוו צו זאָגן ניין. די דערינערונג פון זשאַקן איז שוין דאַן געווען אַזאַ שפּינוועב־פאַנטאַזיע, אַז עס האָט גאָרנישט געהאַט צו טאָן מיט דער ממשותדיקער ווירקלעכקייט!

זיי גייען אַרום. זשאַק שפּאַנט אַן אָנגעכמורעטער. ווי זאָל זי אים דאָס אַלץ דערקלערן? זי וויל, ער זאָל זי ערגעץ פירן, וואו זיי וועלן זיין אינגאַנצן אַליין. נאָר אַזוי אַרום וועלן זיי צוריקגעפינען זייער אַמאָליקע נאָענטקייט און געמיינזאַמע שפּראַך!

און פּיער? זי וועט דאָך אים ניט קענען קוקן אין די אויגן, ווען ער וועט אַהיימקומען אינאָוונט! אָבער דאָס גייט כּלל ניט אָן פּיערן. ס'איז כּלל ניט קיין פיזישער פאַרלאַנג, וואָס שטויסט זי צו זשאַקן. נאָר ווען זי וועט ליגן אין זיינע אָרעמס, וועלן צעטריבן ווערן די וואָלקנס פון זיין פּנים און עס וועט פאַרשווינדן זיין פאַרכמורעטע פאַרשלאָסנקייט!

זי שפּאַנט געלאַסן לעבן אים. זי זעט אויס גענזעצטער ווי אַמאָל און פרעגט ניט וואוהין זיי גייען. אָבער זשאַק ווייסט, אַז ער קען אָפּהאַלטן די ערשטע־בעסטע טאַקסי און אַז זי וועט מיטפאָרן מיט אים. און פונדעסטוועגן טוט ער עס ניט. ער באַמיט זיך צו קאָנצענטרירן די געדאַנקען: פאַרוואָס ניט? צוליב פּיערן? צוליב דער מאָראַל? וועלכע מאָראַל? — אין הייליקן פאַרבאָט פון גאָט גלויבט ער ניט, די מאָראַל איז נאָר אַ פועל יוצא פון באַדינגונגען. די אומבאַרירבאַרקייט פון יענעמס פרוי איז אַן אויסדרוק פון מאָראַל פון פּריוואַט־אייגנטום!...

און פונדעסטוועגן רופט ער ניט קיין טאַקסי. ער פילט זיך באַזיגט דורך די אומשטענדן. עס באַהערשט אים דאָס זעלבע געפיל פון אָנמאַכט, וואָס האָט אים נעכטן אַרומגעכאַפּט לגבי דער וועלט, „וואָס גייט זיך איר וועג". זיין פאַרלאַנג צו זשערמענען ווערט לאַנגזאַם אויסגעלאָשן דורך דער מוטלאָזיקייט און אַפּאַטיע, וואָס פאַרפלייצן זיין געמיט.

זיי גייען פאַרביי אַ קינאָ. זשאַק שטעלט זיך אָפּ:

— עס שפּילט פּערמאַנענט! מירן אַריינגיין?

זי וואַרפט אַף אים אַ דערשטוינטן בליק און גייט אים אומדרייסט נאָך. אין זאַל איז פינצטער. אַפן עקראַן לויפן די בילדער. דער אָרדנער ווייזט זיי אַ פּלאַץ אין אַ ווינקל. ניט ווייט זיצט אַ פּאָרל ענג אַרומגענומען. אַפן עקראַן שפּילט אַ ליבע.

זשערמען קוקט אַפן עקראַן און דרייט כּסדר אויס דעם קאָפּ צו אים.

זייערע אָרעמס באַרירן זיך אָפּן אָנלען פון פּאָטעל. זייערע ליפּן זייגען נאָנט. זאָל ער זיך אויפהויבן און אַרויסגיין מיט איר?

ער דערפילט אַ פאַרבאָרגענעם ציטער: אַן אָנמעכטיקייט לגבי דער יונגער פרוי, וואָס זיצט דאָ נאָנט לעבן אים און וואַרט, לגבי איר צאַפּלדיקער לעבנס־לוסט. אַזאַ פאַרבאָרגענע שרעק פלעגט ער אָפּטמאָל פילן אין דער ערשטער צייט פון זייערע באַציאונגען, ווען ס'האָט זיך אים כסדר געדאַכט, אַז זי איז שטאַרקער פון אים און אַז ער באַהערשט זי ניט. ער האָט דאַן מורא געהאַט זי ניט צו באַפרידיקן. איצט איז די דאָזיקע שרעק שטאַרקער און טיפער; ער פילט זיך באַזיגט: דער פאַרלאָרענער קריג און די פאַרלאָרענע ליבע גיסן זיך צונויף און פאַרשאַרפן דאָס געפיל פון אָנמאַכט, אַמליבסטן וואָלט ער געגאַנגען אהיים, זיך איינגעשלאָסן אין זיין צימער און ניט געטראָפן קיין מענטשן!

זשערמען ווערט ביסלעכווייז פאַרכאַפּט פון פילם. ווען זיי גייען אַרויס, ליגט שוין אין גאַס דער אָוונט. זי כאַפּט אַ קוק אַף איר זייגער:

— שוין שפּעט! כ'מוז לויפן אהיים.

און זי וואַרפט פון אַ זייט אַ קוק אַף אים.

זיי דריקן זיך די הענט. זי שרייבט אים אויף איר אַדרעס:

— זיי מיר ניט בייז, זשאַק! און זיי ניט טרויעריק!... קענסט שטענדיק אַרויפקומען. איך וועל זיך פרייען. אינדערפרי בין איך כמעט שטענדיק אין שטוב.

דריטער קאַפּיטל

ארויסגעריסן פון דער אַפּאַטיע און אָפּהענטיקייט האָבן זשאַקן, אין אַ קנאַפּן יאָר ארום, די באָמבארדירונגען פון ווארשע און די פּלאַקאַטן פון דער אַלגעמיינער מאָביליזאַציע, וואָס זיינען צעקלעפּט געוואָרן אַף די גאַסן פון פּאַריז.

פאַר דער צייט האָט דער ריח פון אָנקומענדיקן קריג זיך צעלייגט איבער דער שטאָט און אָנגעפילט די הערצער מיט אַ ציטער. עס זיינען כסדר פאָרגעקומען מיטינגען און אומאויפהערלעכע דיסקוסיעס. די ראָלן האָבן זיך געביטן: די אַמאָליקע נאַציאָנאַליסטן, וואָס האָבן פון תמיד אָן גערעדט וועגן פאָטערלאַנד, עהרע און העלדן־טויט, זיינען געוואָרן הייסע פּאַציפיסטן: זיי האָבן אַצינד גערעדט וועגן שלום פאַר יעדן פּרייז און פון זייערע צייטונגען האָבן אַראָפּגעשיינט די „קעפּ": „דאַרפן די פראַנצויזן שטאַרבן פאַר די טשעכן?... אדרבא, הערן ענגלענדער, שיסט איר די ערשטע!..." און שפּעטער: „וואָס גייט אונדז אָן דער דאַנציקער קאָרידאָר?"

זיי האָבן ארויסגעשלעפּט פון ארסענאַל אַלע פּאַציפיסטישע ארגומענטן: דער אומזין פון אַ מענטשן־שחיטה, די מוטערס, וואָס בלייבן אַלמנות, די קינדער — יתומים... איצט האָבן זיי גערעדט וועגן די קאַנאָנען־הענדלער, וואָס ווילן דעם קריג, און פאַר איין וועג צוזאַמענשטעלן מחותנים די פרייםמויערער און די יידן...

אַף יענער זייט האָבן זיי געהאַט אַ וואָגיקן כלי־זין: דעם אומבאַגרענעצטן ווילן נאָך שלום.

די „לינקע" האָבן פאַרלאַנגט אַ פעסטע האַנט אין דער אויסערן פּאָליטיק. זיי האָבן אויפגעפּאָדערט צו פאַרטיידיקן די פרייהייט און די דעמאָקראַטיע. איצט האָבן זיי גערעדט וועגן פאָטערלאַנד־ליבע און

הייליקן קריג. זיי האָבן אָנגעוויזן אויף דער טראַדיציע פון די פרייהייט־קאַמפן פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

דאָס פאָלק האָט אויסגעהערט די רעדעס און דיסקוסיעס, און די מיינונגען זיינען געווען פאַרשידן. אָבער אין תוך האָבן אַלע געדאַנקט גאָט, וואָס דערווייל איז נאָך ניטאָ קיין מלחמה. מען האָט געלייענט די הייסע אַרטיקלען קעגן „מינכען" און אין הערצן האָבן די מייסטן גע־טראַכט:

— מילא, א חיי שעה איז אויך גוט!

ס'האָט זיך אָנגערוקט דער פרילינג. אויף די בולווארן האָבן זיך צע־בליט די ביימער. מען האָט אַרויסגעשטעלט די קאַפע־טישלעך אויף די טראָטואַרן. די פרויען האָבן אָנגעטאָן דינע, זומערדיקע קליידער און זייע־רע שמייכלען זיינען געווען פריש ווי די יונגע פרילינג־בליטן. פאַר עט־לעכע סאַנטים האָט מען געקענט אַרויספאָרן אין בולאָנער וואַלד אָדער זיך לאָדקען אין די אָזיערעס פון וואַנסען. אין די זונטיקן זיינען די זאַלן פון „לוואָר" געווען פול און דער עולם האָט באַוואונדערט די ראַפאַעלס און די רעמבראַנדטס. אין פּראָווינס האָבן שוין געבליט די פירסיקער און דער וויין האָט צוגעזאָגט צו געבן אַ גוטן שניט. אָפן וועג צום מיטלענדישן ים זיינען די טוריסטן אָפּגעשטיגן אין אַוויאַנען און דאָרט באַוואונדערט די מיטלאַלטערלעכע געביידעס פון פּויבסט־פּאַלאַץ און מיט אויטאָס זיי־נען זיי פון דאָרט געפאָרן אָנקוקן די חורבות פון רוימישן אַמפּיטעאַטער אין אַרל.

אין דער פּאָליטיק האָט געקענט זיין גערעכט דער אָדער יענער, אָבער אין קריג וועלן ראשית כל פאַלן די זין און די שטעט וועלן חרוב ווערן דורך באָמבעס. היטלער וויל קאָלאָניעס? היטלער וויל עלזאַס־לאָט־רינגען?... — מאַדאַגאַסקאַר און אינדאָכינע זיינען אַזוי ווייט און מען קען זיך באַגיין אָן זיי. וואָס שייך די עלזאַסער, זיינען זיי שטענדיק געווען משוגענע קעפּ: נאָך 1870 זיינען זיי געווען פראַנצויזישע פּאַטריאָטן און זיך געבונטעוועט קעגן די פּרייסישע יונקערס און אַצינד ריידן זיי דווקא דייטש און עס ווימלט דאָרט פון היטלערס אַגענטן!

אַלע האָבן גערעדט פּאָליטיק. די ציישונגס־פרוי האָט, געבנדיק זשאַקן זיין מאָרגן־בלאַט, אַריינגעוואָרפן דרך אגב:

— מיר האָבן ניט פיינט די דייטשן. זיי וואוינען אין דייטשלאַנד און מיר אין פראַנקרייך. פאַרוואָס זאָלן מיר זיי פיינט האָבן?

און די פּאַרטײַרין האָט אים אָפּט פאַרהאַלטן, ווען ער איז אַרויף די טרעפּ:

— דײַטשע מאַמעס זײַנען דען קײן מאַמעס ניט? װעלכע מוטער װיל דען, אַז איר זון זאָל געהרגעט װערן?

טײַלמאַל האָט זי געפרעגט זײַן מײנונג איבער די ידיעות פון די צײַטונגען:

— װי קען מען אײנעם דיקטירן, װאָס ער זאָל עסן אָדער װי ער זאָל זיך קלײדן?... ס'איז טאַקע אמת, אַז מען מוז דאָרט מאַרשירן מיט אַ געגנדזן־טריט?

זשאַק איז געגאַנגען אויף די מיטינגען און אויסגעהערט די דיסקוסיעס. פאַר די פּאָר יאָר, װאָס ער איז געװען אין שפּאַניע, האָט זיך אַ סך געענדערט אין דער אָרטיקער פּאָליטיק און פּיעד האָט זיך באַמיט אים דערקלערן די סיטואַציע:

— זײ האָבן זיך דערשראָקן פאַרן פאָלקס־פראָנט און זײ װילן בעסער היטלערן אײדער אַ רעװאָלוציע!

און אַן אַנדערש מאָל האָט ער געזאָגט:

— אויב עס װעט קומען צו אַ קריג, װעלן די פאָלקס־מאַסן מוזן טראָגן דעם יאָך און פאַרטײדיקן דאָס לאַנד, די פרײַהײט און די דעמאָקראַטיע! װאָרים אויף די גענעראַלן און אויף די „צװײ הונדערט פאַמיליעס" װעט מען זיך ניט קענען פאַרלאָזן.

זשאַק האָט זיך אינטערעסירט מיט דער פּאָליטיק אַ סך װײניקער װי אַמאָל. ער האָט געהאַט אַ געפיל, אַז זינט ער איז געװען „דאָרטן", װײסט ער װעגן פרײַהײט און העראָאיזם אַ סך מער אײדער די רעדנער אויף די מיטינגען. אַלץ, װאָס זײ האָבן גערעדט, האָט געשטימט און דאָך איז געלעגן אַ תהום צװישן דעם זיסלעכן פּאַטאָס פון זײערע רײד און יענער װירקלעכקײט פון די טראַנשײען. אויסער דעם איז ער נאָך אַלץ ניט געקומען צו זיך פון יענער נידערשלאָגנקײט, װאָס האָט אים אַרומגעכאַפּט נאָך דער צעשײדונג פון זשערמענען.

ער האָט זי מער ניט געטראָפן און אָפּטמאָל האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער איז אויסגעהײלט און גלײַכגילטיק צו איר. אָבער די בענקשאַפט האָט ניט אויפגעהערט צו טליען אין זײַן הארצן. די אָנמאַכט, װאָס ער האָט דאַן דערפילט לגבי איר לעבנסלוסט, האָט גורם געװען, ער זאָל אונטערדריקן זײַנע פאַרלאַנגען און אָנשטאָט זיך צו צעפלאַקערן און שטײַגן האָט די לײַדנשאַפט געגראָבן אין דער טיף און װי באַ אַ פײַער,

וואָס באַקומט ניט גענוג לופט, איז דער פּראָצעס פון ברענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ לאַנגזאַמער פאַרקוילונג.

פּיער האָט אים אָפּט איינגעלאַדן אַרויפצוקומען, ער האָט זיך אָבער כּסדר אַרויסגעדרייט מיט כּל מיני תּירוצים. איינמאָל, אַ זונטיק אינדערפרי, האָט פּיער אים כּמעט מיט כּוח אַרויפגעשלעפּט צו זיך. זשערמען איז נאָך געלעגן אין בעט און געפּראַוועט אַ יום־טובֿדיקן פרימאָרגן. זי האָט געטראָגן אַ דינעם, צעשפּילעטן נאַכט־העמד און האָט זיך שנעל צוגעדעקט, ווען די צוויי מענער זיינען אַריין. פּיער האָט זיך איבערגעבויגן איבער איר. די דעקע האָט זיך אַראָפּגעשאַרט און דורכן צעעפּנטן העמד האָט מען געזען אירע ווייסע אַקסלען. ער האָט זי אַרומגענומען און געקושט איבערן נאַקן. זשערמען האָט אַריבערגעקוקט איבער זיין רוקן און אָנגעטראָפן זשאַקס בליק. זי האָט אַראָפּגעלאָזן די אויגן.

זשאַק האָט אָפּגעדרייט דעם קאָפּ. איצט האָט ער זי געזען ווי בעת זייערע צוזאַמענטרעפן אין קליינעם האָטעל־צימער. נאָר אָנשטאָט אים איז געווען פּיער. ער האָט זיך באַלד גענומען זעגענען. אַראָפּלויפנדיק פון די טרעפּ, האָט ער אַ נדר געטאָן, זיך מער ניט אומצוקערן אַהינצו.

רחל איז געווען אומרואיק וועגן זון, וואָס איז אַרומגעגאַנגען אַ פאַרשלאָסענער, האָט ווייניק גערעדט און זיך ניט געפונען קיין אָרט. זי האָט ניט געוואַגט אים אויסצופרעגן און איז געווען גליקלעך, ווען ער האָט איינמיטן ווינטער זיך ווידער געהאַט אַ נעם געטאָן צום לערנען און געלייענט ביז אין די פאַרטאָגן. זי האָט געהאָפט, אַז ער איז געקומען צו זיך. אָבער מיטן אָנקומען פון פרילינג — 1939 — איז ער ווידער געוואָרן מרה־שחורהדיק. די מאַמע האָט דאַן פאַרלאַנגט, ער זאָל אַרויספאָרן צום ים אַף פרישע לופט. העלען מיט איר מאַן האָבן אונטערגעשטיצט דעם פאָרשלאַג און געעצהט אַ נסיעה קיין ניצאַ און מאָנטעקאַרלאָ. נאָר דער טאַטע האָט, ווי זיין שטייגער אין אַזעלכע פאַלן, געשוויגן.

אָבער זשאַק האָט אַ לאַנגע צייט ניט געוואָלט הערן פון פאַרלאָזן פּאַריז. ער האָט ווי מורא געהאַט אַרויסצופאָרן פון דער שטאָט, וואו זשערמען האָט געלעבט. אמת, ער האָט יעדן טאָג געקענט אַרויפגיין צו איר און עס ניט געטאָן. ער האָט אויך געוואוסט, אַז באַמערקנדיק זי פון וויטן אין גאַס, וועט ער זיכער אַריבערגיין אַף דער אַנדער זייט טראָטואַר. אָבער דאָ, אין שטאָט, האָט ער דאָך געפילט איר נאָענטקייט. ער האָט ווי געוואַרט אַף אַ נס: טרעפן דער אַמאָליקער זשערמען, אָן דער עקזיסטענץ פון די איצטיקע אומשטענדן. ס'איז געווען ווי די האָפענונג, וואָס מען האָט

טיילמאַל, אַז אַ בייזע ווירקלעכקייט וועט זיך פּלוצלינג אַרויסווייזן נאָר ווי אַ קאָשמאַר־חלום.

ערשט אין שפּעטן זומער, אינמיטן אויגוסט, ווען אין שטאָט איז געוואָרן דושנע און שטיקנדיק, און די גאַסן זיינען געוואָרן אויסגעליידיקט פון מענטשן, ווייל דער עולם האָט אויסגעמיטן אַרויסצוגיין פון שטיב, האָט ער מסכים געווען אַרויסצופאָרן. ער האָט גענומען דעם צוג ביז טולאָן און פון דאָרט האָט ער, טיילמאַל מיטן עלעקטרישן שלעפּ־צוג און אַנ־דערש מאָל צופוס, זיך געלאָזן לענגאויס דעם ים־ברעג, צו דער איטאַליע־נישער גרענעץ צו.

דער געלער זאַמד־ברעג האָט זיך געטונקט אין אַ העלער וואַרעמ־קייט צווישן די טונקל־בלויע כוואַליעס פון ים, וואָס האָבן אים טאָג און נאַכט געוואַשן מיט אַ לייכטן ברומען, און די גרינע, הויכע בערג, אָף וועל־כע עס האָבן זיך געדראַפּעט ווילעס, וויינגערטנער און בלומען־פעלדער. גרינע פּאַלמעס האָבן שטאָלץ געהויבן זייערע קעפּ אין העל־בלויען רוים און זייערע געוועלבט־אַראָפּגעלאָזענע צווייגן האָבן אויסגעזען ווי גרינע, צעעפנטע פעכער. פון די פעלזיקע בערג־שפּיצן האָבן אַראָפּגעקוקט געדיכ־טע נאָדל־וועלדער.

אונטן, אָפן געלדענעם זאַמד, האָבן קילאָמעטער־לאַנג זיך געהויבן פּאַרביקע ריזן־שוואָמען — די שירעמס, וואָס מען האָט אַרויסגעשטעלט, כדי זיך צו שיצן אין די צו הייסע שעהן פון טאָג. דער גאַנצער ריוויעראַ־ברעג איז געווען באַדעקט מיט אַ מענטשן־מאַסע, וואָס האָט זיך געברענט אין דער זון. די פרויען האָבן צוגעדעקט נאָר די אומבאַדינגט נויטיקע טיילן פון זייערע קערפּערס און זיך באמת אָפּצובראָנזן וואָס מער פון זייערע גלידער. באַמאָג האָבן זיי געטראָגן קורצע באָד־הייזלעך און אין די אונטן — ברייטע, קאָלירפולע הויזן. די האַלב נאַקעטע לייבער, וואָס האָבן זיך דאָ געפּרעסט אין דער היץ, האָבן דערמאָנט זשאַכן אָן די מחנות הערינג, וואָס שווימען זיך צונויף צו די ברעגעס, און פּרעסן זיך צוזאַמען, כדי צו לייגן זייערע אייעלעך אין אַ וואָלקן פון פיזישן עקסטאַז.

די הייסע זון האָט רייך געמאַכט די דיקע וויינטרויבן, וואָס האָבן זיך אָנגעפּילט מיט אַ זיסן זאַפט, און געמאַכט יוירן די באַגערן אין די אָנגעגליטע קערפּערס פון די מענטשן. אין די אונטן זיינען פאַרלעך פּאַר־קראָכן צווישן די פעלזן פון ים־ברעג אָדער געבלאָנדזשעט צווישן די וויינגערטנער, אָף די געשלענגלטע שטעגלעך פון די בערג־שפּועים. נאָך

דעם הייסן טאָג האָבן זיי געזוכט זיך אָפּצוקילן אין דער פרישקייט פון אָוונט און אין די אָרעמס פון ליבע.

דערווייל האָבן די צייטונגען אָנגעהויבן דרוקן רעפּאָרטאַזשן וועגן צוקונפטיקן קריג. זיי האָבן געמאָלט, ווי ברען־באָמבעס וועלן חרוב מאַכן די שטעט און ווי ישובים און לענדער וועלן פאַרסמט ווערן דורך גאַז. און ס'איז דאָ שווער געווען צו אונטערשיידן, צי זיינען טאַקע יענע באַשרייבונגען אַ פאַנטאַזיע אָדער גאָר די קאָליר־פולע ריוויערא, וואָס האָט זיך דאָ געטונקט אין ים און זון. געלייענט האָט מען אַף דער פּלאַזשע און דאָס פּאַפּיר איז שנעל צעפאַלן געוואָרן, דורכגענעצט פון געזאַלצענעם וואַסער, וואָס האָט אַראָפּגערונען פון די באָד־אַנצוגער. ווי אַ ווייטער עכאָ זיינען דערגאַנגען די ידיעות וועגן שטומען געראַנגל, וואָס איז אַלץ שאַרפער געוואָרן אין די קוליסן פון דער וועלט־דיפּלאָמאַטיע.

ס'איז געווען אין אַ וואַרעמען סוף־זומער פאַרנאַכט, ווען זשאַק איז אָנגעקומען אין קליינעם דערפל באַרם, וואָס האָט זיך געהויבן ווי אַן אָדלער־נעסט אין די בערג. צופוסנס, אַפן טונקלען אויבערפלאַך פון וואַסער, האָט דער טולאָנער קריגס־פלאָט דורכגעפירט מאַנעווערס. דער עולם איז געזעסן פאַר די טירן און צוגעקוקט צו די אויסגעלאָשענע, שטאָלענע פעסטונגען, וואָס האָבן זיך געגליטשט איבער די לייכט ברומענדיקע כוואַליעס. דאָ און דאָרטן האָט אויפגעבליצט אַ פונקענדיק אויג. אין רוים האָבן אַ רויש געטאָן עטלעכע אַוויאָנען. די שיפן האָבן גלייך אַ וואָרף געטאָן לאַנגע ליכט שטראַלן, וואָס האָבן זיך געלאָזן אין אַ געיעג און אַרומגעבלאָנדזשעט איבערן הימל־געוועלב, און אַריינגענומען די אַוויאָנען אין אַ ליכט־נעץ. דאַן האָבן פון וואַסער אויפגעטויכט סובמאַרינען: מען האָט געזען ווי זייערע שפּיצן קריכן לאַנגזאַם אַרויס פון וואַסער און אויפגעטויכטע פייערלעך באַוועגן זיך איבער די כוואַליעס.

דאַן זיינען די מאַטראָסן אַראָפּ אַפן ברעג און געטאַנצט ביז נאָך אַ האַלבער נאַכט אין די קאַפע־הייזער פון דאָרף אונטער דעם קלאַנג פון „מיר די יונגען פון פלאָט” און די אַלטע, אָרטיקע פויערטעס זיינען געזעסן אַף די בענקלעך אַרום און האַלב־דרימלענדיק אַכטונג געגעבן אַף זייערע שוואַרץ־חנעוודיקע טעכטער, וואָס האָבן לייכט געשוועבט אין די אָרעמס פון די געזונטע חברה לייט. די טעכטער האָבן דאַן געמוזט גיין אַהיים און נאָר עטלעכע טוריסטקעס האָבן געקענט פאַרבלייבן מיט די קאַוואַלירן. פאַרטאָג איז אויסגעבראָכן אַ געשלעג.

די מאַנעווערס גופא האָבן ווייניק וואָס געשראָקן. אפילו דער נייט־

ראַליטעט־פּאַקט צווישן רוסלאַנד און דייטשלאַנד, וואָס איז באַקאַנט גע־וואָרן אין עטלעכע טעג אַרום, האָט ניט געמאַכט קיין גרויסן רושם אין דער ערשטער מינוט. דער דיפּלאָמאַטישער אָפּמאַך, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן ערגעץ זייער ווייט צווישן צוויי פרעמדע מלוכות, האָט אויסגעזען ווי אַן ענין, וואָס איז קנאַפּ וואָס נוגע דעם פּלאַזשע עולם. ערשט אַף אי־בערמאָרגן איז אויסגעבראָכן אַ פּאַניק. דער עולם האָט געפּאַקט אין איי־לעניש די וואַליזעס און באַשטעלט טעלעפאָניש באַן בילעטן.

זשאַקן האָט דער ענין ספּעציעל אינטערעסירט און ער האָט גלייך נאָך דער ערשטער ידיעה באַשלאָסן זיך אומצוקערן קיין פּאַריז. ווען ער איז אַף איבערמאָרגן געקומען צו דער באַן־סטאַציע פון לאַוואַנדו, איז שוין דאָרט אַפן פּעראָן געשטאַנען אַ געדיכטער עולם און דאַנעבן האָבן זיך געהויפט בערג מיט וואַליזעס. פון סטאַציע צו סטאַציע איז די שטיקעניש גרעסער געוואָרן. מען האָט געהערט אין אַלע ווינקלען ענגליש ריידן — די אויסלענדישע טוריסטן זיינען געפאָרן קיין האַוור, כדי צו נעמען די נאָנטסטע שיף אַהיים. אין צוג פון מאַרסעיל האָט ער שוין ניט געפונען קיין פּלאַץ צום זיצן. דער עולם האָט זיך צעלייגט אין די קאָרידאָרן און זיך געשטופּט קאָפּ אַף קאָפּ אַפילו אין די קלאָזעטן. אַלע האָבן גערעדט וועגן קריג.

אין פּאַריז האָט זשאַק אויפגעזוכט פּיערן. אָבער אויך פּיער איז דאַסמאָל געווען צעטומלט. ער האָט ניט געוואוסט, צי מען דאַרף זיך וואַרפן מיט התלהבות אין דער מלחמה קעגן די דייטשן: — אפשר וועט גאָר קיין קריג ניט זיין? — האָט ער גערעדט אומזיכער — אַף יעדן פאַל מוז מען אָפּוואַרטן!

באַנאַכט האָט זשאַק ניט געקענט איינשלאָפן: אין אַלע דירות אַרום האָבן די שכנים געהערט די לעצטע ידיעות פון ראַדיאָ. דורך די פענצטער האָבן זיך אַריינגעריסן די רעדעס פון מלוכה־לייט אין אַלע עקן וועלט. פּאַרטאָג האָבן שוין ווידער געגרילצט די אַפּאַראַטן און דערציילט די לעצ־טע נייעס. אַראָפּגייענדיק פון די טרעפּ, האָט אים די פּאָרטיערין פאַר־האַלטן:

— וואָס מיינט איר, זשאַק, זיי וועלן טאַקע מאַכן אַ מלחמה?

אין גאַס זיינען די מענטשן אַרומגעגאַנגען ערנסט און זיך אָנגע־קוקט ווי איעדער פון זיי וואָלט געהאַט אין דערהיים אַ מסוכן קראַנקן קינד און וואָלט אָפּגעוואַרט די מיינונג פון דאָקטער, וואָס איז געקומען אַף אַ וויזיט. באַלד האָבן זיך אַף די ווענט און מויערן באַוויזן די באַקאַנטע

פלאַקאַטן: צוויי פראַנצויזישע פאָנען מיט דער מעלדונג וועגן אַלגעמיינער מאָביליזאַציע.

ס'האָט אויסגעזען ווי אַלע מענטשן וואָלטן דאָ איינגעהאַלטן דעם אָטעם אין אַ פאַרשפּיצטער אָפּוואַרטונג. אויפגעאָטעמט האָט מען ווידער אין יענעם פרימאָרגן, ווען ס'איז אָנגעקומען די ידיעה וועגן דער באָמ־באַרדירונג פון וואַרשע און דעם מאַרש פון די דייטשע חילות אַף פּוילן. ס'איז געווען אַ דערלייכטערונג פון רעזיגנאַציע ווי בּאַ איינעם, וואָס האָט וואָכן־לאַנג געוואַכט מיט געשפּאַנטע נערוון, לעבן אַ בעט פון אַ גוססן און דער קראַנקער איז סוף כל סוף געשטאָרבן...

זשאַק האָט זיך געזעגנט מיט די עלטערן און איז אַוועק אין קאַ־זאַרמע. די גאַסן זיינען פול געווען מיט יונגע לייט, וואָס זיינען געגאַנגען גרופּקעסווייז פון אַלע עקן און ווינקלען, מיט פּעקלעך און קליינע קאָפער־לעך אין די הענט. קיינער האָט ניט געוואָרפן קיין בלומען און קיינער האָט ניט געשריען „הורא!”. דאָ און דאָרטן האָט מען געזען ווי אַ יונג מיידל האָט זיך געזעגנט אַף אַ ראָג־גאַס מיט אַ רעקרוט און, אומקערנדיק זיך אַהיים, איז זי נאָך אַ ווײַלע שטיין געבליבן און געווינקט פון וויטן מיט דער האַנט. די בליקן זיינען ביסלעכווייז עקשנותדיקער געוואָרן און אין די קאַפע־הייזער, וואו מען האָט געטרונקען צום אָפּשיד, האָט מען אָפט געהערט ריידן:

— מיר האָבן ניט געוואָלט קיין מלחמה, אָבער וויבאַלד זיי צווינגען אונדז, וועלן מיר זיך שלאָגן!

פערטער קאַפּיטל

אין אַ וואָך אַרום האָט זשאַק געטראָפֿן זיין חבר אין דער קאַזאַרמע פון אַ קליינעם שטעטל אין צפון פראַנקרייך. זיי זיינען אַריינגעפאַלן אין זעלבן רעגימענט. פּיער האָט אים געדריקט די האַנט:

— נו, איז פירן זיי אונדז שוין ווידער צו דער שחיטה!

און דערנאָך האָט ער דערקלערט, אַז דער קריג איז אַן אימפּעריאַ־ליסטישער, וואָס גייט גאָר ניט אָן דעם אַרבעטער־קלאַס. ס'איז אַ קריג צווישן די בורזשואַזיעס וועגן דער פאַרטיילונג פון דער וועלט — האָט ער געזאָגט — און אויסערדעם וויל כּלל ניט די פראַנצויזישע בורזשואַזיע אומוואַרפן היטלערן. די דיפּלאָמאַטן פירן אַ הינטערקוליסן פּאָליטיק. דאָס פאָלק דאַרף פאַרלאַנגען אַ באַלדיקן שלום!

ס'איז אָנגעקומען דער ווינטער, וואָס די פראַנצויזן האָבן אַ נאָמען געגעבן „משוגעדיקער קריג". פּויל איז שוין פון לאַנג געווען באַזעצט. אויפן מערב זיינען פון ביידע זייטן די אַרמייען געלעגן הינטער די באַפעס־טיקונג־ליניעס און אָפּגעוואַרט. קיין שלאַכטן זיינען ניט פאָרגעקומען און די קריגס־קאָרעספּאָנדענטן האָבן זיך געמוזט באַנוגענען מיט קליינע צו־זאַמענשטויסן. פּיער האָט כסדר געטענהט: — דו זעסט? זיי שלאָגן זיך כּלל ניט! ס'איז אַן אָנשטעל אַזאַ, אַ ספּעקטאַקל, כּדי אָפּצונאַרן די מאַסן. דער זעלבער „מינכען", נאָר אַנדערש געשלייערט!

זיין נייטראַליטעט איז לאַנגזאַם אַריבער אין אַ פאַרבאָרגענער, אומ־באַוואוסטער פיינטשאַפט. ווען עס זיינען אָנגעקומען די ידיעות וועגן דער באַלדיקער ים־שלאַכט מיטן „גראַף שפּעי", בײַ מאָנטעווידעאָ, און דאָס גאַנצע לאַנד האָט געפיבערט מיט דער פאָרשטייענדיקער שלאַכט, האָט ער אָנגעוויזן זשאַקן אויף די בילדער פון די שיפן, וואָס האָבן פאַרנומען גאַנצע זייטן אין די צייטונגען: — מיר איז אַלצאיינס, ווער וועמען עס וועט דאָרט דערטרינקען. דאָס זיינען אַלע איין באַנדע!

די ראָלן האָבן זיך ווידער געביטן. אצינד האָט פּיער גענומען צו הילף די שטענדיקע אַרגומענטן פון פּאַציפיזם: ער האָט אויסגעלאַכט די אַרטיקלען וועגן העראָאיזם און פּאַטריאָטיזם, און האָט חוזק געמאַכט פון די צייטונגען, וואָס האָבן געבראַכט דאָס בילד פון הויפּט־גענעראַל גאַמלען אַלס פינף־יאָריקן קינד, אָנגעטאָן מיליטעריש, מיט אַ סאָלדאַטן־פּייקל איבער די אַקסלען.

אַזוי ווי קיין שלאַכטן זיינען ניט פאָרגעקומען, איז ער אָפט געפאָרן אויף אורלויב צו זיין פרוי אהיים. ער איז יעדעס מאָל צוריקגעקומען מיט אַ סך נייעסן און ער האָט פאַרטרויט די נאָענטע חברים:

— די אַרבעט אין די קריגס־פאַבריקן ווערט סאַבאָטירט. די גרויס־בורזשואַזיע וויל ניט, מען זאָל פּראָדוצירן געווער אויף באַקעמפן היטלערן.

ער האָט געהאַט גענויע ידיעות וועגן דער מלחמה־פּראָדוקציע. אין פּאַריז האָט ער זיך געטראָפן מיט מעטאַל־אַרבעטער און אפילו מיט קלע־נערע, לינקע אינזשעניערן. זיי האָבן איבערגעגעבן, אַז אין דער אַוויאַציע־פאַבריק פון אַרזשענטוי צייכנט מען זינט אָנהויב ווינטער עפּעס אַ פּלאַן פון אַ גיגאַנטישן טראַנסאַטלאַנטיק־הידראָאַוויאָן אָנשטאָט אויסצואַרבעטן באָמבאַרדירער; אַז דאָרט וואו די צייכענונגען זיינען פאַרטיק און מען קען צוטרעטן צו פאַבריצירן סעריעס, ווערט אויך די אַרבעט ניט אויס־געפירט; אַז אומעטום ווערט אַ סך גערעדט און זייער ווייניק געטאָן.

— זיי ווילן ניט היטלערס מפּלה! — האָט ער תמיד פאַרענדיקט זיינע אינפאָרמאַציעס.

ער גופא האָט זיך געהאַלטן באַם זייניקן און האָט ווי פריער איבערצייגט זשאַקן:

— ס'איז אַן אימפּעריאַליסטישער קריג און ס'איז אונדז אַלצאיינס, ווער עס וועט דאָ אַרויסגיין דער זיגער!

זשאַק, וואָס האָט אין די לעצטע יאָרן ניט נאָכגעפאָלגט גענוי די וואַנדלונגען פון דער אַרטיקער פּאָליטיק, האָט זיך ניט פאַנאַנדערגעקליבן אין פּלאָנטער. אָבער טיילמאָל פלעגט ער אַ קלער טאָן:

— מיין גאָט, די „רעכטע" ווילן ניט קיין ניצחון איבער היטלערן. פאַר די „לינקע" איז אַלצאיינס, ווער עס וועט זיגן — איז ווער וועט זיך גיין שלאָגן, אַז די שעה וועט קומען? דער פּשוטער עולם האָט שוין דאָ פון לאַנג אַן איינגעוואָרצלטן חשד אויף יעדן איינעם, וואָס רופט אין קריג!...

זינט אָנהויב מלחמה האָט ער אויפגעוואַכט פון זיין אַפּאַטיע און

אָפּהענטיקייט. די קריגס־דערקלערונג, די מאָביליזאַציע און די ידיעות פֿון פּוילן האָבן אים ווי אָפּגעגאָסן מיט אַ קאַלטן וואַסער. ער איז איצט עַ־שטאַנען פּנים אל פּנים קעגנאיבער אַ ניכטערער ווירקלעכקייט. אויך זיין בענקשאַפט נאָך זשערמענען איז קאָנקרעטער און קלאָרער געוואָרן און פאַרלאָרן איר פאַרנעפּלטע, העמונגספולע קאָמפּליצירטקייט. דאָ, אין דער קאַזאַרמע, האָבן די מענטשן געשלאָפן הונדערטערווייז אין איין זאַל און זיי זיינען דערשינען אין אַ קערפּערלעכער און גייסטיקער נאַקעטקייט. דאָ האָט מען גערעדט וועגן ווייבער אין אַ גשמיותדיקער, פּולבלוטיקער שפּראַך און איעדער האָט דערציילט זיינע אַמאָליקע ליבעס פון ציווילן לעבן אָדער די פאַרגעניגנס, וואָס ער האָט גענאָסן, אַראָפּכאַפּנדיק זיך צו מיידלעך אין אַ נאָענטן שטעטל.

איינמאָל האָט ער צוגעשריבן אַף פּיערס אַ בריוו עטלעכע ווערטער צו זשערמענען. אין עטלעכע טעג אַרום האָט אים יענער אַ רוף געטאָן גלייך נאָך דער פאַרטיילונג פון דער פּאָסט:

— אַ גרוס פאַר דיר!

— פון וועמען?

— פון מיין קליינער זשערמען. גיב אַ קוק, זי איז זייער צופרידן פון דיינע פאַר ווערטער!

ער האָט אים אויסגעשטרעקט דעם בריוו. זשאַק האָט געלייענט. עס זיינען געווען די זעלבע אותיות, וואָס האָבן אים געבראַכט אַזויפיל פרייד אין שפּאַניע. עס האָט אים אַ שווינדל געטאָן אין קאָפּ, ווי נאָך אַ שטאַרקן שנאַפּס. פּיער האָט אַרויסגעצויגן אַ פּעקל פּאַפּיראָסן פון קעשענע:

— בלאָנדע פּאַפּיראָסן האָט זי מיר געשיקט! ס'אַ נאַרישקייט, דאָ באַקומען מיר שוואַרצע פאַר אַ דריטל פּרייז! די ווייבער ווערן משוגע. דאָס קומט פון די פּאַטריאָטישע אַרטיקלען אין די צייטונגען. די אַלטע, וואוילטעטיקע דאַמען שטריקן שוין ווידער גאַנצע אָוונטן פּולאָווערס פאַר די העראָאישע קעמפער!...

זשאַק האָט גענומען דאָס שאַכטל, וואָס פּיער האָט אים אויסגע־שטרעקט: „אַמיר”? — האָט ער אַ טראַכט געטאָן — זי געדענקט נאָך די מאַרקע, וואָס מיר האָבן גערויכערט, בעת די צוזאַמענטרעפן בא דער „נאַסיאָן”... ער האָט פאַרויכערט און פאַרצויגן דעם רויך:

— דער ריח דערמאָנט מיר מיינע יונגע יאָרן אין פּאַריז!

— פאַרוואָס פאָרסטו ניט אַף אורלויב? יעדער פּאַריזער פילט זיך אין דער פרעמד, ווי אַ פיש אויסערן וואַסער.

— איך וועל נאָך, אפּריער מוזן דאָך פאָרן די באַוווייבטע.

— אַלע קענען פאָרן — האָט געטענהט פּיער — מען שלאָגט זיך סיי ווי ניט. מען האַלט אונדז דאָ ווי אַ ריזיקע דעקאָראַציע פאַר אַ מלחמה אָפּערע. איך וועל כאַפּן אַ שמועס מיטן סערזשאַנט און אין ביורא האָב איך אויך אַ גוטן ברודער.

סוף וואָך האָט מען געמאָלדן זשאַקן, אַז ער זאָל זיך צוגרייטן צום פאָרן אין עטלעכע טעג אַרום אַף אורלויב. פּיער האָט זיך שטאַרק געפרייט:

— אַה, וועסט אַ הוליע טאָן עטלעכע טעג! ווייסט, אין פּאַריז אָטעמט אַ מענטש גאָר אַנדערש ווי אין דער גאַנצער וועלט! באַנאַכט איז די שטאָט אויסגעלאָשן און פאַרטונקלט, אָבער הינטער די פאָרהאַנגען אַין לאָדנס גייט דאָס לעבן ווייטער. פּאַריז זעט אויס אַצינד ווי אַ שיינע פרוי אין אַ דורכזיכטיקן, טונקעלן שלייער, וואָס פאַרשטאַרקט נאָך איר רייץ.

דאַן האָט ער אים געגעבן עטלעכע אַדרעסן פון פּאָליטישע חברים און אים אָנגעזאָגט, ער זאָל למען השם אַריינגיין צו זיי:

— דאָ זיינען מיר אָפּגעריסן פון דער וועלט! אפשר גרייט מען דאָרט צו די רעוואָלוציע און מיר וועלן זי פאַרשלאָפן...

ביז שפּעט זיינען זיי געזעסן אין אַ קליינעם קאַפע פון דאָרף און פּיער האָט אים איבערגעגעבן פאַרשידענע ענינים צו דערליידיקן. צום סוף האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער קען מיטגעבן אַ בריוו צו זשערמענען:

— זי זיצט אַליין אין שטוב. אַ סאָלדאַטס אַ ווייב מוז זיך היטן פאַר בייזע צינגער. און ס'איז ניט גוט, זי זאָל פאַרלאַנגווייליקט ווערן. וועסט זי אַ ביסל אַרויספירן: אין קינאָ, אין אַ קאַפע־הויז, אין קאַבאַרעט אפשר. פאַר דיר האָב איך ניט קיין מורא.

— אַ קשיא אַף אַ מעשה?! — האָט זשאַק באַשטעלט נאָך אַ קאָניאַק.

— אודאי, זי איז אַ יונגע ציג און לעבט שוין כמעט אַ האַלב יאָר אָן אַ מאַן. טאָמער בין איך געווען עטלעכע מאָל אַף אורלויב, איז עס דאָך גאָרנישט מיט נישט. אָבער דו ביסט אַ גוטער חבר און איך האָב פאַר דיר ניט קיין מורא.

זשאַק האָט לאַנג ניט געקענט איינשלאָפן. צו וואָס מוז אים פּיער מיטגעבן אַ בריוו? ער האָט שוין פון לאַנג געקענט באַקומען אַן אורלויב אין שטאָט און האָט עס אָפּגעלייגט פון טאָג צו טאָג, ווייל ער האָט מורא געהאַט, אַז גלייך פון וואָקזאַל וועט ער גיין צו זשערמענען. איצט איז זי

דאָרט אַליין! — פירן זי אין קינאָ, אין אַ קאַבאַרעט? — און נאָכדעם וועט ער זי באַגלייטן אַהיים דורך די פינצטערע גאַסן און זיי וועלן שטיין בלייבן בײַ איר טויער און ניט קענען זיך שיידן. און אויבן וועט וואַרטן דאָס ליידיקע צימער. זי געדענקט נאָך אַלץ, אַפילו די פּאַפּיראָסן, וואָס זיי האָבן צוזאַמען גערויכערט!

שפּעט נאָך אַ האַלבער נאַכט האָט ער פאַרויכערט אַ בלאָנדן פּאַ־פּיראָס, פון די וואָס זשערמען האָט צוגעשיקט, האָט זיך עטוואָס אויפ־געזעצט און זיך אַרומגעקוקט. אויף אַ בעטל, דאַנעבן, האָט פּיער רואיק גע־שלאָפן. ער האָט אים אַ ווײַלע באַטראַכט, דאַן האָט ער אָפּגעווענדעט די אויגן און געוואָרפן אַ בליק איבערן באַראַק. אויף צענדליקער שטרוי־זעק האָבן זיך געווייסט האַלב־אָפּגעדעקטע קערפּערס פון שלאָפנדיקע סאָלדאַטן. אין צימער איז געווען דושנע. מידע פון די שווערע איבונגען, די בייכער אָנגעפילט מיט די פעטע מאכלים פון קעסל, האָט דער עולם געשנאָרכט: אייניקע האָבן געכראָפּעט אַרויסלאָזנדיק דיקע גערויש, ווי די באַסן, די אַנדערע — דין, אונטערפּייפנדיק מיט דער נאָז. די קולות האָבן זיך צו־זאַמענגעמישט אין דער שווערער לופט פון צימער און זיך געהערט ווי אַ סאָפּען פון אַ שווערער מאַשין. ,

ער האָט אויסגעלאָשן דעם פּאַפּיראָס און זיך אַראָפּגעלאָזן אויפן שטרוי־זאַק. פאַר די אויגן איז אים ווידער געשטאַנען דאָס מיידל. איר בילד איז לאַנגזאַם צעשוואומען געוואָרן.

אין עטלעכע שעה אַרום האָט מען זיי אויפגעוועקט און געהייסן זיך גרייטן אין וועג. די דײַטשן האָבן זיך אַריינגעריסן אין בעלגיע און באַמ־באַרדירט די האָלענדישע שטעט. אַלע אורלויבן זײַנען אָפּגעשטעלט גע־וואָרן.

קיין פּאַריז איז זשאַק געקומען אין אַ חודש אַרום און ניט אויף אור־לויב, נאָר ווי איינער פון די מיליאָנען אַנטלויפנדיקע פראַנצויזישע סאָל־דאַטן, וואָס האָבן זיך צוריקגעצויגן פון צפון, איבערלאָזנדיק הונדערטער טויזנטער געפאַנגענע אין די הענט פון די דײַטשן. ס'איז געווען אַ חודש פון כסדרדיקע ריקצוגן. זשאַק האָט זיך דערמאָנט אָן שפּאַניע. אויך דאָרט איז מען געגאַנגען אויף צוריק, עס האָט אָבער געדויערט צוויי מיט אַ האַלבן יאָר און יעדער מעטער ערד איז פאַרטיידיקט געוואָרן.

שוין ציענדיק צום פראָנט, צו דער בעלגישער גרענעץ, האָבן זיי אָנ־געטראָפן מחנות אַנטלויפנדיקע. די ידיעות האָבן אָנגעוואָרפן אַ פּחד: די

אוויאַנען פאַרוואַנדלען די שלאַכט־פעלדער אין אַ גיהנום, מענטשלעכע נערוון קענען ניט אויסהאַלטן דעם געיאָמער פון די סירענען, וואָס ווערן אַראָפּגעלאָזן מיט די באָמבעס, די מאַנקען פון שונא און מחנות פאַראַשו־טיסטן דערשיינען אין הינטערלאַנד, צעשטערן די פאַרבינדונגען, איבער־פאַלן די רעזערוון און איעדער, וואָס שטעלט אַ ווידערשטאַנד, פאַלט אַריין אין געפאַנגענשאַפט.

וואָס אַ טאָג האָבן זיך מער פאַרשפרייט די ידיעות וועגן דער פינפ־טער קאָלומנע. באַלד האָט מען גערעדט וועגן געהיימע וואָפן — שטראַלן פון טויט און ענלעכע — און עדי ראיה האָבן באַהויפּטעט, אַז די דייטשן באַנוצן אַפילו ניט קיין בענזין: זיי גיסן אַריין פּשוטן וואַסער אין די מאַ־שינען און דאָס וואַסער באַוועגט די מאָטאָרן.

זשאַקס רעגימענט האָט עטלעכע מאָל פאַרנומען פּאָזיציעס אין בערג אָדער באַ אַ טייך און זיך געשלאָגן צוויי דריי מעת־לעת. דאַן האָט מען זיך דערוואוסט, אַז די דייטשן זיינען שוין פון הינטן און עס איז אַרויס־געגעבן געוואָרן דער באַפעל:

— זיך צוריקציען אַף נייע פּאָזיציעס!

פון אַלע רעגימענטן האָט מען דערציילט דאָס זעלבע און ס'איז שווער געווען צו דערגיין, וואו די דייטשן האָבן אייגנטלעך דורכגעבראָכן, כדי צו דערשיינען פון הינטן. דער מוט איז געפאַלן. פון אַלע זייטן האָט מען געהערט די זעלבע טענות:

— זייערע טאַנקען גייען פאַראויס און מיר מוזן קעמפן מיט די ביקסן! — פאַרוואָס מאַרשירן אונדזערע טאַנקען ניט אין זייער הינטער־לאַנד? — וואו זיינען אונדזערע אוויאָנען? — וואו זיינען די ענגלענדער? מען האָט דערציילט וועגן הונדערטער שפּאָגל־נייע פראַנצויזישע אוויאָ־נען, וואָס זיינען געשטאַנען אין די האַנגאַרן הינטער דער ליניע און זיינען קיין איין מאָל ניט אַרויסגעפלויגן אין שלאַכט, ביז דער פיינט האָט זיי פאַרנומען. די קאַנאָנען האָבן געשאָסן אַף דרייסיק קילאָמעטער, אינדער־צייט ווען די דייטשן זיינען שוין געשטאַנען אונטער דער נאָז. די שטי־מונג, אַז די מלחמה איז פאַרלוירן, האָט זיך אויסגעשפּרייט ווי אַ פייער. עס האָט געהייסן: זאָל זיך ראַטעווען, ווער עס קען!...

אַ זעכציק קילאָמעטער פון פּאַריז איז אַ קליינע אָפּטיילונג פון רעגימענט איבערגעלאָזן געוואָרן באַ אַ בריק, וואָס האָט געפירט איבער אַ קאַנאַל. די אָפיצירן האָבן אָנגעזאָגט, אַז ווען די דייטשן וועלן זיין גאָר נאָענט, זאָל מען אויפרייסן די בריק מיט דינאַמיט. זיי גופא האָבן זיך

אריינגעזעצט אין די קליינע, געשווינדע אויטאָס און זייַנען פאַרשוואונדן אַפן וועג קיין פּאַריז. די סאָלדאַטן האָבן זיך געלאָזן נאָך זיי, ווער אַף קאַמיאָנען און ווער צופוס.

די איבערגעבליבענע האָבן אַ גאַנצן טאָג געוואַרט. פון דער אַנדער זייט קאַנאַל האָט זיך געצויגן אַן אומאויפהערלעכער שטראָם פון סאָלדאַטן, פּלימים, קאַנאָנען, אויטאָ־מיטראַיעזן און פויערים און פערד־וואָגנס. צו־מאָרגנס פאַרטאָג האָבן זיי אויפגעריסן די בריק און זיך געלאָזן לויפן. דער הויפּט־שאָסיי איז כסדר באָמבאַרדירט געוואָרן פון דער לופט און זיי זייַנען אַראָפּ אַף זייטיקע וועגן, און זיך געשלעפּט דורך תבואה־פעלדער, דערפלעך און וואַלד־געגנטן. פּיער האָט געהאַט אַ קראַנקע פוס און איז געבליבן הינטערשטעליק. זשאַק האָט זיך געשלעפּט לעבן אים. זיי האָבן געשוויצט אונטער דער משא פון זייערע ביקסן און דיקע מאַנטלען. בײַ־נאַכט האָבן זיי זיך געלייגט אָפּרוען אַפן גראָז פון אַ וואַלד. אין דער ווייַט האָבן געדונערט קאַנאָנען, מען האָט געהערט דאָס כאָרכלען פון טאַנקען, וואָס האָט זיך כסדר דערנענטערט. זשאַק איז געוואָרן אומגעדולדיק. פּלוצ־לינג האָט פּיער געזאָגט:

— גיי, איך וועל בלייבן.

— זיי זייַנען שוין אָבער גאָר נאָענט.

— כאַפּט עס דער טייוול! וואָס קען זיין? — זיי וועלן מיך נעמען געפאַנגען. איך האָב מער ניט קיין כוח! און די מלחמה איז סיי ווי פאַר־שפּילט.

— און דערנאָך?

— דערנאָך וועט קומען די רעוואָלוציע. דאַן וועט מען זיך אַנדערש שלאָגן!

זשאַק האָט זיך אויפגעהויבן, פאַרלייגט די ביקס אַף דער פּלייצע און אויסגעשטרעקט די האַנט.

— אפשר בלייבסטו מיט מיר? צו וואָס זאָלסטו לויפן?

זשאַק איז אַ ווײַלע שטיין געבליבן, האָט פאַרוויכערט אַ פּאַפּיראָס און באַהאַלטן דעם פונקענדיקן שפּיץ אין דער פויסט:

— און מיך וועלן זיי ביז דעמאָלט דערשיסן! איך בין דאָך אַ ייִד!

פּיער האָט אים נאָכגעשריען, ער זאָל ניט פאַרגעסן ארויפגיין צו זישערמענען און זי גריסן.

פינפטער קאַפּיטל

אין די פּאַריזער פּאַרשטעט האָט מען געגראָבן טראַנשייען. דורך אַלע גאַסן האָבן געשטראָמט מידע סאָלדאַטן מיט פּאַריאָושטע פּנימער. אין אַלע עקן האָבן זיך געשלאָגן געשעפטן און מענטשן מיט קלימקעס און וואַליזעס האָבן זיך געאײַלט צו די באַנען. אין דער מיליטערישער שטאָט־קאָמאַנדע האָט מען זשאַקן ניט געגעבן קיין קלאָרע אָנווײַזונגען, וואָס ער זאָל טאָן. ער איז געפאָרן צו זשערמענען און נאָכדעם ווי ער האָט זיך אַרומגעדרייט אַ לאַנגע ווײַלע אַרום הויז, איז ער אַרויפגעשטיגן צו איר צימער. די טיר איז געווען געשלאָסן. אַראָפּגייענדיק האָט אים די פּאָרטיערין געזאָגט, אַז זשערמען האָט שוין נעכטן פאַרלאָזן די שטאָט.

ער איז געפאָרן צו די עלטערן. אין די מייסטן פענצטער פון הויז זײַנען די לאָדנס געווען געשלאָסן. די פּאָרטיערין איז אַרויסגעלאָפן:

— מיין גאָט — האָט זי געזאָגט — וואָס פון פראַנקרייך איז געוואָרן!

זי האָט אים דערציילט, אַז מיט דריי טעג צוריק זײַנען די עלטערן מיט דער שוועסטער אָפּגעפאָרן אין די ברעטאַן. דערנאָך האָט זי אים געגעבן דעם שליסל צו דער דירה.

אַ מידער און פאַרצווייפלטער האָט ער, ניט אויסטועדיק די מלבושים, זיך אַ וואָרף געטאָן אַף אַ בעט און איז אײַנגעשלאָפן. נאָך אַ האַלבער נאַכט האָט ער אָנגעשטעלט די ראַדיאָ. די מיליטערישע מאַכט האָט געמאָלדן, אַז פּאַריז איז דערקלערט אַלס אַן אָפענע שטאָט און וועט זיך ניט פאַרטיידיקן. אַלע מענער, צווישן זיבעצן און פופציק יאָר, ווערן אויפגעפאָדערט צו פאַרלאָזן די שטאָט און גיין צו פוס אין דער פּראָווינץ, וואו די פאַרטיידיקונג וועט אָרגאַניזירט ווערן.

צומאַרגנס איז ער אַראָפּ אין גאַס. די שטאָט איז געלעגן איינגעהילט אין אַ שוואַרצן נעפּל און מען האָט קוים געזען די שפּיצן פון די נאָנטע געביידעס. דער וואָלקן פון סאַזשע איז געווען אַזוי געדיכט, אַז אַלע פּאַ־ריזער האָבן געהאַט דיקע שוואַרצע פלעקן אויף די פּנימער. אַ רויטע זון איז געשטאַנען הויך אין הימל. מענטשן זיינען אַרומגעלאָפן צערודערטע, ווי מען וואָלט געשטאַנען ערב דעם לעצטן יום־הדין. תחילת האָט מען גע־זאָגט, אַז דאָס האָט מען איינגעהילט די שטאָט אין אַ קינסטלעכן וואָלקן, כדי זי צו שיצן קעגן פיינטלעכע אַוויאָנען. אָבער באַלד האָט מען זיך דערוואוסט, אַז דער שוואַרצער, געדיכטער רויך טראָגט זיך און קומט פון די ברענענדיקע נאַפט־רעזערוואוואַרן פון רואַן. די אָפּטרעטנדיקע אַר־מיי האָט זיי אָנגעצונדן און זיי פלאַקערן שוין זינט אַ מעת־לעת.

די באַוועגונג אין גאַס איז שיטערער געוואָרן. דאָ און דאָרט איז דורכגעלאָפן אַ פאַרשפּעטיקטער אויטאָ מיט מאַטראַצן און בעטגעוואַנט אויפן דאַך. נאָר אַרום אויסטערליץ־וואָקזאַל האָט געהערשט אַ שטאַרקע באַוועגונג: אַ גרויסער עולם איז דאָרט געלעגן זינט עטלעכע מעת־לעת, אויסגעצויגן אויף קלומקעס און פעק אינמיטן די גאַסן, כדי צו פאַרכאַפּן אַ פּלאַץ אין אַ צוג. אָבער די באַנען זיינען מער ניט געגאַנגען און די מאַסע האָט זיך געלאָזן צופוס צום „פּאָרט ד׳אָרלעאַן", פון וואַנען דער שאָסיי האָט געפירט צום דרום.

ער איז געגאַנגען אַהיים, נעמען זיין מאַנטל. די רייכע קוואַרטאַלן זיינען געלעגן ווי אויסגעשטאָרבן. די איינוואוינער זיינען שוין לאַנג אַוועק קיין באָרדאָ אָדער ביאַריץ. מען האָט ניט אָנגעזען קיין לעבעדיקן נפש אין גאַס. איבער די אונטערערדישע לופט־שוץ טונעלן, וואָס מען האָט דאָ אָנהויב מלחמה געגראָבן, האָט לוסטיק געגרינט אַ געדיכטער גראָז.

אין שטוב האָט ער גענומען זיין שינעל און איז אַריין אין זיין צי־מער. זיין בליק איז געפאַלן אויף די פּאָליצעס ביכער פון זיין ביבליאָטעק. וועט ער זיי נאָך אַמאָל זען? די נאַצים וועלן זיי אַלע פאַרברענען! די פילאָזאָפן און די ראָמאַניסטן, און די דענקער. עס וועט קיין זכר ניט בלייבן פון די אַלע געדאַנקען!

ווער איז שולדיק? — אפשר זיינען אויך די־אָ ביכער שולדיק? זיי האָבן ניט געלערנט, אַז דער מענטש איז געבאָרן געוואָרן צום שטאַרבן ווי אַ העלד אויף די שלאַכט־פעלדער. זיי האָבן ניט אַריינגעשפּריצט אין די אָדערן דעם אָפּיום פון מאַסן־פּסיכאָז און ניט פאַרטושט די מוחות מיט אַ באַרבאַרישער מיסטיק. זיי האָבן געלערנט צו זיין קריטיש. זיי האָבן

געלערנט זיך צו באַציִען סקעפּטיש צו יעדן גלויבן און אַבערגלויבן. זיי האָבן געלערנט צו דענקען אומבאַגרענעצט פריי, אפילו ווען די דאָזיקע פרייהייט שוואַכט אָפּ די פעאיקייט צו פאַרטיידיקן די פרייהייט. אין דער מלחמה איז אפשר נויטיק אַ גרויסע דאָזע פון מיסטיק און בלינדן גלויבן?...

מיטן אונטערגרונט־באַן איז ער געפאָרן ביז פּאָרט־ד׳אָרלעאַן און פון דאָרט זיך געלאָזן צופוס. אפשר וועט מען אויפשטעלן אַ נייע ליניע אויף דער לואַר! — האָט ער געקלערט. תחילת איז ער געגאַנגען שנעל, דער עולם אויפן שאָסיי איז געווען אַ שיטערער. אָבער באַלד איז די מאַסע געדיכטער געוואָרן און ער האָט געמוזט שפּרייזן טריט בײַ טריט.

באַלד האָבן זיך צוזאַמענגעקנוילט אין איין שטראָם פוסגייער און כלערליי טראַנספּאָרט־מיטלען. מען האָט געזען די נייעסטע רענאָ־אויטאָמאָבילן, וואָס האָבן זיך געשלעפּט לעבן פאַרזשאַווערטע קינדער־וועגעלעך, וועלכע מען האָט אַראָפּגעשלעפּט פון בוידעמס. פּאַרקויפער פון גרינסן אויף די גאַסן האָבן איצט געשטופּט זייערע צוויי־רעדער פּלאַטפאָרמעס, אויף וועלכע זיי האָבן אָנגעלאָדן זייערע בעבעכעס. אַ גרויער זקן האָט געשפּאַנט לאַנגזאַם און געטראָגן אין זיינע אָרעמס דריי פלעשער שאַמפּאַניער. פויערטעס האָבן געטראָגן פאַר די פיס צוזאַמענגעבונדענע קוואָקענדיקע הינער. יונגע חברה אויף ראָווערן זיינען אָנגעפאָרן פון הינטן מיט אימפּעט, און אַריינגעריסנדיק זיך אין דער געדיכטער מאַסע, האָבן זיי געמוזט אַראָפּשטייגן און גיין צופוס. נעגער האָבן קונציק געהאַלטן גרויסע וואַליזעס אויף די קעפּ אָדער זיי פאַרהאַנגען אויף שטאַנגען איבער די פּלייצעס. מוטערס זיינען שטיין געבליבן אינדערמיט און געקאָרמעט די קינדערלעך, וואָס זיי האָבן לאַנגזאַם געשטופּט אין די וועגעלעך.

פון הינטן זיינען אָנגעלאָפן אַרמיי־אָפּטיילונגען. סאָלדאַטן זיינען אַרומגעהאַנגען ווי פליגן אויף גרויסע מיליטערישע קאַמיאָנען. אויטאָ־מיטראַיעזן האָבן זיך געיאָגט מיט געקליפּער און גערויש. הינטער זיי האָבן זיך מיושבדיק געקייקלט ריזיקע קאַנאָנען, געשלעפּט דורך מאָטאָרן, און געהאַלטן זייערע מיילער געעפנט צום הימל. אין דאָזיקן רומל האָט זיך אַריינגעדרייט אַ פערד־וואָגן פון אַ פּויער, אויף וועלכן צוויי געבונדענע חזירימלעך האָבן געקוויטשעט מיט קולי־קולות. אפילו אויף שיפן איז מען דאָ, איבערן שוואַרצן שאָסיי, געפאָרן: די אייזערנע לאָדקעס, וואָס זיינען צוגעגרייט געוואָרן אויף אויפצובויען פּאָנטאָן־בריקן, זיינען איצט ברייטלעך געלעגן אויף פּלאַטפאָרמעס פון קאַמיאָנען און געווען איבערפולט מיט כל המינים פּאַסאַזשירן.

פון אַלע זייטיקע וועגן און שטעגן זיינען צוגעקומען מענטשן. די מאַסע איז אָנגעשוואָלן ווי אַ וואַסער־שטראָם בעתן שמעלצן פון שניי. מען האָט ניט געזען קיין אָנהייב און קיין סוף. די זון האָט געברענט. דער שווייס איז געראָנען איבער פּנימער און לייבער. אין די דערפער האָבן די איינוואוינער ארויסגעשטעלט קאַלטן וואַסער פאַר די טירן און האָבן טרויעריק געשאָקלט מיט די קעפּ. אין אַ שעה אַרום האָבן זיי גענומען קינד און קייט און זיך אַליין אָנגעשלאָסן אָן לויפנדיקן צוג.

באַלד האָט מען גאָרנישט באַקומען צום עסן. די פאַרגענגער האָבן ארומגעגריזשעט די גענגט, ווי אַ היישעריק, וואָס באַפאַלט אַ גרינעם פעלד. דער צוג אין שוין געגאַנגען טעג־גאַנצע און ווען זשאַק איז ארויס פון פּאַריז, האָט זיין שפּיץ שוין דערגרייכט די ברעגן פון מיטלענדישן ים.

עס האָבן געשפּאַנט קינד און קייט: די אינטערנאַציאָנאַלע באָהעמיע פון מאָנפּאַרנאַס און פּוילישע קוילנגרעבער פון צפון־פראַנקרייך, שפּאַנישע פּליטים, וואָס האָבן דאָ ניט לאַנג מיטגעמאַכט דעם ריקצוג פון קאַטאַלאָניע און מנישקעס אין שוואַרצע קליידער, וואָס האָבן ביז איצט ניט ארויסגעשטעקט די נאָז אויסער די מויערן פון קלויסטער; אַמבולאַנסן האָבן עוואַקואירט די קראַנקע פון די שפּיטאָלן; משפחות האָבן מיטגעפירט זייערע פּאַראַליזירטע קרובים. מען איז געלאָפן ווי פאַר אַ מבול אָדער פאַר אַן אָנקומענדיקער פּעסט, וואָס איז אומברחמנותדיק און בלינד, וואָס קען ניט אונטערשיידן צווישן אַלט און יונג, צווישן מאַן און פרוי.

זשאַק האָט געוואָלט קומען וואָס גיכער קיין אָרלעאַן. ער האָט געהאָפט, אַז דאָרט, אַף דעם טייך לואַר, וואָס שניידט דורך דאָס לאַנד פון מזרח צו מערב, וועלן זיך פאַרזאַמלען די אַנטלאָפענע אַרמייען און אויפשטעלן אַ נייעם פראָנט. עטלעכע מאָל האָט ער ארויפגעקלעטערט אַף מיליטערישע קאַמיאָנען און געפאָרן אַ שטיקל. אָבער די אויטאָס האָבן זיך באַוועגט לאַנגזאַמער ווי די פוסגייער. זיי האָבן ניט געקענט זיך מאַכן קיין וועג אין מענטשן־שטראָם, וואָס האָט פאַרפלייצט דעם שאָסיי, אינדערצייט וואָס צופוס האָט מען געקענט גיין באַם ראַנד וועג אָדער אין די גראָבנס. מאָמענטנווייז איז די גאַנצע קאַראַוואַנע שטיין געבליבן: ערגעץ וואו, הונדערט קילאָמעטער ווייטער, איז אַ וואָגן קאַליע געוואָרן און פאַרשטאָפּט דעם דורכגאַנג.

עס האָבן זיך באַוויזן אַעראָפּלאַנען. זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריק און אַ שוועב געטאָן לענגאויס דעם שאָסיי, קנאַלנדיק מיט זייערע מיטראַליעזן. דאַן איז דער עולם געשפּרונגען פון די וואָגנס, זיך געוואָרפן אין

די גראָבנס אָדער געלאָזן אין די פעלדער. דערנאָך האָט מען אַרויסגענומען די פאַרוואונדעטע אַף אַ פאַרבייפאָרנדיקן אויטאָ און די טויטע זיינען נעטראָגן געוואָרן אין אַ נאָנטן פאָלווארק. קיינער האָט ניט געשאָסן אַף די אָנפליענדיקע אַוויאָנען און אַ פאַרצווייפלענדיקע מוטלאָזיקייט האָט אַרומגעכאַפּט דעם עולם:

— וואו זיינען אונדזערע אַוויאָנען? — האָבן געפרעגט די ציווילן.

— אַפן פראָנט האָט מען קיין פראַנצויזישן אַוויאָן פאַר די אויגן ניט אָנגעזען! — האָבן געענטפערט די סאָלדאַטן.

און דער צוג איז ווייטער געגאַנגען זיין וועג. ער איז געפלאָסן באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ, צווישן וועלדער און פעלדער. דאָס אויג האָט זיך צוגעוואוינט צו די טויזנטער פּנימער. עס האָט זיך געדאַכט, אַז מען שפּאַנט אַזוי זינט שטענדיק און מען וועט קיינמאָל ניט שטיין בלייבן. דער מענטשן־שטראָם האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט דער לאַנדשאַפט, ווי אַ טייך שמעלצט זיך צוזאַמען מיט די בערג, טאָלן און געוויקסן, צווישן וועלכע ער פליסט, און ווערט אַ טייל פון דער נאַטור־פּאַנאָראַמע.

ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט. דער עולם האָט זיך אָנגעהויבן לייגן שלאָפן. די גליקלעכע האָבן געפונען פּלעצער אין די פּויערישע הייזער, וואָס זיינען געשטאַנען באַם ברעג. די אַנדערע האָבן זיך געלאָזן צו די סטאָגעס תבואה, וואָס זיינען געשטאַנען אין די פעלדער, און געגראָבן נאָרעס, וואָס זאָלן שיצן פון רעגן און פון דער קעלט פון דער נאַכט. אין אַ סך סטאָגעס זיינען שוין געווען פאַרטיקע נאָרעס: שוין נעכטן און אייערנעכטן האָבן דאָרט וואַנדערער גענעכטיקט.

ערשט אַף איבערמאָרגן איז זשאַק געקומען קיין אָרלעאַן. די פאָרשטעט זיינען געווען פּוסט. קיין צוגן קיין דרום זיינען אויך פון דאַנען ניט געגאַנגען. דער לעצטער באַן איז אין יענעם פאַרטאָג באָמבאַרדירט געוואָרן. די מיליטערישע מאַכט, די פּאָליציי, די מלוכהשע אַמטן האָבן געהאַלטן אין עוואַקואירן זיך און געוואָרפן אין איילעניש פּעק מיט דאָקומענטן אין געשלאָסענע אויטאָס. אַ בעטלער, וואָס איז געזעסן אינמיטן מאַרק און געטרונקען וויין פון אַ ליטער־פלאַש, צובייסנדיק פון אַ גרויסן, טרוקענעם ברויט, האָט געוויזן זשאַקן דעם וועג צו דער בריק. אַף דער אַנדער זייט האָט אַ שאָסיי געפירט צום דרום.

נעבן צום בריק איז די באַוועגונג געווען אַ געדיכטערע. פון אַלע הייזער האָבן אַרויסגעשטראָמט מענטשן מיט קלימקעס און קינדער באַ

די הענט. די שטאָט האָט דאָ אויסגעזען ווי פּאַריז מיט צוויי טעג צוריק. די דײַטשן זײַנען געשטאַנען אַזוי נאָענט צו דער שטאָט ווי דעמאָלט פאַר פּאַריז. באַם טײַך איז געווען אַ געדראַנג. איעדער האָט זיך געאײַלט אַריבערצוכאַפּן אַף דער אַנדער זײַט, איידער די בריקן וועלן צעשמעטערט ווערן. פּלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ באַקאַנטער גערויש פון מאָטאָרן. ס'איז געוואָרן אַ געלאָף. פאַמיליעס האָבן זיך פאַרלוירן און קינדער האָבן גע־וויינט. באַלד האָט מען דערזען עטלעכע שוואַרצע פּונקטן, וואָס האָבן זיך געדרייט אין אַ קרײַז אין בלויען רוים. זיי זײַנען אַלץ נענטער געוואָרן און זשאַק האָט געקענט אונטערשיידן די גרויסע האַקנקרייצן אַף די עקן און פליגלען. אַ שטימע האָט געשריען:

— וואַרפט זיך אַף דער ערד!... אַף דער ערד!...

ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער ערד און זיך צוגעטוליעט צו אַ וואַנט פון אַ הויז. אַרום איז דער טראָטואַר געווען באַלייגט מיט מענטשן, וואָס האָבן זיך געדריקט צום באָדן, די קעפּ באַהאַלטנדיק צווישן די אָרעמס, כדי ניט צו זען דעם אָנקומענדיקן טויט. די אַוויאָנען האָבן אָנגע־פילט די לופט מיט אַ בייזן ברומען. די מיטראַיעזן האָבן אַרויסגעלאָזט לאַנגע, אייליקע לענטעם קנאַלן, ווי עס וואָלט גערעגנט מיט טרוקענע אַר־בעס. פּלוצלינג האָבן אָפּגעהילכט עטלעכע אויפרייסן און די ערד אַרום האָט אַ ציטער געטאָן. לעבן זשאַקן האָט אַ פרוי צוגעדעקט מיט איר קער־פער אַ קליין קינד און פאַרצווייפלט איבערגעחזרט:

— מיר זײַנען פאַרלאָרן! פאַרלאָרן!...

אַן אַלטיטשקע האָט געקניט און געשעפּטשעט אַ תפילה. איר צי־טערנדיקע שטימע איז איבערגעריסן געוואָרן דורך אַ טראַסקעריי, וואָס האָט זיך געצויגן בהדרגהדיק, מיט קורצע פּויזעס. דאַנעבן איז אַ גרויסע געביידע געשפּאָלטן געוואָרן דורך אַ באָמבע און די אײַנפאַלנדיקע ווענט האָבן זיך צוזאַמענגעשאָטן און אײַנגעהילט די גאַס אין אַ שטייגנדיקן וואָלקן שטויב. ניט ווייט האָבן זיך געהויבן רויטע צונגען פון אַ ברענענ־דיקן הויז.

דאָס ברומען פון די מאָטאָרן האָט זיך דערווייטערט. זשאַק האָט זיך אויפגעשטעלט און באַטראַכט דעם עולם, וואָס האָט זיך ניט געטרויט אויפצוהויבן. באַ דער וואַנט האָט ער דערזען אַ פיגור פון אַ פרוי, וואָס איז אים פאַרגעקומען באַקאַנט. מיט אַ קלאַפּנדיקן האַרץ האָט ער זיך דערנענטערט צו איר. זי האָט ווי דערפילט זײַן בליק און זיך אומגעדרייט. אין אַ ווײַלע אַרום איז זי אים געפאַלן מיט אַ געוויין אַפן האַלדז.

זעקסטער קאַפּיטל

ס'איז געווען זשערמען. זשאַק האָט ניט געוואוסט, צי זי וויינט אַפֿן חורבן פֿון פֿראַנקרייך, צי ווייל זי האָט פֿאַרלאָרן איר משפּחה אין וועג, אָדער ווייל זי האָט זיך געפֿרייט אים צו טרעפֿן. ער האָט זי אָנגענומען בײַ דער האַנט און אַ ציִ געטאָן נאָך זיך:

— קום!

זיי זײַנען צוגעלאָפֿן צו דער בריק און דערזען, אַז זי איז אויפֿגעריסן. דער שטראָם האָט פֿאַרשלונגען און פֿאַרדעקט די שטיינער און אייזנבעטאָן. זשערמען איז געבליבן שטיין פֿאַרגליווערט. ער האָט ניט אָפּגעלאָזט איר האַנט:

— קום! — האָט ער אָנגעוויזן אויף אַ צווייטער בריק אין דער ווייט, וואָס האָט אויסגעזען צו זײַן גאַנץ.

זי איז געווען אויסגעשעפּט און מוטלאָז. זשאַק האָט זי געמוזט שלעפּן כּמעט מיט געוואַלד. ער איז געלאָפֿן שנעל, ווייסנדיק, אַז די אווירנען וועלן באַלד ווידער קומען, כּדי אָפּצושניידן דעם ריקצוג פֿון דער אַרמיי. אַפֿן וועג האָט ער איר צוגעוואָרפֿן אָפּגעריסענע, טרייסט־ווערטער:

— באַלד... אויף דער אַנדער זײַט וועלן מיר זיך אָפּרוען.

זיי זײַנען געלאָפֿן צווישן ברענענדיקע הײַזער און געמוזט מאַכן אומוועגן, כּדי אויסצומײַדן חורבות און רויכערנדיקע באַלקנס, וואָס האָבן פֿאַרלייגט די גאַסן. מען האָט געהערט קרעכצן פֿון פֿאַרוואונדעטע, וואָס האָבן זיך אַרויסגעריכן פֿון צווישן די רואינען. בײַ דער צווייטער בריק האָט געהערשט אַ בהלה. זשאַק האָט זיך געמאַכט אַ וועג צווישן עולם, האַלטנדיק זשערמענס האַנט אין זײַנער, כּדי זי ניט צו פֿאַרלירן. דער וויי־ן צו קומען אויף דער אַנדער זײַט האָט אים איצט געשטויסן מער ווי פֿריִער.

אין דער הויפּט־גאַס פֿון דעם אַנדערן ברעג, אָפּגערוקט פֿון טײַך,

זיינען די קאַפּע־הייזער געשטאַנען אָפּן. זיי האָבן געטרונקען אַ לימאָנאַד, געקויפט פּאַפּיראָסן און זיך געלאָזן גיין ווייטער. ווען זיי זיינען אַרויס פון די דרומדיקע פאַרשטעט, האָבן ווידער אָפּגעהילכט אויפרייסן. זשערמען האָט אויפגעציטערט.

— ס'איז גאָרנישט! — האָט זשאַק זי געטרייסט — ס'איז אין שטאָט, בײַ די בריקן!

איצט האָבן זיי געשפּאַנט דורך אַ וואַלד. עס האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן די אָרלעאַנער תושבים, וואָס האָבן אָקאָרשט פאַרלאָזן זייערע הייזער. זיי האָבן זיך געצויגן ווי אַ פאַרביקער פּאָדים דורכן פאַרשטויבטן, גרויען וועג. גוט־געקליידעטע, בעלי־הביתישע פרויען און געצוואָגענע פריילנס זיינען געגאַנגען אין דער באַגלייטונג פון יונגע דינסט־מיידלעך, וואָס האָבן געטראָגן קאָשיקעס מיט שפּייזן אין די הענט. זיי האָבן זיך באַלד אויסגעצויגן אונטער ביימער פון וואַלד און געקרעכצט, אַז זיי האָבן מער קיין כוח ניט. אַ פּאָר קילאָמעטער ווייטער האָבן זיי אויסגעזען פאַרהשבט און זיך פאַרשמאָלצן אין דער מאַסע. זשאַק מיט זשערמענען האָבן זיך געלייגט אַפן גראָז. ער האָט איר דערציילט וועגן פּיערן. זי האָט כמעט ניט צוגעהערט. — פּיער? פּאַריז?... דאָס אַלץ האָט אויסגעזען ווי אַ ווייטע, פאַרגעסענע וועלט, וואָס האָט עקזיסטירט אַמאָל־אַמאָל. פיר טעג איז זי שוין געווען אונטערוועגס, מיטגעשלעפּט מיטן שטראָם. נעכטן האָט זי פאַרלוירן איר פאַמיליע, ווען זיי זיינען דורכגעגאַנגען אַ שטעטל און אַוויאָנען האָבן באָמבאַרדירט די גאַסן. איצט האָט זי געהאַט זשאַקן און זי האָט זיך געפילט געשיצט. זי איז לאַנגזאַם געקומען צו זיך און ליגנדיק אין שאָטן פון וואַלד, האָט זי אַ גלעט געטאָן דאָס גרינע, צאַרטע גראָז און אירע אויגן האָבן געשמייכלט.

פאַרנאַכט זיינען זיי אַרויסגעגאַנגען פון וואַלד און געשפּאַנט אַפן שאָסיי צווישן וועלדער. ס'האָט אָנגעהויבן ווערן טונקל. זשערמענען האָבן ווי געטאָן די פיס. דער הימל איז פאַרצויגן געוואָרן מיט כמאַרעס און די לופט איז געווען אָנגעלאָדן ווי פאַר אַ שטורעם. דער עולם פון שאָסיי האָט זיך פאַרקערעוועט צו די פעלדער, כדי צו זוכן אַ נאַכט־לעגער און אַ שויץ. נאָר די אויטאָס האָבן שווער־סאָפּענדיק זיך לאַנגזאַם געגליטשט פאָראויס.

זשאַק האָט זיך אַרומגעקוקט. ניט ווייט. אין פעלד זיינען געשטאַנען עטלעכע סטאָגעס תבואה, צו וועלכע עס האָט געפירט אַ שמאָל שטעגל.

— מע'ט זיך לייגן אָפּרוען? — האָט ער געפרעגט.

זי האָט עס שוין פון לאַנג געוואָלט. אָבער זינט זי האָט אים געטראָפן, האָט זי זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן אין זיין רשות און דעריבער גאָרנישט געזאָגט. מיט פרייד האָט זי איצט אָנגענומען זיין פאָרשלאָג.

באַ די סטאָגעס זיינען שוין געלעגן גרופּקעס מענטשן. אייניקע האָבן ארויסגעשלעפּט פּעק שטרוי פון באַרג און געבויט דעכלעך איבער די אויסגעגראָבענע נאָרעס. אַנדערע האָבן געגעסן. אַלע פּנימער זיינען געווען מיד, שמוציק פון שווייס, פאַרשוואַרצט און אָפּגעברענט פון דער הייסער זון, וואָס האָט געברענט אַ גאַנצן טאָג.

זשאַק האָט אויסגעשפּרייט זיין מאַנטל און געהייסן זשערמענען זיך לייגן. אַליין האָט ער זיך אַ נעם געטאָן מייסטרעווען אין סטאָג אַ לאָך אויף באַנאַכט. די וואָלקנס אויפן הימל זיינען געדיכטער געוואָרן. עס האָט געשמעקט מיט אַ נאָענטן אויסברוך. זשאַק האָט זיך געאיילט. פון מינוט צו מינוט האָט ער געוואָרפן אַ בליק אויפן מיידל. זי איז געלעגן מיט געשלאָסענע אויגן און געדרימלט.

איבערן שטעגל, פון שאָסיי, זיינען אָנגעקומען צוויי מיידלעך באַגלייט פון צוויי סאָלדאַטן. זיי האָבן באַטראַכט דעם סטאָג, און ניט געפינענדיק דאָרט קיין פּלאַץ, האָבן זיי זיך געריכטעט צום שכנותדיקן, קלענערן בערגל תבואה. זשאַק האָט געהאַט שוין געענדיקט זיין נאָרע, און ניט וועלנדיק וועקן זשערמענען, האָט ער דערווייל באַטראַכט די ניי־געקומענע.

די מיידלעך האָבן אויסגעזען צו קומען פון אָרלעאַן. זייערע פּנימער זיינען געווען פריש, די קליידער ריין און די האָר פאַרקאַמט אין אָרדענונג. זיי זיינען זיך געווען ענלעך ווי שוועסטער. די עלטערע, פון אַ יאָר עטלעכע און צוואַנציק, איז געווען שטאַרק צוגעפאַרבט. זי האָט געהאַט אַ פולן, רייפן קערפּער און געשפּאַנט נאָענט לעבן יונגן סאָלדאַט, וואָס האָט געטראָגן איר וואַליזקע. ער איז איר נאָכגעגאַנגען ווי אַ שאָטן און מאָמענטנווייז האָבן זיי זיך באַרירט אין גאַנג.

די צווייטע איז געווען יינגער, פון אַ יאָר זיבעצן. איר קערפּער איז געווען דין און שלאַנק. זי האָט געוואָרפן צעשראָקענע בליקן אויף איר שוועסטער, וואָס האָט זיך איצט געלאָזן נעמען אונטערן אָרעם פון איר צופעליק געטראָפענעם באַגלייטער. מיד, מיט אַ בלייענער שווערקייט אין די פיס, האָט יענע פאַרוואָרפן דעם קאָפּ און זיך אָנגעשפּאַרט אויפן יונגן סאָלדאַט, וואָס האָט זי געדרוקט צו זיך. די יונגע האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און געשפּרייזט פאַרטראַכטערהייט פאָראויס, וויגנדיק לייכט איר שמאָלן, קוים פאַרונדיקטן גוף. דערווייטערנדיק זיך, האָט זי אין דער דע־

מערונג אויסגעזען ווי א יונגער ציפּרים, וואָס שאָקלט זיך אין ווינט, אין ציטער פאַר אַן אָנקומענדיקן שטורעם.

דער סאַלדאַט, וואָס איז געגאַנגען הינטער איר, איז געווען נידעריק און ברייטפּלייציק. ער האָט אויסגעזען עלטער ווי דער אַנדערער. זיין פּנים, אונטערן שטאָלענעם העלם, איז געווען פול מיט קנייטשן און באַוואַקסן מיט געדיכטע, שוואַרצע האָר. אויסער דעם רוקזאַק און דער ביקס האָט ער אויך געטראָגן אין דער האַנט אַ קליין האַנט־קאָפערל. זיין אָנגעשטרענגטער בליק האָט נאָכגעפאָלגט די באַוועגונגען פון דעם יונגן מיידל. ער האָט געשפּאַנט אַ שריט הינטער איר, האָט זיך ניט דערנענטערט און ניט דערווייטערט, און מעסטנדיק די דיסטאַנץ צווישן זיי, האָט ער זיך באַוועגט פּאָרזיכטיק, ווי אַרום אַ גלאָזערנער, צעברעכלעכער כלי. אַלע פיר זיינען באַקו׳ פאַרשוואונדן הינטערן בערגל תבואה.

אונטערן הימל האָט דער ווינט געיאָגט די שוואַרצע, פאַרזאַמלטע כמאַרעס. לענגאויס דעם שאָסיי האָבן די ביימער זיך געשאָקלט און גערווישט. צווישן זיי, איבער די זיג־זאַגן פון וועג, האָט ווי אַן אומענדלעך לאַנגע שלאַנג געפּויזעט די קאַראַוואַנע און געכאַרכלט מיט אירע טויזנטער מאָטאָרן, ווי אַ פאַרוואונדעטע, גוססדיקע חיה. אַ דונער האָט אַ הילך געטאָן אין דער ווייט און זיך צעשאָטן אין רוים. ברענענדיקע זיג־זאַגן פון אַ בליץ האָבן דורכגעשניטן די האָריזאָנטן. זשערמען האָט זיך אַ הויב געטאָן און וואַרפנדיק אַ צעשראָקענעם בליק אַרום, האָט זי אויסגעשריען:

— מען שיסט?

דערזעענדיק זשאַקן האָט זי אויסגעשטרעקט צו אים די האַנט.

— ניין, עס דונערט!

זי האָט זיך אויפגעהויבן און אויסווישנדיק די אויגן, האָט זי ערשט קלאָר באַמערקט, אַז ער שטייט איינגעבויגן איבער איר. זי האָט אַ שמייכל געטאָן.

עס האָבן אַ שפּריץ געטאָן עטלעכע דיקע טראָפּנס רעגן. דער אַרומיקער עולם איז פאַרקראָכן אין די נאָרעס פון סטאָג און שווייגנדיק זיך איינגעגראָבן וואָס טיפער אין שטרוי. זשאַק האָט אַ גראַבל געטאָן אין רוקזאַק:

— מירן עפּעס נעמען אין מויל אַריין און זיך צודעקן מיטן שטרוי, איידער עס וועט נאָס. ביסט הונגעריק?

— זינט איך האָב פאַרלאָזן פּאַריז, האָב איך נאָך ניט געגעסן צו זאַט!

איבערן שטעגל, וואָס האָט אהערצו געפירט פון שאָסיי, האָט זיך אצינד געצויגן א ריי מענטשן. אַלע הויפן אַרום זיינען שוין געווען באַלייגט, אין נאַקעטן פעלד האָט מען ניט געקענט איבערנעכטיקן צוליבן אַנקומענדיקן שטורעם און די פּאַרשפּעטיקטע, וואָס האָבן מאַרשירט ביז איצט, כדי אַריינצוכאַפּן נאָך עטלעכע קילאָמעטער, האָבן אין איילעניש געזוכט א געלעגער. צום סטאָג איז צוגעגאַנגען א מיטליעריקע פרוי, וואָס האָט נאָכגעשלעפּט צוויי קליינע קינדער בא די הענט. זי האָט אויסגעזען ווי א פּויערטע. דאָס ייִנגערע קינד האָט זיך געקראַצט, געריבן די אויגן און געוויינט. דאָס עלטערע האָט געפרעגט:

— מאַמע, ווען וועלן מיר טרעפן דעם טאַטן?

די פרוי האָט געמאַכט א קרייז אַרום סטאָג און זעענדיק, אַז ער איז פאַרנומען אַרום און אַרום, איז זי שטיין געבליבן, דער קאָפּ פאַריסן צום שוואַרצן, פאַרכמאַרעטן הימל און האָט איבערגעחזרט מיט צער און פאַרצווייפלונג:

— מיין גאָט! מיין גאָט!... מיין גאָט!...

זשאַק מיט זשערמענען זיינען שוין געזעסן באַם שוועל פון זייער הייל און געגעסן פון א פּושקע פלייש־קאָנסערוון אָן ברויט. זשאַק האָט געוואָרפן א בליק אַף דער נאָרע, וואָס ער האָט מיט אַזויפיל מי אויסנעסטראָיעט, דאַן אַף די קינדער, וואָס האָבן זיך געטוליעט צו דער מאַמעס קלייד, און אין געדאַנק איז אים אויפגעטויכט דאָס בילד „גלות", וואָס זיינען עלטערן האָבן מיטגעפירט פון זייער היים, אין פּוילן, און וואָס איז אין זיין קינדהייט נאָך געהאַנגען אין זייער שלאָף־צימער. טרערן האָבן אים א שטיק געטאָן אין האַלדז. ער האָט זיך אָנגעשטרענגט צו ריידן רואיק:

— קריכט אַריין, מאַדאַם, מיר וועלן גיין צום אַנדערן סטאָג!

— א דאַנק יונגערמאַן! — האָט געזאָגט די פרוי. א טיפע דאַנקבאַרקייט האָט אַרויסגעשטראַלט פון אירע אויגן און זיך געבראָכן אין די דיקע טרערן, וואָס זיינען אין זיי געשטאַנען.

אויך באַם צווייטן סטאָג זיינען כמעט אַלע פּלעצער געווען פאַרנומען. נאָר בשכנות פון די צוויי סאָלדאַטן איז נאָך פאַרבליבן א פרייער פּאַס שטרוי. דער יונגער סאָלדאַט האָט באַטראַכט דער אָנקומענדיקער זשערמען און א וואונק געטאָן צו זשאַקן מיט אַן אויג, ווי איינער זאָגט:

— זי איז גאָרנישט שלעכט!

זשאַק האָט זיך גלייך גענומען אַרויסשלעפּן הויפנס שטרוי פון באַרג,

לאָזנדיק דינע ווענטלעך פון ביידע זייטן. די סאָלדאַטן האָבן געהאַלטן באַם פאַרענדיקן זייער מאָלצייט. דער ייִנגערער איז געזעסן האַרט לעבן דער עלטערער שוועסטער, אַזוי אַז זי איז האַלב געלעגן, אָנגעשפּאַרט אַף זיין שוים, אַף וועלכן ער האָט געהאַלטן אויך אַן אָפענע פּושקע פלייש־קאָנסערוון. זיי האָבן אַרומגעזוכט מיט די הענט אין דער גרויסער, בלע־כענער שאַכטל און געשטרעקט אַרויסגעפישטע שטיקער אין מויל. פון זייערע פינגער און איבער זייערע מאָרדעס איז אַראָפּגערונען דאָס פלי־סיקע פעטס. ווען זייערע פינגער האָבן זיך געטראָפן באַם שפּיזן די שפּייז, האָבן זיי זיך אָנגעקוקט און געשמייכלט. דער מאַן האָט עפּעס גערעדט מיט אַ פולן מויל און די פרוי האָט דאַן הילכיק און פריילעך געלאַכט.

די ייִנגערע שוועסטער איז געזעסן אָפּגערוקט פון איר באַגלייטער. ער האָט איר דערלאַנגט שטיקלעך פלייש אַף ברויט און זי כסדר אויפגע־מונטערט:

— עס, עס! דער וועג איז נאָך זייער אַ לאַנגער און מען מוז אָנ־זאַמלען כוח.

ער האָט אויסגעטאָן זיין העלם. זיין צעאַקערטער פּנים, איינגעראַמט אין אַ שטעכעדיקער, שוואַרצער באָרד און באַשמירט מיט ריטשקעלעך פאַרטריקנטן שוויס, פון צווישן וועלכע עס האָבן אַרויסגעגליט אויסגע־ברייטערטע שוואַרצאַפּלען, האָט דערמאָנט זשאַקן אָן בילדלעך פון אור־מענטש אין די וועלדער, ווי זיי זיינען געמאָלט געוואָרן אין שול־ביכער.

דאָס מיידל איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ און געגעסן אָן אַפּעטיט. איר שוועסטער מיטן יונגן סאָלדאַט האָבן פאַרענדיקט די וועטשערע און פאַרקראָכן אין אַן אָפּגערוקטן ווינקל פון דער נאָרע. זיי האָבן זיך איינגעגראָבן אין שטרוי און באַלד זיינען פון זייער באַהעלטע־ניש דערגאַנגען די פריילעכע שטימע פון מאַן, וואָס איז באַגלייט געוואָרן, ווי מיט אַן עכאָ, דורך אַן אָפּגעריסענעם קאַסקאַדן געלעכטער פון יונגן ווייב.

די טראָפּנס רעגן זיינען דיקער און געדיכטער געוואָרן. דער ווינט האָט געשמיסן דעם נאַסן געוועב אין פּנים אַריין. זשאַק און זשערמיין האָבן צוגעביסן אַף גיך און זיינען פאַרקראָכן אין זייער באַהעלטעניש.

נאָר דאָס יונגע מיידל איז שטיין געבליבן אין פעלד. דער ווינט האָט געריסן איר קלייד און צעשויבערט די האָר פון איר קאָפּ. באַלד האָט זיך דער דינער זומער־שטאָף צוגעקלעפּט צו אירע פיס און לענדן, און איר געשטעל האָט אויסגעזען שלאַנקער. ס'איז געוואָרן פינצטער און מען האָט

קוים געזען איר סילועט, וואָס האָט זיך געצייכנט ווי אַ יונגער ציפּרים איבער אַ פאַרעגנטן דרויסן. דער עלטערער סאָלדאַט האָט געשפּאַנט צום סטאָג און איז שטיין געבליבן, ניט קענענדיק זיך אַנטשליסן אַריינצוקריכן. מיטאַמאָל האָט די עלטערע שוועסטער אַ רוף געטאָן:

— אַנעט, אַנעט, גיי, לייג זיך!... וועסט זיך פאַרקילן!

מיט קווענקלענדיקע שריט איז דאָס מיידל צוגעגאַנגען צום שטרוי־באַרג און זיך געלייגט בשכנות פון זשאַקן, אויף דער אַנדער זייט פון דעם ווענטל.

זשאַק האָט צוגעדעקט זשערמענען מיט זיין מאַנטל. זי האָט זיך איינגעניורעט ווי אַ קעצל:

— ס'איז נאָך ניט קאַלט!

— אָבער די נעכט זיינען קאַלטע. באַזונדערס די פאַרטאָגן!

איבערן מאַנטל האָט ער אַרויפגעשאַרט אַ הויכן הויפן שטרוי, אונ־טער וועלכן זי איז אינגאַנצן פאַרזונקען געוואָרן.

— כ'האָב כלל ניט געוואוסט, אַז שטרוי וואַרעמט אַזוי גוט.

איר קול איז דערגאַנגען פון אַ טיפעניש. איר קול איז געווען פול מיט וואַרעמקייט.

— כ'האָב עס אין די לעצטע פאָר יאָר אָפט אויספּרובירט.

אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער געפרעגט:

— ס'איז דיר גוט?

— זייער! לעבן דיר איז מיר שטענדיק גוט! — האָט זי גערעדט נאָך שטילער.

אינדרויסן האָט זיך אָפּגעריסן דער שטורעם, וואָס האָט זיך געהאַט אָנגעזאַמלט אין די לעצטע הייסע טעג. די וועלט איז פאַרזונקען געוואָרן אין דער געדיכטער שוואַרצקייט פון דער נאַכט. ווייט און ברייט האָט מען ניט געזען קיין פייערל. קיין איין שטערנדל האָט ניט אַרויסגעשיינט פון הינטער די וואָלקנס. אין דער ווייט האָבן אָפּגעהילכט הימל־שפּאַלטנ־דיקע קנאַלן פון דונערן. דער רעגן האָט געפּאַטשט אין שטרוי און די נאַסע לופט האָט אַריינגעשטראָמט אין די נאָרעס. צווישן איין דונער און צווייטן האָט מען געהערט דעם געדויש פון די מאָטאָרן, וואָס האָבן זיך לאַנגזאַם גערוקט פאָראויס.

זשאַק האָט געפילט זשערמענס נאָנטקייט, הגם דער הויפן שטרוי האָט צווישן זיי געשאַפן אַ מחיצה. ער האָט צוגעמאַכט די אויגן, אָבער ניט

געקענט איינשלאָפן. ער האָט אַ קלער געטאָן וועגן פּיערן, מיט וועלכן ער האָט זיך ערשט מיט אַ וואָך צוריק געהאַט געזעגנט. — ניין! — האָט ער באַשלאָסן — באַלד וועט קומען דער שלאָף. נאָך אַזאַ מאַרש, אין אַזאַ שטורעם, שלאָפט מען גיך איין.

ער איז אָבער געבליבן וואַך. פון דער שכנותדיקער נאָרע זיינען דערגאַנגען אַ פליסטערן פון ליבע און אַ גערויש פון זיך ראַנגלענדיקע קערפּערס. ער האָט אָנגעשפּיצט די אויערן און אויפגעכאַפּט דעם מינ־דעסטן שאָרך. ער האָט כמעט מיטגעלעבט אַלץ, וואָס עס קומט דאָרט פאָר. ביסלעכווייז האָט ער אונטערשיידן די שטימען און באַוועגונגען.

דאָס אָפּגערוקטע פּאָרל האָט אַלץ געפליסטערט און מאָמענטנווייז אויפגעשריען. דער יונגער סאָלדאַט האָט שוין איצט גערופן דאָס מיידל באַם נאָמען: „פּאָלעט, מיין ליבע!" זי האָט זיך באַקלאָגט, אַז דאָס שטרוי איז שטעכעדיק. ער האָט עפּעס געענטפערט זייער שטיל, דאָס מיידל האָט זיך צעלאַכט און איר לאַכן האָט אָפּגעהילכט ווי אַ לוסטיק הירזשען.

דאַנעבן האָט דאָס שטרוי געקנאַטערט אונטער די קערפּערס, וואָס האָבן זיך געראַנגלט, תחילת שטיל און דאַן אַלץ קלאָרער און קלאָרער. דאָס יונגע מיידל האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון די הענט פון באַוואַקסענעם מאַן. זיינע הענט האָבן זי אַרומגעזוכט אין דער פינצטער. זי האָט זיך געשאַרט אַלץ נענטער צו זשאַקן ווי זוכנדיק הילף. מיטאַמאָל האָט זי אויסגערופן:

— ניין, ניין, ניין!

איר שטימע האָט געקלונגען בעטנדיק און הכנעהדיק. אָבער דער מאַן האָט ניט נאָכגעגעבן. צו נאָגט האָט ער זי געהאַלטן אין זיינע אָרעמס, אַז ער זאָל קענען עמפינדן נאָך עפּעס אַנדערש ווי זיין אייגענעם פאַרלאַנג. ער האָט געפילט צווישן זיינע פינגער איר צאַרטע, וואַרעמע הויט און ער האָט געשעפּט פולע נאָזלעכער פון ריח פון אירע האָר. העכער אַ האַלב יאָר איז ער געווען פון דערהיים און זיין איינציקער פאַרגעניגן איז פון צייט צו צייט באַשטאַנען מיט אויסגעמאַטערטע אַרמיי־פרויען. אַ חודש צייט איז ער טאָג־טעגלעך געשטאַנען דעם טויט קעגנאיבער און די לעצטע צען טעג איז ער געלאָפן אַ פאַרשוויצטער אין דער הייסער זון און זיך קיין איינמאָל ניט אַרומגעוואַשן ווי געהעריק. דאָס מיידל לעבן אים האָט געשמעקט נאָך היימישער ריינקייט, נאָך ציבטיקע ליילעכער און נאָך אַ לייכטן פּאַרפום פון אַ שלאָף־צימער פון אַ בירגערלעכן הויז. ער איז צו־געפאַלן צו איר, ווי עס פאַלט צו אַ דורשטיקער צו אַ קוואַל נאָך אַ לאַנגן

מאַרש אין דער טריקעניש — קיין שום כּוח וועט אים ניט אָפּרייסן פון טרינקען, ביז ער וועט ניט שטילן זיין דורשט.

דאָס מיידל האָט ווידער אויפגעשריען, דאָסמאָל מיט פאַרצווייפלונג אין קול:

— ניין! דאָס ניט, דאָס ניט!...

זי האָט אַ שלאָג געטאָן מיטן קאָפּ אין שטרוי־הויפן, וואָס האָט זי אָפּגעטיילט פון זשאַקן. אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זי שטרעקט אויס אַ האַנט נאָך הילף. ער האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין געלעגער: טאָר ער דאָ פּסקנען און אָפּזאָגן איינעם פון די צוויי זיין רעכט?... דער סאָלדאַט האָט אַ בורטשע געטאָן בייז, ווי אַ הונט, וועלכן מען כאַפּט אוועק אַ פעטן ביין פון אונטער דער נאָז. דאַן האָט ער זיך אויסגעדרייט צו זיין ייִנגערן חבר מיט אַ טענה, הלמאי יענער האָט צוגענומען פאַר זיך דעם בעסערן חלק פון זייער בשותּפותדיקן פאַנג.

ווידער איז אים די עלטערע שוועסטער געקומען צו הילף. זי האָט געמוסרט דער אומדערפאַרענער אַנעטן:

— זיי ניט קיין נאַר, אַנעט!... היינט מעג מען אַלץ... היינט...

אַ הילכן פון אַ דונער האָט איבערגעריסן אירע ווערטער. אַ שיין פון אַ בליץ האָט איין סעקונדע אַ בליאַסק געטאָן ביז אין די נאַרעס אַריין. אַנעט האָט זיך צוזאַמענגעקורטשעט אַ דערשראָקענע. אפשר האָט זי איצט געזוכט וועלכע ניט איז מענטשלעכע נאָנטקייט, וואָס זאָל זי שיצן קעגן דער אויפגעבראַוזטער נאַטור. דער מאַן האָט אָן אויפהער איבערגעחזרט טעמפּ און זינלאָז: „היינט מעג מען אַלץ, מעג מען אַלץ!...” דאָס מיידל האָט נאָך איינמאָל אויפגעשריען שאַרף, מיט אומפאַרשטענדלעכע, אָפּגעריסענע זילבן, ווי אין אַ שטאַרקן ווייטיק. דערנאָך איז זי פאַרגאַנגען אין אַ שטילן געיאָמער, אָנגעפילט מיט יאוש פון נאָך אַלעמען.

איצט האָט דער ייִנגערער סאָלדאַט געשאָלטן, זוכנדיק דאָס פלעשל ראָם, וואָס ער האָט געהאַט צוגעגרייט צוקאָפּנס און וואָס איז אינצווישן פאַרזונקען אין באַרג שטרוי. סוף כּל סוף האָט ער עס דערטאַפּט. די מענער האָבן געצויגן רווישיק פון העלדזל און נאָכדעם אויפגעאָטעמט טיף. די עלטערע שוועסטער האָט אויך געזופּט. איר געלעכטער איז געוואָרן רווישיקער און פאַרשכורט. זי האָט זיך געקושט מיטביידע מענער און געטרייסט איר שוועסטער, אַז קיין גרויס אומגליק איז איר ניט געשען און אַז פריער אָדער שפּעטער פּאַסירט עס מיט יעטוועדער אָנשטענדיקער פרוי. די מענער האָבן דאַן פאַרויכערט פּאַפּיראָסן און ווען די האַלב־

שכורע מיידל האט אויסגעדריקט איר שרעק פאר א שריפה, האבן זיי איר פארזיכערט, אז עס וועט גארנישט געשען און אז עס אַרט זיי ניט, אויב די גאנצע וועלט וועט אצינד אוועקגיין מיט רויך און מיט פייער...

אינדרויסן האט זיך דער שטורעם געלייגט. נאר פאראיינצלטע דונערן האבן ניט נאכגעגעבן און האבן עקשנותדיק אויסגעלאָדן זייער רוגזה מיט קולי־קולות. די צוויי פארלעך דאנעבן זיינען איינגעשלאָפן. אין מאָנאטאנעם זומען פון פאלנדיקן רעגן האט זיך אריינגעמישט דאס שווערע כראָפּען פון באוואקסענעם סאלדאט. דאס יונגע מיידל האט זיך אפט באוועגט און קורץ אויפגעשריען אין שלאָף.

איצט האט מען קלאָרער געהערט דאס כאָרכלען פון די מאָטאָרן אין צוג, וואס האט זיך באוועגט פאראויס, דאָ ניט ווייט. איבערן נאסן, גליטשיקן שאסיי, האבן זיך די אויטאָס געדוקט, פאַרזיכטיק און לאנגזאם אין דער פינצטערער נאכט אריין, מורא האבנדיק א לייכט צו טאָן מיט זייערע לאמטערנעס. אף די קאמיאָנען האבן זיך מענטשן געטוליעט אונטער די נאסע פלאכטעס און האלב געדרימלט שטייענדיקערהייט. די וואגנס האבן זיך פארפלאָנטערט, האבן זיך אפט פארהאלטן און מען האט געהערט אויפגערעגטע, שילטנדיקע קולות, וואס האבן איבערגעשריען דעם רעגן. אן אגער האט זיך צעהירזשעט, דערשמעקנדיק דעם ריח פון א קליאטשע, וואס איז געשטאנען אי א ווארעמען שטאל באם ראנד וועג. ער האט זיך א רים געטאן אין א זייט, האט זיך אויפגעהויבן אף די הינטערשטע פיס און ניט געוואלט זיך רירן פון אָרט. פארשטעלנדיק די ברייט פון שאסיי, האט ער פארהאלטן די גאנצע קאראוואנע אף א לענג פון צענדליקער קילאָמעטער.

בא די סטאָגעס האט דער גערויש פון צוג זיך אצינד אנגעהערט ווי דאס ברומען פון ים־כוואַליעס, וואס קלאפּן רעגלמעסיק אן א ברעג. ער האט באגלייט, ווי אן איינטאָניקע מוזיק, די לאנגע סטענגע פון בילדער, וואס האט זיך געדרייט אין זשאקס מוח — בילדער פון מיליאָנען פנימער, וואס האבן אין משך פון טעג געשווינדלט פאר זיינע אויגן איבער בערג און טאָלן. און האבן איצט אויטאָמאטיש זיך איבערגעחזרט אין זיין פארשטעלונג. באלד האט זיך דארט אריינגעמישט דער ריקצוג פון קאטאלאָניע, פארביי די פירענייען־בערג און די פליטים־מחנות, וואס זיינען געלאָפן פון האלאנד און בעלגיע. צווישן זיי האט זיך אריינגעפלאָנטערט דאס קליינע בילדל „גלות“, וואס איז אין זיין קינדהייט געהאנגען אין שלאף־צימער פון זיינע עלטערן, און האט אים דאן שטארק באאיינדרוקט.

ער האָט געהאַלטן באַם איינשלאָפן. פּלוצלינג האָט ער אויפגעציטערט, ווי ער וואָלט אַראָפּגעשליידערט געוואָרן פון אַ הויכעניש אין אַ תהום. אַ לאַנגע סעקונדע איז ער געזונקען אין טיפענישן. איצט האָבן קינדערשע פאָרשטעלונגען אויפגעטויכט אין זיין מוח: אַ מבול פאַרפלייצט די וועלט און אַלע לעבעדיקע זעלן אַנטלויפן אין בהלה... אַ שׂריפה אין אורוואַלד. כוואַליעס רויך און פייערצונגען ציען זיך פאָראויס, כאַפּן אַרום ביימער און גראָז. פאַרנט אַנטלויפן צוזאַמענגעמישט מאַלפּעס און טיגערן, שלאַנגען און הירשן. אַ באַוואַקסענער אורמענטש טרעפט אין דער בהלה אַ יונגע טאָכטער, וואָס האָט זיך פאַרבלאָנדזשעט, און האָט פאַרלאָרן איר משפחה. ער פאַרוואָרפט זי איבער די אַקסלען און ראַטעווענדיק זיך פון וואַלד, שלעפּט ער זי אין אַ הייל און מאַכט זי פאַר זיין ווייב.

דאַנעבן רירט זיך לייכט זשערמען. ער ווערט וואַכער. וועלן זיי אַמאָל אויפהערן, די קאַטאַסטראָפעס?... די שטערן־זעער האָבן געוואָלט געפינען אַ צוזאַמענהאַנג צווישן דער באַוועגונג פון פּלאַנעטן, נאַטור־קאַטאַסטראָפעס און מענטשלעכן גורל. היינט זוכט די פּאָליטיק אַ תרופה. זי פּרובירט פאָראויסזען און וויל פאַרמיידן קאַטאַסטראָפעס. איז זי אַ מאָדערנע אַסטראָלאָגיע?

זשערמען באַוועגט זיך שטאַרקער. זי פרעגט שטיל:

— דו שלאָפסט, זשאַק?

— ניין.

— דער שטורעם לאָזט מיך ניט איינשלאָפן ווי געהעריק. און עס איז מיר קאַלט!

ער גראַבלט אין שטרוי און ציט אַרויף דעם שיניעל, וואָס האָט זיך אַראָפּגעשאַרט פון איר. זיינע פינגער באַרירן איר קערפּער. זי זוכט זיי, גלעט זיינע הענט, דריקט זיי צו זיך און לאָזט זיי ניט אָפּ.

— ביסט אַזאַ גוטער, זשאַק!

זייערע קערפּערס דערנענטערן זיך דורך דעם ווייכן הויפן תבואה, וואָס צעשיידט זיי ניט מער. זיינע הענט אַנטבלויזן אירע בויגעוודיקע גלידער. איר גוף איז היים און דורשטיק, ווי די אַנגעגליטע ערד פאַרן רעגן.

— ס׳איז דיר ניט קאַלט אַזוי? מיינע הענט זיינען ווי אייז!

— ניין, ניין! ס׳איז מיר גוט אַזוי!... קום!

ער פאַלט צו מיט די ליפּן צו איר לייב. אַ שאַרפער, געזאַלצענער ריח פון שוויים דערלאַנגט אים אַ שלאַג אין קאָפּ און פאַרשיכורט אים, ווי אַ לאַנג־געיוירטער, שטאַרקער געטראַנק. זיי ליגן טיף פאַרזונקען אין

אקאר־ט־געשניטענע, שמעקנדיקע זאנגען. זי איז איבערפולט מיט דער־וואַרטונג, און נאָכגיביק ווי א רייפע זאנג אין סוף זומער.

— דער שטרוי איז שטעבעדיק!

— ס'איז גאָרנישט! ס'איז גאָרנישט!

זי דריקט זיך אין זיינע אָרעמס. ער פילט זי אינגאנצן, אין זיך, ווי די אויפגייענדיקע פרייד און דעם קראמפהאפטן ווייטיק, וואָס שטייגן אין אים.

— ביסט מיינער זשאַק, מיינער! איך האָב שטענדיק געוואָרט אף דיר און דו ביסט ניט געקומען! איצט ביסטו פאראן!... איצט — ד ו !

זי שלאָפט איין די ערשטע, איינגעטוליעט אין אים. ער בלייבט נאָך א ווייל'ע וואך. דער שטורעם האָט אינגאנצן אויפגעהערט. עס רעגנט אויך ניט מער. די דורכגעוואשענע לופט איז ריין און קיל. עס שמעקט מיט גראָז, מיט וואַלד און פריש געשניטענע פעלדער. זשאַק בויגט זיך לייכט איבער איר און זאפט איין דעם וואַרעמען, קלאָרן הויך פון איר אָטעם.

צומאָרגנס האָט ער זיך אויפגעכאפט זייער פרי און פאַרזיכטיק, כדי ניט אויפצואוועקן זשערמענען, איז ער אַרויס אין דרויסן און זיך אויסגעגלייכט די גלידער. פון די סטאָגעס האָבן מענטשן געצויגן צום וואַסער. אנדערע האָבן זיך געריבן די אויגן מיט שמוציקע פויסטן און אויסגעקליבן די שטרויעלעך, וואָס האָבן זיך איינגעגעסן אין די האָר און אין די מלבושים. זשערמען איז געשלאָפן אן איינגעקורטשעטע, מיט א צעעפנטן מויל. א העל'ע וואַרעמע זון איז אויפגעגאנגען אין מזרח און פון די נאַסע פעלדער און לאָנקעס האָבן זיך געהויבן וואָלקנדלעך פארע. גרינע פעלדער האָבן באַזוימט אין דער ווייט די בלויע, באַלויכטענע האָריזאָנטן.

די סאָלדאַטן דאנעבן זיינען שוין ניט געווען. די צוויי שוועסטער זיינען געשלאָפן אַרומגענומענערהייט. די עלטערע האָט געהאַט א פאַר־טומירטן פנים פון גרויען שוויים און צעקראָכענער פאַרב. די יינגערע האָט זיך פעסט געקלאַמערט אין אירע אָרעמס. צופוסנס איז, מיטן שנאָבל אראָפּ, געלעגן א ליידיק פלעשל פון ראָם.

זשאַק איז אוועק אין א נאָענטן הויף, וואו מענטשן האָבן געקלעפּט ווי פליגן אַרום א ברונעם. ער האָט זיך אַרומגעוואַשן אין אן אַזיערע און קוקנדיק אין וואַסער־שפיגל, האָט ער קוים דערקענט זיין אייגענעם, באַ־וואַקסענעם פנים. ער האָט אָנגעשעפּט וואַסער און זיך געאיילט אויפצו־וועקן זשערמענען.

ווידער האָבן זיי געשפּאַנט מיטן צוג. זי איז געגאַנגען לעבן אים אָן

אויסגערוטע און פרייליכע, און האָט זיך ניט געמאַכט קיין זאָרגן. אַצינד האָט זי זיך פאַרלאָזן, אַז ער וועט שוין אַלץ דערליידיקן.

— וואוהין גייען מיר? — האָט זי נאָכלעסיק געפרעגט.

— איך ווייס ניט. דערווייל גייען מיר קיין וויערזאָן. דאָן וועט מען ווייטער זען.

— די סאָלדאַטן ווייסן אויך ניט וואוהין זיי גייען?

— יאָ, מיר ווייסן!.. אין פאַריז האָט מען געהייסן גיין קיין עטאַמפּ. אין עטאַמפּ האָט מען געגעבן אַ פּושקע „מאַלפּע" און געהייסן לויפן קיין אָרלעאַן. אין אָרלעאַן איז שוין קיינער ניט געווען, וואָס זאָל הייסן. מי'ן זען אין וויערזאָן!

— ערגעץ וואו מוז דאָך דער צוג שטיין בלייבן? — האָט זי באַמערקט — איך וואָלט געוואָלט זיך ערגעץ וואו אָפּשטעלן אַף עטלעכע טעג.

— גוט. באַ דער ערשטער געלעגנהייט וועלן מיר נעמען אַ צימער און זיך אויסרוען.

אָבער מער ווי אַף קורצע פּויזעס באַטאָג און אַף נאַכטלעגער אין פעלד האָבן זיי זיך ניט אָפּגעשטעלט. זשאַק האָט איצט מער ניט געקלערט וועגן פּיערן. זשערמען איז געווען זיינע מיט לייב און לעבן. באַטאָג האָט זי, ווי אַ קינד, זיך אָנגעטרויט זיין שוץ, און אין די נעכט האָט זי, ווי אַן אויסגעהונגערטע פרוי, אים געראָפן מיט אַלע אירע גלידער. יעדן אײַנדערפרי האָט זי געזאָגט:

— אין נאָנטסטן שטעטל וועלן מיר זוכן אַ צימער און פאַרבלייבן עטלעכע טעג!

אָבער קומענדיק אין נאָנטסטן שטעטל, האָבן זיי געטראָפן קינד און קייט אַרויסגייענדיק פון די הייזער מיט פּעקלעך אין די הענט. די אײַנוואוינער האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן צוג און דער צוג איז געוואַקסן ווי אַ שניי־באַל, וואָס קייקלט זיך איבער אַ פעלד און קלעפּט אַף זיך אַלץ נײַע שיכטן.

— פאַרוואָס אַנטלויפן זיי גראָדע, ווען מיר קומען? — האָט זיך געערגערט זשערמען.

— ווייל גראָדע הינטער אונדז קומען די דייטשן. מיר זיינען דער צייכן פאַר אַנטלויפן!

— און ביז וואוהין?

— אפשר קיין אפריקע... מען זאגט, אז די ארמיי וועט זיך ארי־בערכאפן קיין אפריקע. וועסט מיטפארן?

— זיכער! אומעטום, וואו דו וועסט פארן.

טיילמאל זיינען זיי געפארן שטיקלעך וועג מיט מיליטערישע קא־מיאנען. אומעטום האבן די סאלדאטן געטענהט דאס זעלבע:

— קיין איין פראנצויזישער אוויאן איז ניט געווען אפן פראנט!

— זיי האבן אונדז פארקויפט!

פון הינטן זיינען אנגעלאפן שנעלע מיטראיעזן־אויטאס. דאן זיינען אונטערן הימל דערשינען אוויאנען און אראפגעווארפן באמבעס. די קא־ראוואנע איז שטיין געבליבן און דער עולם האט זיך געווארפן אין די גראבנס. זשאק האט צוגעדעקט זשערמענען מיט זיינע ארעמס.

— לאמיר בעסער גיין צופוס האט ער נאכדעם געזאגט. מען דארף אויסמיידן געדיכטע, מיליטערישע קאנוואיען.

איינמאל, מיטאג צייט, זיינען זיי אראפ פון הויפט־וועג צו א דארף. די הייזער זיינען געשטאנען פארשלאסן און די הויפן פאריגלט. אין איין הויף האבן זיי דערזען צוויי אלטע פויערים: דער מאן, אן אויסגעמאגער־טער, מיט א קאפ פון א סקעלעט און די פרוי — א דיקע, האט קוים גע־שלעפט אירע פיס אונטערן צעפלאסענעם קערפער.

— מען קען קריגן א טרונק? — האט געפרעגט זשאק.

— קומט'סט אריין. מיר קלייבן זיך גראדע לאזן אין וועג אריין.

זי האט זיי צוגעפירט צו א טיפן ברונעם און ס'האט געדויערט א היפשע ווײַלע ביז זשאק האט ארויפגעצויגן אן עמער וואסער.

— אייז־קאלט! — האט זיך פאסמאקעוועט זשערמען. זי האט א גאס געטאן עטלעכע הויפנס וואסער אף איר פנים און שטיפעריש בא־שפריצט זשאקן.

די אלטע האט געשאקלט מיטן קאפ:

— ניט לאנג נאך דער חתונה, וואס?

— יא! — האט פארזיכערט זשערמען — אונדזער האניק־חודש!

— אזוי יונג און שוין אזויפיל צרות — האט זיי די אלטע בא־דויערט.

— מיר פראווען אונדזער חתונה־רייזע. א קלייניקייט? א רייזע אי־בער גאנץ פראנקרייך!

— פון די קינדער האבן מיר שוין א חודש צייט גארנישט גע־

הערט! — האָט דערציילט די אַלטע — צוויי זין אין דער מלחמה. איינער האָט, פּונקט ווי איר, חתונה געהאַט אַ חודש פאַרן קריג.

זי האָט אונטערגעאיילט דעם אַלטן, וואָס האָט זיך אַרומגעדרייט איבערן הויף:

— נו, מיר זיינען גרייט?

— שלעפּן דאָס פּעקל ביינער אַף דער עלטער! — האָט יענער געקרעכצט — זיך וואַלגערן אין דער פרעמד!

— האָסט צוגעגרייט וואַסער פאַר די קראַליקעס?

— יאָ!

— און די קאַטשקעס?

— כ'האָב זיי אַרויסגעלאָזט אַפן סטאַוו... נו, און דיינע הינער?

— כ'האָב זיי געוואָלט אַריינלאָזן אין גאָרטן, ווען זיי אָבער מאַכן אַ תּל פון ביסל גרינס!

— די קי זיינען אַף דער לאָנקע... נאָר די חזירים — ווער קען דען אָנגרייטן אַף אַ לענגערער צייט עסן פאַר חזירים?!

— מען דאַרף זען פאַרזאָרגן די בהמות פאַרן אַוועקגיין! — האָט זיי די אַלטע דערקלערט — ווער ווייסט, אפשר וועט מען אינגיכן צוריקקומען. זיי וועלן עס גאָר ניט כאַפּן קיין מיתה משונה, די דייטשן?

אַרויסגייענדיק פון הויף האָט זשערמען פאָרגעשלאָגן:

— לאָמיר אַ ביסל גיין מיט די פעלדער. אַפן שאָסיי פרעסט מען דעם שטויב און דער צוג שווינדלט פאַר די אויגן. משוגע צו ווערן!

זיי האָבן געשפּאַנט מיט געשלענגלטע שטעגלעך צווישן אַרומגעשניטענע פעלדער. באַלד זיינען זיי אָנגעקומען צו אַ וואַלד. אַ הייסע זון האָט געברענט הויך אין הימל. זשערמען איז גיך געוואָרן מיד. זיי האָבן זיך אויסגעצויגן אין שאָטן פון אַ בוים. אַרום האָט זיך געגרינט דער וואַלד. אַף די צווייגן האָבן צוויטשענדיק אַרומגעשפּרונגען פויגעלעך. גרילן האָבן זיך דורכגעשמועסט אין צעוואַקסענעם גראָז. אַ שלוהדיקע רואיקייט איז געלעגן פאַרחלשט אין בלויען, צעוואַרעמטן רוים. ווייט אַרום האָט מען ניט אָנגעזען קיין לעבעדיקן נפש און קיין זכר פון מלחמה. זי האָט אָנגענומען זיין האַנט:

— וואָלסט דאָ געבליבן מיט מיר, זשאַק?

— יאָ!

— גיב אַ קוק, ס'וואָלט דאָ גאָר ניט איינגעפאַלן, אַז ערגעץ וואו קומט פאַר אַ מלחמה.

זי איז איינגעשלאָפן האַלטנדיק איר האַנט אין זיינער. זשאַק האָט זיך שטיל אויפגעהויבן, אָנגעזאַמלט טרוקענע צווייגלעך און געמאַכט אַ פייער. דאַן האָט ער אָנגעשפּיזט אויפן שטילעט אַ שטיק פליש, וואָס ער האָט איינגעהאַנדלט דורכגייענדיק ערגעץ אַ דאָרף, און עס געהאַלטן איבער די רויטע צונגען. דאָס קנאַקן פון די ברענענדיקע צווייגלעך און דאָס טיקען פון בלוט האָבן אויפגעוועקט זשערמענען. אַ דערשראָקענע האָט זי געפרעגט:

— מיר מוזן גיין ווייטער?

— אודאי, די דייטשן זיינען ניט ווייט!

באַלד האָט זי זיך אַנטציקט פון דער צוגעגרייטער פּאַטראַווע:

— איך האָב שטענדיק ליב געהאַט אַ האַלב־רויען ביפשטעק! און די, זשאַק?

אָבער גלייך נאָכן עסן איז ווידער געוואָרן אומעטיק:

— מיר מוזן דען מאַרשירן מיטן אַלגעמיינעם צוג? ס'איז משוגע צו ווערן פון שטויב און ליאַרעם...

— מיר קענען גיין מיט זייטיקע וועגן.

— און מירן ניט פאַרקריכן צו די דייטשן? זיי וועלן דאָך דיך נעמען געפאַנגען!

— ניין, מירן גיין פּאַראַלעל צום הויפּט־שאָסיי און וועלן זען אַרויס־קומען אין שאַטאַרו. דאָרט וועל איך זיך ווידער מעלדן ביי דער מילי־טערישער מאַכט.

זיי זיינען דורכגעגאַנגען אַ סך שטעטלעך און אין ערגעץ ניט גע־פונען קיין צימער איבערצושלאָפן. די מחנות פּליטים האָבן זיך דאָ צע־גאָסן ווי אַ טייך: די מידע מענטשן זיינען אַראָפּ פון הויפּט־שאָסיי און באַשלאָסן צו בלייבן און אָפּצוואַרטן אין די קליינע שטעטלעך.

פאַר דער גאַנצער צייט האָבן זיי ניט געלייענט קיין צייטונג און גאָרניט געוואוסט פון די געשעענישן אויף דער וועלט. אין די קאַפע־הייזער האָט זיי אַ סאָלדאַט געפרעגט:

— וואוהין גייט איר?

— קיין שאַטאָרו.

— דאָרט זיינען שוין די דייטשן!

— זאָלן מיר, אפשר, גיין קיין באָרדאָ?

— אין באָרדאָ זיינען שוין פון לאַנג די דייטשן!

מען האָט ניט געקענט דערגיין קיין טאָלק און זיי האָבן זיך געלאָזן אויף דעם תחילתדיקן וועג, קיין שאַטאַרו.

קומענדיק אין יענער שטאָט, האָבן זיי געהערט, אַז פון וואָקזאַל גייט אָפּ אַ באַן קיין דרום. זיי זיינען אַהינגעלאָפן. אויף די רעלסן האָט זיך פאַרמירט אַ צוג פון בהמות־וואַגאָנען. זשאַק מיט זשערמענען זיינען אַריינגעשטיגן אין אַ וואַגאָן. זי האָט זיך אויסגעצויגן אויפן שטרוי, וואָס איז דאָרט געלעגן אויסגעשפרייט און איז אַנדרימלט געוואָרן. באַלד האָט דער צוג אָנגעהויבן זיך אָנפילן מיט מענטשן — ס׳רוב פּויערים. זשאַק האָט צוגעהערט די שמועסן:

— איבערגעלאָזן אַלץ אויף הפקר! די תבואה האָט מען אַראָפּגעפירט. אָבער ווער וועט דרעשן?

— זאָלן בעסער די חזירים פגרן, איידער די דייטשן זאָלן זיי אויפרעסן!

אַ מיידל פון אַ יאָר אַכצן, מיט אַ קליינעם קינד אויף די הענט, האָט כסדר איבערגעפרעגט איר מאַמען, צי די סאָלדאַטן לויפן אויך קיין ליִמאָזש, וואוהין דער צוג האָט באַדאַרפט אָפּגיין. זי האָט אַלעמען דערציילט, אַז איר מאַרסעל איז אין דער אַרמיי און זי האָפט אים דאָרט צו טרעפן.

מיטאָמאָל איז אַריינגעפאָרן אין דער סטאַציע אַ צוג מיט סאָלדאַטן. באַלד איז געוואָרן אַ טומל און אַ ידיעה איז זיך צעגאַנגען פון איין עק וואָקזאַל צום צווייטן:

— שלום!... מען האָט געמאַכט שלום מיט די דייטשן!

זיבעטער קאַפּיטל

— געענדיקט דער קריג?

— דערווייל נאָר וואַפנשטילשטאַנד! אָבער אינגיכן וועט געשלאָסן ווערן דער שלום.

— פון וואַנען קומט די נייעס?

— וואָס הייסט פון וואַנען? די צייטונגען שרייבן עס!... די סאָל־דאַטן האָבן געבראַכט די ידיעה.

איין ווײַלע דערפילט זשאַק אַ פרייד. געענדיקט! אַ סוף צום קאַש־מאַר! מען וועט מער ניט לויפן, ניט ליגן אין טראַנשייען, ניט מורא האָבן פאַר קיין באָמבעס. מען וועט אויפהערן לעבן ווי די חיות אין די נאָרעס!

אָבער באַלד כאַפּט אים אַרום אַ פאַרצווייפלונג: שלום?... מיט וועמען?... היטלער וועט דאָך זיכער זיין דער זיגער אין דעם דאָזיקן שלום! וועט מען טאַקע אויפהערן לעבן ווי די חיות און ווערן צוריק מענטשן?

ער קען זיך איצט ניט פאַרטראַכטן איבער דעם, וואָס וועט קומען נאָך דעם דאָזיקן שלום. אָבער אין טיפן יאוש, וואָס פאַרקלעמט זיין האַרץ, ליגט אַ פאַרגעפיל פון דער וועלט, וואָס וועט געבוירן ווערן פון דאָזיקן פרידן. זיין פרייד ווערט צערונען און שפּורלאָז אויסגעמעקט. ניין, עס קען ניט זיין, עס קען ניט זיין! — קלערט ער און כאַפּט זיך אַראָפּ פון וואַגאָן.

פון דעם צוג, וואָס איז דאָ שטיין געבליבן אַפן וועג צום דרום, שטראָמען אַרויס סאָלדאַטן און דערציילן די נייעס. זשאַק פאַרהאַלט איי־נעם פון זיי:

— טאַקע וואַפנשטילשטאַנד?

— אודאי! פראַנקרייך און ענגלאַנד האָבן פאַרגעלייגט היטלערן איבערצורייסן די מלחמה. מען שלאָגט זיך מער ניט!

— מען האָט זיך שוין סיי ווי ניט געשלאָגן — מישט זיך אַ צוויי־

טער סאָלדאַט אַריין אין שמועס — אין בורזש און אין וויערזאָן זיינען אונדז די ציוויליסטן באַפאַלן און מיט כוח געוואָלט צונעמען די ביקסן!

— וואָס הייסט? — פרעגט זשאַק פאַרוואונדערט — פאַרוואָס?

— ווייל זיי האָבן זיך דערקלערט אַלס אָפענע שטעט, כדי ניט באָמבאַרדירט צו ווערן פון די דייטשן. און על פּי דין טאָרן אין אָפענע שטעט זיך ניט געפינען קיין באַוואָפנטע מיליטער־לייט!

ער שפּייט אויס מיט כעס און רעדט ווייטער:

— הינטישע לעבערס! איך האָב די ביקס ניט אָפּגעגעבן, נישקשה, זי וועט נאָך צונוץ קומען!

אַרום ריידן אַלע וועגן שלום. ווייבער פרעגן זיך נאָך, ווען וועט מען קענען זיך אומקערן קיין פּאַריז, קיין ליל, קיין אָרלעאַן. נאָר געציילטע מענטשן גייען אַרום מיט ערנסטע, טרויעריקע פּנימער. בײַ דער טיר פון זיין וואַגאָן שטייען צוויי אַרבעטער. מען האָט זיי געהאַט עוואַקואירט מיט זייער פאַבריק פון פאַריזער געגנט און זיי האָבן פאַרלאָרן די קאָמיאָנען מיט די מאַשינען אין וועג. אַצינד דרייען זיי גלאָזן פּאַפּיראָסן:

— זיי האָבן אונדז גוט פאַרקויפט, וואָס? — זאָגט איינער.

— ס'איז ניט געענדיקט — ענטפערט דער צווייטער מיט פאַר־ביסענער עקשנות אין דער שטימע — איצט וועלן זיי האָבן צו טאָן מיטן פאָלק!

זשאַק שטייגט אַריין אין פּי־וואַגאָן. דער עולם ליגט אויפן שטרוי און שמועסט וועגן די געשעענישן. קיינער קען ניט געבן די באַדינגונגען פון שלום, אָבער כמעט אַלע זאָגן אַרויס זייערע מיינונגען מיט זיכערקייט:

— איטאַליע וועט באַקומען טוניס און קאָרסיקע!

— האָסט פאַרגעסן ניצאַ און די סאַוואָיאַ! — באַמערקט אים אַ צווייטער.

— די פאַרשאָלטענע מאַקאַראָנים! — בייזערט זיך אַ יונגער סאָל־דאַט — זיי האָבן זיך דאָך אפילו ניט געשלאָגן!

— און די דייטשן וועלן קריגן עלזאַס און לאָטרינגען — רעכנט אויס דער ערשטער — און פּוילן, און טשעכאָסלאָוואַקיע... און אונדזערע קאָלאָניעס אין אַפריקע...

די פרויען פירן אַ באַזונדערן שמועס. די יונגע פרוי, מיטן קינד אויפן אָרעם, רעדט מיט שמחה:

— איצט וועט מאַרסעל קומען אַהיים!... אויב ער איז אפילו גע־פאַנגען, וועלן זיי דאָך אים גלייך באַפרייען, ניין?

— אויב מיר וועלן זיך גלייך אומקערן אהיים — זאָגט אן אַלטע פויערטע צו איר מאַן — וועלן נאָך די קי זיין לעבעדיק!...

— און די יאַפּאַנער וועלן קריגן אינדאָ־כינע! — רעכנט אַלץ אויס דער ערשטער אויף די פינגער.

— טאַטע! — ווענדעט זיך די יונגע פרוי צו אן עלטערן פויער — מאַרסעל וועט נאָך קענען קומען צום שניט פון די וויינטרויבן, אמת?

— לאָז א ווייל! — שטויסט דער אַלטער זי אָפּ — לאָז הערן, וואָס מענטשן ריידן.

— וויים איך וואָס! — מאַכט די יונגע אוועק די גאַנצע פּאָליטיק מיט דער האַנט — וואָס גייען מיר אָן אייער אינדאָ־כינע מיט אפריקע... מיט עלזאַס... מאַרסעל וועט צוריקקומען! — זי ווענדעט זיך צו דער מאַמען — און דו וועסט זען, אז ס'וועלן זיין היינטיקס יאָר געראָטענע וויינטרויבן. עס זיינען געפאַלן א סך רעגנס. די טרויבן וועלן זיין אָנגע־פילט מיט זאַפט.

— און די ענגלענדער? — אינפאָרמירט זיך דער יונגער סאָלדאַט באַם מאַן, וואָס ווייסט אַלצדינג אזוי גענוי — נישקשה, בא זיי וועט מען אויך אָפּשניידן א שיין שטיקל, זיי האָבן זיך נאָך וויניקער געשלאָגן ווי מיר!

— אודאי — פאַרזיכערט יענער — די דייטשן וועלן בא זיי צו־נעמען אַלע קאָלאָניעס פון אַפריקע. און מוסאָליני וועט נעמען עגיפּטן און פּאַלעסטינע...

זשערמען שלאָפט אין א טונקעלן ווינקל פון וואַגאָן. זשאַק ליגט אַבּן שטרוי און הערט צו די רייד. וועגן פראַנקרייך ריידן זיי כלל ניט, די אַלע מענטשן. זיי מיינען אודאי, אז פראַנקרייך וועט בלייבן גאַנץ!... באַם לעצטן זאַץ וועגן פּאַלעסטינע, גיט ער זיך פּלוצלינג א פרעג:

— און די יידן?

ער דערמאָנט זיך אָן זיינע עלטערן, ער דערמאָנט זיך דעם גורל פון די יידן אין דייטשלאַנד. ניין, ווי עס זאָל ניט זיין, וועט פאַר די יידן ניט זיין קיין פּלאַץ אין דער דאָזיקער וועלט!

— און די קראַליקעס? — רייסט א שטימע איבער זיינע געדאַנקען.

די פויערטעס ריידן איצט שטיל, כדי ניט דערצאָרענען די מענער, וואָס זיינען אזוי פאַרטאָן אין הויכע ענינים. איינע זאָגט:

— די חזירים זאָלן כאָטש אויסהאַלטן ביז מיר וועלן צוריקקומען!

אַ שכן האָט צוגעזאָגט האַלטן אַף זײ אַן אויג. אָבער אין לעצטן מאָמענט איז ער אודאי אויך אַנטלאָפֿן...

— וואָס מײנט איר, װען װעט מען קענען זיך אומקערן אַהײם?

די מענער האָבן אָנגעהויבן דיסקוטירן און זײערע אויפגערעגטע שטימען האָבן אויפגעוועקט זשערמענען. זי האָט זיך אויפגעזעצט און פונדערווײטנס אַ פרעג געטאָן:

— מען פאָרט נאָך אַלץ ניט, זשאַק?

— ס'איז שלום! — האָט איר געענטפערט די יונגע פרוי מיטן קינד אַפן אָרעם.

זשערמען האָט ניט געוואָלט גלויבן. זשאַק איז צוגעגאַנגען נענטער צו איר און האָט שטיל געזאָגט:

— ס'איז אמת. די מלחמה האָט זיך געענדיקט!

— אָה! — איז זשערמען אויפגעשפרונגען — געענדיקט די מלחמה!... איצט וועלן מיר פאָרן צוריק קײן פּאַריז! אַף צוריק וועלן מיר פאָרן מיט אַן אמתן צוג און ניט װי די בהמות. און טאַטע־מאַמע וועלן צוריק קומען. און פּיער וועט צוריק קומען! כ'האָב ניט אויסגעוואַשן די טעלער פאַרן אַוועקגײן און פּיער וועט זײן בײז, וואָס איך בין אַזאַ שלעכטע בעל־הביתטע...

פּיער? — האָט אַ קלער געטאָן זשאַק — ער האָט אינגאַנצן פאַרגעסן אָן פּיערן די לעצטע טעג. איצט שטײט יענער ווידער צווישן זײ. אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען זינט דער נאַכט אין סטאָג שטרוי, איז געווען ניט מער װי אַ צױבער, אַ כשוף אַזאַ, וואָס האָט געדויערט עטלעכע טעג און איז איצט אויסגעוועפּט געוואָרן באַ דעם שײן פון דער ווירקלעכקײט. און ער האָט זיך געלאָזט פאַרבלענדן די אויגן דורכן דאָזיקן כשוף!

אין וואָקזאַל פאָרט אַרײן אַ נײער צוג. ער באַשטײט הויפּטזעכלעך פון אָפענע פּלאַטפאָרמעס, וואָס זײנען באַלײגט מיט פּעק און פּליטים. דאָ, אין דרום, האָבן די באַנען ניט אויפגעהערט צו גײן און די פּוסגײער, וואָס האָבן זיך דערשלאָגן ביז אַהער, האָבן זיך אַרויפגעכאַפּט אַף די באַנען. זײ דערוויסן זיך די נײעס וועגן שלום און באַלד הויבט דאָרט אָן צו הוזשען װי אין אַ בינשטאָק. אַ חברה־מאַן דערטאַפּט ערגעץ אין אַ געשלאָכענעם צוג עטלעכע פעסלעך ווײן און דער עולם לאָזט זיך אַהינצו מיט פלעשער און טעפּלעך, וואָס זײ שטופּן אונטער די צעעפנטע קראַנען. אַנדערע שטעלן אונטער די מײַלער און לאָזן אַרײנשטראָמען די רויטע פליסיקײט גלײך פון פאַס אין האַלדז אַרײן.

פלוצלינג צעהילכט זיך דער הויך־רײדער פון וואָקזאַל:

— אַלע ציווילױסטן און סאָלדאַטן, אויסער די באַן־אַרבעטער, ווערן אויפגעפאָדערט צו פאַרלאָזן אין זעלבן אויגנבליק דעם וואָקזאַל! עס דער־נענטערן זיך פײנטלעכע אַוויאָנען!

ס'איז געוואָרן אַ בהלה. דער עולם איז געשפּרונגען פון די פּלאַט־פאָרמעס און וואַגאָנען און זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר. זשאַק האָט אָנ־געכאַפּט זשערמענען פאַר דער האַנט און איז געלאָפן מיט איר צום אַרויס־גאַנג. בײַ דער טיר איז געווען אַ דראַנג און אַ שטופּעניש. זשערמען האָט אַ געשריי געטאָן און אָפּגעלאָזן זיין האַנט. ער האָט זיך אַ ריס גע־טאָן אויף צוריק, אָבער דער מענטשן שטראָם האָט אים צוריקגעשטויסן. אין אַלטע פּרוי האָט היסטעריש געשריען:

— לאָזט אַדורך! לאָזט אַדורך! מיר זײַנען פאַרלאָרן!

ער איז אַרויסגעדרענגט געוואָרן אויף דער גאַס, איז שטיין געבליבן און געזוכט זשערמענען צווישן דער מאַסע, וואָס איז באַהערשט געוואָרן פון אַ פּאַניק. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט זיך דערהערט אַ ברומען פון אַוויאָנען. דער גערויש האָט זיך דערנענטערט, איז שטאַרקער געוואָרן און אָנגעפילט די לופט מיט אַ ציטער. מענטשן זײַנען געלאָפן אין אַלע זײַטן. אַ שטימע האָט געשריען:

— לייגט זיך אויף דער ערד! אויף דער ערד!

זשאַק האָט אַליין געקוקט אַרום. דער עולם איז שוין געלעגן אויסגע־צויגן אויפן ברוק און צוגעדריקט צו די ווענט. עמעצער האָט זיך געבייזערט אויף אים:

— העי, סאָלדאַט, לייג זיך! דו וועסט אונדז אַלעמען אומברענגען!...

ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד. ניט ווייט, אויף דער באַן־ליניע, האָט אויפגעריסן אַ באָמבע. די צונגן זײַנען מער ניט געגאַנגען. זשאַק האָט זיך אַרומגעדרייט אַרום וואָקזאַל און אין ערגעץ ניט געטראָפן זשערמענען. ער האָט זיך אַרומגעשלעפּט איבער דער שטאָט. די הויפּט־קאַראַוואַנע פון די פּליטים — צופוס, אויף וואָגנס און אויטאָס — האָט זיך געצויגן ווי פריער, אָבלדיק און מאָנאָטאָן. די מענטשן זײַנען געגאַנגען ווי אויטאָמאַטן, ווי געטריבן דורך אַ בלינדן כוח. די פּנימער זײַנען געווען פאַרוואַקסן, אָפּגעברענט און שמוציק. די שטאָט איז כסדר באָמבאַרדירט געוואָרן צוליב די פראַנצויזישע אַוויאַציע־פאַבריקן, וואָס האָבן זיך דאָ געפונען. מען איז געלאָפן ווי פון אַ שׂרפה, אַלץ ווייטער און ווייטער.

אפשר איז זשערמען אַרויס אויפן וועג און זוכט מיך? — האָט ער

א קלער געטאָן. ער איז אַוועק אין דער אַרטיקער קאַזאַרמע פרעגן איג־סטרוקציעס. די געביידע איז געווען באַלאַגערט פון טויזנטער סאָלדאַטן, וואָס זיינען געלאָפן פון צפון. דאָרט האָט מען איעדן, נאָך דער ריי, גע־געבן אַ פּושקע קאָנסערוון־פליייש מיט אַ ברויט און אָנגעזאָגט:

— גייט ווייטער, קיין לימאָזש!

זשאַק האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן צוג און איז אַרויס פון דער שטאָט. ער האָט זיך איצט געפילט שטאַרק איינזאַם און כדי צו פאַרטרייבן זיין מרה־שחורה, האָט ער גלייך אָנגעקניפּט אַ שמועס מיט אַ יונגן סאָלדאַט, וואָס האָט געשטאַמט פון אַ פּאַריזער פאָרשטאָט.

— ס׳איז וואָפנשטילשטאַנד אָדער ניט? — האָט ער יענעם גע־פרעגט.

— פראַנקרייך האָט געבעטן פרידן.

— און פאַרוואָס באָמבאַרדירן זיי אַלץ?

— דערווייל פירן זיך די אונטערהאַנדלונגען און כדי אַרויסצובאַ־קומען בעסערע באַדינגונגען, טעראָריזירן זיי די ציווילע באַפעלקערונג.

— אָבער עס רעדט זיך דאָך נאָר פון וואָפנשטילשטאַנד און ניט פון שלום־באַדינגונגען! — האָט געזאָגט זשאַק.

— די באַדינגונגען פון וואָפנשטילשטאַנד זיינען זייער וויכטיק פאַר די דייטשן. זיי ווילן זיכער קריגן דעם פראַנצויזישן פלאָט און די פראַנ־צויזישע ברעגעס פון אַטלאַנטיק, כדי צו באַזיגן אױף גיך ענגלאַנד. — האָט יענער כמעט גלייכגילטיק דערקלערט.

— וואָס הייסט? ענגלאַנד האָט ניט געבעטן קיין וואָפנשטיל־שטאַנד?

— ניין, זיי פירן ווייטער די מלחמה! אָבער ווי לאַנג וועלן זיי האַלטן?

זשאַק האָט אָפּגעאָטעמט. דער קריג איז ניט געענדיקט! היטלער האָט ניט פאַרכאַפּט די וועלט! פול מיט ענטוזיאַזם האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— און נאָך ענגלאַנד זיינען נאָך פאַראַן אַמעריקע און די רוסן!

— די רוסן? — האָט דער סאָלדאַט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — זיי האָבן דאָך געמאַכט שלום מיט די נאַציס!... און די אַמעריקאַנער, האָבן אונדז ניט געהאָלפן. די ענגלענדער זיינען גלייך אַפּגעצויגן מיט זייערע עטלעכע דיוויזיעס. מען האָט געלאָזן פראַנקרייך אַליין זיך שלאָגן מיט די טעאוטאָנישע האָרדעס!

— ס׳איז גאָרנישט, אויב זיי אַלע וועלן זיך ניט שלאָגן מיט היט־

לערן, וועט ער זיך שלאָגן מיט זיי. פריער אָדער שפּעטער!... און ער וועט האָבן די גאַנצע וועלט קעגן זיך.

דער סאָלדאַט האָט זיך אַ ווײַלע פאַרקלערט.

— דעמאָלט וועלן מיר זיך אויך שלאָגן! — האָט ער געזאָגט.

— מיינסטו?

— זיכער! פינף און צוואַנציק יאָר האָבן מיר געהאַלטן אין איין מורא האָבן פאַר מלחמה. מיר האָבן מורא געהאַט און מיר האָבן פאַראַכ־טעט די אומזיניקע בלוט־פאַרגיסונגען. אַ קריג איז פאַר אונדז געווען דאָס ערגסטע אויף דער וועלט. אָבער איצט וועט אפשר דער קומענדיקער שלום זיין דאָס ערגסטע אויף דער וועלט!...

זיי האָבן געגעסן צוזאַמען זייער ברויט מיט די קאָנסערוון און זיך געלייגט שלאָפן אין זעלבן באַרג שטרוי בא אַ פאָלוואַרק. זשאַק האָט גע־קוקט אויף די שטערן און געטראַכט וועגן מלחמה און שלום: ווער איז שול־דיק, וואָס פראַנקרייך איז געפאַלן? אודאי איז געווען פאַראַט פון אויבן! אָבער דאָס פאָלק האָט אויך ניט געוואָלט מלחמה האַלטן. איז עס דען אַן עולה?... ניין! דער אומגליק איז געווען, וואָס די דייטשן האָבן זיך יאָ געוואָלט שלאָגן!... אויב די וועלט וועט, ווען עס איז, דערגיין צו אַן אמתן שלום, וועלן דאַן אַלע פעלקער האָבן דעם זעלבן ווידערווילן אין פאַראַכטונג צו מיליטאַריזם און קריג, ווי די פראַנצויזן האָבן עס געהאַט ערב דער היינטיקער מלחמה... און אפשר האָבן זיי געמאַכט אַ שפּרונג פון הונדערט יאָר פאָראויס? און האָבנדיק אַזעלכע שכנים, טאָר מען אודאי קיין פאַרשפּרונגען ניט מאַכן!... ווי האָט געזאָגט זיין שכן, וואָס שלאָפט לעבן אים: ביז איצטער איז דער קריג געווען פאַר די פראַנצויזן דאָס שרעקלעכסטע אויף דער וועלט, אַצינד וועט עס זיין דער פרידן, וואָס מען וועט זיי דיקטירן...

צומאָרגנס פאַרטאָג האָבן זיי זיך ווידער געלאָזן אין וועג. כאָטש שיטערער ווי פריער, האָט דער מענטשן־צוג זיך ווייטער געצויגן פאָראויס, צום דרום.

— פאַרוואָס לויפן מיר ווייטער? — האָט זיך געוואונדערט זשאַק

— ס'איז דאָך וואַפנשטילשטאַנד!

— ביז מען וועט ניט אונטערשרייבן די באַדינגונגען, גייען די דייטשן פאָראויס און וועמען זיי כאַפּן, נעמען זיי געפאַנגען.

זשאַק האָט באַטראַכט די מענטשן, וואָס האָבן געשפּאַנט לעבן אים און געוואָרפן זוכנדיקע בליקן אויף יעדן פאַרבייפאָרנדיקן וואָגן.

— דו זוכסט עמעצן? — האָט געפרעגט דער סאָלדאַט.

— ניין... יאָ!...

— איעדער זוכט דאָ עמעצן, גאַנץ פראַנקרייך האָט זיך פאַרלוירן אויף די וועגן!

זשאַק האָט געזוכט זשערמענען. ער האָט זי ניט געפונען ניט אויף וועג און ניט אין די פּליטים־צענטערן פון לימאָזש און טולוז. אַלע שולן, קינאָס און טעאַטערן זיינען דאָרט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מין הכנסת־אורחים. מען האָט געוואַרט מיט אומגעדולד אויף אומצוקערן זיך אַהיים. ווען דער וואַפנשטילשטאַנד איז אונטערגעשריבן געוואָרן, האָבן יונגע חברה זיך אַ לאָז געטאָן אויף ראָווערן קיין פּאַריז. זיי זיינען צוריקגעקומען אין דריי טעג אַרום און מודיע געווען דעם דערשטוינטן עולם:

— מען קאָן זיך נאָך ניט אומקערן. די דייטשן לאָזן ניט אַדורך!

און אַלע האָבן געוואוסט, אַז די דעה איבער פראַנקרייך האָבן איצט די דייטשן.

* * *

עס זיינען אַריבער וואָכן און חדשים. אין דער איינזאַמקייט פון זיין קליינעם האָטעל־צימער, אין באַזעצטן פּאַריז, איז אים זשערמען פאָרגע־קומען ווי אַ פאַרבלאַסטער חלום פון אַ ווייטער פאַרגאַנגענהייט. ער איז געוואָרן שווייגעוודיק און פאַרשלאָסן אין זיך. און ווען ער האָט זי איינ־מאָל צופעליק געטראָפן אין גאַס, האָבן זיי קוים גערעדט נאָר געציילטע ווערטער.

און דאַן איז פאָרגעקומען זייער אומגעריכטע באַגעגעניש. און ווי מיט אַנדערטהאַלבן יאָר צוריק, אויף די וועגן פון פראַנקרייך, האָט זיי דער צויבער פון ליבע אויך דאָסמאָל אַרויסגעריסן פון דער שטורמישער אומ־וועלט און זיי האָבן זיך דערפילט אַליין, באַהערשט פון אַ טיפער צוגע־בונדנקייט, אויסערהאַלב אומשטענדן, צייט און אָרט.

און ווי דאַן האָט דער שאָטן פון פייער אויפגעטויכט און זיך גע־שטעלט צווישן זיי.

פערטער טייל

ערשטער קאַפּיטל

א ווײַלע האָבן זיי בײדע געשוויגן. דאָס קאַרטל האָט זיך אַרויס־געגליטשט פון זשאַקס הענט און דער גערויש האָט אויפגעוועקט זשער־מענען.

— פאַרוואָס פּרעגסטו אַזוי־פיל? — האָט זי ניט אויפגעהויבן דעם קאָפּ — דווקא איצט? מוזט כסדר ריידן וועגן דעם?

זי האָט זיך געזעצט אַפן צוגעדעקטן בעט און אַנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אַף די עלנבויגנס. זשאַק איז אַלץ געשטאַנען באַם טיש:

איך האָב ניט געוואָלט, אָבער...

ער האָט אַ שפּאַן געטאָן איבערן צימער, ווי עס וואָלט אים אַזוי אַרום געווען לײַכטער צו ריידן:

— מיר זײַנען געלאָפן צוזאַמען אַפן וועג קיין פּאַריז. ס'איז געווען שטאַרק פינצטער. איך האָב אים פאַרבאַנדאַזשירט דעם פוס. ווען איך בין אַוועק, האָט ער מיר נאָכגערופן: פאַרגעס ניט צו גריסן זשערמענען!

זי האָט ניט צוגעהערט. מיטאַמאָל האָט זי זיך אויפגעהויבן:

— ס'איז שוין שפּעט און מאָרגן דאַרף איך אויפשטיין פרי צו דער אַרבעט.

זי האָט געמאַכט דאָס בעט און בשעת מעשה גערעדט מער צו זיך ווי צו אים:

— וואַרטן... איך קען ניט מער! דאַן ביסטו אַוועק קיין שפּאַניע. צוויי יאָר האָב איך באַדאַרפט וואַרטן. איצט ווידער. דאָס גאַנצע לעבן!...

— האָסט אָבער ניט!

זי האָט זיך אומגעדרייט:

— דו מאַכסט מיר פאַרוואורפן? הער זיך אײַן: דו וועסט דאָ סײַ ווי בלײַבן. מיט מיר! דו ביסט דער מאַן, ד ו וואָלסט באַדאַרפט נעמען

אַף זיך די אחריות און פאַרלייכטערן מיין געוויסן. לכל הפּחות וואָלסטו באַדאַרפט לאָזן דרימלען די ראָזיקע ענינים. אַנשטאָט דעם וואָרפסטו די גאַנצע לאַסט אַף מיינע פּלייצעס.

ער האָט זיך פאַרלוירן. איר ניכטערקייט האָט אים תמיד פאַרשכורט ביזן פאַרלירן דעם אָטעם. אודאי וואָלט ער באַדאַרפט באַצווינגען אירע העמונגען. אַנשטאָט דעם גריבלט ער זיך:

— אפשר וועט זיך די מלחמה איינגיכן ענדיקן?

— און ביז דאַן? ווער ווייסט, וואָס ס'וועט דערווייל פּאַסירן? וויפל וועלן זיך נאָך אומקערן אַהיים?! און מיר דאָ — ביז איצט האָבן מיר נאָך געהאַט מזל!

— אַ שיינער מזל!

— יאָ, אָבער מיר האָבןביידע געלעבט אַף דער וועלט און די וועלט־געשיכטע האָט געזאָרגט, אַז מיר זאָלן זיך פון צייט צו צייט טרעפן. זי ווערט וואָס אַ טאָג אַלץ בייזער, די וועלט. ליאַדע אַ טאָג קענען זיי דיך געפינען — דאַן איז אַ סוף! און איך? אַפּפּוילן עטלעכע יאָר אין אַ לאַגער — ווי וועל איך דאַן אויסזען?

זשאַק וויל זי באַרואיקן, טרייסטן. ער וויל אויך אַליין געטרייסט ווערן. ער שפּאַרט אָן דעם קאָפּ צווישן די אָרעמס איבערן טיש. די גאַנצע יוגנט זיינע איז אַוועק אין אַ שטורעם און ער האָט זיך געהאַלטן פעסט, כדי ניט אומצופאַלן. איצט, אין אַ מאָמענט פון אָפּרו, פילט ער די מיד־קייט אין אַלע זיינע גלידער. ער וואָלט געוואָלט, אַז עמעצער זאָל זאָרגן פאַר אים. אין זיין בענקשאַפט טויכט אויף די שטימע, וואָס האָט אים פאַר עטלעכע שעה צוריק, גערופן אין דער נאַכט.

ס'איז געווען די מאַמע, וואָס האָט אים ארומגעזוכט. ווען ער איז געקומען פון שפּאַניע, איז זי אַף די שפּיץ פינגער אריין אין זיין צימער און שטילערהייט, ער איז האַלב געשלאָפן, האָט זי מיט אַ פאַרזאָרגטן פּנים באַטראַכט זיינע שיך, זיינע מלבושים... אודאי האָבן זיי געהערט אין ראַדיאָ, אַז מען זוכט אים צוליבן אַטענטאַט!

— זשאַק!...

אַ שטימע וועקט אים אויף פון זיינע מחשבות. ער ציטערט אויף. זי קומט פון דער ווייט. זי רופט און בעט, און איז גלעטנדיק ווייך ווי די שטימע, וואָס האָט אים דאָ ניט לאַנג נאָכגעשריען אין דער נאַכט. ער הויבט אויף דעם קאָפּ. זשערמען חזרט איבער שטיל:

— זשאַק, ביסט מיר דאָך ניט בייז?! אמת?

זי ליגט האַלב איינגעדרייט אין די דעקן. טויזנט פּנימער האָט זי געהאַט אין זיינע אויגן און יעדעס מאָל האָט זי זיך אַנטפּלעקט מיט אַ נייעם פּנים.

— ניין, איך בין דיר קיינמאָל ניט געווען בייז!

— זינט דו ביסט געקומען פון שפּאַניע, האָב איך יעדן טאָג גע־וואַרט, דו זאָלסט אַרויפקומען. האָסט ניט געבענקט נאָך מיר?

— געבענקט? איך האָב מיין גאַנצן לעבן געוואַרט אויף דיר. נאָך איידער איך האָב דיך געטראָפן. מיר איז שטענדיק פאָרגעקומען, אַז כ׳האָב דיך שוין ערגעץ וואו געהאַט געזען...

— ווען דען?

— ווען איך בין נאָך געווען זייער יונג.

— וואו האָסטו מיך דאַן געקענט זען? מיר האָבן דאָך דאַן גע־וואוינט אויסער פּאַריז, אין שאַנטיאַי!

— ס׳איז מיר נאָר אַזוי פאָרגעקומען... זינט איך האָב צום ערשטן מאָל געלייענט וועגן פרויען: וועגן זינד און ליבע. ווען איך בין געווען זייער יונג, האָבן מיך די עלטערן געשיקט לערנען רעליגיע, הייליקע ספרים, און ווען כ׳האָב שפּעטער געזען דיין קערפּער —

— איצט איבערטרייבסטו שוין, מיין ליבער! — האָט זשערמען איבער זיינע רייד מיט אַ שמייכל — אין די הייליקע ספרים שפּאַצירן זיכער ניט אַרום קיין פּאַריזער מאַדמואַזעלס, און נאָך נאַקעט דערצו!...

— יאָ, אָבער אַזאַ געטין איז דאָרט געווען, די עשתורת. זי האָט אַרומגעשפּאַצירט אַ הוילע איבער די הויכע בערגלעך און אונטער די גרינעביימער. זיי זיינען איר אַלע נאָכגעלאָפן, הגם גאָט האָט פאַרבאָטן צו גיין אין אירע וועגן און צו טרעטן איבער אירע שטעגן. אויך איך האָב זיך געבענקט נאָך איר. און ווען איך האָב דיך שפּעטער געטראָפן —

— און איצט האָסטו מיך ווידער געטראָפן. קום, זעץ זיך לעבן מיר!

זשאַק קוקט זיך אַרום. דאָס צימער שטערט אים, עס איז פול מיט פרעמדע דערינערונגען און וועקט זכרונות:

— מאַך אויס דאָס ליכט!

—יאָ.

זי לאַכט אים ניט אויס ווי אַמאָל, בעת זייערע ערשטע באַגעגענישן. ער הערט ווי זי לייגט זיך אין בעט, שפּאַנט דורכן פינצטערן צימער און זעצט זיך לעבן איר אויפן ראַנד. איר ווייסע האַנט דערלאַנגט אַ שימער דורך דער פינצטערניש:

— דו קענסט ליינען דיינע קליידער לעבן ראַדיאָ.

— ער פונקציאָנירט?

— יאָ.

— אַה, כ׳וואָלט נאָך געוואָלט הערן די היינטיקע אוונט־אווידיציע. ווען גיט מען ראַדיאָ־פּאַריז?

זי שטרעקט אויס די האַנט און זוכט אַ ווײַלע פּאַרזיכטיק אויפן קליי־נעם טישל. זי דערטאַפּט דאָרט אַ קליינעם זייגערל, וואָס ליכט מיט זיינע פאָספאָר־ציפערן:

— אין אַ צען מינוט אַרום. אָבער צו וואָס? זיי חזרן סיי ווי נאָר איבער די זעלבע ליגנס.

— אפשר וועלן זיי איבערחזרן די מעלדונג וועגן מיר?

— אפשר. אָבער דער אַלטער האָט דאָך שוין אַלץ דערציילט!

— איך וויל אַליין הערן. וועגן מיינע עלטערן. איך האָב היינט געזען מיין מאַמען.

— ביסט היינט געווען אינדערהיים? — דערשרעקט זיך זשער־מען — וואָס האָסטו געטאָן?

— ניין! גייענדיק אַהערצו האָט זי מיך גערופן. פונדערווייטן האָב איך זי ניט דערקאָנט. זי האָט מיך אודאי געזוכט.

— מסתמא האָבן זיי אויך געהערט אין ראַדיאָ.

— אָבער ווי קומט זי אַהער? ווי האָט זי געקענט וויסן, אַז איך בין אין דער דאָזיקער געגנט?

— איך וואָלט עס אויך געוואוסט — זי איז דיין מאַמע! איך וואָלט זי געוואָלט קענען.

זשאַק פילט איר נאָנטקייט. אירע הענט האָבן איצט ניט די פיבער־דיקע אומגעדולד פון ליידנשאַפט. זיי גלעטן און טרייסטן. אין צימער איז שוואַרץ־פינצטער. דאָס פענצטער איז פאַרשטעלט מיט געדיכטע פאָר־האַנגען און לאָזט ניט אַריין קיין שטראַל פון דרויסנדיקן שיין.

— איך וועל זונטיק אַהינגיין צו דיינע עלטערן, אמת?

זשאַק נעמט דאָס זייגערל פון טישל און הויבט אים אויף צו די אויגן.

— גיב אַכטונג אויפן זייגערל, ס׳איז אַ מתנה! יאָ, דיינע עלטערן?...

— איך וועל אים ניט צעברעכן. נאָך עטלעכע מינוט!

— דיינע עלטערן? — חזרט זי איבער — זיי זיינען דאָך יידן?

זשאַק לייגט אַוועק דאָס זייגערל:

— יאָ. איך אויך!

זי האָט זיך עטוואָס אויפגעהויבן און געפרעגט מיט פיל ערנסט:

— זאָג מיר, זשאַק, וויפל יידן זיינען אייגנטלעך פאַראַן אַף דער וועלט? מער ווי אַלע אַנדערע?

— וואָס הייסט, ווי אַלע אַנדערע?

— איך מיין צי די מערהייט מענטשן זיינען יידן אָדער ניט יידן?

— אָבער וואָס רעדסטו פאַרא נאַרישקייטן? יידן זיינען דאָך נאָר איין פאָלק! צווישן אַזויפיל הונדערטער פעלקער.

— אָבער דאָס גרעסטע! — איז זי פערעקשנט — דאָס גרעסטע אין צאָל!

— ווי קומט! די כינעזער זיינען דאָס גרעסטע פאָלק. פיר הונ־דערט מיט פופציק מיליאָן!

— ווייס איך וואָס, די כינעזער! די כינעזער עסן רייז און אין די גוטע צייטן האָבן זיי פאַרקויפט קאָלירטע פאַפּיר־לאַמטערנעס און פאַר־צעלאַן אַף די גרויסע בולוואַרן. אין לאַטייניישן קוואַרטאַל זיינען דאָן גע־ווען עטלעכע כינעזישע רעסטאָראַנען. איצט קריגט מען ניט קיין רייז אַף א רפואה. פאַרוואָס רעדט קיינער ניט פון די כינעזער?

— אין כינע רעדט מען אודאי א סך וועגן די כינעזער!

— יאָ, אין כינע! — מאַכט זי אים אַוועק מיט דער האַנט — כינע איז זייער ווייט. אָבער דאָ, אין אייראָפּע, זיינען פאַראַן א סך מער יידן איידער פראַנצויזן אָדער איטאַליענער.

— ניין, אַף דער גאַנצער וועלט זיינען פאַראַן ניט מער יידן ווי די העלפט פון דער צאָל פראַנצויזן!

— אמת? — זי איז אויסער זיך — און פאַרוואָס ריידן זיי א גאַנצן טאָג וועגן די יידן? אין רעסטאָראַן וואו איך כאַפּ זיך אריין מיטאָג־צייט, שטעלט מען אָפּט אָן דעם ראַדיאָ. איז יעדן טאָג דערציילט ער, אַז די יידן זיינען שולדיק אין אַלע צרות, אַז זיי באַהערשן די וועלט, אַז די יידן זיינען די באָלשעוויקעס און די קאַפּיטאַליסטן זיינען יידן. פונקט ווי עס וואָלטן ניט געווען קיין... וויפל זאָגסטו?... פיר הונדערט פופציק מיליאָן כינעזער אַף דער וועלט!

זי האַקט אָפּ א ווײַלע, דאַן זעצט זי זיך עטוואָס אויף:

— זאָג מיר, זשאַק, וואָס זיינען אייגנטלעך די יידן? און פאַרוואָס רודפט מען זיי מער ווי אַלעמען?

זשאַק ענטפערט ניט גלייך. וואָס זאָל ער זאָגן? ער דערלאַנגט א

בלעטער אין זיינע זכרונות ווי מען בלעטערט א בוך: דער טאטע האט געזאגט, דער רבי אפן פלעצל האט דערציילט... דער אלטער קארל מארקס אויך... ער האט אויך געהאט א גרויע באָרד... ענלעכע בערד...

ער דערמאָנט זיך זיין ערשטן שמועס מיט זשערמענען וועגן דאָזיקן ענין. ס'איז געווען מיט א סך יאָרן צוריק, אין פרייען פראַנקרייך, א לאַנגע צייט פאַרן איצטיקן שטורעם. זי האָט ניט געמאַכט קיין גרויסן וועזן פון זיין דערקלערונג און באַמערקט:

— א ייד?... דו רעדסט דאָך פראַנצויזיש ווי יעדער איינער פון אונדז!

און ווייל זיי זיינען דאַן געגאַנגען לעבן די גרויסע מאַגאַזינען, איז זי שטיין געבליבן בײַ א באַלויכטענער וויטרינע און האָט נייגעריק באַקוקט די טריקאָ־סוועטערס פון דער לעצטער מאָדע, וואָס מען האָט דאָרט גראָדע געהאַט אַרויסגעהאַנגען.

• אָבער זשאַקן האָבן די סוועטערס ניט אינטערעסירט און כדי ווייטער צו פירן דעם שמועס, האָט ער א פרעג געטאָן:

— דו ווייסט, וואָס עס איז אַזוינס א ייד?

— בײַ אונדז רופט מען מיטן נאָמען יידן די אַלע, וואָס האָבן גרויסע געשעפטן אויף די גרויסע בולוואַרן.

און הגם זי האָט כולל געווען אין באַגריף אויך אַלע גויים, וואָס האָבן געשעפטן אַף די גרויסע בולוואַרן, האָט ער זיך פונדעסטוועגן געפילט באַליידיקט. ער האָט שאַרף א פרעג געטאָן:

— ביסט אַן אַנטיסעמיטקע?

— אַן אַנטיסעמיטקע? האָט זי אים פאַרוואונדערט אָנגעקוקט — וואָס איז עס אַזוינס?

— כ'מיין, צי דו האָסט פיינט יידן?

— פאַרוואָס זאָל איך זיי פיינט האָבן? עס רעדט זיך נאָר אַזוי. אַז איינער האָט א סך געלט, איז מעג ער זיין אפילו א טערק אָדער א האָטנ־טאָט, זאָגט אַף אַזא איינעם די מאַמע: „ס'עט ען זשוויף!"

— אָבער אין אייער געגנט וואוינען דאָך אַזויפיל יידישע אַרבעטער!

— אודאי, בײַ אונדז אין הויז וואוינט אויך א יידישער שניידער...

ער האָט שוין דאַן געוואוסט, אַז ניט זשערמען און ניט איר מאַמע, זיי־נען נישט קיין אַנטיסעמיטן. פאַרקערט, זיי האָבן ניט געהאַט קיין פאַראור־טיילן לגבי קיין שום פאָלק און קיין שום ראַסע און זיינען אויפגעציטערט געוואָרן פון יעדער מענטשן־פאַרפאָלגונג. אָבער אפילו אין די מוחות פון

דאָזיקן עולם האָט געהערשט אַ מחיצה צווישן די לעבעדיקע יידן, וואָס זיי האָבן געזען אָדער געקאָנט און צווישן באַגריף „יידנטום", וואָס זיי האָבן באַקומען בירושה, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט אַ מיסטעריעזער, פאַרשוואומענער פאַרשטעלונג און מיט וועלכן מען האָט געקענט אידענטיפיצירן כל מיני אַלגעמיינע פרינציפן.

שפּעטער האָט ער באַמערקט, אַז אַ וועלכע ניט איז באַשטימטע פאַרשטעלונג וועגן יידן עקזיסטירט אין דער גאַנצער אומוועלט, אפילו אין פאַרוואָרפענע דערפלעך פון קאַטאַלאָניע און אין דער בערגיקער געגנט פון מאַדריד, וואו קיין פוס פון אַ לעבעדיקן יידן האָט שוין ניט געטראָטן זינט אַ האַלבן יאָרטויזנט. עס דאכט זיך אים, אַז די פאַרשטעלונג פון די יידן אַלס פ ר י נ צ י פ האָט נאָך אירע וואָרצלען אין טיפן מיטלאַלטער און ציט איר יניקה פון דער קרייצונגס־לעגענדע. די עקזיסטענץ פון אַזאַ לאַנגער און פאַרוואָרצלטער טראַדיציע דערמעגלעכט כסדר אריינצוגיסן אין דער לעגענדע אַ נייעם אינהאַלט, אַ צוגעפּאַסטן צום קאָמפּליצירטן מעכאַניזם פון דער געזעלשאַפט.

און אפשר זיינען יידן טאַקע אַ פרינציפ? אפשר שטעלן זיי פאָר מיט זיך אַן אידיי?... אַן אַנדערע, ווי עס מיינען די גויים, אַ דערהויבענע, אָבער דאָך אַן אייביקע אידיי, אַ דויערנדיקע, וואָס ציט זיך דורך דורות און דורות, אין פאַרשיידענע גלגולים און פאָרמען...

ער גופא האָט דאָך אַרומגעזוכט אין פאַריז דעם אייביקן יידישן גייסט. און אָט זיינען היינט די יידן ווידער אַוועקגעשטעלט געוואָרן ווי אַ תמצית, ווי אַן עיקר שבעיקרים...

זשערמען האָט מער ניט געוואַרט אויף קיין ענטפער. אַ מידע האָט זי זיך אַריינגעגליטשט אונטער די קאָלדרעס און, אַנרירנדיק זשאַקן בא דער קני, האָט זי געזאָגט מיט אַ פאַרשלאָפענער שטימע:

— איך בין מיד, גיב מיר אַ קוש!... מאָרגן וועל איך אַוועקגיין פרי און וועסט זיך קענען אויסשלאָפן. זונטיק וועלן מיר קענען ליגן ביז אַ האַלבן טאָג אין בעט.

בא די לעצטע ווערטער האָט זי זיך אויסגעדרייט צו אים מיט דער פּלייצע און איז אַנטדרימלט געוואָרן. זשאַק האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס זייגערל פון טישל און דערזען, אַז די צען מינוט זיינען שוין אַריבער. ער האָט שנעל אויפגעדרייט דעם ראַדיאָ און געשטעלט דעם ווייזערל אויף דער פאַריזער סטאַציע. די באַלויכטענע שויב פון אַפּאַראַט האָט אַ וואָרף געטאָן אַ שיטערן שיין אין פינצטערן צימער אַריין. פונדערווייטן איז אויף

כוואַליעס דערגאַנגען אַ טיף ברומען. דאַן האָט אַ שטימע דערציילט פון באָמבאַרדירטע שטעט אין ענגלאַנד און פון הויכע שנייען אין רוסלאַנד. דאַן זיינען געקומען מעלדונגען פון אָרטיקער פּאָליטיק. זשאַק האָט געביטן די סטאַציעס. מיטאַמאָל האָט ער דערהערט:

„...דעם יידן יענקל סאָקאָלאָווסקי, גערופן זשאַק, וואָס איז באַגאַנגען אַ ריי אַטענטאַטן קעגן דייטשע מיליטער־לייט און זיך באַטייליקט אין אַטענטאַט אויף דעם גאַראַזש פון בולוואַר מאַזשענטאַ...״ ער האָט אַ דריי געטאָן דאָס רעדעלע. די שטימע איז העכער געוואָרן. זי האָט אַ הילך געטאָן: „די פּאָליציי האָט אַרעסטירט דעם טאַטן פון יענקל סאָקאָלאָווסקי, דעם יידן מאיר סאָקאָלאָווסקי. אויב דער זון וועט זיך ניט מעלדן ביז מאָרגן פאַרטאָג, וועט דער טאַטע דערשאָסן ווערן צוזאַמען מיט אַנדערע פּופּציק משכנות...״

אַ צעטומלטער האָט ער ניט פאַרדרייט דעם ראַדיאָ. די הילכיקע שטימע האָט אויפגעוועקט דער איינדרימלענדיקער זשערמען. זי איז אויפגעשפּרונגען מיט אַ געשריי.

צווייטער קאַפּיטל

אין יענעם פּריטיק איז סאָקאָלאָווסקי געווען דעם גאַנצן טאָג אַליין אין שטוב. זיין געמיט האָט געוואַקלט צווישן האָפענונג און פאַרצווייפלונג. ביסלעכווייז האָט ער זיך באַרואיקט: וואָס זאָל מען טאָן? מען דאַרף דאַנקען גאָט, וואָס ער איז ניט אין זייערע הענט! מען וואָלט אים באַדאַרפט וואָרענען, זשאַקן, אָבער וואו זאָל מען אים געפינען? ער האָט באַשלאָסן אָפּצוואַרטן ביז העלען וועט קומען, כדי זיך מישב צו זיין מיט איר.

פאַרנאַכט צו איז ער געוואָרן אומרואיק. ניט העלען און ניט רחל זיינען ניט דערשינען. האָט מען זיי פאַרהאַלטן? זיי וועלן אודאי קומען אהערצו מאַכן א הויז־זוכונג! ער איז אַריין אין זונס צימער און באַטראַכט די ביבליאָטעק, צי עס איז דאָרט ניטאָ קיין טרפהנע ליטעראַטור. כמעט אַלע ווערק זיינען אים געווען אומבאַקאַנט. אַף איינער פון די פּאָליצעס האָט ער באַמערקט צען גלייכגעבונדענע ביכער. עמיל זאָלאַ! — האָט ער זיך דערפרייט — אַן אַלטער באַקאַנטער! ער האָט באַטראַכט די דיקע בענדער: א גרויסער קאָפּ געווען דער דאָזיקער זאָלאַ: האָט אָנגעשריבן אַזויפיל ספרים און נאָך צייט געהאַט צו פאַרטיידיקן א יידן!...

דאַן האָט ער אַנטדעקט א גרויסן, פאַרעלטערטן תנ"ך, וואָס מען האָט מיטגעפירט פון פוילן און אין וועלכן זשאַק האָט געהאַט געלערנט. ער האָט א בלעטער געטאָן. ס'האָט אים געצויגן צו איוב. אמת, ס'איז פּריטיק צונאַכט, ניט קיין צוגעפּאַסטער אָוונט פאַר אַזא ספר, אָבער ער האָט קיינמאָל ניט געשעצט די סתם זאָגעכצן און דאָס שלינגען פון קאַפּיטלעך תהילים, וואָס דער עולם האָט געבראָקט, ניט פאַרשטייענדיק אפילו דעם פּירוש המילות. קוהלת איז עפּעס אַנדערש. פילאָזאָפיע, טיפע רעיונות. און איוב — איוב האָט געפירט א ויכוח מיטן רבונו של עולם גופא...

ער האָט איבערגעלייענט די ערשטע שורות וועגן גאָטספּאַרכטיקן מאַן פון לאַנד עוץ, וועמען עס זיינען געבאָרן געוואָרן זיבן זין און דריי טעכטער, און ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ: זיי זיינען נאָך אַלץ ניטאָ: ניט רחל ניט העלען!

* * *

העלען איז אין יענעם אָוונט געשטאַנען אין אַ טונקעלן נעבן־חדר פון דער יידישער „קיך" און געוואַשן טעלער אין אַ גרויסן שיסל קאַלטן וואַסער.

די „קיך" האָט זיך געפונען אין אַ גרויסן, אַלטן הויז, אַפן וועג צווישן פּלעצל און דעם רעפּובליק־פּלאַץ. מען איז דאָרט אַריינגעקומען דורך אַ ברייטן, ברוקירטן הויף, אין וועלכן עס האָבן זיך געפונען וואַר־שטאַטן און סקלאַדן. איצט זיינען די אַלע לאָקאַלן געווען געשלאָסן. ברייטע, פאַרחושכטע טרעפּ האָבן געפירט צום רעסטאָראַן, וואָס אַפן צווייטן שטאָק. ער איז באַשטאַנען פון אַ גרויסן זאַל, וואָס איז געווען אָנגעפילט פון עק ביז עק מיט טישן און שטולן, אַ קליינעם צימערל, וואו מען האָט געקאָכט און געוואַשן די טעלער און נאָך אַ ווינציקן חדרל פון דער אַדמי־ניסטראַציע.

אַמאָל איז דאָרט געווען אַ יידישער קולטור־קלוב פאַר אַרבעטער. אין איינעם פון די צימערן איז געשטאַנען אַ ביבליאָטעק און עס זיינען דאָרט אַרומגעלעגן אַפן טיש זשורנאַלן און צייטונגען. די באַזוכער, ס'רוב שניידער, שוסטער און בייטלמאַכער, האָבן זיך גאָר שטאַרק אינטערעסירט מיט די מאַסן פון אינדיע, האָבן געוואָלט געוווי וויסן, וואָס עס הערט זיך באַ די קולים אין כינע, וואָס עס טוט זיך באַם וועלט־פּראָלעטאַריאַט בכלל, און וואו מיר האַלטן מיט דער וועלט־רעוואָלוציע. אין גרויסן זאַל זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן רעפעראַטן און פאָרשטעלונגען. אין יענער צייט האָט דער בופעט פונקציאָנירט גאָר אינאָוונט: די חברים און באַזוכער האָבן דאַן געקענט קויפן אַ שטיקל מאַרינירטע הערינג מיט ברויט, אַ פּור־טער־קיכל אָדער גאָר באַשטעלן אַ הייסע גלאָז טיי מיט ציטרין.

אָבער שוין לאַנג ווי די קולטור האָט געמוזט פאַרשווינדן פון צווישן די פיר ווענט. פון דער ביבליאָטעק האָט מען אַ טייל באַהאַלטן אין די ערשטע טעג פון דער אינוואַזיע און די איבערגעבליבענע ביכער זיינען אָפּ־געפירט געוואָרן אין דער פּאָליציי. און אין דער זעלבער מאָס, וואָס די וואַרשטאַטן אין די אַרומיקע הויפן זיינען געשלאָסן געוואָרן, האָט זיך

אויסגעברייטערט די „קיך“. הונדערטער פּערזאָנען האָבן דאָ באַקומען אַן אומזיסטע זופּ באַטאָג און אין אָוונט.

העלען האָט אַרומגעריבן מיט אַ שמאַטקע דעם לעצטן טעלער, וואָס זי האָט אַרויסגעשלעפּט פֿון בעקן קאַלטן וואַסער, און אים דערלאַנגט דער פֿרוי, וואָס איז געשטאַנען דאַנעבן מיט אַ האַנטוך און אַרומגעטריקנט דאָס געפֿעס. איצט האָט זי געהאַט אַ קורצע פּויזע: ערשט ווען די ערשטע ריי וועט ענדיקן עסן, וועט מען ברענגען נײַ געשיר צום וואַשן. זי איז צו געגאַנגען צו דער קלײנער פֿאָרטקע, דורך וועלכער מען האָט דערלאַנגט די שיסלען זופּ אין זאַל אַרײַן, און אַרויסגעקוקט צום שפּײַזנדיקן עולם.

אַלע בענקלעך זײַנען געווען באַזעצט. די טישן זײַנען געשטאַנען ענג נעבנאַנאַנדער און די מענטשן האָבן קוים באַוועגט זייערע עלנבויגנס באַם לעפֿלען דאָס וואַרעמס. אין דער טיר, אין קאָרידאָר און אין אַלע פֿרײַע ווינקלען זײַנען אַרומגעשטאַנען מענטשן און געוואַרט. דער עולם איז ס'רוב באַשטאַנען פֿון פֿרויען — די מענער זײַנען אָדער געווען אין די לאַגערן, אָדער האָבן מורא געהאַט זיך צו ווײַזן אין גאַס. בפֿרט איז געווען געפֿערלעך צו גײן אין דער דאָזיקער אומזיסטער „קיך“, וואָס די פּאָליציי האָט גוט געקאָנט און וואו זי האָט אָפֿט דורכגעפֿירט אָבלאַוועס. די פֿרויען האָבן אויסגעזען גרוי און פֿאַרעלטערט. אַלע האָבן זיי געטראָגן אַלטע מלבושים און געהאַט פֿאַרדאַגהטע פּנימער. אַ סך האָבן געהאַלטן קלײנע קינדער בײַ די הענט אָדער נאָך קלענערע אין די אָרעמס.

הגם ס'איז נאָך געווען זייער פֿרי, ערשט אָנהויב אָוונט, האָבן שוין געוואַרט די געסט פֿון דער צווייטער ריי. דאָס עסן האָט דאָ קוים געקלעקט אַף צו דערהאַלטן די נשמה. גלײַך נאָכן מיטאָג איז מען אַרום הונגעריק און מען האָט זיך קוים דערוואַרט אַף דער שעה פֿון וועטשערע. אַנדערע זײַנען געקומען אַזוי פֿרי, ווײַל זיי האָבן ניט געקענט צוהערן דעם געוויין פֿון די הונגעריקע קינדער, וואָס זיי האָבן געטרייסט און באַרואיקט מיט דער האָפֿענונג, אַז באַלד וועט מען גײן עסן.

העלען האָט באַמערקט חנהלען, וואָס האָט זיך באַוועגט צווישן די טישן. ס'איז געווען דאָס זעלבע מיידל, וואָס האָט פֿאַרלאַנגט געלט בײַ רחל סאָקאָלאָווסקי און פֿאַר איין וועג איר דערציילט וועגן די אָבלאַוועס פֿון פֿאַרטאָג. אַ קלײנינקע, אַ דיקלעכע אַ שוואַרצינקע, מיט לעבעדיקע, אויפֿגעוועקטע אויגן, האָט זי זיך באַוועגט איבערן עס־צימער און אומעטום צוגעלייגט אַ האַנט: האָט אַרײַנגעגאָסן זופּ אין די טעלער, גוט אָפּגעמאָסטן יעדע פּאָרציע און יושרדיק פֿאַרטיילט דעם קאָסטבאַרן „אינהאַלט“

פון מאָגערן וואָרעמס, כדי איעדן זאָל אָנקומען צוויי־דריי שטיקלעך פון די אַריינגעבראָקטע מערעלעך אָדער קרויט־בלעטלעך; האָט אָפּגעווישט די טישן, געאָרדנט דאָס געשיר און אכטונג געגעבן, אַז מען זאָל אָפּשניידן די קופּאָנען פון די ברויט־קאַרטן. וואָרים די קיך האָט נאָר אויסגעטיילט דאָס עסן אומזיסט, קאַרטן האָבן די געסט געמוזט געבן.

אַלע האָבן זי דאָ געקענט. זי האָט צוגעוואָרפן אַ וואָרט אַף רעכטס און אַף לינקס, דאָ געטרייסט, דאָרטן זיך נאָכגעפרעגט און אינצווישן לאַנג אַריינגעטענהט וועגן פינף גראַם ברויט־קאַרטע, וואָס דער אָדער יענער האָט געוואָלט אַראָפּדינגען. זי האָט אַ ווײַלע אויפגעאָטעמט, זיך אַרומגעקוקט און באַמערקנדיק פון דערווייטן העלענען, האָט זי איר אַ שמייכל געטאָן. באַלד האָט זי אָנגעלאָדן אַ שטויס ליידיקע טעלער אַפן אָרעם און איז אַריין אין קיך.

די ערשטע ריי האָט געהאַלטן באַם ענדיקן און העלען האָט זיך ווידער גענומען צו דער אַרבעט. חנהלע האָט אַריינגעלייגט דאָס געשיר אין וואַסער און געוואָרפן אַ שנעלן בליק אַף העלענס פּנים:

— ביסט מיד, העלענקע?

— אַ ביסל.

— ניט צוגעוואוינט צו שטיין אַזוי לאַנג אַף די פיס!

— ניין, אָבער כ'בין אַ גאַנצן פּאַרמיטאָג געווען אונטערוועגס.

— ביסט געווען אין דראַנסי?

— יאָ, אינדערפרי.

— געווען אַ גרויסער עולם?

— יאָ. תחילת איז מען געשטאַנען אָפּגעזונדערט: פון איין זייט די אַלטע באַקאַנטע, וואָס קומען זינט חדשים, און פון דער אַנדער זייט די נייע... ביסלעכווייז האָט מען זיך אויסגעמישט.

— און באַ זשיליעטן ביסטו געווען?

— יאָ, נאָכמיטאָג. זי האָט געבעטן, מיר זאָלן היינט אינאָווענט אַרויפקומען. וועסט האָבן צייט?

— איך ווייס ניט — האָט חנהלע זיך פאַרטראַכט — אפשר וועלן מיר האָבן אַ זיצונג. עס מאַכט זיך אַ געלעגנהייט איינצוקויפן עטלעכע זעק ווייסע בוראַקעס און מען מוז עס באַהאַנדלען. כ'וועל דיר זאָגן נאָך דער אַרבעט.

דאָס האָט חנהלע אַריינגעצויגן העלענען אין דער אַרבעט פון קיך. זיי האָבן זיך שוין געקאָנט פון לאַנג, מיט אַ יאָר זעקס צוריק זיינען זיי

געווען גוטע פריינט, חברטעס כמעט, נאָר פאַר דער צייט האָבן זיך זייערע וועגן צעגאַנגען און זיי האָבן זיך אין משך פון יאָרן ניט געטראָפן.

* * *

מיט א יאָר זעקס צוריק איז זי, קומענדיק פון פוילן, דערשינען בא מעסיע מאיר סאָקאָלאָווסקי אין שטוב. זי האָט געשטאַמט פון זעלבן שטעטל, פון וועלכן די סאָקאָלאָווסקים האָבן אויסגעוואַנדערט מיט קנאַפּע צוויי צענדליק יאָר צוריק. און ווען זי האָט זיך געלאָזן אין דער גרויסער וועלט אַריין, האָט איר טאַטע זיך דערמאָנט, אַז אין יענעם פּאַריז געפינט זיך זיינער א בן־עיר, מיט וועלכן ער האָט אַמאָל געהאַט געדאַוונט אין זעלבן בית־מדרש און וועלכער איז דאָרט פאַר דער צייט געוואָרן א מי־ליאָנער. וואָרים הגם מאיר סאָקאָלאָווסקי האָט זיך דאַן ערשט געהאַט אַרויסגעצויגן פון „פּלעצל”, האָט מען שוין אין זיין שטעטל, אין דער אַלטער היים, געוואוסט ניט נאָר פון אַלע גליקן, וואָס האָבן אים פּאַסירט, נאָר אויך פון יענע גליקן, וואָס וועלן אים פּאַסירן בקרב הימים און מען האָט דאָרט דערציילט, אַז ער פאַרמאָגט די שווערע הונדערטער טויזנ־טער, אַז ער וואוינט אין א פּריוואַטן הויז און אַז זיינע קינדער זיינען סאַ־מע דאָקטוירים און אַדוואָקאַטן. מען איז דאָרט אפילו געווען אינפאָרמירט, אַז זיין טאָכטער העלען, וואָס איז שוין, ברוך השם, א כלה מיידל, האָט פאָזירט נאַקעטערהייט פאַר א מאָלער און דער מאָלער האָט פאַרן בילד באַקומען א פּרייז פון כמה וכמה אלפים. און הגם דאָס פאָזירן פון א כלה מיידל פאַר א מאַנספּאַרשוין איז גאָר ניט אַזוי פון די פיינע זאַכן, האָבן עס איר די קליינשטעטלדיקע יידן מיט זייער ברייטהאַרציקן דרך ארץ פאַר וועלט־זאַכן מוחל געווען: — מילא — האָבן זיי געזאָגט — פּאַריז איז דאָך ניט בויבעריק! מאַלע וואָס מענטשן פאַלט דאָרט אַלץ איין פאַר משוגעתן!... בפרט אַז מען קריגט פאַר אַזא ענין א פּרייז. און לאָמיר אַלע האָפן, אַז זי איז טאַקע אָפּגעקומען נאָר מיטן מאָלן! — האָבן ליצנים צוגעגעבן.

חנהלען איז דער ענין דוקא געפעלן געוואָרן און גאָר שטאַרק אימ־פּאָנירט. עס האָט געשמעקט מיט דער גרויסער וועלט און מיט „פרייע־ליבע”, ווי עס שטייט באַשריבן אין די ראָמאַנען. אין איר פאַנטאַזיע איז שוין העלען פונדערווייטנס אויסגעוואַקסן צו אַן אוואַנטוריסטישער העלדין פון איינער פון די מאָדערנע ליבע־געשיכטעס, וואָס זיינען מיט אַזויפיל דורשט פאַרשלונגען געוואָרן דורך דער יוגנט אין איר קליינעם שטעטל. דערפאַר טאַקע האָט זי מסבים געווען מיטצונעמען דעם בריוו,

הגם זי האָט כּלל ניט בדעה געהאַט אַריינצוגיין אין אַ מגע ומשא מיט די בורזשועןן פון דער גרויסער שטאָט פּאַריז, וואו עס זיינען פּראָן רעוואָלוציאָנערע מאַסן און אַ ים מיט פּראָלעטאַריער.

דער טאַטע אירער האָט אָנגעשריבן אַ לאַנגן בריוו. נאָכן העברעאישן אַריינפיר מיטן „לידידי הנכבד כמר... נ״י״ און אַלע אַנדערע איידלקייטן, האָט ער ראשית כּל דערמאָנט זיין אַמאָליקן גוטן פריינט, ווער און וואָס ער איז, און אַז זיי האָבן אַמאָל, בחורוויז, זיך אָנגעשכּורט אין אַ שמחת־תּורה, און אַז זיי האָבן נאָכהער יעדן שבת נאָכמיטאָג געלערנט צוזאַמען אַ שיעור. און ער האָט צוגעגעבן, אַז ער פאַרלאַנגט, חס ושלום, גאָרנישט. נאָר אָט, אַ מיידל פאָרט אַליין אין דער גרויסער וועלט אַריין, איז גוט, זי זאָל דאָרט האָבן אין דער ערשטער צייט אַ יידישע שטוב וואו אַריינ־צוקומען. און דערפאַר וועט אים, ר׳ מאיר סאָקאָלאָווסקין, דער רבונו של עולם אָפּצאָלן כּפל כּפלים!...

חנהלע איז אַרויסגעפאָרן מיט אַ קליינער וואַליזקעלע וועש, עטלעכע קליידלעך און אַ פולן בוזעם האָפענונגען און טרוימען. זי האָט זיך געפילט ווי אַ יונגער פויגל, וואָס צעפאָכעט צום ערשטן מאָל זיינע פליגלען און לאָזט זיך שוועבן אין אומענדלעכן בלויען רוים. זי האָט געהאָפט צו קענען לערנען און אַרבעטן, געניסן פון דער קולטור און מיטהעלפן איינצופירן גערעכטיקייט אויף דער וועלט. אָבער באַלד האָט זי אָנגעטראָפן שוועריקייטן, וואָס האָבן געדריקט ווי בליי אויף אירע יונגע פליגלען.

זי האָט זיך דערפילט איינזאַם אין דער גרויסער שטאָט, וואו זי האָט ניט פאַרשטאַנען די שפּראַך און וואו זי האָט זיך אַפילו ניט געקענט באַוועגן, ווייל זי האָט געמוזט אויסרעכענען יעדן גראָשן פון די רייזע־הוצאות. געוואוינט האָט זי תּחילת אין לאַטיינישן פערטל, וואו עס האָבן געלעבט אָן אַ שיעור אָרעמע סטודענטן. זי האָט אָנגעהויבן אַריינקומען אין דער סאַן־זשענעוויעוו ביבליאָטעק און אַפילו באַזוכט די סאָרבאָן אויף די אַלגעמיינע לעקציעס פאַרן פּובליקום.

אָבער באַלד האָט זי אויפגעהערט לערנען. זי האָט באַקומען אַרבעט, אַלס אַ „האַנט״ בײַ קאָנפעקציע, אַפן בעלוויל, און יעדן טאָג האָט זי גע־מוזט פאָרן צוויי שעה מיטן אונטערגרונד־באַן צו דער אַרבעט און צוריק. דאָרט, אַפן בעלוויל, האָבן זיך געפונען די קליינע װאַרשטאַטן פון די יידישע היים־אַרבעטער, וואו מען האָט געקענט באַשעפטיקט ווערן אויך אָן „אַרבעטס־פּאַפּירן״, און אַלע גרינע זיינען דאָרט פאַרשלונגען געוואָרן.

אין עטלעכע חדשים ארום האָט זי זיך איינגאַנצן איבערגעצויגן אין יענעם קוואַרטאַל.

זי איז עטלעכע מאָל איינגעלאַדן געוואָרן צום עסן צו די סאָקאָ־לאָווסקיס. רחל האָט זיך באַמיט צוצוטוליען דאָס מיידל, „וואָס איז איינ־זאַם ווי אַ שטיין אין דער גרויסער שטאָט". אינדעראמתן האָט שוין חנהלע אָנגעהויבן באַקומען באַקאַנטע און פריינט: זי פלעגט זיך אַרומ־כאַפּן אין דער „קולטור־ליגע", וואו מען האָט געקענט לייענען אַ יידישע צייטונג און הערן רעפעראַטן אויף אַקטועלע טעמעס, איז געגאַנגען אין נאָדל סינדיקאַט, וואו עס זיינען גראַדע פאָרגעקומען שטורמישע וואַלן מיט צוויי היימישע ליסטעס פון קאָמוניסטן און „בונד", און איז געקומען אויף אונטערנעמונגען לכבוד יונגע יידישע שרייבער, וואָס האָבן געמוזט אַרויס־געבן זייערע ביכער אויף אייגענעם חשבון און האָבן אַזוי אַרום אויסגע־שלאָגן די הוצאות פון דרוק. און קיינער בײַ די סאָקאָלאָווסקיס האָט ניט געוואוסט, אַז דאָס מיידל קומט דאָרט אַרויף צוליב זשאַקן.

אין די ערשטע וואָכן אירע אין פּאַריז האָט איר זשאַק אַמייסטן מקרב געווען. ער האָט געזען אין איר יענע ווייטע, כמעט לעגענדאַרע היים, פון וועלכער טאַטע־מאַמע שטאַמען. געגנויגט צו העלפן שוואַכערע און בלאָנדזשענדיקע, האָט ער זיך גלייך געפילט פאַרפליכטעט אויסצו־שטרעקן איר אַ האַנט. שוין בעת איר ערשטן באַזוך אין זייער שטוב, האָט ער באַם אומבאַרויט באַמערקט איר הילפלאָזיקייט אין מאַנעווורירן מיט גאָפּל־מעסער. ווען דאָס עסן איז געווען געענדיקט, האָט ער זי אַ פרעג געטאָן:

— איר קענט דאָך ניט קיין פראַנצויזיש, מאַדמואַזעל?

זי האָט די גאַנצע צייט ניט געקוקט אין זיין זייט. איצט האָט זי אויפגעהויבן אויף אים אַ פּאָר טיפע,שוואַרצע אויגן און שטאַמלענדיק געענטפערט:

— ניין... כמעט גאָרנישט!... — און זי האָט דערפילט ווי איר האַרץ הויבט אָן צו קלאַפּן האַסטיקער.

— אויב איר ווילט, וועל איך מיט אייך לערנען.

— איך האָב ניט קיין ביכער! — האָט זי כמעט ווי אָפּגעשטויסן זיין פאָרשלאַג.

— ס'איז גאָרנישט, איך וועל שוין שאַפן ביכער! וועל בעטן בײַ מיינע חברים.

אַהיים איז זי אין יענעם אָוונט, איינער פון אירע ערשטע אין פאַר־

ריז, גענאַנגען צופוס. דער סעבאַסטאָפּאָל־בולוואַר איז פאַרפלייצט געווען מיט מענטשן און ליכט. זי האָט געפילט אַ ווייטיקלעכע בענקשאַפט און זי האָט געוואוסט, אַז מיט יענעם האַסטיקן קלאַפּן פון איר האַרצן האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע ליבע פון איר לעבן. זשאַק, וואָס איז דאָ אויפגעוואַקסן, האָט פאַרקערפּערט אין אירע אויגן די גרויסע וועלט, מיט וועלכער זי האָט געמאַכט די ערשטע באַקאַנטשאַפט.

זיי האָבן געלערנט עטלעכע מאָל אַ וואָך אין זשאַקס צימער, וואָס האָט אימפּאָנירט חנהלען מיט זיין שרייב־טיש און לאַנגע פּאָליצעס ביכער. זיצנדיק דאָרט און הערנדיק זיינע דערקלערונגען פון דער פראַנצויזישער גראַמאַטיק, האָט זי געפילט אין איר ברוסט דעם גערעאַנגל פון האָפענונג און פאַרצווייפלונג. זי האָט זיך שטאַרק פאַרויטלט, בויגנדיק דעם ערשטן רעגולערן צייט־וואָרט: איך האָב ליב, דו האָסט ליב, ער האָט... און דאַן האָט ער מיט איר געלערנט די אומרעגלמעסיקע צייט־ווערטער און איר געמאַכט אַ רשימה פון ביכער, וואָס זי האָט געדאַרפט לייענען, כדי זיך צו באַקענען מיט דער היגער ליטעראַטור.

אָבער חנהלען איז עס געווען ווייניק. זי האָט געטרוימט, אַז ער וועט זי איינלאַדן אויף אַ שפּאַציר, זיי וועלן צוזאַמען באַזוכן דעם „מאָנמאַרטר", זיי וועלן שפּאַצירן לענגאויס די טונקעלע ברעגן פון דער סען און דאַן — דאַן וועט זי אויף זיין ערשטן וואונק אים אָננעמען פאַר אַ האַנט, אים פירן אין איר קליינעם צימערל, וואָס אויפן זעקסטן שטאָק פון איר בילקן האָטעל און אים אָפּגעבן מיט טרערן און פרייד איר מיידלשן קערפּער.

זשאַק האָט כמעט ניט באַמערקט די פאַרבאָרגענע בענקשאַפט פון אירע בליקן און דאָס לעכצן פון איר קערפּער. ער איז אין יענעם יאָר געווען צופיל פאַרנומען מיט זשערמענען און מיט דעם פּאָליטישן אויפברויז פון דער שטאָט. העלען האָט זי עטלעכע מאָל באַגלייט צום אונטערגרונד־באַן און זי אַרויסגעפירט זונטיק אין לואוור, וואו זי האָט איר געלערנט צו אונטערשיידן צווישן די בילדער פון רענעסאַנס און מאָדערנער מאַלעריי. דאַן איז חנהלע פּלוצלינג פאַרשוואונדן און אין משך פון יאָרן זיך מער ניט געמאָלדן צו די סאָקאָלאָווסקים.

אפן בעלוויל האָט זי זיך אונטערגעטונקט אין דער כוואַליע פון פּאָליטישער עמיגראַציע, וואָס האָט דאַן געשטראָמט פון גאַנץ אייראָפּע צו דער פראַנצויזישער הויפּטשטאָט און געשאַפן אַן אייגנאַרטיקע סביבה אין די קליינע, ס'רוב אומלעגאַלע, האָטעלעכלעך און קלובן. אין דער ייִדי־

שער קולטור־ליגע, וואו זי איז ארויפגעקומען און געוואָרן אַן אַקטיוויסטקע, האָט זי געצויגן אַף זיך די אויפמערקזאַמקייט: די הויט פון איר פּנים איז געווען פריש און צאַרט און אירע אויגן האָבן אָפּגעשפּיגלט די בענקשאַפט פון קליינשטעטלדיקע פאַרנאַכטן. באַלד האָבן זיך געפונען אַף איר אַ סך בעלנים.

זי איז געווען אויסוויילעריש. אין האַרצן האָט זי אַלץ געטראָגן די ניט־געזעטיקטע ליידנשאַפט. באַלד האָט זי זיך געפילט דערוואַקסענער פאַר זשאַקן: זי האָט געאַרבעט אין אַ וואַרשעטער און געוואוסט פון סעזאָנען און שטרייקן, זי איז געווען זעלבסטשטענדיק און געמוזט זאָרגן פאַר דירה־געלט און עסן, און זי האָט זיך אינטערעסירט מיט ליב און לעבן מיט די לעצטע נייעסן פון דער זיך כסדר בייטנדיקער פּאָליטישער ליניע פון יענע טעג. אָבער צוזאַמען מיטן דאָזיקן פּלוצלימדיקן רייף ווערן איז אויך געשטיגן די בענקשאַפט נאָך יענעם ערשטן, וואָס זי האָט איצט אויסגעמיטן צו זען.

איינער פון אירע פאַרערער איז געווען עקשנותדיקער און אויסגעהאַלטענער ווי די אַנדערע. דאָס איז געווען יאָסל דער שטריקער. ער איז יעדן טאָג אַרויפגעקומען אין קלוב און זי אָפּגעוואַרט באַם אַרויסגיין, כדי זי צו באַגלייטן אַהיים. ווען חנהלע איז אַריין אין דער ביבליאָטעק־קאָמיסיע, האָט ער אַפילו אָנגעהויבן לייענען ביכער און האָט זיי געביטן יעדן צווייטן אָוונט. איינמאָל, אַ זונטיק, האָט ער זי אַרויסגעפירט ווייזן פּאַריז. ער איז מיט איר געגאַנגען אַף די עליזייער פעלדער, און זיי זיינען אָפּגעטראָטן אין די „אינוואַליד", וואו זיי האָבן אָנגעקוקט עטלעכע אַלטע האַרמאַטן און נאַפּאָלעאָנס קבר. חנהלע האָט די גאַנצע צייט געקוקט און געשוויגן, און יאָסל האָט כסדר געכאַפּט התפּעלות פון זיין פּאַריז:

— באַ אייך אין שטעטל האָט איר אויך אַ היסטאָרישן מוזיי, וואָס? באַ אייך איז אודאי אויך פאַראַן אַ לואַוור, אַה?...

און געזאָגט האָט ער עס מיט אַזאַ טאָן, ווי ער וואָלט איר געגעבן אין גדן גאַנץ פּאַריז מיט דער קירכע פון „הייליקן האַרץ", מיט אַלע מוזעאומס און מיט דעם אייפעל־טורעם אַלס צוגאָב. ער איז טאַקע אַרויפגעפאָרן מיט איר צום שפּיץ אייפעל־טורעם און קוקנדיק פון דאָרט אַף דער שטאָט, וואָס איז געלעגן צופוסנס, האָט ער מיטאַמאָל אָנגעהויבן ריידן פון דער איינזאַמקייט, וואָס אַ יונגער מענטש פילט אין דער פרעמד און ווי געזוכט אַ טרייסט אין אירע טיפע, פאַרטראַכטע אויגן.

דאָן האָבן זיי געגעסן צוזאַמען אָוונטברויט אין לינקן רעסטאָראַן

„די נייע פאַמיליע״ און יאָסל האָט באַשטעלט דעם גאַנצן מעני, מיט פּאַר־שפּייזן פון מאַיאָנעז־אייער און מיט קעז צום סוף. (פינף פראַנק מיט 25 סאַנטים אויסער טרינק־געלט). אַזוי ווי זי איז נאָך ניט געווען געוואוינט צום זויערלעכן ווייַן, האָט ער אויסגעטרונקען אויך איר חלק, וואָס האָט ממילא געהערט צום מאָלצייט, און דאַן האָט ער זיך דערקלערט אין ליבע. נאָכהער זיינען זיי געגאַנגען אין קינאָ און ווען די בילדער זיינען געוואָרן זייער אינטערעסאַנט, האָט ער אָנגענומען איר האַנט, וואָס זי האָט גע־לאָזן אין זיינער. שפּעט נאָך האַלבער נאַכט האָבן זיי זיך געזעגנט בײַ דער טיר פון איר קליינעם האָטעלכל, וואו ער האָט איבערגעחזרט זיין ליבע־דערקלערונג. פּלוצלינג האָט ער אַ פרעג געטאָן:

— אפשר קען איך אַרויפגיין?

— די פּאָרטיערין וועט דערהערן! ס׳וועט זיין אומאַנגענעם!

יאָסל האָט געוואוסט, אַז אַזאַ מין ענטפער איז שוין אַ סימן פון לעצטן ווידערשטאַנד און ער האָט געזאָגט:

— אָה, כ׳וועל גיין אויף די שפּיץ פינגער!

אויבן האָט זי נאָך פּרובירט אים ווידעראַמאָל אָוועקצושיקן, אָבער איצט האָט ער אַרגומענטירט:

— די פּאָרטיערין וועט דערהערן! עס וועט זיין אומאַנגענעם!

— וועסט גיין אויף די שפּיץ פינגער! — האָט זי אַ שמייכל געטאָן.

און ער האָט זי געקושט אויף די שמייכלענדיקע ליפּן, און איז פאַרבליבן איבער נאַכט. נאָך אין זעלבן זומער האָבן זיי זיך אַריינגעקליבן אין אַ קליינער דירהלע פון אַ צימער מיט אַ קיך.

אין קומענדיקן ווינטער איז יאָסל אַוועק קיין שפּאַניע און חנהלע איז ווידעראַמאָל געבליבן אַליין. באַנאַכט האָט זי טיילמאָל געוויינט און באַטאָג האָט זי שטאָלצירט צו זיין אַ ח ב ר ט ע פון אַ העלד. מיט מער ענערגיע און געטריישאַפט האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן אַרבעטן אין די פאַרשידענע קאָמיטעטן.

* * *

העלענען האָט זי ווידער געטראָפן מיט אַ חודש צוריק בײַ די טויערן פון לאַגער דראַנסי. טראָץ די טרויעריקע אומשטענדן האָבן זיי זיך ביידע דערפרייט. זיי זיינען געשטאַנען ווי גלייכע קעגנאיבער דעם זעלבן גורל.

— האָסט דאָ עמעצן? — האָט געפרעגט חנהלע.

— מיין מאַן.

— האָסט חתונה געהאַט?

— יאָ. און דו האָסט דאָ אויך עמעצן?

— ניין!... ס'הייסט, איך האָב געבראַכט אהערצו עטלעכע פּאַקעטן פון קאָמיטעט.

— ס'וועט אמאָל נעמען א סוף צו די דאָזיקע לאַגערן? — האָט זי'ך געקלאָגט העלען.

— נאָר ניט פאַרלירן דעם מוט! אונדזער טאָג וועט נאָך קומען. . איך וואַרט שוין מער ווי דריי יאָר, עס זאָל נעמען א סוף.

— דריי יאָר? נאָך פאַרן קריג?

— יאָ שוין דריי יאָר! און איצט האָבן זיי אוועקגעשיקט מיין מאַן קיין אפריקע.

— דיין מאַן? האָסט חתונה געהאַט? און ביסט קיינמאָל ניט געקומען דערציילן. ווי א שטיין אין וואַסער פאַרשוואונדן!

— וואָס איז דאַן געווען צו דערציילן? מיר זיינען געווען פאַרשידענע מענטשן...

— און ווי אזוי האָבן זיי אים פאַרשיקט קיין אפריקע? פון פאַריז?

— אָה, ניין! ס'איז א לאַנגע געשיכטע!... ער איז געווען אין שפּאַניע, אין בירגער־קריג, און קומענדיק צוריק האָבן זיי אַלע אויסלענדער פון די „אינטערנאַציאָנאַלע" איינגעשפּאַרט אין לאַגערן.

— יאָ, זשאַק האָט אונדז דאַן דערציילט.

חנהלע האָט געוואָרפן א פאַרשנדיקן בליק אף העלענען, האָט אָבער גאָרגישט געפרעגט און אין א ווײַלע אַרום ווייטער דערציילט:

— מיין מאַן איז געווען אין לאַגער פון אַרזשעלעס. מען איז געלעגן אפן נאַסן שטרוי און מען האָט געהונגערט. צוויי מאָנאַטן פאַר דער מלחמה איז ער פון דאָרט אַנטלאָפן.

— און זיי האָבן אים געכאַפּט?

— ניין! ווען ס'איז אויסגעבראָכן דער קריג, האָט ער זיך פרייוויליק אַנגאַזשירט אין פרעמדן־באַטאַליאָן פון דער פראַנצויזישער אַרמיי. געדענקסט, אַלע אויסלענדישע יידן האָבן זיך דאַן אַנגאַזשירט. קיין „פּאַפּירן" האָט מען דערצו ניט באַדאַרפט, זיי האָבן דאַן גענומען אַלעמען!... אפריער איז ער געווען אין פאַריז. זיך אויסבאַהאַלטן, פאַרשטייט זיך. דאַן איז ער אוועק אין דער קאַזאַרמע, איז געווען אפן פראָנט, האָט מיטגעמאַכט דעם ריקצוג און זיך געגאַנגען דעמאָביליזירן אין טולוז. האָבן זיי באַ יעדן אויסלענדישן פרייוויליקן פאַרלאַנגט באַ דער דעמאָביליזאַציע כשרע פּאַפּירן. און אזוי ווי ער האָט ניט געהאַט קיין „קאַרטע", האָבן זיי

אים אוועקגעשיקט גלייך פון דער קאזארמע פון די פריוווילי́קע אין שטראף־
לאגער פון ווערנע.

— בא די פירענייען?

— יא! און פון דארט האבן זיי אנגעהויבן איבערצושיקן קיין אפ־
ריקע, צום בויען די אייזנבאן־ליניע דורך סאהארא מדבר. קיין בריוו קו־
מען ניט, אבער ווי מען הערט, פאלן דארט די מענטשן ווי פליגן...

— מיין גאט, ווער ווייסט וויפל עס וועלן דאס אלץ איבערלעבן!

— מיר מוזן האפן און טאן, וואס מיר קענען. אונדזער טאג וועט
קומען! אין רוסלאנד האבן זיי שוין געכאפט דעם ערשטן קלאפ. דא וועט
עס אויך קומען.

זיי זיינען צוזאמען געפארן צוריק אין שטאט. באם געזעגענען זיך
האט חנהלע געזאגט:

— הער זיך איין, העלענקע, דו קענסט מיר געבן עפעס געלט? ניט
פאר מיר, פאר אונדזער „קינד".

— דו ארבעטסט אין א יידישער קיך?

— יא, אף די סאנטיע... אן דעם וואלטן די פרויען אויסגעגאנגען
פון הונגער. געלט פון אויסלאנד קומט אן שווערלעך, מוזן מיר זאמלען
אפן פלאץ. און אונדזער עולם האט ניט קיין גראשן באם לייב און לעבן.

זי האט געגעבן חנהלען עטלעכע צענדליק פראנק:

— ס'איז אזוי ווייניק! אפשר קען איך טאן עפעס אנדערש?

— וואס קענסטו טאן?

— ארבעטן אין דער קיך!

— אויב וועסט קענען, וואלט געווען גוט. ביסט דאך א ־פראנצויזין!
בא אונדז זיינען כמעט אלע פון „אונדזערע יידן". א פראנצויזישער ייד
איז אפילו היינט א קנאפער יחוס, אבער טיילמאל, ווען עס קומט פראנ־
צויזישע פאליציי...

צומארגנס האט איר חנהלע געלערנט, ווי מען וואשט טעלער אין
קאלטן וואסער און אן זייף. בשעת מעשה האט זי געפרעגט:

— דו האסט דאך באקאנטע צווישן פראנצויזישע יידן, אמת?

— א ביסל. די מאדמואזעל זשיליעט באר, צום ביישפיל.

— מיר מוזן קריגן פארבינדונגען צו זיי. זיי גייט עס אויך ניט
איבעריקס גוט, אבער עפעס מער געלט פאר אונדז האבן זיי דאך. מיר
דארפן א סך!

— פאר דער קיך?

— פאַר דער קיך און פאַר דעם „קאָמיטעט פאַר דראַנסי" — מיר מוזן דאָרט אַריינשיקן עסן, אַנישט גייען די מענטשן אויס פאַר הונגער. און אונטערשטיצונג פאַר די פרויען פון די אינטערנירטע. און די פרויען פון די קריגס־געפאַנגענע. די רעגירונג זאָרגט זיך ניט פאַר די פרויען פון די יידישע פרייוויליקע, הגם דאַן האָט מען צוגעזאָגט הרים וגבעות!

זי האָט איבערגעהאַקט, האָט באַטראַכט אַ ווײַלע העלענען און צו־ געגעבן:

— און מיר דאַרפן האָבן נאָך געלט! וואָרים פון די אַלע ענינים וועלן מיר נאָך אויך צו קיין תכלית ניט קומען...

— דו אַרבעטסט דאָרט אומעטום? אין די אַלע קאָמיטעטן?

— ניט אין אַלע. אָבער מען מוז אומעטום צולייגן אַ האַנט. מיר האָבן אַזוי ווייניק מענטשן, איעדער איז פאַרנומען מיט זיינע פּערזענ־ לעכע צרות!

— האָסט זיך שטאַרק געענדערט, חנהלע. איך געדענק, ווען דו ביסט אַהערצו געקומען: אַ פּראָווינציעלע, ראָמאַנטישע מיידל! אַצינד ביסטו אַריינגעוואַקסן אין היינטיקן פּאַריז מער פאַר מיר.

— די ראָמאַנטיק איז גיך אויסגערונען. פאַר מיר איז פּאַריז גע־ ווען דער גרויער „בעלוויל", דער וואַרשטאַט, וואו מען האָט אין סעזאָן געאַרבעט צוועלף שעה און די האָפענונג, אַז מען וועט ווען עס איז קענען געניסן פון דער קולטור. מען האָט געמוזט צולייגן אַ האַנט!

* * *

מאַדמואַזעל זשיליעט האָט נאָך אַלץ געוואוינט אין דער זעלבער דירה, זי האָט אַרויפגעפירט העלענען אין אויבערשטן צימער:

— דאָרט שיינט לכל הפחות די זון. אונטן איז קאַלט, הינט צו טרייבן!

— דו הייצסט איינגאַנצן ניט?

— ווייסט דאָך, אַז איך בין ניט קיין בעל־תכלית. די 50 קילאָ קוילן, וואָס מען האָט היינטיקן ווינטער באַקומען, האָב איך אויסגעברענט מיט איין קלאַפּ. אַצינד זיץ איך אַ גאַנצן טאָג אין מאַנטל.

דורך די גרויסע גלעזערנע שויבן פון אַטעליע האָט אַריינגעשיינט אַ העלע, ווינטערדיקע זון, וואָס האָט קנאַפּ וואָס געוואַרעמט. העלען האָט

— זינט איך בין דאָ געווען דאָס לעצטע מאָל, איז אָפּגעקומען אַ

זיך אַרומגעקוקט:

היפּשע צאָל בילדער!

— זיי צעקריכן זיך!

— דו פאַרקויפסט?

— אַ ברירה האָט מען?! באַ קלאָרן האָט מען אַלץ קאָנפיסקירט. איך מוז אַצינד אַפילו אונטערשטיצן די משפּחה!

העלען האָט אָנגעהויבן דערציילן וועגן חנהלען, וועגן דער נויט אין די מזרח־קוואַרטאַלן און דער הילף, וואָס איז נויטיק צו שאַפן. זי האָט זיך באַמיט צו ריידן איינפאַך, אָן פּאַטאָס, אָבער איר שטימע האָט מאָמענטנווייז געציטערט.

— ס'איז פון דער קיך אַף רי־סאַנטיע? — האָט זשיליעט זי איבערגעהאַקט אינמיטן.

— יאָ. האָסט געהערט פון זייער אַרבעט?

— זיכער! באַ אונדזערע פראַנצויזישע יידן ווייסט מען היינט גענוי וועגן דער יידישער אַרבעט אַפן בעלוויל און אַפן פּלעצל.

— אַף דעם האָב איך זיך ניט געריכט.

— אַף אַ סך זאַכן האָבן מיר זיך ניט געריכט. היינט איז אין אונדזערע קרייזן אַ „האָסע" אַף בעלווילער יידן, ממש אַ רענדל אַן אָסט־ייד!

— וואָס איז דאָ פּלוצלינג דער יחוס?

— יענע איינגעוואַנדערטע זיינען היינט די מאָראַלישע שוץ פאַר אונדזערע אַסימילירטע יידן: ראשית זיינען זיי אַ באַווייז, אַז יידן זיינען געווען אַרבעטער; צווייטנס: אַז דאָס יידישע פאָלק האָט געהאַט אַן אייגענע קולטור און דריטנס: זיי באַטייליקן זיך שטאַרק אין דעם ווידערשטאַנד. אַז מען הערט די היגע ראַדיאָ, דערמאָנט מען זיך אָן זיי און זיי דינען איינעם פון אַ הכחשה און ווי אַ טרייסט.

זי האָט אָנגעהויבן אויספרעגן וועגן חנהלען און צום סוף געזאָגט:

— ווילסט אַרויפקומען צו מיר מיט איר צוזאַמען?

— איך וועל זען. כ'ווייס ניט, צי זי וועט האָבן צייט. זי אַרבעט אין אַן אַ שיעור קאָמיטעטן.

— קום אַרויף ווען ניט איז. נאָך דער אַרבעט, אפשר?

— כ'ווייס ניט, צי עס וועט זיין גוט. זי קומט דאָך אין פאַרשידענע קרייזן. פּאָליטיק... מען ווייסט היינט ניט, ווער „זיי" האָבן אַלץ אַפן אויג.

— מאַכט ניט אויס. מיט פּאָליטיק וועל איך זיך שוין מסתמא ניט פאַרנעמען ביזן סוף פון מיינע יאָרן, אָבער מורא האָבן וויל איך היינטיקע צייטן נים.

— גוט, מירן ארויפקומען.

— טעלעפאָניר מיר פריער — האָט געבעטן זשיליעט — איך וועל איינלאָדן מיין ברודער אויך.

— וועלכן ברודער?

— קלאָדן, פאַרשטייט זיך, איך האָב נאָר איינעם.

— ווילסט איינלאָדן צוזאַמען קלאָדן מיט חנהלען?

— פאַרוואָס ניט?

— ווייל ער האָט אַמאָל געקענט הערן ריידן פון אַלץ אין דער וועלט, אויסער פון יענע יידן, וואָס „פאַרפּלייצן פראַנקרייך און ברענגען צושלעפּן די געטאָס קיין פּאַריז".

— און וואָס נאָך? — האָט געפרעגט זשיליעט האַלב אין שפּאָס און האַלב ארויספאָדערנדיק — ער האָט געזאָגט נאָך אַ סך זאַכן! ער האָט געהאַלטן, אַז דאָ וועט עס בשום אופן ניט פּאַסירן און אַז די היגע אַנטי־סעמיטן מיינען נאָר די רומענישע און פּוילישע יידן, וואָס האָבן אַהער פאַרשלעפּט דעם געטאָ־גייסט, אַ באַרבאַרישן זשאַרגאָן און די ווילדע מנהגים פון מזרח. און אייך אַלעמען, אויך די דאָ־הי געבאָרענע, האָט ער געהאַלטן פאַר פּוילישע.

— דאָס האָב איך ניט געהערט פון אים!

— טאַקע דערפאַר! פאַרשטייסט, אַז אַ ייד איז פאַר פופציק יאָר געקומען אַהערצו, האַלטן זיך שוין זיינע קינדער פאַר אמתע פראַנצויזן און זיי קוקן אַף יעדן איינעם, וואָס איז געקומען דרייסיק יאָר שפּעטער ווי זייער טאַטע, ווי אַף אַ פרעמדן, מיט וועלכן זיי האָבן גאָרנישט בשותפות־דיקעס. זיי האָבן געמיינט, אַז צוואַנציק יאָר שפּילן אַ ראָלע אין דער געשיכטע! אָבער קלאָד האָט זיך פאַר דער צייט געענדערט און אַצינד קען ער עפּעס לערנען!

— גוט! — האָט העלען זיך עטוואָס אָנגעכמורעט — אָבער דאַרפסט זען מאָביליזירן אויך אַנדערע. ווייל חנהלע האָט מיר אָנגעזאָגט, איך זאָל ניט סתם בעטן באַ דיר געלט, נאָר טאַקע זען דיך ריכטיק מאָבי־ליזירן אין דער אַרבעט.

— מאָביליזירן גאָר!

— אַזוי רעדט זי. אָן דעם גייט עס באַ איר ניט. די קלענסטע אַר־בעט הויבט זיך באַ איר אָן מיט „מאָביליזאַציע"!

זשיליעט האָט אַ שמייכל געטאָן. דאַן האָט זי ערנסט געזאָגט:

— אפשר איז עס גאָר ניט אַזוי קאָמיש. אָט נעם די פראַנצויזן:

זיי זיינען געווען גרויסע סקעפּטיקער לגבי אָרגאַניזאַציעס און פּאָליטי־קעריי, און בפרט לגבי דעם האָקן אַ טשייניק מיט פּאַטעטישע פראַזן. און היינט — אַז צוויי פראַנצויזן פאַרזאַמלען זיך און הערן ענגלישן ראַדיאָ, רופן זיי עס: קאַמף קעגן די פיינט פון דעם פּאַטערלאַנד! ווער רעדט שוין, ווען זיי שמירן אָן אויף אַ וואַנט: נידער מיט די דייטשן!

פּאַרן אַוועקגיין האָט העלען ווידעראַמאָל דערמאָנט:

— ווילסטו ניט פאַרגעסן כאַפּן אַ שמועס מיט דיינע באַקאַנטע?! מיינסט, אַז זיי וועלן זיך אָפּרופן?

— זיכער! כ'האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז דער פּרעסטיזש פון די חנהלעך איז קאָלאָסאַל געשטיגן אין זייערע אויגן. מענטשן, וואָס אַסי־מילירן זיך, זוכן שטענדיק גרויסע אילוזיעס.

— אַלע מענטשן זוכן אילוזיעס!

— אָבער אַסימילאַנטן זוכן די גרויסע אילוזיע אויסער דעם אייגענעם איך! זיי פאַרלאָזן זיך אויף יענעם: אויף דער פראַנצויזישער קולטור, אויף דער דייטשער, אויף דער האַנאָלוער... היינט, ווען דאָס פרעמדע האָט געפּלאַצט, זיינען זיי נתפּעל פון גייסט פון די „בעלווילער", וואָס האָבן זיך בעסער און שנעלער אָרגאַניזירט, וואָס האָבן ניט פאַרלאָרן זייער מוט. יענער „גייסט פון די מזרח געטאָס" איז אַצינד דער סימבאָל פון מאַרטי־רערטום און אויסגעהאַלטנקייט אין זייערע אויגן. דערפאַר וויל איך אויך, אַז קלאָד זאָל זיך טרעפן מיט חנהלען. פאַר אים זיינען די געשעענישן געווען אַ מאָראַלישער קלאַפּ, וואָס האָט דערנידעריקט און אויפגערייסלט.

— גוט — האָט שטיל מסכים געווען העלען.

זשיליעט האָט איר אַריינגעקוקט טיף אין די אויגן. דאַן האָט זי זיך אויפגעהויבן פון שטול און שפּאַנענדיק איבערן זאַל, האָט זי מיטאַמאָל אַ פרעג געטאָן:

— האָסט נאָך אַלץ ניט פאַרגעסן?

בעת זייער ערשטן צוזאַמענטרעף האָט קלאָד זיך אַמייסטן אינטערעסירט פאַר חנהלען. תחילת האָט ער זי באַטראַכט נייגעריק און אויפמערקזאַם ווי אַן עקזאָטיש, אויסערגעוויינלעכן באַשעפעניש. באַלד האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז חנהלע אָריענטירט זיך בעסער פאַר אים ניט נאָר בנוגע די שטימונגען צווישן אַרבעטער, נאָר אויך אין דער אַלגעמיינער אַטמאָספער פון לאַנד: די איינשטעלונג פון כלערליי פּאָליטישע גרופּירונ־

נען, די צוזאַמענאַרבעט פון „רעכטע" און די ידיעות פון אויסלאַנד, וואָס האָבן זיך אַריינגעפּילטערט אַף פאַרשיידענע אומוועגן.

— ווי לאַנג זיינט איר דאָ אין לאַנד? — האָט ער זי פאַרוואונ־דערט געפרעגט.

— אַרום פינף יאָר. איר וואונדערט זיך אודאי, וואָס איך רייד נאָך אַלץ אַ שלעכטן פראַנצויזיש? ס'איז מיר קיינמאָל ניט אויסגעקומען צו אַרבעטן מיט פראַנצויזן. שטענדיק אין די היים־וואַרשטאַטן מיט גרינע.

— פאַרוואָס?

— ווייל איך האָב ניט געהאַט קיין אַרבעט־פּאַפּירן.

— און ווען מען כאַפּט אייך בא דער אַרבעט?

— וואָלט מען מיך אַרויסגעוואָרפן איבער דער גרענעץ. קיין בעל־גיע, צום ביישפּיל, און פון דאָרטן צוריק און ווידעראַמאָל אַהין.

— כ'האָב קיינמאָל ניט געקלערט — האָט געזאָגט קלאָד — אַז אין אונדזער אַמאָליקן פראַנקרייך האָבן מענטשן געלעבט אין אַזאַ לאַגע.

— איך בין נאָך געווען פון די גליקלעכע! — האָט אַ שמייכל געטאָן חנהלע — אַנדערע האָבן בכלל געלעבט אומלעגאַל, ס'הייסט אָפיציעל האָבן זיי בכלל ניט געלעבט...

— און פאַרוואָס זיינען זיי געלאָפן אַהערצו אומלעגאַל?... אייגנט־לעך ווייס איך איצט פאַרוואָס. אודאי, איר האָט שוין אַפריער פאַרזוכט דעם טעם פון די היינטיקע צייטן!

חנהלע האָט די גאַנצע צייט געהאַט אין זינען די פּראַקטישע צוועקן און פאַרפירט דעם שמועס וועגן דער קיך.

— איר קריגט אויך געלט פון אויסלאַנד? — האָט געפרעגט קלאָד.

— עס קומט אָן אַ ביסל פון יענער זייט ים. אָבער אַז אַמעריקע וועט אַריינגיין אין קריג, וועלן מיר זיין אָנגעוויזן אַף אייגענע כוחות!

— אין די אויגן פון די אַמעריקאַנער יידן זיינען מ י ר איצט די „מזרח־יידן". אמת, זשיליעט? — האָט ער זיך געווענדעט צו דער שוועסטער.

— זיכער, אויב זיי קלערן מיט דער זעלבער פיקציע, וואָס מיר.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי צוגעגעבן:

— אייגנטלעך זיינען עס צוויי פיקטיווע באַגריפן, וואָס באַגרענעצן שטענדיק דאָס דענקען פון מענטשן: צייט און אָרט.

* * *

פון עס־זאַל איז דערגאַנגען אַ גערויש פון באַוועגטע טישן און בענק. חנהלע איז אַרויסגעלאָפן מיט שנעלע טריט. באַלד האָט מען דערהערט איר שטימע, וואָס האָט געמאַכט אָרדענונג אין זאַל. העלען האָט זיך גענומען שווענקען די טעלער. זי איז געווען מיד און זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס. דער טאָג האָט זיך געצויגן ווי אַ קאָשמאַר: פון אינדערפרי אָן איז זי אַרומגעלאָפן. זינט צוויי טעג האָט זי נאָר געזען פרויען, וואָס האָבן דאָרט געהאַט זייערע זין אָדער מענער, און אַלע האָבן נאָר גערעדט פון די פינף און צוואַנציק משכנות. זי האָט אַ קלער געטאָן וועגן די עלטערן און זיך דערמאָנט אָן זשאַקן, און ס׳איז איר איינגעפאַלן, אַז חנהלע וואָלט געקענט זיך נאָכפרעגן וועגן אים. זי אַרבעט דאָך ניט נאָר אין קיך, זי קומט אין פאַרשידענע קרייזן, איז אפשר וואָלט זי עפּעס געקענט דערגיין?

— ס׳איז ניט ריין ווי עס באַדאַרף צו זיין, דער האַנטוך וועט צו גיך שמוציק ווערן!

רבקה, וואָס איז געשטאַנען דאַנעבן און אָפּגעטריקנט, האָט איר אויסגעשטרעקט אַ טעלער אויף צוריק און זי אַרויסגעריסן פון אירע טראַכטענישן. זי האָט זיך גענומען איבערוואַשן דעם טעלער: קיינעם גייט דאָ ניט בעסער, מען טאָר ניט פאַרלירן דעם קאָפּ!... שוין עטלעכע וואָכן ווי זיי האָבן געאַרבעט צוזאַמען און זיך פאַר דער צייט אויסדערציילט זייערע משפחה־ענינים און דאגות. תחילת איז רבקה געווען פאַרשלאָסן און אפילו אביסל מיסטעריאיש לגבי דער נייער, אויף וועלכער מען האָט גלייך דערקענט, אַז זי שטאַמט ניט פון אייגענע מענטשן. אָבער ביסלעכווייז האָבן זיי זיך צוגעוואוינט צו אַנאַנדער. רבקה איז ערשט עטלעכע יאָר פאַר־ן קריג געקומען פון פוילן, וואו איר חבר איז שוין געזעסן עטלעכע יאָר אין תפיסה צוליב „פּאָליטיק”. ווען ער איז באַפרייט געוואָרן, זיינען ביידע אוועק קיין פאַריז, וואו זי האָט געהאַט אַ ברודער. אין פראַנקרייך זיינען זיי געווען אומלעגאַל און דעריבער געקענט וואוינען נאָר אין ספּעציעלע האָטעלעכלעך פון עמיגראַנטן, וואו דער בעל־הבית האָט ניט געצוואונגען זיינע לאָקאַטאָרן זיך איינצומעלדן. (אַניט וואָלט ער קיין לאָקאַטאָרן ניט געהאַט). אויך אַרבעטן האָבן זיי געקענט נאָר אין קליינע היים־וואַרשטאַטן, וואו מען האָט זיך אַרויסגעטריבן די נשמה בעתן סעזאָן און נאָכדעם אַרומגעגאַנגען גאַנצע חדשים ליידיק.

לעגאַל זיינען זיי געוואָרן ערשט אין אָנהויב מלחמה, ווען רבקהס מאַן האָט זיך אַנגאַזשירט אַלס פרייוויליקער אין דער אַרמיי. זיי האָבן דאַן אָפיציעל חתונה געהאַט און אין עטלעכע וואָכן אַרום איז דער מאַן

אוועק אין דער קאזארמע. ווינטערצייט איז ער איינמאל געקומען אף אור־לויב און זיי האבן צום ערשטן מאל שפאצירט פראנק און פריי איבער פא־ריזער גאסן, אן מורא, אז א פאליציאנט וועט זיי פארהאלטן און פרעגן „פאפירן". גלייך אין אנהויב פרילינג, נאך איידער עס האבן זיך אנגע־הויבן די שלאכטן אין פראנקרייך, האט זי באקומען א ידיעה, אז ער ווערט אפטראנספארטירט. ער איז געפארן קיין נארוועגן, וואו ס'האבן זיך אין קליינעם עקספעדיציע־קארפוס באטייליקט א סך פרייוויליקע אויסלענ־דער. אין עטלעכע וואכן ארום איז ער געפאנגען געווארן אין נארוויק און פון דארט האט מען אים איבערגעשיקט קיין דייטשלאנד. אין א קנאפן יאר ארום האט די פאריזער פאליציי ארעסטירט רבקהס ברודער און אים פארשפארט אין בארימטן לאגער פון דראנסי. אינדערהיים זיינען געבליבן די פרוי און צוויי קליינע קינדער.

זי האט אפגעטריקנט דאס געשיר א סך שנעלער ווי העלען האט באוויזן צו וואשן און זעענדיק די מידקייט פון איר חברטע, האט זי אוועק־געלייגט דעם האנטוך אפן טיש:

— לאז, איך וועל דיר העלפן;

— א, איך טויג צו גארנישט! — האט זיך העלען באקלאגט.

—ניין, אין יעדן רעסטאראן ארבעט איין טריקענער אף עטלעכע וואַ־שער! — האט זי רבקה געטרייסט.

פון זאל איז דערגאנגען א געקלימפעריי פון לעפל, א זומען פון געשפרעכן און דער גערויש פון זופנדיקע מיילער. א קינד האט זיך צע־וויינט און די מאמע האט אף אים געשריען:

— זיי שטיל, אז ניט וועל איך צו דיר אויסלאזן מיין גאנצן טרויע־ריקן הארצן!

אין א ווינקל פון קיך זיינען געזעסן צוויי מיידלעך און געסקראבעט מערן צום מארגנדיקן מיטאג. דאביי האבן זיי שטילערהייט זיך דערציילט זייער ערנסטע ענינים: ידיעות וועגן אבלאוועס און לאגערן, וועגן דייַ־טשע מפלות אפן רוסישן פראנט, וואס א באקאנטער זייערער האט גע־הערט פון איינעם, וואס האט א ראדיא, אין וועלכן מ'קען גוט הערן ענגלאנד, און וועגן דער רעוואלוציע, וואס שטייגט אויף פון אונטער דער ערד און דערנענטערט זיך מיט שנעלע טריט...

נאר די אויבער־קעכין איז דא שטענדיק געווען גוט אויפגעלייגט. ס'איז געווען אן עלטערע פרוי, זייער א דיקע, מיט ריזיקע, קיילעכדיקע ברוסטן און א זייער אויסגעפאקטן, בולטן הינטער חלק, וואס האט אין די

איצטיקע שווערע צייטן ארויסגערופן אלגעמיינע דערשטוינונג און גרוי־סע באוואונדערונג.

— אייך, שרה־לאה, וועט די ראציאנירונג אויך ניט העלפן! — פלעגן זיך די מיידלעך וויצלען — איר הויבט גאר ניט אן צו ווערן מאגערער.

— פריער וועט היטלערס קאפ ליגן אין דער ערד, איידער מיין מחילה וועט ווערן מאגער! — פלעגט זי שטענדיק דערקלערן — איר פארשטייט א ביסל מיין פאליטיק?!

ווען זי איז געגאנגען איבער דער קיך, פלעגט זי זיך באוועגן אין אלע זייטן ווי א דיקע קאטשקע. זי האט זיך אבער ווייניק וואס באוועגט, איז תמיד געשטאנען מיט א הילצערנעם קאכלעפל באם קאכנדיקן טאפ און ווען חנהלע פלעגט אריינקומען מיט א געוואלד, אז עס זיינען צוגעקו־מען נייע אורחים און מען האט אפילו קיין גרינס ניט באקומען אין מארק, פלעגט זי זיך צעשרייען ווי בעת א שרפה:

— וואסער! וואסער!... איך זאג אייך, ווייבער, אז דער עיקר באם קאכן איז אריינגיסן וואס מער וואסער!

אין עס־צימער האט מען אפגערוקט שטולן און בענק. מענטשן זיי־נען אויפגעשטאנען פון די טישן. די צווייטע ריי איז געווען געענדיקט. חנהלע איז אריינגעקומען מיט טעלער אףביידע אָרעמס און צוגעהאלט זיי אפוואשן:

— ווילסט העלענקע, מירן גלייך אראפפארן צו מאדמואזעל זשי־ליעט? מירן דא איבערבייסן און נעמען דעם מעטרא? — מיט פלינקע באוועגונגען האט זי ארומגעריבן די טעלער און זיי אויסגעשטרעקט רבקהן — די זיצונג וועלן מיר האבן שפעטער. אפשר וועט זי אונדז העלפן פאר־שאפן א ביסל געלט, וועט ממילא די דיסקוסיע וועגן די ווייסע בוראקעס געדויערן א העלפט צייט!

— איך קען ניט. כ'מוז אפריער צופארן אין שטוב. ס'איז דאך היינט פרייטיק־צונאכט.

— אה, כ'האב שוין לאנג פארגעסן דעם טעם פון א פרייטיק־צו־נאכט!

— די עלטערן זיינען שוין אזוי אויך אומרואיק — העלען האט גע־רעדט שטילער — וועגן זשאקן. אזא צייט האט מען ניט געהערט פון אים. זאג, דו קענסט קיינעם ניט פון זיינע באקאנטע?

— ניין! — האט חנהלע נאך פלינקער געריבן די טעלער.

— מיר ווייסן ניט באַ וועמען זיך נאָכצופרעגן. איך האָב נאָר איינמאָל געטראָפן זיינע אַ באַקאַנטע, אַ פראַנצויזיש מיידל...

— ושערמענען? — האָט זיך חנהלע ארויסגעכאַפּט.

— יאָ! דו קענסט זי? דו ווייסט, וואו זי וואוינט?

— ניין... איך ווייס ניט — האָט זיך חנהלע צעטומלט. אַ ווײַלע האָט זי פּאַרטראַכטערהייט געטאָן איר אַרבעט, מיטאַמאָל האָט זי געזאָגט: — כ'וועל זיך נאָכפרעגן.

מער האָבן זיי ניט גערעדט וועגן דעם. באַלד איז דאָס געשיר געווען געענדיקט. העלען האָט זיך געזעגנט און צוגעזאָגט צו קומען אין אַ שעה אַרום צו זשיליעטן. חנהלע איז נאָך געבליבן מאַכן אָרדענונג אין קיך. זי האָט געקלערט וועגן זשערמענען. אין יענעם זומער, איר ערשטן אין פּאַריז, האָט זי זי עטלעכע מאָל געטראָפן. איינמאָל, ווען זי האָט זיך אַראָפּגעכאַפּט פון דושנעם וואַרשטאַט אין גאַס אַריין, האָט זי אַף די בולוואַרן דערזען זשאַקן. ניט ווײַלנדיק איז זי אים נאָכגעגאַנגען פונדערווייטנס. באַ אַ גרויסן מאַגאַזין האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און געוואַרט ביז אַ מיידל איז פון דאָרט אַרויסגעקומען. זי האָט זיך געמערקט אין זכרון דעם נאָמען פון מאַגאַזין און זי האָט באַמערקט די פרייד, וואָס האָט זיי אַרומגעכאַפּט. זי האָט זיי נאָכגעקוקט ביז זיי זיינען אַריין אין אַ קאַפע. אין עטלעכע וואָכן אַרום האָט זי זיי ביידן געטראָפן אַף דער דעמאָנסטראַציע. זשאַק האָט פאַרגעשטעלט: — זשערמען!... און חנהלע האָט מיטאַמאָל געוואוסט, אַז אַלץ איז פאַרלאָרן.

פון דעם טרעפן־גאַנג איז דערגאַנגען העלענס שטימע און דער קול פון אַ צווייטער חברטע. זי האָט אויפגעהאָרכט. די חברטע האָט עפּעס אויפגערעגט דערציילט. זי איז באַלד אַרויפגעקומען און איבערגעגעבן די סענסאַציאָנעלע ידיעה:

— אַף לאַ ווילעט האָט מען היינט פאַרנאַכט אוועקגעלייגט דעם פּראָוואָקאַטאָר זשיטאָל!

— אַ שיינע ריינע כפרה! — האָט געזאָגט שרה־לאה, די דיקע אַױבער־קעכין — איך האָב אייך שוין לאַנג געזאָגט, אַז פריער וועלן זייערע קעפּ ליגן אין דער ערד, איידער מיין מחילה וועט מאָגערער ווערן!... נו, איצט פאַרשטייט איר שוין מיין פּאָליטיק?

דריטער קאַפּיטל

די געדיכטע פֿאָרהאַנגען האָבן באַדעקט די פֿענצטער, באַהאַלטן דעם שיין און איינגעזאַפּט דעם דרויסנדיקן אָוונט־גערויש. אין צימער איז ניט דערגאַנגען קיין שאָרך. דאָס שוואַכע ליכט האָט זיך דורכגעזיפּט דורכן בלווילעכן פּאַפּיר־אַבאַזשור און פֿאַרזייט אַ מאַטן שלייער איבער דעם מאַסיוון טיש, די ווייכע שטולן און שרענק. אין אַ ווינקל, באַם ראַ־דיאָ־אַפּאַראַט איז האַלב געלעגן איוב און זיך געקראַצט זיין פֿאַרקרעציקטן לייב מיט אַ שערבל פֿון אַ פּאָרצעלאַן־קרוג פֿון לואוור־מאַגאַזין. ער האָט מער ניט געהאַט קיין קי און קיין קעמלען, און צום מויל פֿון שווערד זיי־נען געפֿאַלן זיינע זין און טעכטער. זיינע דריי קלוגע חברים זיינען געזעסן לעבן אים, די פּיס פֿאַרלייגט אונטער זיך. זיי האָבן געשטאָפּט דעמבן־בלעטער אין זייערע פּייקעס און געמוסרט דעם געשטראָפֿטן:

איוב: די ערד איז איבערגעגעבן אין דער האַנט פֿון אַ רשע; דעם פּנים פֿון אירע ריכטער פֿאַרדעקט ער; אויב ניט, ווער דען איז דאָס?

צופר דעם נעמתי: ווילסטו די דערפֿאָרשונג פֿון גאָט געפֿינען? צי דעם ציל פֿון אַלמעכטיקן געפֿינען? עס איז העכער ווי די הימלען, וואָס קענסטו אויפֿטאָן? טיפֿער פֿון דער ערד, וואָס קענסטו וויסן?

בלדד דער שוחי: וואָרים מיר זיינען פֿון נעכטן און ווייסן גאָרנישט, ווייל אַ שאָטן זיינען אונדזערע טעג אויף דער ערד!

גאָט האָט מען ניט געזען. קיין מענטשנס־קינד קען זען זיין פּנים און לעבן בלייבן. נאָר זיין שטימע האָט מען געהערט. ער האָט גערעדט דורכן ראַדיאָ, פֿון דער בעסטער מאַרקע, וואָס מען האָט איינגעשאַפֿט לכבוד זשאַקס צוריקקומען פֿון שפּאַניע:

„צי ווילסטו אויך פֿאַרשטיין מיין משפּט? ווילסטו מיך באַשולדיקן, כּדי דו זאָלסט גערעכט זיין?”

— טאטע!

סאקאלאָווסקי האָט אראָפּגעלאָזן דאָס בוך, וואָס ער האָט געהאַלטן עטוואָס אויפגעהויבן, כדי צו זען באַם טונקעלן ליכט די קליינינקע אותיותלעך:

— העלען, דו ביסט עס מיין קינד?

ס'איז פּרייטיק אָוונט, אין פּאַריז.

— ביסט אַליין? די מאַמע איז נאָך ניטאָ?

— די מאַמע איז זינט אינדערפרי אין גאַס. כ'בין אַ גאַנצן טאָג אַליין, האָב איך גענומען אריינקוקן אין אַ ספר. ביסט געווען אין דראַנסי?

— יאָ, מען איז אַ גאַנצן פרימאָרגן געשטאַנען פאַרן טויער און געוואַרט.

— געווען אַ סך פרויען?

— יאָ. הונדערטער. שוין נעכטן אָוונט האָט זיך פאַרשפּרייט אַ ידיעה, אַז מע'ט היינט עטלעכע באַפרייען. איז מען געשטאַנען פאַרן טויער און געוואַרט.

— מען האָט באמת באַפרייט?

— דריי האָט מען ארויסגעלאָזט. האַלבע מתים! זיי האָבן זיך קוים געהאַלטן אַף די פיס... זי האָט איבערגעהאַקט אַ ווײַלע און געקוקט פאַר זיך ווי דאָס פרימאָרגנדיקע בילד וואָלט זיך ווידער געשטעלט פאַר אירע אויגן, און דאַן האָט זי ווייטער דערציילט מיט קורצע הפסקות:

— לעבן מיר איז געשטאַנען אַ מוטער, אַ מיטליעריקע פרוי. זי האָט געוואַרט אַף איר זון, וואָס מען האָט צוגעזאָגט היינט צו באַפרייען. עס איז ארויס דער ערשטער, דער צווייטער, דאַן דער דריטער — דער לעצטער. און זי האָט אַלץ געקוקט אַפן טויער און איר בליק איז פאַר־צווייפלט געוואָרן. מיטאַמאָל איז איינער פון די דריי ארויסגעקומענע, אַ גרויער צעבראָכענער זקן, איר געפאַלן אַפן האַלדז און אויסגעשריען: מאַמע! מאַמע!... ערשט דאַן האָט זי אים דערקענט. מיט צוויי חדשים צוריק האָבן זיי אים אין אַ פאַרטאָג ארויסגעשלעפּט פון בעט. ער איז דאַן געווען אַ מונטערער, יונגער בחור. ערשט לויט זיין קול האָט זי אים דער־קענט.

סאקאלאָווסקי האָט פאַרביסן די ליפּן. פאַרוואָס האָט־ער אַ גאַנצן טאָג געקלערט נאָר וועגן זשאַקן? זיין זון איז דאָך, גאָט צו דאַנקען ניט אין זייערע הענט! ער מוז זיך מישב זיין מיט העלענען, קען אָבער ניט אָנהויבן ריידן וועגן דעם.

— און וואָס דערציילן זיי פון אינעווייניק?

— ווי שטענדיק. מען הונגערט. פון די פינף און צוואַנציק ווייסן זיי שוין אויך.

— האָסטו עפּעס געהערט פון סימאָנען?

— ער האָט מיר אַרויסגעשיקט אַ צעטעלע. איינער פון די באַפרייטע האָט עס אַדורכגעשמוגלט אין שוך. — זי האָט אַ זוך געטאָן אין קעשענע און אַרויסגעשלעפּט אַ קליין, צעקנייטשט שטיקל פּאַפּיר. דער טאַטע האָט אַף איר געקוקט מיט אַ פרעגנדיקן בליק. זי האָט אויסגעגליכט דאָס צעטעלע, עס עטוואָס אויפגעהויבן צום ליכט און שטיל געלייענט:

„מיין ליבע פרוי, מיר ווייסן ניט אַף וועמען דער גורל וועט דאָסמאָל פאַלן. איך באַנוץ די געלעגנהייט דיר אָנצושרייבן אַ פּאָר ווערטער. אפשר זיינען עס מיינע לעצטע ווערטער. איך קלער שטענדיק וועגן דיר. זיי מוטיק. גריס דיין טאַטן, דער מאַמען און זשאַקן".

באַ די לעצטע ווערטער האָט סאָקאָלאָווסקי אַ ציטער געטאָן. ווי זאָל ער אָנהויבן ריידן מיט איר וועגן ברודער? דאָס צעטעלע האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון העלענעס הענט און איז געפאַלן אַפן טיש. דער טאַטע האָט שטיל געזאָגט:

— פאַרליר ניט די האָפענונג, טאָכטער!

— די האָפענונג? אַף וואָס קען מען נאָך האָפן?

— אפשר וועט נאָך די גזרה אָפּגעשאַפט ווערן אין דער לעצטער מינוט? — האָט זי געטרייסט דעם טאַטע. ער האָט אָפּגעהאַקט. די ווערטער זיינען אים געבליבן שטעקן אין האַלדז.

— ניין, זיי ווייסן ניט פון קיין רחמנות! — די פאַרצווייפלונג, וואָס העלען האָט דעם גאַנצן אָוונט אונטערדריקט, כדי ניט אַרויסצואווייזן קיין שוואַכקייט פאַר די מיידלעך אין קיך, איז איצט אויסגעבראָכן. זי האָט געקוקט אַפן צעטעלע -- אַ האָפענונג?... אַ האָפענונג?... — האָט זי איבערגעחזרט און אָן שום שיינבאַרן צוזאַמענהאַנג האָט זי אָנגעהויבן פון עפּעס אַנדערש — היינט פאַרנאַכט האָט מען אַף לאַ ווילעט דערשאָסן דעם געוועזענעם דעפּוטאַט זשיטאָל. מען זאָגט, אַז ער האָט אויסגעגעבן די טעראָריסטן.

סאָקאָלאָווסקי איז בלאַס געוואָרן:

— און פון וואַנען האָט ער זיי געקאָנט?

— ער איז אַמאָל געווען אַ לינקער. איצט איז ער געוואָרן אַ פּאַרע־טער. אַראָפּגייענדיק פון קיך האָט אַ מיידל מיר דערציילט.

— און זיי האָבן אים פּשוט דערשאָסן אינמיטן גאַס?

— יאָ, אַ ציקליסט האָט אים אָוועקגעלייגט מיט רעוואָלווער שאָסן.

— זי האָט פאַרביסן די ציין — גוט אויף אים! די דאָזיקע הינט מוז מען אויסראָטן!... מיינסט ניט אַזוי? מיינסט ניט, אַז ס'איז ריכטיק? — האָט זי געקוקט אויפן טאַטן, וואָס איז געשטאַנען שווייגנדיק, מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ.

— מסתמא איז עס שוין ריכטיק — האָט ער געענטפערט פאַר־טראַכט — אָבער אַזעלכע צייטן זיינען ניט פאַר אונדז, פאַר די אַלטע. פאַרשטייסט, אין אַנדערע צייטן איז מען ניט געווען געוואוינט, מען זאָל דערהרגענען אַ מענטשן אינמיטן גאַס און מען זאָל נאָך מוזן טראַכטן, אַז עס איז רעכט... און עס זאָל טאַקע זיין רעכט...

העלען האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער: — וואו קען זיין די מאַמע אַזוי שפּעט? איר בליק איז געפאַלן אויפן ראַדיאָ. אפשר איז פאַראַן נייעס? זי האָט זיך צוגעבויגן צום אַפּאַראַט און אַ דריי געטאָן דאָס שרייפל. די שויב האָט אויפגעלויכטן, אַן אומקלאָרער זומען האָט אַ שטראָם געטאָן אין צימער. מיטאַמאָל האָט סאָקאָלאָווסקי אַ רוף געטאָן מיט אַ דערשראָ־קענער בעטנדיקער שטימע:

— ניין, לאָז אָפּ! איך וויל עס ניט הערן נאָכאַמאָל.

— וואָס איז געשען? — האָט העלען אויסגעלאָשן דעם אַפּאַראַט.

— זיי האָבן היינט באַטאָג געמאָלדן, אַז זשאַק האָט זיך באַטיי־ליקט... אַז ער איז געווען באַם גאַראַזש... זיי זוכן אים!

ער האָט זיך דערשראָקן פאַר זיינע אייגענע ווערטער. ווידער האָט ער געזען די בלוטיקע אויגן, וואָס האָבן געקוקט דורך פענצטער און ווענט. העלען איז געשטאַנען באַם טיש. אין איר מוח האָט געהאַמערט איין געדאַנק: אַ האָפענונג?... אַ האָפענונג?... אָט דאָס איז געווען די האָפענונג! זי האָט אויסגעשטרעקט די האַנט, גענומען דאָס צעטעלע פון טיש און אַ פּליסטער געטאָן די לעצטע ווערטער: גריס דיין טאַטן, דער מאַמען און... זשאַקן. פּאַמעלעך האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזן אויף אַ שטול און צוגעדעקט דאָס פּנים מיט די הענט.

אַ לאַנגע ווײַלע האָבן זיי ביידע געשוויגן. סאָקאָלאָווסקי האָט באַ־טראַכט זיין טאָכטער. אַ גאַנצן טאָג האָט ער געוואַרט, כדי זיך מיט איר

מישב צו זיין, ווי אזוי צו וואָרענען זשאַקן. איצט האָט ער גערעדט וועגן עפּעס אַנדערש:

— ביסט בייז אַף דיין ברודער?

העלען האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. אין אירע אויגן זיינען געשטאַנען טרערן.

— דו באַשולדיקסט זשאַקן?

— ניין, איך באַשולדיק אים ניט.

— אויב אַפילו דיין מאַן וועט חס ושלום זיין צווישן די... דאַרפסטו זשאַקן מוחל זיין! — איז דער טאַטע צוגעגאַנגען נענטער.

— איך האָב אים ניט וואָס מוחל צו זיין! — האָט קאַלט געענטפערט העלען.

— זיי זיינען ביידע מיינע קינדער... מיר האָבן תמיד געוואוסט, אַז מיר מוזן ליידן. אַמאָל האָט מען עס גערופן „קדוש השם..." איר, דער יונגער דור, האָט ווייניק געלערנט וועגן דעם... ניין, זשאַק האָט עס אויך געוואוסט...

העלען האָט זיך אויפגעהויבן פון שטול. די טיפע אויפרעגונג האָט גובר געווען די מידקייט. פּלוצלינג איז איר קלאָרער געוואָרן אין קאָפּ:

— איך ווייס! — האָט זי כמעט אויסגעשריען — זשאַק איז שטענדיק געווען מוטיק. און דו, טאַטע, דו וואָלסט אויך איינגעשטעלט דיין לעבן פאַר דיין גלויבן! אָבער איך...

— איך? איך ווייס ניט! — האָט סאָקאָלאָווסקי צעשפּרייט די הענט — אַ מענטש קען עס קיינמאָל ניט וויסן, ביז עס שלאָגט ניט שעה פון נסיון!...

— ניין, איך ווייס, איך ווייס! — האָט זי איבערגעחזרט מיט עקשנות — איך ווייס, אַז מען מוז אויסראָטן די רשעות מיטן וואָרצל און פונדעסטוועגן האָט אַ גאַנצן טאָג געטליעט אַן אומבאַוואוסטער פונק פון האָפענונג אין מיין מוח, אַז מען וועט אפשר געפינען די טעראָריסטן און ניט דערשיסן די משכנות... — אַ ספּאַזמאַטישער שלוכצן האָט איבערגעריסן אירע ווערטער און זי איז אַרויסגעלאָפן פון צימער.

— דער מענטש איז שוואַך! — האָט סאָקאָלאָווסקי גערעדט צום ליידיקן אָרט — און קיין מענטש קען ניט זיין זיכער מיט זיך, ביז עס דערגייט ניט צו זיין אייגענער פעל!

ערשט איצט האָט ער באַמערקט, אַז העלען איז ניטאָ. אַ פאַרלוירע־

נער האָט ער זיך אַרומגעקוקט. זיין בליק איז געפאַלן אַפן אָפענעם ספר, וואָס איז געלעגן אַפן טיש און ער האָט זיך עפּעס דערמאָנט. ער האָט אַ שפּאַן געטאָן, גענומען דאָס בוך און אַ בלעטער געטאָן אַף צוריק. דאַן איז ער צוגעגאַנגען צו זשאַקס צימער און געעפנט די טיר. העלען איז דאָרט געזעסן אַפן סאָפאַ, דער פּנים פאַרדעקט אין די דלאָניעס. דער טאַטע איז שטיין געבליבן אַפן שוועל און אַרויסגעלייענט פון בוך אָפּגעריסענע זאַצן: „די רינדער האָבן געאַקערט און די אייזעלינס האָבן זיך געפּיטערט, זיינען געקומען שבאער און זיי צוגענומען און די יונגען האָבן זיי דערשלאָגן מיטן שאַרף פון שווערד...״ ער האָט געלייענט פּאַמעלעך, אַרויסזוכנדיק פון זכרון דעם ריכטיקן פּירוש המילות: „ערשט איז אַ גרויסער ווינט אָנגעקומען פון דער זייט פון מדבר און האָט אָנגעכאַפּט די פיר ווינקלען פון הויז, און עס איז איינגעפאַלן אַף די יונגעלייט און זיי זיינען געשטאָרבן...״ באַלד האָט ער געפונען דעם געזוכטן פּסוק און ער האָט אַ לייען געטאָן אַפן קול, מיט פּאַטאָס: „האָט דער שטן געענטפערט גאָט, און האָט געזאָגט: הויט פאַר הויט! און אַלץ וואָס אַ מענטש האָט, וועט ער אוועקגעבן פאַר זיין נפש! אָבער שטרעק אָקאָרשט אויס דיין האַנט און ריר אָן זיין ביין און זיין פלייש, אויב ער וועט ניט אין דיין פּנים דיך לעסטערן...״

העלען האָט ניט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. דער טאַטע איז צוריק אַריין אין עס־צימער און זיך געזעצט באַם טיש: ניט גענוג די צרות, שטעלט אונדז גאָט אויך פאַר נסיונות! אין הויז איז געווען שטיל. ער האָט געלייענט ווייטער.

— טאַטע!

העלען איז געשטאַנען אַפן שוועל. אירע אויגן זיינען געווען רויט. איר קול איז געווען טרוקן און הייזעריק:

— אפשר זאָל איך אַראָפּגיין אין גאַס? חנהלע קען די זשערמען... מען וואָלט באַדאַרפט אויפזוכן זשאַקן. אפשר וויים ער ניט!

— אָבער זיי באַוואַכן דאָס הויז!

זי האָט אַ שפּרייז געטאָן צום פאָרהאַנג און אים געוואָלט אָפּציען. סאָקאָלאָווסקי האָט זי פאַרהאַלטן:

— ניין, די שטאָט איז פאַרטונקלט. מען וועט מערקן אין דרויסן דעם שיין. — העלען האָט זיך אַרומגעקוקט. דאַן האָט זי אויסגעדרייט דעם עלעקטרישן שאַלטער. אין צימער איז געוואָרן פינצטער. זי האָט אָפּגעצויגן אַ ווינקל פון פאָרהאַנג. זיי האָבן אַרויסגעקוקט אין דרויסן.

די שטאָט איז געלעגן אויסגעלאָשן. די הייזער האָבן זיך געהויבן שטום און שוואַרץ ווי די שאָטנס. אויף דעם פאַרוואָלקנטן הימל האָט מען ניט געזען קיין שיין פון קיין שטערן. דער טאַטע האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און ווי מורא האָבנדיק, אַז זיין שטימע זאָל ניט דערגיין ביז אונטן, האָט ער געפּליסטערט: — זיי שטייען נאָך אַלץ אויפן דאַך. מען זעט צוויי פונקען, וואָס פלאַקערן אויף, פאַרבלאַסן און גלאַנצן ווידער. דאָס זיינען די פייערלעך פון זייערע פּאַפּיראָסן. זיי בלישטשען אין דער פינצטער ווי די אויגן פון אַ וואָלף, וואָס לויערט אויף זיין קרבן!

העלען האָט צוגעצויגן דעם פאָרהאַנג. זיי זיינען אַלץ געשטאַנען אין אויסגעלאָשענעם צימער. די פינצטערניש איז געדיכטער געוואָרן און געדריקט ווי אַ שווערע משא.

— וואָס זאָל מען טאָן?

— מיר מוזן וואַרטן! דער מדבר האָט זיך געשלאָסן אַרום אונדז.

— מיר זיינען אין די הענט פון בלינדן גורל.

— דער גורל אָדער גאָט.

— גאָט האָט אונדז פאַרלאָזן, אויב ס'איז פאַראַן אַ גאָט אויף דער וועלט!

— לעסטער ניט, טאַכטער!... אויב ניט איז די וועלט אַ תוהו ובוהו... אַ כאַאָס!...

די פינצטערניש איז געוואַקסן און געשטייגערט די פאַרצווייפלונג. העלען האָט אַ שפּרייז געטאָן צום שאַלטער און געמאַכט ליכט. דער טאַטע האָט אַ פינטל געטאָן מיט די אויגן קעגן בלענדנדיקן שיין און צוגעדעקט אַ ווײַלע דאָס פּנים מיט דער האַנט. אין קאָפּ האָט אים אויפגעבליצט: „והארץ היתה תוהו ובוהו... און דאָס לאַנד איז געווען וויסט און לער... און גאָט האָט געזאָגט, זאָל זיין ליכט. ויהי אור... און ס'איז געוואָרן ליכט...”

— אויך דאָס ליכט איז היינט טריב און מוטנע! — האָט העלען אָנגעוויזן אויפן לעמפּל, ווי זי וואָלט געלייענט דעם טאַטנס געדאַנק — זיי שפּאָרן דעם עלעקטרישן שטראָם פאַר דער קריגס־אינדוסטריע. כדי אויס־צומאָרדן וואָס מער מענטשן!

אין דער דרויסן־טיר האָט אַ גרילץ געטאָן אַ שליסל. שווערע טריט האָבן אָפּגעהילכט אין קאָרידאָר און זיינען גלייך שטיל געוואָרן. מען האָט געהערט ווי אַ קערפּער האָט זיך אָנגעשטויסן אָן אַ וואַנט. — די מאַמע!

— האָט אויסגעשריען העלען און איז אַרויסגעלאָפן. רחל, אַ בלאַסע, מיט נעשלאָסענע אויגן, איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן אַ וואַנט, גלייך באַם אַריינגאַנג. אירע קני האָבן געציטערט.

— וואָס איז דיר, מאַמע? — האָט העלען זי גענומען אונטערן אָרעם און אַריינגעפירט אין צימער.

— ס'איז גאָרנישט, מיין טאָכטער, גאָרנישט! ס'וועט באַלד איי־בערגיין! — העלען האָט איר געהאָלפן אויסטאָן דעם פּעלץ און זי אוועק־געזעצט אויף אַ שטול. רחל האָט זיך אָנגעשפּאַרט און געשלאָסן די אויגן.

— דו ציטערסט אינגאַנצן! וואו ביסטו געווען?

— זי איז אודאי מיד! — האָט געזאָגט סאָקאָלאָווסקי — אַ גאַנצן טאָג אונטערוועגס.

— ניין, איך בין ניט מיד! — האָט רחל געעפנט די אויגן און זיך אַרומגעקוקט דערשראָקן — אַ שרעקלעך לאַנגער טאָג! איך האָב געזען זשאַקן!

—וואו האָסטו אים געטראָפן?

— האָסט גערעדט מיט אים? — האָבן מאַן און טאָכטער אויסגע־רופן אויף אַ מאָל. רחל האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין.

— אָבער וואו איז ער? — האָט העלען זי אָנגענומען פאַר אַ האַנט

— ער זאָל נאָר ניט קומען...

סאָקאָלאָווסקי האָט איר אַ וואונק געטאָן און זי האָט איבערגע־האַקט אינמיטן זאַץ.

— באַם קאַנאַל האָב איך אים געזען. דאָרט, ניט ווייט פון דער „רעפּובליק"... — זי האָט דערציילט מיט אָפּגעהאַקטע זאַצן וועגן איר באַ־טאָגיקער רייזע. סאָקאָלאָווסקי איז אַ ווײַלע אַרוים אין קיך און איז צו־ריקגעקומען מיט אַ גלאָז וואַסער. רחל האָט אַ זופּ געטאָן און ווייטער־דערציילט:

— אויבן, אויפן בולוואַר, האָב איך געבלאָנדזשעט דורך פּוסטע גאַסן. פּלוצלינג איז אָנגעפאָרן אַ ציקליסט און אויסגעשאָסן אויף אַ מאַן, וואָס איז מיר אָנגעקומען אַנטקעגן. דער מאַן איז אומגעפאַלן אין אַ קאַלו־זשע בלוט... — זי האָט זיך ווידער אָנגעשפּאַרט אויפן אָנלען פון שטול און האָט צוגעמאַכט די אויגן.

— זשיטאָל! — האָט העלען אַ זאָג געטאָן צום טאַטן.

— ווער? ווער זאָגסטו? — האָט רחל זיך אויפגעכאַפּט און זיך אַ הויב געטאָן פון שטול — האָט עס דען געהאַט צו טאָן מיט זשאַקן?

— ניין, מיר ווייסן ניט. מיר האָבן נאָר געהערט!

— איר ווייסט עפּעס און איר ווילט מיר ניט דערציילן! — זיינען רחלס אויגן גרעסער געוואָרן — אויך דאָרט האָבן עס אַלע געוואוסט אויסער מיר. צוויי יונגעלייט זיינען צוגעלאָפן צום דערשאָסענעם און ווען זיי האָבן דערזען זיין פּנים, האָבן זיי זיך אָפּגעטראָגן...

זי האָט אַ טרונק געטאָן פון וואסער און ווייטער גערעדט, קוקנדיק אין חלל אריין:

— דער מאַן האָט געגוססט אין זיין בלוט און קיינער האָט אים ניט דערלאַנגט קיין לעפל וואסער. מענטשן זיינען זיך צעלאָפן ווי פון אַ מגפה. מען האָט צוגעקלאַפּט טיר און טויער. כ׳בין אהיימגעגאַנגען דורך זייטיקע געסלעך און באַם קאַנאַל האָב איך דערזען אַ שאָטן, וואָס האָט זיך געשלייכט לענגאויס די מויערן. איך האָב אים גלייך דערקענט, ס׳איז געווען זשאַק!

— אָבער אין די גאַסן ברענט דאָך ניט קיין ליכט! אפשר האָסטו געהאַט אַ טעות?

— ניין, איך האָב אים דערקענט! ער איז מיין קינד, פיר און צוואַנציק יאָר האָב איך אים געהאָדעוועט, און איך האָב אים דערקענט! ווען איך האָב נאָר דערזען זיין שאָטן, וואָס האָט זיך געגליטשט אין דער פינצטערניש, האָב איך געוואוסט, אַז דאָס איז ער!... איך האָב אים גערופן, אָבער ער האָט זיך ניט אומגעדרייט. ער האָט זיך אַ שאָר געטאָן אין אַ זייטיקן געסעלע. דאַן האָב איך אים אַ רוף געטאָן כּאַ זיין יידישן נאָמען: יענקעלע! יענקעלע! ווי אַמאָל, ווען ער איז נאָך געווען אַ קינד...

זי האָט אָפּגעאָטעמט, האָט זיך אויפגעשטעלט און אויסגערופן:

— איך בין זיכער, אַז ער איז אין אַ גרויסער סכנה!...

אירע לעצטע ווערטער זיינען פאַרהילכט געוואָרן דורך אַ שטאַרקן קלאַפּן אין קאָרידאָר־טיר. אַלע זיינען בלאַס געוואָרן און האָבן אויפגעהאָרכט. פון הינטער דער טיר זיינען דערגאַנגען שטימען:

— עפנט!... פּאָליציי!... עפנט!...

אַ ווײַלע זיינען אַלע געווען שטיל, ווי פאַרגליווערט. דאַן האָט זיך הערלען אויפגעהויבן:

— זאָל איך עפענען?

— זיי קומען וועגן זשאַקן! — האָט פאַרצווייפלט אַ פליסטער געטאָן רחל.

— עפן! אַ ברירה האָבן מיר? — האָט סאָקאָלאָווסקי אַ מאַך געטאָן מיט די הענט.

העלען איז אַוועק אין קאָרידאָר. די קלאַפּעריי איז העפטיקער און שטורמישער געוואָרן. זי איז געווען פול מיט אומגעדולד און זיך געריסן ווי אַ שטייענדיקער אַלאַרם, וואָס וואַרפט אַן שרעק פון דער ערשטער מינוט. סאָקאָלאָווסקי איז געשטאַנען ווי פאַרגליווערט, ער האָט געקוקט פאַר זיך און זיינע ליפּן האָבן זיך באַוועגט:

— אַזוי קלאַפּט די פּאָליציי, פון אייביק אָן און אין אַלע לענדער פון גאָר דער וועלט...

פערטער קאַפּיטל

העלען איז צוריקגעקומען באַגלייט פון צוויי מענער, וואָס האָבן אַריינגעשפּאַנט מיט חוצפּהדיקע טריט, זיך געשטעלט באַם טיש און גע־וואָרפן שאַרפע, פאַרשנדיקע בליקן אויף טאַטע־מאַמע. הינטער זיי זיינען דערשינען צוויי פּאָליציאַנטן אין פראַנצויזישע אוניפאָרמען. זיי האָבן שווייגנדיק זיך געשטעלט בײַ די ווענט, פון ביידע זייטן טיר. זייערע פּנימער זיינען געווען קאַלט און פאַרשלאָסן. איינער פון די ציווילּיסטן, אַ מיטליעריקער, מיט אָנגעצויגענע שטריכן פון אַ יאַגד־הונט אין זיין גאַנצן געשטעל, מיט אַ שוואַרצן מעלאָן־הוט אויפן קאָפּ, וואָס האָט צוגע־געבן טונקעלע בייזקייט זיין סיי ווי פאַרכמאַרעטן פּנים, האָט אַ שפּרייז געטאָן פאָראויס און זיך געווענדעט צום טאַטן:

— איר זיינט מעסיע סאָקאָלאָווסקי? — האָט ער האַלב געפרעגט און האַלב באַפוילן.

— יאָ, מעסיע.

— מיר זיינען געקומען וועגן אייער זון! וואו איז ער?

העלען האָט זיך אַרויסגערוקט פאָראויס:

— מיר ווייסן ניט, מעסיע. ער וואוינט שוין לאַנג ניט דאָ.

— מען האָט אים דאָ געזען אַרויסגייענדיק ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק! — האָט דער צווייטער ציווילּיסט געפירט זיין בליק פון דעם טאַטן צו דער טאָכטער.

ער איז געווען יינגער ווי דער ערשטער. די הויט פון זיין פּנים איז געווען העלער. אין זיינע אויגן איז געשטאַנען אַ קאַלטער בלאַ. ער האָט גערעדט אַ גוטן פראַנצויזיש, אָבער העלען האָט גלייך אונטערשיידט דעם פרעמדן אַקצענט, וואָס האָט דערמאָנט די אויספּראַך פון געוויסע עלזאַסער. אַ דייטש! — האָט זי אַ קלער געטאָן — געשטאַפּאָ!

— ניין, מעסיע, איר האָט אודאי אַ טעות. מיין ברודער איז דאָ שוין לאַנג ניט געווען. איר קענט נאָכפרעגן בא דער פּאַרטיערין.

דער געשטאַפּאָ־אַגענט האָט זי אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס. זיינע אויגן זיינען געבליבן פארגליווערט. נאָר זיינע ליפּן האָבן זיך פאַר־קרימט אין אַ שטאָלצן שמייכל:

— מיר דאַרפן ניט פרעגן קיין שום פּאַרטיערין, מאַד־מו־אַזעל! מיר ווייסן אַלץ גאַנץ גענוי! מיר ווייסן אויך, אַז איר פלעגט גיין באַזוכן אייער ברודער. — ער האָט ארויסגעצויגן פון בוזים־קעשענע אַ קליינעם נאָטיץ־ביכל און דאָרט אַריינגעקוקט, פירנדיק זיינע אויגן פון העלענס פּנים צו די קליינע אותיותלעך.

„ער גייט דאָ שפּילן דעם ראַפינירטן אינקוויזיטאָר!" — האָט אַ טראַכט געטאָן העלען. אָפן קול האָט זי געזאָגט:

— איך האָב אים ניט באַזוכט. איך ווייס אפילו ניט, צי ער איז אין פּאַריז, אָדער ער איז ערגעץ וואו אַוועקגעפאָרן.

— אַוועקגעפאָרן? פּונקט ווי שאַרל פּויאַלאָן, וואָס? העלען האָט אַ הויב געטאָן מיט די פּלייצעס.

— איר האָט אים גוט געקענט, דעם פּויאַלאָן. מיר האָבן קלאָרע באַווייזן, אַז איר פלעגט אָפט קומען אים באַזוכן אין האָטעל פון דער „גוטער האָפענונג".

— איך האָב קיינמאָל ניט געהערט פון אַזאַ האָטעל!

— מיר האָבן גענויע ידיעות וועגן די טעג און שעהן! מיר ווייסן אַלץ. אונדזער האַנט גרייכט אומעטום, אונדז קען קיינער ניט אָפּנאַרן!

ער האָט געוואָרפן אַ טריאומפירנדיקן בליק אַף אַלע אַרומיקע. דער צווייטער ציוויליסט, דער פראַנצויזישער אַגענט, האָט אים געענטפערט מיט אַ שמייכל. די צוויי פּאָליציאַנטן זיינען געשטאַנען בא דער וואַנט און זייערע פּנימער האָבן ניט געצוקט. באַם טאַטן האָבן געציטערט די ליפּן, ווי זיי וואָלטן געזאָגט תפילה. מיטאַמאָל האָט זיך רחל אַ כאַפּ געטאָן:

— אָבער וואָס ווילט איר פון זשאַקן? וואָס ווילט איר פון מיין קינד?

— וואָס מיר ווילן פון אים? — דער אַגענט האָט איר קאַלט גע־קוקט אין די אויגן — אויפהענגען ווילן מיר אים!... דערשיסן! ווי אַ משוגענעם הונט דערשיסן! אייער טייערער זון האָט זיך באַטייליקט אין

אטענטאט אף בולוואר מאזשענטא, וואו צוויי בראווע לייט האָבן פאַר־לוירן זייער לעבן. און פריער איז ער באַגאַנגען נאָך אַנדערע פאַרברעכנס. ער האָט א סך אף זיין געוויסן!

— אַצינד זעט איר, מאַדאַם? — האָט דער פראַנצויזישער אַגענט געוואָרפן א פרעגנדיקן בליק אף זיין קאָלעגע און דאן געוענדט צו רחלען:
— זאָגט אונדז בעסער דעם אמת! ער איז אפילו אייער זון, אָבער צו וואָס זאָל ליידן די גאַנצע משפחה?

— אָבער מיר ווייסן ניט — האָט רחל זיך אָנגעשפאַרט אָפן שטול — זשאַק איז זיכער אומשולדיק!

דער בלאָנדער אַגענט האָט זיך אויסגעגלייכט:

— גוט! — ער האָט זיך געווענדט צו סאָקאָלאָווסקין — איר וועט מיטגיין מיט אונדז! מאָרגן אינדערפרי וועט מען אייך דערשיסן. פאַרן אויפגיין פון מאָרגנשטערן. איר וועט שוין ניט זען דעם שיין פון מאָרגנדיקן טאָג!

רחל האָט פאַרבראָכן די הענט:

— מיין גאָט! פאַרוואָס? פאַרוואָס?

דער בלאָנדער אַגענט האָט זי באַטראַכט. די שטריכן פון זיין פנים האָבן זיך פלוצלינג אָנטשפּאַנט. זיין שטימע איז ווייכער געוואָרן:

— איר זיינט די מוטער?

רחל האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אף יאָ.

— דער איז אייער מאַן?... און יענער איז אייער זון, אמת?

— יאָ, מעסיע.

— צו וואָס זאָלט איר זיי פאַרלירןביידן מיטאַמאָל?!... מיר וועלן יענעם סיי ווי געפינען, מיר זיינען שוין אף זיינע שפּורן. און אויב איר וועט זיך פאַרעקשנען און שווייגן, וועלן מיר זיי ביידן דערשיסן, אפריער אייער מאַן און דאן אייער זון!

— ליבע פרוי, מיר זיינען אויסן אייער טובה! — האָט באַשטעטיקט דער פראַנצויז — מיר ווילן אייך קיין שלעכטס ניט טאָן. זאָגט בעסער, וואו ער איז.

רחל האָט זיך ארומגעקוקט מיט א צעטומלטן בליק. אירע אויגן האָבן געטראָפן דעם מאַן און די טאָכטער און זי האָט זיי ווי ניט דערקענט. אירע רעיונות האָבן זיך פאַרמישט. מיטאַמאָל איז געוואָרן פינצטער ארום. זי האָט זיך אָנגעהאַלטן אָן א שטול, כדי ניט אומצופאַלן. ערשט א ווײַלע שפּעטער איז זי געקומען צו זיך:

— אָבער מיר ווייסן ניט, מיר זיינען אומשולדיק!

— מיר האָבן אייך געוואָרנט! — האָט דער אַגענט א מאַך געטאָן מיט דער האַנט — און איר וועט טראָגן די קאָנסעקווענצן פון אייער האַנדלונג! — ער האָט זיך געווענדעט צו העלענען — וואו האָט ער גע־וואוינט?

זי האָט אָנגעוויזן דורך דער צעעפנטער טיר אַף זשאַקס צימער. דער דייטש האָט געמאַכט א צייכן צום פראַנצויזישן אַגענט, ער זאָל גיין פאַראויס. דאַן האָט ער געהייסן גיין העלענען און דעם טאַטן. די אינס־פעקציע איז געמאַכט געוואָרן לפנים וועגן און האָט געדויערט נאָר עט־לעכע מינוט. דער געשטאַפּאָ־מאַן האָט אָנגעוויזן זיין קאָלעגע אַף זשאַקס ביבליאָטעק:

— אויב פראַנקרייך וויל געזונט ווערן, מוז זי פארברענען דעם דאָזיקן יידישן קאָמוניזם!

— אודאי — האָט יענער מסכים געווען, שאָקלענדיק אונטערטע־ניק מיטן קאָפּ — מיר האָבן נאָר ניט געהאַט קיין צייט דערצו.

— און די יידן מוזט איר אויך אויסראָטן! זיי טראָגן די מיקראָבן אין זייערע קעפּ.

זיי זיינען אריין צוריק אין עס־צימער. דער בלאָנדער האָט גע־וואָרפן א זייטיקן בליק אַף רחלען:

— מיר גייען! — האָט ער אויסגערופן צו זיינע מענטשן און ווייזנדיק אַף סאָקאָלאָווסקין, האָט ער צוגעגעבן:

— נעמט אים מיט!

די פּאָליציאַנטן האָבן געמאַכט א שפּאַן פאַראויס. רחל איז בלאַס געוואָרן. א געשריי פון פארצווייפלונג איז איר שטעקן געבליבן אין האַלדז. דער געשטאַפּאָ־אַגענט, וואָס האָט זי באַאָבאַכטעט, האָט געמאַכט א צייכן צו זיינע מענטשן, זיי זאָלן שטיין בלייבן:

— מאַדאַם! — האָט ער זיך געווענדעט צו איר — מיר האָבן א באַפעל צו ארעסטירן אייער מאַן, מיר וואָלטן אים גלייך געקענט אָפּפירן און דערשיסן. דער באַפעל איז אונטערגעשריבן. מיר פרעגן אייך צום לעצטן מאָל: איר וועט ריידן? איר דאַרפט אונדז נאָר זאָגן, מיט וועלכע חברים ער פלעגט זיך טרעפן. באַם גאַראַזש זיינען זיי געווען צוויי!

— זשאַק איז דאָרט זיכער ניט געווען! איר מאַכט א טעות, מעסיע.

— ניין, אונדזער פּאָליציי מאַכט קיינמאָל ניט קיין טעות!

רחל האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ. זי האָט גערעדט מיט אַ בעטנ־דיקער שטימע, מער צו זיך ווי צום פרעמדן:

— אָבער עס קען ניט זיין! וואָס האָט עמעצן שלעכטס געטאָן? מיין קינד האָט געהרגעט מענטשן?... ער האָט קיינמאָל קיין פליג ניט אָנ־גערירט! ער האָט קיינמאָל ניט אַרויפגעלייגט קיין האַנט אַף אַ חבר! ער איז תמיד געווען אַ גוט קינד.

— מיר וועלן אים דערשיסן, אייער גוטן קינד! — האָט דער אַגענט אַ סיקע געטאָן צווישן די ציינער. ער האָט זיך אויסגעדרייט צו דער טיר, זיך אַ ווײַלע מישב געווען און זיך דאַן ווידער געווענדעט צו רחלען:

— און אפשר זיינט איר גערעכט, מאַדאַם, אפשר האָבן זיי געמאַכט אַ טעות און אים אומזיסט באַשולדיקט. אָבער אין אַזאַ פאַל וועלן מיר אים זיכער באַפרייען. מען וועט אים נאָר פאַרהערן און גלייך אָפּשיקן צו אייך אַהיים! מיר טשעפּען ניט קיין אומשולדיקע!

— איך וויים גאָרנישט! — האָט רחל אויסגעשריען ניט מיר איר קול.

— איז גוט, שוין גוט! מיר גייען שוין, מיינע דאַמען, און וועלן אייך מער ניט שטערן. נאָר דעם אַלטן נעמען מיר מיט. געדענקטס, מאָרגן פאַרטאָג וועט ער דערשאָסן ווערן, אויב איר וועט אונדז ביז דאַן ניט ברענגען קיין אינפאָרמאַציע וועגן זון. אַ גוטע נאַכט, מיינע דאַמען! — ער האָט געמאַכט אַ צייכן און די צוויי פּאָליציאַנטן האָבן זיך דער־נענטערט צו סאָקאָלאָווסקין.

רחל האָט אַ געשריי געטאָן און איז אומגעפאַלן אַפן שטול. העלען האָט זיך אַריבערגעבויגן איבער איר. דאַן איז זי צוגעלאָפן צום טאַטן. דער אַלטער האָט איר אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ:

— זיי געזונט מיין קינד!

— גענוג צערעמאָניעס! — האָט באַפוילן דער אַגענט.

דער אַלטער האָט זיך אַרומגעקוקט איבערן צימער. פאַרבייגייענדיק דעם טיש, האָט ער גענומען דעם ספר און זיך געלאָזן אין דער באַגלייטונג פון די פּאָליציאַנטן צו דער טיר.

— וואָס שלעפּט איר דאָרט? — האָט דער פראַנצויזישער אַגענט באַטראַכט זיין האַנט.

— אַ תנ"ך... אַ הייליקע שריפט... כ'האָב גראָדע היינט אָנגעהויבן אַ געשיכטע. ביז פאַרטאָג וועל איך נאָך צייט האָבן צום ענדיקן.

זיי זיינען אַרויס. נאָר דער געשטאַפּאָ־מאַן האָט זיך געזאַמט און אַ בלויער אַרבל פון אַ פראַנצויזישן מונדיר האָט געשטעקט פון יענער זייט טיר. ווען דער אַגענט איז דערגאַנגען צום שוועל, האָט ער נאָכאַמאָל באַטראַכט די מוטער מיט דער טאָכטער און אויסגערופן:

— זייט ניט טרויעריק, איר קענט זיך נאָך באַטראַכטן. ביז אינדערפרי. און אויב איר ווייסט באמת ניט, וואו ער איז, וועלן מיר, פון אונדזער זייט, אייך העלפן. מיר וועלן גלייך מעלדן דורך ראַדיאָ, אַז מיר האָבן אַרעסטירט מעסיע סאָקאָלאָווסקי, דעם טאַטן; אַז מיר וועלן אים ביז פאַרטאָג דערשיסן, אויב דער זון וועט זיך ניט מעלדן. ער וועט עס זיכער הערן, דער זון, אויב ניט, וועלן אים עס זיינע חברים דערציילן. — ער האָט אַ שפּאָן געטאָן נענטער צו רחלען — און אויב זשאַק איז אַזאַ טייער קינד ווי איר זאָגט, וועט ער ניט דערלאָזן, מען זאָל פאַר זיינע שיינע מעשים דערשיסן זיין אומשולדיקן אַלטן טאַטן! ניט אמת, מאַדמואַזעל? — האָט ער זיך פאַרנויגט פאַר העלענען.

איצט האָט ער זיך געקליבן אַרויסגיין. אָבער אין זעלבן מאָמענט איז סאָקאָלאָווסקי אַריין, באַגלייט פון די צוויי וועכטער. ער האָט אַ זאָג געטאָן אין צימער אַריין:

— דורך ראַדיאָ?... וואַרט! אויב אַזוי, וועל איך זיך נאָך אַדורכשמועסן מיט מיין פרוי...

דאָס פּנים פון געשטאַפּאָ־מאַן האָט אויפגעשטראַלט. זיינע אויגן האָבן אַ גלאַנץ געטאָן מיט טריאומף:

— אָבער ביטע, ביטע, מעסיע סאָקאָלאָווסקי. אַזוי איז ריכטיק, מענער האָבן מער פאַרשטאַנד, זיינען פאַרנינפטיקער! — ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט צו די פּאָליציאַנטן, זיי זאָלן אָפּלאָזן דעם אַלטן און ווען סאָקאָלאָווסקי איז צוגעגאַנגען צו רחלען און זי אָפּגעפירט אין אַ ווינקל, האָט ער צוגעגעבן מיט פּאַטאָס — מיר, מענער, צווישן אונדז, פאַרשטייען זיך אַמבעסטן! איך האָב עס שטענדיק ליב געהאַט צו האָבן צו טאָן נאָר מיט מענער!

העלען איז געשטאַנען ווי פאַרגליווערט און געקוקט אַף אירע עלטערן. אַפילו די צוויי פראַנצויזישע פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן די גאַנצע צייט געהאַט גלייכגילטיקע פּנימער, האָבן איצינד געקוקט מיט אָנגעשטרענגטע בליקן אַף די צוויי גרוי געוואָרענע קעפּ, וואָס האָבן זיך געבויגן צו אַנאַנדער. סאָקאָלאָווסקיס שטיל פליסטערן איז איבערגעהאַקט געוואָרן דורך רחלס אויסרוף: — אָה, מיין גאָט! מיין גאָט!

פלוצלינג האָט זיך העלען אַ ריס געטאָן:

— ניין, ניין, ניין!

— שווייגט פרוילײַן! — האָט אַ דונער געטאָן דער אַגענט און זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַר דער הינטער־קעשענע.

העלען האָט אַ שפּרייז געטאָן צו די עלטערן:

— רעדט ניט! זיי ווייסן ניט פון קיין רחמנות!

— האַלט! — האָט דער געשטאַפּאָ־אַגענט אַ צי געטאָן אַ רעוואָל־ווער און געצילט אין העלענען — איך שיס!

— ניין! — האָט אינסטינקטיוו אויסגעשריען דער ייִנגערער פון די פּאָליציאַנטן. דער עלטערער האָט אָפּגעדרייט דעם קאָפּ אין אַ זייט. העלען איז שטיין געבליבן אינמיטן שפּאַן, דער קערפּער געווענדעט צו די עלטערן. דער אַגענט האָט אַלץ געהאַלטן דעם רעוואָלווער געצילט אין איר קאָפּ:

— רירט זיך ניט פון אָרט! ס'איז ניט אייער זאַך. מעסיע, אייער פאָטער, פאַרשטייט מער פון אייך.

— לאָזט אָפּ — האָט סאָקאָלאָווסקי אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — מיר האָבן שוין סיי ווי געענדיקט.

— נו, רעדט! — האָט זיך דער אַגענט בארואיקט — וואו איז ער? זײַנע חברים?

— איך האָב ניט גערעדט וועגן מײַן זון.

דער אַגענט איז בלאַס געוואָרן פון כעס. אין זײַן גרויסער אויפרע־גונג האָט ער געקענט ארויסברענגען פון מויל נאָר אָפּגעהאַקטע זאַצן:

— ניט?... וואָס דען?... וואָס דען האָט איר צו ריידן?

— איך האָב נאָר איבערגעגעבן מײַן פרוי מײַן לעצטן ווונטש.

אין פּנים פון אַגענט האָבן זיך געביטן די פאַרבן. דער בלאָ פון זײַנע אויגן איז פאַרלאָפן געוואָרן מיט בלוט:

— חזירים באַנדע! איר האָט מיך אָפּגענאַרט!... מיר וועלן אייך אָנלערנען! — זײַן אַנטוישונג איז אַריבער אין אַ צאָרן. זײַן גאַנצער קער־פּער האָט געציטערט פון רוגזה — איר האָט געהאַט די חוצפּה אָפּצונאַרן אַ פּאָליציי־פונקציאָנאַר בעתן אויספילן זײַנע אַמטלעכע פליכטן! — ער האָט זיך אויסגעדרייט צו זײַן קאָלעגע — אָט אַזוי גיבן זיי איבער זייער קאַבאַלאַ פון דור צו דור, פון טאַטן צום זון. אויסראָטן מוז מען זיי, אַלע־מען אויסראָטן!... און איצט, נעמט אים, און געגאַנגען!

סאָקאָלאָווסקי האָט אַראָפּגענידערט די טרעפּ מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, אַרומגערינגלט פֿון פֿיר פּאָליציי־לייט. — ניט קיין קאַבאַלאַ און ניט קיין סודות! — האָט ער געטראַכט — איך האָב נאָר געוואָלט איבערגעבן די קינדער מיין לעצטן וואונטש. עס איז דאָך דאָס רעכט פֿון מענטשן איבערצולאָזן אַ צוואה, איידער ער גייט אַוועק פֿון דער וועלט. אויך דאָס דאָזיקע רעכט ווילן זיי אונדז אַוועקרויבן. איך האָב געוואָלט איבערגעבן מיינע קינדער מיין האָפֿענונג אַף די קומענדיקע צייטן. און ווייל דאָס וואָרט איז היינט פֿאַרבאָטן, האָב איך געמאַכט נאָר אַ צייכן.

ער האָט עס געוואָלט זאָגן אַפֿן קול. אָבער דאָס וואָרט איז געווען פֿאַרבאָטן.

פינפטער קאפיטל

— דיין טאטן?! — האט אויסגעשריען זשערמען. זי האט געהערט די שטימע אין האלב־שלאף און די ווערטער זיינען איר פארגעקומען ספק חלום ספק וואר.

— יא! — זיין קול איז דערגאנגען פון דער ווייט, ווי פון אן אפ־גרונט. ס'איז געווען אזוי פינצטער ארום, אז זשערמען האט אים ניט געזען. זי האט זיך אויפגעזעצט און אירע הענט האבן געזוכט אין דער געדיכטער חשכות. ע־ האט דערפילט אירע ארעמס, וואס האבן זיך גע־קלאמערט ארום זיין האלדז. דער ווארעמער הויך פון איר מויל האט גע־בלאזן אף זיין נאקן. ס'האט זיך אים אויסגעדאכט, אז איר פנים איז נאס.

— א, מיין ארעמער זשאק!

פאמעלעך און פארזיכטיק האט ער אפגעוויקלט די פארפלאכטענע ארעמס.

— מאך ליכט! גוט? — האט ער שטיל געבעטן.

זי האט א דריי געטאן דעם שאלטער. א ווייסע האט דאס צימער געשווינדלט פאר זייערע אויגן און דאן האט זי אים דערזען. ער איז גע־זעסן א בלאסער מיט פארביסענע ליפן.

— אה, זשאק! — האט זי ארויסגערעדט. — זי האט געוואלט אים טרייסטן, אבער אלע ווערטער, וואס זיינען איר ארויפגעשוואומען אפן געדאנק, זיינען איר פארגעקומען נאריש און זינלאז. שווייגנדיק האט זי אים געקוקט אין די אויגן און געוואַרט. ער האט אנגענומען איר האנט און זי געדריקט. דאן האט זי געזאגט:

— די הינט! מען וועט זיך אפרעכענען מיט זיי... זיי וועלן טייער באצאלן, פאר די טאטעס און קינדער!...

— יא! — ער האט אפגעלאזט איר האנט און געקוקט אין א זייט — און איצט וועל איך גיין!

— ווען? איצט? — האָט זי אים אָנגעקוקט מיט דערשראָקענע אויגן. זי האָט אויפגעציטערט: ער רעדט ניט צו דער זאַך! ער האָט אַ גלעט געטאָן איר אָרעם. און אומעטיקער שמייכל האָט פאַרקרימט זיינע ליפּן:

— איך בין ניט אראָפּ פון זינען. אָבער איך מוז גיין!

— וואוהין? וואָס רעדסטו?

— האָסט דאָך געהערט! זיי האָבן געמאָלדן, אַז אויב איך וועל זיך ביז מאָרגן ניט מעלדן, וועלן זיי אים דערשיסן.

— דו ווילסט גיין זיך שטעלן?

— איך מוז!

— צו די דאָזיקע רוצחים? דו ווילסט זיך אויסליפערן אין די הענט פון די תלינים? פון די פאַרברעכער? דו וועסט עס ניט טאָן! בשום אופן ניט! זיי וועלן... זיי וועלן אייך ביידן דערשיסן!

— קען זיין. איך האָב אַ קלער געטאָן וועגן דעם. אָבער וואָס פאַר אַן אַנדער ברירה האָב איך דען?

זי האָט איצט דערפילט די עקשנות וואָס האָט געקלונגען אין זיין שטימע און זי האָט געוואוסט, אַז ס׳וועט איר ניט אָנקומען אַזוי לייכט אים אָפּצורייִדן פון זיין באַשלוס:

— ווייל ס׳איז דיין טאַטע?

— מסתמא... יאָ!

— אָבער זיי דערשיסן דאָך שטענדיק משכנות! נאָך יעדן אַטענטאַט דערשיסן זיי אומשולדיקע. ניין, זשאַק, וועסט זיך ניט לאָזן אָפּשרעקן פון זייער טעראָר!

ער איז געזעסן פאַרטראַכט. ס׳איז אים געווען פיינלעך צו ריידן. אָבער אַזוי, שטומערהייט, וועט ער ניט קענען אַוועקגיין! ער מוז עס איר דערקלערן:

— די דערשיסונג פון משכנות האָט תמיד אָנגעוואָרפן אַף מיר אַן אימה. ס׳איז געווען ווי אַ בייזער חלום. אָבער געוואוסט האָב איך, אַז דער דאָזיקער קאַמף איז נויטווענדיק און גערעכט, אַז מען טאָר אים ניט אויפגעבן. דערפאַר האָב איך געהאַט כוח אויסצוהאַלטן. איך האָב זיך געזאָגט, אַז מען טאָר זיך ניט לאָזן באַזיגן דורך זייער טעראָר.

— יאָ! — האָט באַשטעטיקט זשערמען און אַ האָפענונג איז אויפגעגאַנגען אין איר.

— אודאי — האָט ער ווייטער גערעדט — פּופּציק משכנות, הונדערט משכנות!... אָבער זיי האָבן געוואָלט די גאַנצע וועלט פאַרשקלאַפן.

און זיי האָבן דערמאָרדעט איעדן, וואָס האָט געוואַגט זיך קעגנצושטעלן. ס'איז געווען אַ קאַמף אויף לעבן און טויט, פאַר יעדן איינעם פון אונדז.

— דער קאַמף גייט ווייטער, מיין ליבער! ער מוז ווייטער גיין, אמת? אָט דאָס האָב איך דיר טאַקע געוואָלט זאָגן. איך קען עס נאָר ניט גוט דערקלערן. — און זי האָט אים אַרומגענומען ווי וועלנדיק דערמיט פאַרשטאַרקן איר געדאַנק, אַז ער מוז בלייבן.

— יאָ! — האָט ער זי געטוליעט צו זיך — אָבער איצט האָב איך מורא, אַז דער געדאַנק וועגן טאַטן וועט מיך ניט לאָזן צורו.

— דאַרפסט ניט האָבן קיין שלעכטן געוויסן! — אירע אויגן זיינען געווען פול מיט ליבע — דאָס וואָס דו האָסט געטאָן, האָסטו דאָך אויך פאַר אים געטאָן. זיי האָבן פאַרפייניקט טויזנטער, מיליאָנען! אויך אים וואָלטן זיי סיי ווי פאַרשלעפּט. פריער אָדער שפּעטער.

— איך ווייס. איך ווייס אויך, אַז ער וועט מיך ניט באַשולדיקן. אָבער בלייבן קען איך ניט!

זי האָט זיך מיטאַמאָל באַפרייט פון זיינע אָרעמס און זיך אויפגעשטעלט. אירע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן:

— פאַרשטיי דאָך! אַז דו וועסט בלייבן לעבן, וועסטו קענען נקמה נעמען. פאַר די טאַטעס און ברידער און טויזנטער חברים און פריינט. דאָס איז זייער איינציקער וואונטש!

— מסתמא ביסטו גערעכט — ער האָט געמאַכט אַ טריט אויף צוריק — און פונדעסטוועגן וועל איך גיין.

זי האָט זיך דערפילט הילפלאָז. די קעלט פון צימער האָט זי איצט דורכגעדרונגען און זי האָט געציטערט אויפן גאַנצן קערפּער. זי איז צוגעגאַנגען צום בעט, האָט אַראָפּגענומען אַ מאַנטל און זיך איינגעדרייט. דאַן האָט זי אַרויפגעלייגט אירע הענט אויף זיינע אַקסלען און שטיל געוויינט:

— קענסט נאָך אַ ביסל בלייבן — האָט זי געזאָגט אַ רעזיגנירטע — וואַרט נאָך אויף! דו האָסט נאָך צייט!

— איך וועל ניט קענען רוען. איך וועל דאָ ניט קענען בלייבן און וואַרטן.

זי האָט געהאַלטן איר קאָפּ צוגעדריקט צו זיין ברוסט. זשאַק האָט זיך אַרומגעקוקט איבערן צימער. דער גאַנצער אָוונט, וואָס ער האָט דאָ פאַרבראַכט מיט איר צווישן די פיר ווענט, זייערע ביידנס רייד האָבן

אויפגעלעבט. באַלד האָבן אויפגעטויכט אַנדערע זכרונות. מיטאַמאָל האָט ער געזאָגט:

— איך האָב שטענדיק געוואָלט זיין אַן אָרנטלעכער מענטש און שוין יאָרן ווי דער ווינט בלאָזט מיר אַנטקעגן. געדענקסט אונדזער ערשטע באַגעגעניש? ביסט געווען מיין ערשטע ליבע!

— און דו ביסט געווען מיין איינציקע ליבע. מיט דיר האָב איך ערשט געלערנט דעם זין פון ליב האָבן.

— און פונדעסטוועגן... פונדעסטוועגן בין איך מיט דיר ווי מיט דער פרוי פון אַ נאָענטן חבר!

— ניין! — האָט זי אויפגעהויבן צו אים פאַרוויינטע אויגן — רייד ניט אַזוי! געדענקסט די לעצטע נאַכט פאַר דיין אָפּפאָר קיין שפּאַ־ניע? דו האָסט מיר געזאָגט: „איך בין דיין מאַן! דיין ריכטיקער מאַן” און איך האָב דיר געזאָגט: איך בין דיין פרוי! און איך בין דאָן געווען דיין פרוי, דיין ריכטיקע! — זי האָט זיך געקלאַמערט אָן אים. — ניט צוליב אונדז ביסטו אַוועק קיין שפּאַניע!

— די גאַנצע לעצטע יאָרן זיינען געווען אַ קייט פון מפּלות און ריקצוגן. פון שפּאַניע, פון האָלאַנד, פון פראַנקרייך... און שטענדיק איז עס געווען דער זעלבער שונא. איך האָב זיך געזאָגט, אַז צוריק וועל איך מער ניט גיין...

— אויך איצט וועסטו ניט גיין! — איז זשערמען געווען באַזעסן פון איין און איינציקן געדאַנק.

— איצט דאַכט זיך מיר, אַז איך וועל מער ניט קענען קעמפן, אויב איך וועל אים לאָזן שטאַרבן פאַר מיר. דער געדאַנק וועגן אים וועט מיך פאַראַליזירן. און דאָן האָט עס אויך ניט קיין זין, מען זאָל עמעצן דער־שיסן אַנשטאָט מיר.

— איך ווייס ניט — איז זי ווידער געוואָרן אַפּהעגעטיש — דו האָסט שטענדיק פאַרשטאַנען מער פאַר מיר... און איך האָב געוואָלט אי־בערמאָרגן גיין צו דיינע עלטערן, זיך באַקענען מיט דיין מאַמען...

— וועסט קענען גיין. זאָלסט נאָר אָפּוואַרטן עטלעכע טעג. וועסט זיי זאָגן, אַז ביסט געווען מיין כּלה. יאָ? — ער האָט זיך אַ ווײַלע פאַר־קלערט — ס'איז נאָך פרי! איך וואָלט אויך געקענט זיך אַראָפּכאַפּן אין שטוב און זיי זען צום לעצטן מאָל.

— אָבער וואָס רעדסטו? די גאַסן זיינען פול מיט פּאַטרולן! און די שטוב איז זיכער באַוואַכט!

— וואָס קען מיר שוין פּאַסירן? אָבער איך וויל זיי זען! איך וועל זיין פאַרזיכטיק. איך קען די געגנט און מען קען צו אונדז אַריינגיין דורך אַ הינטער־געסל. דורך אַן אַנדער הויף.

זי איז אַריינגעגאַנגען הינטערן פאָרהאַנג און איז צוריקגעקומען מיט אַ קליינעם פּעקעלע אין דער האַנט. זשאַק האָט זי אָנגעקוקט פרעגנ־דיק.

— כ'האָב דיר געוואָלט עפּעס מיטגעבן, ווי דעמאָלט, ווען דו ביסט אַוועק קיין שפּאַניע. איך קען זיך ניט פאָרשטעלן, אַז מיר שיידן זיך אַף שטענדיק. ס'דאַכט זיך מיר, אַז מיר וועלן זיך ווידער טרעפן, פּלוצלינג, אומגעריכט, ווי ביז איצט.

* * *

די מינוטן זיינען געפלאָסן שווער און לאַנגזאַם. די שטילקייט און פינצטערניש האָבן געאָטעמט מיט אימה און געדריקט אַפן האַרצן. דאַכט זיך, אַז אַן אייביקייט איז שוין אַריבער און די נאַכט ציט זיך אַלץ. עס וועט קיינמאָל מער ניט טאָגן, די זון וועט מער ניט אויפשיינען. די וועלט האָט זיך געקייקלט אין אַ תהום פון חשכות.

רחל האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. האָט מען געקלאַפּט? העלען, וואָס איז געלעגן אין שכנותדיקן בעט, האָט ניט געאָטעמט. זי האָט שיעור ניט אויפגעשריען פון שרעק. איצט האָט זי קלאָרער דערהערט אַ קלאַפּן אין טיר.

— ס'איז אין קיך! — האָט אַ פליסטער געטאָן העלען, וואָס איז אויך געלעגן מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם און צוגעהאָרכט. זיי זיינען אויפגעשטאַנען און זיך אַ שאַר געטאָן אין די ווייסע נאַכט־מלבושים דורך די אויסגעלאָשענע צימערן.

— רבונו של עולם, זיי קומען ווידעראַמאָל אים זוכן!

— באַרויק זיך, מאַמע, ער איז דאָך ניט אינדערהיים!

מיטאַמאָל האָט דער מאַמעס וואַכזאַמער אויער אויפגעכאַפּט אַ באַ־קאַנטע שטימע. — ס'איז ער! — האָט זי אויסגערופן. העלען איז אַריינ־געלאָפן אין קיך און אין אַ ווייל אַרום איז זי צוריקגעקומען מיט זשאַקן. אַריבערטרעטנדיק דעם שוועל, האָט זי אַלץ גערעדט צו אים:

— אָבער ווי קומסטו אַהער? האָסט ניט באַדאַרפט!

ער איז צוגעגאַנגען צו דער מאַמען און אָנגענומען איר האַנט:

— זיי מיר מוחל, מאַמע. איך האָב געמוזט...

— וואָס רעדסטו, מיין קינד? ביסט מיין גוט קינד! — זי האָט אים געגלעט איבערן קאָפּ.

— האָסט ניט באַדאַרפט קומען אהערצו — האָט איבערגעחזרט העלען — דו טאָרסט דאָ ניט בלייבן! זיי זיינען דאָ געווען. היינט אין אָוונט...

— איך וויים אַלץ! — האָט זשאַק איר ניט געלאָזן אויסריידן — איך בין געקומען זיך זעגענען מיט אייך!

פון דער ערשטער מינוט אָן איז רחלען פאָרגעקומען, אַז זי האָט זיך געריכט אַף אים, אַז זי האָט עס געוואוסט און געוואַרט זינט אינדערפרי. זיינע רייד האָבן זי איבערגעשראָקן און צעמישט. זי האָט אים צוגעהאַלטן פאַר ביידע הענט:

— זיך זעגענען? דו פאָרסט אוועק? דו ווילסט אונדז ווידער פאַר־לאָזן?!... איינע אַליין אַף דער עלטער!

— אָבער מאַמע, וואָס רעדסטו, — האָט העלען זיך באַמיט זי צוריקצופירן אין דער ווירקלעכקייט — ער טאָר דאָך ניט! ער טאָר דאָך דאָ ניט בלייבן!

— יאָ, יאָ, ער טאָר ניט! — רחל איז געקומען צו זיך און גערעדט מיט רעזיגנאַציע — ס'איז נאָר אַזוי טרויעריק!... אודאי זאָלסטו אוועק־פאָרן! גיי, מיין זון, וואו די אויגן וועלן דיך טראָגן... פאַרלאָז דעם דאָ־זיקן גיהנום!

זשאַק האָט געוואָלט ריידן און ניט געקענט. ס'איז שפּעט, ער וועט זיי מוזן דערקלערן און אוועקגיין. ווי זאָל ער אַרויסרייסן דער מאַמען פון איר אילוזיע? רחל האָט געבעטן העלענען מאַכן ליכט, אָבער דער שיין האָט זי איבערגעשראָקן:

— לעש אויס! לעש אויס! — האָט זי זיך געבעטן — מען וועט באַמערקן, אַז מיר זיינען וואַך!

אין צימער איז ווידער געוואָרן פינצטער. זי האָט צוגעצויגן זשאַקן צו זיך, געפירט אירע ציטערנדיקע פינגער איבער זיין פנים און מלבושים, און געפּליסטערט: — דו זעסט אויס שלעכט, מיין קינד! דיינע באַקן זיינען איינגעפאַלן... זאָג מיר, האָסט געהונגערט אודאי... טראָגסט אַזאַ דינעם מאַנטל און אין דרויסן איז אַ ביטערע קעלט!...

— ס'איז גאָרניט, מאַמע, איך האָב געוואָלט אייך נאָך איינמאָל זען!

— איך האָב דיך געזען באַם קאַנאַל. דו קומסט איצט פון דאָרטן?

— האסט ניט באדארפט קומען פון אזוי ווייט! — האט זיך ארייג־
געמישט העלען — דערצו נאך באנאכט!

— ס'איז מיר שוין אלצאיינס!... — ער האט געוואלט דערציילן,
נאך וואס ער איז געקומען, אבער רחל האט צוגעדריקט זיין קאפ צו איר
ברוסט און איר שטימע האט זיך געבעטן: — רייד ניט אזוי, מיין קינד!...
און ער האט זי בארואיקט: — איך בין געווען פארזיכטיק. כ'בין געפארן
מיטן מעטרא און דאן בין איך אריין דורכן הינטערשטן הויף, אריבער־
קלעטערנדיק דעם פארקאן.

— דו ביסט געווען אזויפיל שעה אין דרויסן! אין דאזיקן רינעם
מאנטל? און וואס האסטו דארט געטאן באם קאנאל? בא וועמען ביסטו
געווען?

— בא באקאנטע.

— בא יענעם מיידל? בא זשערמען?

— יא. דו קענסט זי?

— העלען האט אונדז דערציילט. דו קענסט זי שוין פון לאנג? וואס
איז זי דיינע?

זשאק האט זיך א ווילע פארטראכט. דאן האט ער געזאגט:

— זי איז מיינע א כלה.

— און פארוואס האסטו אונדז קיינמאל ניט דערציילט פון איר?
פארוואס האסטו זי קיינמאל ניט ארויפגעבראכט צו אונדז אהיים?

— ווייל... כ'האב געקלערט, אז אפשר וועט זי אייך ניט זיין רעכט,
ניט געפעלן ווערן. זי איז ניט קיין יידישע...

— זי איז ניט קיין יידישע? —האט רחל איבערגעחזרט — אבער
זי איז אן אונגדזעריקע, אמת?... זי האט דיר געהאלפן אין א שווערער
שעה! זאל איר גאט בענטשן!... זאל אייך ביידן גאט בענטשן! — האט
זי צוגעגעבן נאך א קורצער הפסקה.

— ביידן?... ניין, מאמע, איך בין געקומען זיך זעגענען. איך וויל
זיך גיין מעלדן, כדי זיי זאלן באפרייען דעם טאטן!

— ניין! — האט אויסגעשריען העלען — דו וועסט ניט גיין!
ס'איז אומזיסט. ווער עס פאלט איינמאל אריין אין זייערע לאפעס, קומט
שוין ניט ארויס!

— אויך דו, העלען?

— לאז, טאכטער, איך וועל עס אים זאגן — האט שטיל געזאגט
רחל — דארט איז מיין מאן און דא איז מיין זון און איך וועל עס אים

זאָגן. דו וועסט ניט גיין, מיין זון. דער טאַטע האָט עס געוואָלט. אײדער זיי האָבן אים צוגענומען, האָט ער עס מיר געזאָגט. ער האָט געזאָגט, אַז דו זאָלסט זיך ניט מעלדן, אויב אַפילו זיי וועלן אים האַלטן נאָך אַ לענגערע צייט, כּדי דיך אַרײַנצוקריגן אין זייערע הענט.

— אָבער פאַרוואָס? פאַרוואָס? — האָט אויסגעשריען זשאַק, אַ צעטומלטער.

— ער האָט ניט געזאָגט פאַרוואָס. די מחבלים זײַנען געשטאַנען דאַנעבן און מיר האָבן ניט געקענט לאַנג ריידן. נאָר געציילטע ווערטער האָט ער געקענט ריידן. און דאָס זײַנען געווען זײַנע ווערטער. ס'איז געווען זײַן לעצטער וואונטש.

זשאַק האָט אַראָפּגעלאָזן די הענט. פאַרוואָס ווילן זיי אים פאַרהאַלטן? אַלע! זשערמען, העלען און דער טאַטע אויך!... ער האָט שטיל געפּליסטערט, ווי ער וואָלט גערעדט צו זיך אַליין:

— און איך האָב געמיינט, אַז איך האָב שוין פאַרענדיקט אַלע חשבונות מיט דער וועלט. פאַרנדיק אַהערצו האָב איך אונטערגעצויגן דעם סך־הכּל. כ'האָב נאָר געוואָלט זיך זעגענען מיט אײַך!

— דער חשבון איז ניט געענדיקט — האָט העלען גערעדט אין ווינקל — מיר האָבן אַ גרויסע רעכענונג צוצושטעלן. זיי וועלן מוזן צאָלן!

— צאָלן? — רחלס קול איז געווען פול מיט יאוש — די טויטע וועלן שוין ניט לעבעדיק ווערן... ווער וועט קענען צאָלן פאַר אַזויפיל פּײַן און ווייטיק? ווער וועט קענען גוט מאַכן די ימען פון לײַדן און טרערן? קיין וואַסער אַף דער וועלט וועט ניט קענען אָפּוואַשן די טײַכן פון אומשולדיק פאַרגאָסענעם בלוט!

זי האָט אַ זוך געטאָן אין דער פינצטער און זיך אַראָפּגעלאָזן אַף אַ שטול. העלען איז צוגעגאַנגען צו איר:

— ס'איז דיר קאַלט מאַמע, גיי לייג זיך!

— ניין, איך וועל דאָ וואַרטן. ער וועט דאָך גלײַך מוזן אַוועקגיין!

— ער וועט נאָך אַ ווײַלע בלײַבן — האָט געזאָגט העלען — ער וועט מוזן אָפּוואַרטן ביז אינדערפרי, ווען די גאַסן וועלן אויפגעלעבט ווערן.

— איך וועל סיי ווי ניט קענען אײַנשלאָפן. איך האָב מורא, טאָמער קומען זיי ווידער.

— זיי וועלן ניט קומען — האָט פאַרזיכערט זשאַק — זיי ווייסן, אַז איך בין דאָ ניטאָ.

רחל איז אַרויס אַף אַ ווײַלע און איז צוריקגעקומען מיט אַ דיקן

מלבוש, וואָס זי האָט דערלאַנגט זשאַקן: — נאַ, קינד, טו עס אָן! ער האָט דערקענט דעם טאַטנס שבתדיקן מאַנטל. זיי האָבן זיך געזעצט אין שטילן און שווייגנדיק געוואַרט. די קינדער זיינען לאַנגזאַם איינגעשלאָפן. נאָר די מאַמע איז געבליבן וואַך. זי האָט אָנגעהויבן ציטערן פון קעלט און גע־וואוסט, אַז עס דערנענטערט זיך דער פאַרטאָג.

פאַרזיכטיק, כדי ניט אויפצואוועקן די קינדער, איז זי צוגעגאַנגען צום פענצטער און אָפגעשאַרט דעם פאַרהאַנג. אַ גרוי ליכט האָט זיך אַריינ־געזיפּט אין צימער. די שטאָט איז געלעגן איינגעקנוילט אין אַ בלאַסער דעמערונג, פאַרזונקען אין אַ שווערן חלום. זי האָט אַ קוק געטאָן צום זון. אין טונקעלן שיין האָט ער אויסגעזען אינגאַנצן ענלעך צום טאַטן. ס'האָט איר אַ מיש געטאָן אין קאָפּ: באַנאַכט וועקן זיי די קרבנות. באַגינען, פאַרן זון־אויפגאַנג, דערשיכט מען זיי!... איצט פירן זיי אים אַרויס, זיי שטעלן אים צו דער וואַנט. די ביקסן זיינען געצילט. עס האָט אָפּגעהילכט אַ צע־צויגענער זאַלפּ. זי האָט אויפגעשריען.

זשאַק האָט זיך אויפגעכאַפּט און איז צוגעלאָפן צום פענצטער. אַ פאַרשלאָפענער, האָט ער אַ ציטער געטאָן און זיך געריבן די אויגן: ס'איז די פרימאָרגן־קעלט! אַ ביסל שפּעטער וועט אַ שיין טאָן די זון און ס'וועט וואַרעמער ווערן. דערווייל איז דעמערונג. די זון גייט ערשט אויף הינטער ווייטע האָריזאָנטן.

מאַי 1942 - יוני 1943.

Este libro "Padre e Hijo" de J. Aialti se terminó de imprimir en el Establecimiento Gráfico de Julio Kaufman, Junín 344, ciudad de Buenos Aires, República Argentina, el día 5 de Junio de 1945.